STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03379

# DOS HOYZ TSVISHN DERNER

Mendel Mann

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדל מאַן ✶ דאָס הויז צווישן דערנער

מענדל מאַן

# דאָס הויז צווישן דערנער

פאַרלאַג „מנורה" תל־אביב
תש"ד

מענדל מאַן / דאָס הויז צווישן דערנער /
געזאמלטע ישראל־נאָוועלן, געשריבן אין ישראל
אין די יאָרן 1949—1959.

MENDEL MANN

**THORNS AROUND THE HOUSE**

"MENORA" PUBLISHING HOUSE
Tel-Aviv, 24 Sangvill Str. Israel
Copyright by Mendel Mann

נדפס בישראל, תל־אביב, תש״ך
Printed in Israel, Tel-Aviv, 1960

דפוס א. מוזס, תל־אביב, טל. 32495

דאס הויז צווישן דערנער

# דער שיך־פּוצער פֿון המלך דוד

א

שוין דריי טעג ווי עס האַלט אָן דער חאַמסין. דער ריצנקוסט האָט פאַרוויקלט די ברוין־גרינע בלעטער און איז באַדעקט געוואָרן מיט גראָען שטויב. די מיסטגראָזן ביי די וועגן זענען מיט איין מאָל פאַרגעלט געוואָרן. אין מיט פֿון די זאַמדוועגלעך פרייכן די יאַשטשערקעס און עפענען די מיילער צו דער אָפּגעבליאַקעוועטער זון. די קאָליריקע זינגפייגל, וואָס האָבן געוועקט אין די פאַרטאָגס מיט אַן אַלט היימישן פויגלגעזאַנג, זענען בעל[illegible] געוואָרן. עס האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ מין גראָער, דריבנער קוסטפּדיגל מיט צעשויבערטע פעדערן, ער פילט אָן דעם חלל מיט אַ טרוקענער גרילצעריי, ווי מען וואָלט ערגעץ ניט ווייט געטראָטן אויף טרוקענעם צווייגאָפּפאַל. די צעכראַסטעטע גרעגעריי האַלט אָן אַ גאַנצן טאָג, און אַז ס׳געשעט פּלוצעם אַן איבעררייס, ווייל נאָענט האָט זיך אַ שפּאַרבער פאַרבייגעטראָגן, דאַכט זיך שוין אויס, אַז עס פעלט עפּעס, אַז אָן דער צעשורפּעטער פויגלשער געצוויטשעריי קאָן דער טאָג ווייטער ניט אָנגיין, אַז די פּלוצעמדיקע שטילקייט מוז מיט עפּעס אויסגעפילט ווערן און מען קאָן ניט לאָזן דעם טאָג אויף הפקר. דעמאָלט באַפאַלן דעם מענטשן אַלערליי מחשבות. זיי שרויפן זיך אַריין אין דעם שאַרבן אַזוי ווי אַ גרייצער, און וואָס אַמאָל פאַרנעמען זיי מער שטח, און קאָנסט זיך פֿון זיי ניט באַפרייען. ערגעץ ווו האָסטו געלאָזט אַמאָל פאַלן אַ וואָרט, פלאָנטערט עס זיך איצט אין דיר אָן אַ צוזאַמענבונד. טראַכטסט וואָס ס׳איז געווען נעכטן און אייערנעכטן און וואָס עס קאָן זיין מאָרגן. עס אַרט דיך דער געסקריפּ פֿון אַ טיר און דער געזשום פֿון אַ פליג. אַ פאַרדאַרטער צווייג איז באַזעצט מיט ווייסע שנעקעס, זיי בלענדן אין דער זון ווי פערלמוטער. אפשר זיי אויפצילען אויף די

פאַרפלאָנטערטע פעדעם פונעם שפּינגעוועבס וואָס פאַרבינדט די דאָרנקוסטעס?

איך ליג אויף מיין בעט און האָב מורא זיך אַ ריר צו טאָן, אַפילו די וויעס קאָן איך ניט פאַרשליסן. יעדער קער מיינער שלאָגט אָפּ מיט טויזנט עכאָס און רייסט אויף די אויערן־ווענטלעך, לעכערט דעם שאַרבן.

נאָך מיטאָג איז געוואָרן ווינטלדיק. איבערן זאַמדוועגל גייט אַ מענטש. איך הער זיינע טריט. ער גייט לענגאויס דעם קאַקטוספּלויט, האַרט לעבן די שטעכבלעטער. כ'דערקען דאָס לויטן געסקריפּ פונעם טרוקענעם סאַברע־אָפּפאַל אויף וועלכן דער מענטש גייט.

ווער איז דער מענטש, אַ פרעמדער אָדער איינער פון די שכנים? פאַר וואָס שפּאַנט ער אַזוי נאָענט פון די סאַברעס? זעט אויס אַז ער זוכט שאָטן. די זון שטייט נאָך הויך און די שאָטנס זענען קליין און שפּרייטן זיך האַרט ביים סאַברע־גדר. דער מענטש איז אַוודאי מיד. איך דערקען דאָס לויט די פאַמעלעכע טריט. דאָס געסקריפּ פון דעם מענטשנס טריט ווערט נענטער און נענטער. פון יענער זייט פלויט רופט עמעץ. דער פרעמדער שטייט לעבן טירל און שפּאַרט זיך אָן אין געל־ליימיקן מויער.

— קאָן איך באַקומען אַ טרונק?

זיין שטערן איז באַזעצט מיט טראָפּנס שווייס, די ליפּן ציטערן אים.

— קומט אַריין, — זאָגט צו אים מיין פרוי.

— ניין, מ'דאַרף ניט... אַ דאַנק אייך... איך וועל נאָר אַ טרונק טאָן און גיין ווייטער.

ער האָט מיט איין שלונג אויסגעטרונקען דאָס גלאָז וואַסער און זיך אַוועקגעזעצט צופוסנס פון טירל.

— ווי רופט מען די שכנטע, אַט פון דעם הויז?

— פרידאָווע, רופט מען די שכנטע.

— און אויפן פאָרנאָמען?

— דינה.

— דינה? — האָט דער פרעמדער פאַרשנדיק געקוקט און געקנייטשט דעם שטערן ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען עפּעס אַ ווייטע האַלב־פאַרגעסענע מעשה.

— אַזוי גאָר? דינה? — האָט ער חידושדיק געשעפּטשעט.

— איר דאַרפט צו דער שכנטע?

ער האָט אויף דער פראַגע ניט געענטפערט.

איך האָב געהערט זיינע טריט אין זאַמד, זיי האָבן זיך פּאַמעלעך דערווייטערט, ביז עס האָט זיך מיט אַ מאָל אָנגעהויבן דאָס צעשורפּעטע פייגל־גרעגעריי, אַ געצוויטשעריי און זעגעריי ווי פון טרוקענע ריטלעך. כ׳האָב גלייך שלום געמאַכט מיט דעם בלעכערדיקן געסקריפּ. עס האָט מיר אָנגעזאָגט די בשורה פון אַ פייגליש לעבן וואָס ווימלט ניט ווייט אין די טרוקענע גראָזן. הייסט דאָס, אַז דער חאַמסין איז שוין באַלד אַריבער. דאָס ים־ווינטל האָט אויפגעמונטערט די פייגל, אַריינגעגעבן לעבן אין די שיקמה־צווייגן. אַ קילער אָטעם האָט אַ הויך געטאָן. איך דערשפּיר די קילקייט אויף מיינע קינבאַקן.

איך לייען ווידער די שורות וואָס כ׳האָב אַנומלט אָנגעשריבן, וועגן אַ פּרדס וואָס איז באַלאָדן מיט גאָלדענע פּירות און אויף צווייגן־שפּיצן שפּראָצט ווייסער צוויט. איך לייען שוין צום הונדערטסטן מאָל מיינע אייגענע שורות און קאָן זיי ניט פאַרענדיקן. אין שטוב איז שטיל. פון צייט צו צייט הער איך די שטילע טריט פון מיין פרוי, וואָס פּאָרעט זיך ערגעץ אין אַ זייטיקן צימער. אייגנטלעך וואָלט איך פאַרענדיקט מיט נאָך אַ שורה וועגן פאַרזיגלטן קרייז, אַרום וועלכן עס באַוועגט זיך אַלץ, בליונג און צייטיקייט, וועלקונג און בליונג. נאָר זיין מיט פון די טראַכטענישן איז אין הייפל אַריינגעפאַלן מיט געטומל די שכנטע פרידאָווע.

— וואָס זאָגט עץ ניט צו דער היץ, פייער פון הימל! מיך אַרט עס אָבער ניט! נאָר געאַרבעט, שכנטע... מ׳דאַרף אַרבעטן אַזוי ווי יעדן טאָג, פאַרגעסט מען אַז ס׳איז הייס!...

זי האָט גערעדט האַסטיק, אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט. לויטן טאָן האָב איך דערקענט, אַז דאָס איז דער אַריינפיר צו אַ שמועס. איך האָב דאָס דערקענט לויט דעם אומרו פון אירע אויגן.

היינט איז זי ניט געקומען ווי אַלע מאָל, אַ צעשמייכלטע, מיט צוגעלאָזענע רייד. ניין, דאָס מאָל האָט זי געפיבערט מיט עפּעס אַן אומבאַקאַנטן פאַר מיר אומרו.

די פרויען זענען געבליבן אין זייטיקן צימערל און זיך געשושקעט.

איך האָב אָוועקגעלייגט מיין העפט און זיך אויסגעקערט מיטן פּנים צו ז'ער וואַנט.

ווידער געפּטרט אַ טאָג. אַהאַ, זיי קאָנען דאָס אָפּמוטלען...

איך האָב ווידער גענומען מיין העפט, געלייענט. דאָס שושקעריי האָט מיך מער ניט צו רו געלאָזט. געריעדט האָט אַלץ די שכנה. זי האָט געשעפּטשעט שנעל און אָפּגעהאַקט. וויפל איך האָב ניט געוואָלט הערן זענען מיך די רייד באַפאַלן ווי בינען. אירע ווערטער זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל מער אויפגעבונדן. איצט האָט זי שוין גערעדט פריי.

דאָס געשפּרעך האָט זיך געדרייט אַרום דעם פרעמדן מענטש, וואָס איז ניט לאַנג צוריק געווען ביים טירל און געבעטן אַ טרונק וואַסער.

— וואָס האָט ער געזאָגט? — האָט זיך געפרעגט די שכנה, פאַרלייגנדיק דערביי די הענט אויף דעם פאַרקעמטן קאָפּ. — האָט ער זיך געפרעגט אויף מיר?...

— ער האָט צו ערשט געבעטן אַ טרונק...

— און דערנאָך...

— געפרעגט ווי מען רופט אייך.

— אַזוי? און וואָס האָט איר דערויף געזאָגט?

עס איז אַ ווײַלע שטיל געוואָרן און אין דער שטילקייט האָב איך געהערט מיין פּרויס קול, אַ שטילס און צוריקגעהאַלטנס.

— ווער איז דער מענטש, זעט אויס איר קענט אים?

— צי איך קען אים... אַוודאי קען איך אים!

די שכנטע האָט געשטעלט אַ טראָט און אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז דאָך מיין ערשטער מאַן.

איך האָב נאָר געהערט דעם פאַרחידושטן „אוי" פון מיין פרוי. די שכנה איז אַרויס אין הייפל און אונדזערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן.

— איר חידושט זיך? דאָס איז טאַקע דער מאַן מיינער וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן אין רוסלאַנד און איז דערנאָך געקומען אין לאַנד אַריין. ער איז שוין איין מאָל דאָ געווען גלייך ביי מיין אָנקומען. כ'האָב דעמאָלט געטראָגן מיין חנהלען — פון צווייטן מאַן...

זי האָט אַ וויש געטאָן מיטן פאַרטעך די פייכטע אויגן. אין צווייטן הייפל האָט געקוואָקעט אַ הון.

— אוי, דאָס דאַך אַוודאי די געשפּריצטע, זי פּרעסט מיר אויף די אייער...
די שכנטע איז שנעל אַוועק.

אויף מיין בעט איז געלעגן דאָס העפטל אַן איבעריקס. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף די עטלעכע שורות און עס איז מיר אַלץ אַזוי ווייט און פרעמד געוואָרן. איך בין צו צום פלויט און געקוקט אויפן וועגל. דאָס געסל איז געווען ליידיק. איך האָב געזען די פרישע זאַמד־שפּורן פון דעם פרעמדן און דערנעבן די שפּורן וואָס עס האָט געלאָזט נאָך זיך די שכנה. אויף טייל ערטער האָבן זיך די פוס־אָפּדרוקן פון מאַן צונויפגעטראָפן מיט די קליינע שפּורן פון דער פרויס טריט און ביים סוף פון וועגל זענען זיי זיך צעגאַנגען אין באַזונדערע וועגן.

פאַר וואָס האָב איך זיך ניט ווי געהעריק אומגעקוקט אויף דעם מידן און מאַטן מאַן, וואָס איז אָקערשט געשטאַנען ביי מיין הויז? ניט אַרויסגערעדט צו אים קיין מילד וואָרט? געלאָזט אים אין דער חמימה וואָגלען איבערן געסל?

וואָס איך זאָל דעם נאָכמיטאָג ניט טאָן, האָב איך אַלץ געהערט דאָס גערייד ביים גאַרטנטירל, דאָס שושקען זיך פון די צוויי פרויען. אייגנטלעך אַ מעשה ווי הונדערטער ענלעכע מעשיות און דאָך האָט דער שכנטעס בליק מיך אויפגערודערט.

## ב

יעדן אין דער פרי גיי איך דורכן געסל צום אויטאָ. איך דערקען שוין לויטן שאָטן פון די סאַבערעבלעטער ווי דער טאָג האַלט, צי עס איז פרי אָדער שפּעט. ס'רוב שכנים זענען שוין אַוועק ווען עס האָט נאָך געשאַריעט. זיי זענען אַרויס פון די קליינע גדר־טירלעך מיט גיכע טריט. כ'ווייס, אַז אויף די שטײנשטיגלעך ביי דער וואַנט, ווו עס איז אַמאָל געווען אַ וואַסער־קאַרעטע, זיצט בוניע. ער טראָגט אַ הילצערנעם פוס. איין פוס, דער געזונטער, איז איינגעבויגן ביי דער קני און דער צווייטער, דער הילצערנער, איז שטייף און ליגט אַ ביסל זייטיק.

וואָס וועל איך אים היינט זאָגן אַ חוץ דעם „גוט־מאָרגן". מיר ווילט

זיך אים עפּעס זאָגן אַ וואַרעם וואָרט. עס דוכט זיך מיר שטענדיק, ווען איך גיי פאַרביי, אַז דאָס וואָרט ער אויף מיר פּאַר זיין הייזל, וויל מיט מיר איינטענהן, און איך לויף אַזוי זייטיק פאַרביי. ביי טאָג, ווייל איך וויל ניט פאַרשפּעטיקן צו מיין אַרבעט, און נאָך מיטאָג, ווען כ׳קום צוריק, איז הייס אין געסל און בוניע ליגט אין שאָטן פון תות־בוים אין זיין הייפל.

איין מאָל בין איך גאָענט צוגעקומען, אַריין אין הייפל און געזאָגט צו בוניען:

— גוט־מאָרגן שכן, לאָמיר אַ שמועס טאָן.

ער האָט צופרידן געשמייכלט. זיינע רייד האָבן זיך אויסגעמישט מיטן געסקריפּ פון הילצערנעם פוס. פון חדרל איז אַרויס זיין ווייב. זי האָט זיך אַ שטעל געטאָן אַנטקעגן אונדז און מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק ביז אַראָפּ. דאָס איז געווען ניט דער בליק פון דער שושקענדיקער שכנה בשעת דעם באַזוך פון פרעמדן מאַן אין געסל. עפּעס האָט זיך געענדערט די שכנטע פרידאָווע.

זי האָט טיף געאָטעמט און דערביי אַ קרעכץ געטאָן. דער איינפיסיקער איז געוואָרן אומרויק און זיין פוס האָט בייז געסקריפּעט כאָטש ער האָט אים אַפילו ניט גערירט פון אָרט.

איין מאָל אין אַ פאַרטאָג, ווען איך בין געגאַנגען איבערן וועגל, האָב איך געהערט קולות.

ביי דער שטיינערנער נישע איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט בוניע. די שכנטע פרידאָווע איז פון ערגעץ אָנגעקומען אַ פאַרפּוצטע אין אַ יום־טוב קלייד. ער האָט געשריִען צו איר און געדראָט מיט דער פויסט. דאָס ווייב האָט אים אַריינגעלאַכט אין פּנים אַריין.

— גיי פון דאַנען! גיי! נעכט ניט געווען אין דער היים!

ער האָט דעם הילצערנעם פוס צוגעהאַלטן מיט ביידע הענט. מיט אַן אַקסל איז ער געווען אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט.

— כ׳וועל דיך ניט אַריינלאָזן!.. גיי פון דאַנען!..

דאָס ווייב האָט אַלץ געשמייכלט מיט אַ קאַלט גרויליק געלעכטערל. בוניע האָט זיך פּלוצעם אַ בייג געטאָן, געכאַפּט דעם הילצערנעם פוס אין ביידע הענט אַריין און געפאָכעט מיט אים איבערן קאָפּ. ער האָט זיך

עטלעכע מאָל אַ וואַקל געטאָן, די שוואַרצע האָרקרויזן זענען אים געפאַלן אויפן שטערן און פון מויל האָט געזעצט אַ שוים.

דאָס ווייב האָט זיך גערוקט אויף צוריק. דער הילצערנער פּוס איז געפאַלן אין מיט פון געסל און טעמפּ אַ קלאַפּ געטאָן. בוניע האָט זיך האַסטיק אַראָפּגעזעצט אויף דער שטיינערנער שוועל און געוויינט.

אין געסל איז שטיל געוואָרן. פון אַ הייפל איז אַרויס אַ קליין קינד און חידושדיק זיך פאַרהאַלטן פאַרן נאַקעטן הילצערנעם פּוס. דאָס איז געווען די קליינטשיקע חנהלע. זי האָט זיך אַרויפגעזעצט רייטן אויפן טאַטנס הילצערנעם פּוס און אונטערגעטאַנצט פאַר פרייד.

— וויאָ! וויאָ!..

פון איין זייט איז געשטאַנען די מאַמע. אירע אויגן האָבן געפלעמלט, דאָ מיט בייזקייט און דאָ מיט מילדקייט. פון דער צווייטער זייט וועגל איז געזעסן בוניע און שטאַר געקוקט אויף זיין קינד און אַ מילדקייט האָט גענומען לייטערן די בייזע קאַרבן פון זיינע אויגן־ווינקלען.

איך בין געבליבן אין מיט פון געסל און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן: אויסמיידן דעם שכן, גאָרנישט זאָגן, אַדורכגיין ווי אַ פרעמדער?

זיין ווייב איז וואָס אַ מאָל נענטער צוגעקומען. זי האָט קענטיק איצט מער שוין ניט מורא געהאַט פאַר אים.

איך האָב געזען ווי בוניע קוקט אַזוי זייטיק אויף איר געשטעל, אויף די געזונטע פיס אירע, אויף איר פול און ברייט פּנים.

— גיב מיר דעם פּוס. — האָט ער שטיל געזאָגט.

— וואָסי, עד בין דאָאַן משרת?

זי איז שנעל אַריין אין הייפל צעפראַלנדיק מיט רוגזה דאָס טירל.

איך האָב אויפגעהויבן דעם הילצערנעם פּוס און אים צוגעטראָגן צו דער נישע און בין אַוועק צו דער אַרבעט.

ג

אין געסל שטייען איצט פולע שפּעט־זומערדיקע טעג. די גראָזן ברעכן זיך אונטער די טריט. די פאַלין־זריעה מישט זיך אויס מיטן זאַמדשטויב און דרינגט אַריין אין אַלע שפּאַרונעס. די טורקלטויבן פליען ניט אין די אָפענע הימלען, זיי נישטערן צווישן די פאַראַיאָריקע גראָזן און זוכן די זריעה פון ווילדהאָבער. און די מענטשן? זיי זענען אין די

טעג מיד און טרויעריק. אין די נאָכמיטאָגן קומט די שכנטע צו גיין. איך הער שוין איר געריידט. זי איז גאָר אַ צווייטע געוואָרן זינט דעם אָנקום פון פרעמדן אין געסעלע.

— עך האָט געזען, שכן, ווי מיין מאַן איז בייז... נעבעך אַ געשטראָפטער... װאָס בין איך שולדיק... זינט דעמאָלט ווען יענער איז דאָ געווען ביים פלויט בעטן אַ טרונק וואַסער איז ער בייז געוואָרן...

זי האָט זיך פאַרהאַקט און ניט געוווּסט ווי אַזוי אָנצורופן דעם מענטשן, זי האָט ניט געוווּסט אויב זי זאָל אים רופן ביים נאָמען אָדער פשוט זאָגן: מיין ערשטער מאַן.

— נו, איר ווייסט דאָך שוין, ווען איך מיין.

פלוצעם האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז ס׳קוואָקעט ביי איר אין הייפל אַ הון און דער מאַן אירער, בוניע, וועט ניט קענען גיין צו דער הינערשטייג אַרויסנעמען דאָס איי.

— אוי, אַוודאי די געשפּריצטע... זי פּרעסט אויף די אייער...

איך טראַכט, אַז אַזוי וועט עס זיין מאָרגן און איבערמאָרגן. די זון וועט אויפגיין און פאַרגיין. נאָך מיטאָג וועט אַ ווינטל אַ וויג־טאָן דעם ציפּרעס. ניין. עס וועט ניט רעגענען און ניט בליצן. די וואָלקנס זענען קיין וואָלקנס ניט, נאָר עפּעס אַ זיידענער שפּינגעוועבס וואָס צעשווימט אין די הייכן. די ביימער שטייען ווי אויסגעשניטענע פון אַ שטויביקן פּאַפּיר. ווידער וועט די געשפּריצטע הון קוואָקען און די שכנטע וועט לויפן צום הינערשטייג. אַזוי וועט עס זיך איבערחזרן טאָג נאָך טאָג, וואָך נאָך וואָך. בוניע וועט אַלץ זיצן אויף די שטיינערנע טרעפּ און עפּעס מייסטרעווען מיט אַ העמערל.

— גוט מאָרגן, שכן, וועל איך אים זאָגן.

— האַ, שכן, עס איז הייס? יענץ לענדעלע איז עס, האַ?

אַזוי וועט ער אַ זאָג־טאָן און עס וועט ווידער שטיל ווערן. אַ גאַנצן טאָג וועלן זיך אַרומיאָגן די יאַשטשערקעס אין זאַמד און פרייכן מיט די שטויביקע קרעלן, וואָס זענען באַזעצט אַרום זייערע מיילער. אין די פאַרנאַכטן וועלן זיך די מענער זאַמלען ביי דער קאַפע און קנאַקן יאָדערן, און אַז זיי וועלן מיך זען וועט עמעצער פון זיי פרעגן:

— שכן, וואָס שרייבט מען אין די גאַזעטן?

ווידער וועט זיך דעם איי יסיקנס ווייב אַדורכשלייכן אויף די הויכע קנאַפל אַן אויסגעפוצטע. דערנאָך וועט אַ גרימפל טאָן אַ פליטע מיט אַ חזניש שטיקל און אַן אייזל וועט ערגעץ נאָענט אויסווייען אַלעמענס בענקשאַפט.

איך שפּאַן איבערן נאַכטיקן געסל. ביי די שכנים ברענען נאַפטקאַנעצלעך. ביי בוניען איז ליכטיק.

— גוטנאָוונט, שכן.

— גוטנאָוונט!

כ׳פיל אַז בוניע האָט אויפגעלויכטן פאַר פרייד. כ׳זעץ זיך אויף אַ נידעריק בענקל אין מיטן פון חדרל און מיר שמועסן וועגן די שאַקאַלן וואָס יאָמערן אין די נעכט, וועגן דער אַלטער היים. דערנאָך בלייבן מיר זיצן שטילע.

בוניע קלאַפּט צונויף אַ פאַרביק קעסטל מיט אַ טירל צום עפענען. אין דער זייט, אָנגעשפּאַרט אָן אַ שטול שטייט דער פוס פון העלן האָלץ, דערלעבן ליגט אַ פאַרביק קלייד. עס פאַרטראַגן זיך ניט די צוויי חפצים, אַ נאַקעטער מענערפוס פון האָלץ מיט דעם שרייַק־רויט־געבלימלטן פרויענקלייד.

זיצן מיר אַזוי איינער אַנטקעגן דעם צווייטן און שווייגן. די נאַפטלאָמפּ וואַרפט אַ געלן ליכטראָד אויפן סופיט און אויף דער קאַלכוואַנט שפּרינגען גרויסע שאָטנס פון בוניעס אומרויִקע הענט. אין חלל הענגט אַ שווערקייט, אַ גראָע, אַ נעפּלדיק־געדיכטע.

איך מייד אויס, אַז מיין בליק זאָל פאַלן אויף דעם הילצערנעם פוס. ניט ווילנדיק באַגעגענען זיך אונדזערע אויגן און בוניע דערזעט אין מיינע שוואַרצאַפּלען דאָס טליענדיקע פלעמל פון נייגער, פון וועלן אַריינדרינגען אין דעם סוד. ער זעט ווי יעדער מאָל כאַפּ איך אַ זייטיקן בליק דאָ אויף אים, דאָ אויף דעם הילצערנעם פוס און אויף דעם פרויענקלייד מיט די גרויסע רויטע פעלדבלומען.

איך וויל ניט פרעגן קיין שאלות. וואָס דאַרף מען אויפוועקן פאַרהיילטע ווונדן? אויך בוניע זוכט אַן אויסוועג פון דער שווייגעניש. ער טוט זיך אַ בויג צו דער לאָמפּ און זאָגט:

— דאַכט זיך, אַז די נאַפּט גייט אויס. מ׳דאַרף די קנויט אַרומשערן. איך האָב זיך אויפגעשטעלט צום אַוועקגיין.

— זיצט נאָך אַ ביסל, שכן.

זיין קול האָט געציטערט מיט אַ טרויער־נאָכקלאַנג. איך האָב אים געפאָלגט.

די נאַכטסאָווע האָט זיך גראָד אין דער רגע אָפּגערופן. דער שכן איז אומרויִק געוואָרן, ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אָן טישראַנד און אויפגעשטעלט זיך אויף דעם געזונטן פוס. דער ליידיקער הויז האָט זיך אַ באָמבל געטאָן ווי אַ מידער פויגל וואָס פאַלט אין די נאַכטשאָטנס אַריין.

— דאָס איז געשען ביי בערלין... אַ נאַכט פאַרן פאַרנעמען די שטאָט... אַ באָמבע־שפּליטער...

זיינע ליידיקע אויגן־טאָרבעס האָבן זיך פּאַמעלעך אָנגעגאָסן. דער אונטערשטער קינבאַק האָט געציטערט.

— מיט מיין ווייב האָב איך זיך באַגעגנט אין פעלדשפּיטאַל... זי איז געקומען פון די לאַגערן... דורכגעמאַכט שווערע יאָרן... אָבער איצט, זינט יענער איז געקומען אין געסל איז זי געוואָרן אַן אַנדערע...

דאָס שטיין האָט אים אויסגעמאַטערט. ער האָט זיך געוויגט איבערן טיש און זיינע הענט האָבן זיך געקלאַמערט אָן די טישראַנדן.

איך בין נענטער צוגעגאַנגען און אים אָנגענומען פאַר די אַקסלען. וואָס האָב איך דען געקאָנט זאָגן מיין שכן?

די סאָווע האָט אַ כליפּע געטאָן און אויף די ווענט פון חדרל זענען די שאָטנס נאָך גרעסער געוואָרן.

מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך באַגעגנט מיין שכן מיט אַ דריי־רעדערדיק וועגעלע איבער די גאַסן פון תל־אביב. ער האָט דאָס וועגעלע אַליין צונויפגעמייסטערט פון אַלטע ראָווערן. ער איז באַקוועם געזעסן אויפן בענקל און מיט די הענט געדרייט אַ ציינערדיקן פּעדאַל. כ׳האָב דערקענט אַז בוניע איז אויפגעלייגט. ער איז אַזוי געפאָרן מיט זיין וועגעלע ביזן שטאָטצענטער. איך האָב אים אַ פּאָר גאַסן באַגלייט. זיינע גרויסע קינדערשע אויגן האָבן געשמייכלט און די געדיכטע יידישע ברעמען

זענען געווען צונויפגעוואַקסן און האָבן געוואָרפן אַ שמאָלן טונקעלן שאָטן.

— וווּהין פאָרט איר, שכן ? — האָב איך געפרעגט. אין גאַסן־גערויש פון אויטאָס האָב איך ניט דערהערט זיינע רייד. מיר האָבן זיך ביי אַ ראָג ניט געזעגנדיק, צעשיידט. איך בין אַוועק צו מיין אַרבעט. גראָד אין דעם גאַסן־געטומל האָב איך זיך דערמאָנט אין דער ניט פאַרענדיקטער שורה פון מיין העפט. ווייזט אויס, אַז איך וועל שוין דאָס אָנגעהויבענע ניט פאַרענדיקן. איך וועל שוין קיין מאָל ניט קאָנען געפינען דעם ריטעם פון יענע שורות און ניט יענע רו, וואָס איך האָב פאַרמאָגט אין די ערשטע טעג פון מיין באַזעצן זיך אין דעם אַראַבישן געסל. ערגעץ ווו האָט זיך דער קרייז, וואָס מיר האָט זיך אויסגעדוכט אַז ער איז פאַרזיגלט, אויפגעבראָכן. איך זע אין די האַלב־וואַכיקע נעכט דעם שכן בוניע, זיין הילצערנעם פוס ליגן אַ באַקעטן אויפן זאַמדוועגל, איך הער די מידע טריט פון דעם פרעמדן אין געסל און זע די קליינע חנהלע וואָס פלאָנטערט זיך צווישן איינפּיסיקן טאַטן און דער מאַמען. עמעץ האָט אַוועקגעשליידערט פון מיינע אויגן דעם פאַרביקן פאַראַוואַן וואָס איך האָב אויסגעוועבט פון די שטילע געזאַנגען און אַ שאַרף און טרויעריק ליכט האָט אויפגעריסן מיינע אַפּלען, — דאָס גראָע ליכט פון לעבן.

יעדער מאָל, ווען איך גיי פאַרביי דעם שטאָטצענטער, זע איך זיצן דעם איינפּיסיקן שכן מיינעם, דעם שוכפוצער, אויף אַ קליין פוסבענקעלע אין דער גאַס פון המלך דוד.

# אין שאָטן פון ווײַנשטאָק

1

אַן אָפּגעריסענער אומבאַקאַנטער געשרײַ האָט נאַכט נאָך נאַכט, אין דער זעלביקער שעה, אַ זעג געטאָן אין די טרוקענע מאַראַנצן־בלעטער. דערנאָך פלעגט שטיל ווערן, און אין דער נאַכטשטילקייט האָט מען געהערט דאָס שטעפּן פון אַ גריל, אַ ווײַטע וואָרקערײַ פון אַ טורקלטויב און אַ צישערײַ פון אַ שלאַנג, וואָס האָט אָנגעפילט דעם חלל מיט אַנגסט.

אין אַזאַ נאַכט־שעה איז סלאַווע אַראָפּ פון געלעגער און געבליבן שטיין ביים אַראַבישן פענצטער. זי האָט זיך אָנגעלענט אָן די אײַזערנע קראַטעס און געלאָזט פאַלן אויף איר פּנים דאָס מאַטע, זילבערנע ליכט פון דער לבנה.

דער קאַקטוס־גדר אַרום הויז האָט אין דער לבנה־נאַכט אויפגעלעבט. ס׳האָט אויסגעזען, אַז די סאַברעס זענען מענטשישע שאָטנס, וואָס האָבן ניט באַוויזן מיטצולויפן מיט זייערע בעלי־בתּים אין דער גרויסער בהלה. איצט וואָגלען זיי אין די נעכט, ווי זיי וואָלטן געזוכט אַ תּיקון, און שאָטענען אויס אַן אימהדיקע בענקעניש.

ווען די פולע לבנה איז אויפגעגאַנגען אין איר לויטערסטן ליכט, האָט סלאַווע געזען ווי אָנצאָליקע סאַברע־נאָדלען טוען אַ פינקל מיט אַ דין־שפּיזיקן זילבערפלעמל. דאָס ליכט פון דער לבנה האָט אויפגעוועקט דעם פאַרוויסטן און גוססדיקן אַראַבישן פּרדס צום נאַכטישן לעבן און די סאַברע־שאָטנס זענען פאַרצערט געוואָרן פון דעם לבנה־ליכט.

סלאַווע האָט דערזען, אַז דער גראָ קלעטערנדיקער צווײַג וואָס האָט געוויגט זיך צווישן די סאַברעבלעטער, אַ צעשפּאָלטענער, מיט פאַרקראַמפּטע ריטלעך, עפּנט פולע און אָנגעגאָסענע קנאָספּן.

דער באַקעטער צווײַג איז געלעגן אויף די סאַברעס אַ גאַנצן ווינטער

אײַנגעדאַרט און פאַרקוואַרט. דער קלעטערפלאַנץ האָט ניט געקאָנט פון זײַן גורל אַנטלויפן. זײַנע ניי־אויפגעשפּראָצטע פרילינגצווייַגלעך זענען געבליבן הענגען אין חלל, געזוכט אַן אָנשפּאַר פאַר זיך און תמיד אָנגעטראָפן אויף שטעכלקעס.

## 2

ס׳זענען געקומען די פרילינגטעג. און אַז דער גרינער אויסשפּראָץ פונעם קלעטער־פלאַנץ האָט זיך געעפנט, האָט סלאַווע דערקענט, אַז דאָס איז אַ ווײַנשטאָק.

סלאַווע איז געלעגן אײַנגעגראָבן מיטן פּנים צום אויפגייענדיקן בײַט, זי האָט געפּעלעט, באַוואָסערט דעם יונגן גרין וואָס האָט געלויכטן מיט מילדקייט. דערנאָך איז זי געבליבן לאַנג בײַם פאַרקראַטעוועטן פענצטער פון דעם אַראַבישן חדר. דאָס נאַכטליכט האָט אָנגעגאָסן אירע אויגן־אַפּלען מיט אַ שטראַליקער פײַכטקייט, ווי זיי וואָלטן באַלעבט געוואָרן פון נאַכטטוי. ווען אַ פאַרקראַטעוועטער ליכטפּאַס איז געפאַלן אין חדרל און באַלויכטן דאָס פּנים פון קינד, האָט זי געזען ווי איר פינפיאָריק ייִנגעלע נעמט אויף זיך אַרויף דעם טאַטנס הויט, ווי דאָס ייִנגלשע גופל ווערט אַלץ מער אײַנגעשרומפּן, זײַן פלײצקעלע אײַנגעבויגענער, ווי די אַרויסשטאַרנדיקע צוויי פעדערשטע צײנדלעך האָבן אונטערגעהויבן די אייבערשטע קינדערשע ליפּ און אַרויפגעצויגן אויפן קינדס פּנימל אַ פאַרגליווערט געלעכטערל.

## 3

אין אַ גרויליקער רגע צווישן טויט און לעבן, ערגעץ בײַ די שליימיקע ברעגן פון טײַך האַרין, אין אַ האַרבסטיקן טאַרפּזומפּ האָט דאָס געיאָגטע ייִדישע מיידל סלאַווע צום ערשטן מאָל דערפילט לעבן זיך דעם אָטעם פון נאָך אַ געיאָגטן מענטשן. דאָס געביל פון הינט און די שטיוולטריט פון פויערים אין די צעפּליוכעטע וועגן האָבן זיי צונויפגעקאָרטשעט און פאַרקלאַמערט לײַב צו לײַב, אָטעם צו אָטעם. זי האָט אין שײַן פון דער אויפגייענדיקער לבנה מיט אַ מאָל דערזען דעם הינקעדיקן מיטן פּנים פון אַ יאַריד־לצל. ערשט שפּעטער האָט זי אַרויסגעפילט דעם קאַלטן

שוידער פון דער פאַרכישופטער רגע. קוניעס אויגן האָבן זיך זינט יענער נאַכט אָנגעגאָסן מיט אַ מאָט פּייערל. ער האָט ווי אַן איינגעשרומפּענער נאַכטשאָטן, אומבאַמערקט פאַר אַ מענטשיש אויג, געוואָגלט איבער כּוטאָרן און דערפער, געבראַכט פאַר סלאַוועס שפּייז געראַטעוועט זי אין כלערליי סכנות.

אינעם בייעם לאַנד איז קוניע געוואָרן אייגעטריקנטער. דער שמייכל פון זיין פויגל־פּנים איז געוועזן מיד, די אויגן־ווינקלען — געראונצלט, זיינע טריט — שטיל, ווי ער וואָלט אויף די שפּיצן פינגער געטראָטן. זיינע גוטע אויגן האָבן אויף יעדן איינעם געקוקט מיטן רחמנות־געבעט פון אַ גאָטס־געשטראָפטער באַשעפעניש.

4

קיינער האָט ניט געוווּסט די געשיכטע פון דעם ווינשטאָק לעבן סלאַוועס פענצטער, און ווער האָט דען געקאָנט די געשיכטע דערציילן, אַז די פריערדיקע תּושבים, די אַראַבער, זענען אין איין נאַכט נעלם געוואָרן? זיי זענען אַוועק און מיטגעטראָגן אין ווייטן מידבר אַריין די קלוגע רייד פון זייערע אַלטעטשקע ביים קלייבן די שיקמה־פּירות.

סלאַווע האָט באַנומען דעם צער פון ווינשטאָק. זי האָט געזען ווי זיינע אויפשפּראָצנדיקע בלעטער, ערגעץ ביים שפּיץ פון איינגעטריקנטן צווייג, ווערן צעפּליקט פון די נאָדלען איידער נאָך זיי גייען אויף אין זייער פולער בלעטערדיקער גרייס.

קיינער האָט ניט געוווּסט די געשיכטע פון סלאַוועס, דעם ייִדישן מיידל פון וואָלין, און ניט די מעשה פון דעם סעדעריונג און יאַריד־גייער קוניע. ווער האָט דען געקאָנט דערציילן, וואָס איז געשען יענע נאַכט ביים האָרין. קיינער איז ניט געבליבן פון יענע וואַלדייִדן, און די נאָענטסטע שכנים פונעם פאַרלאָזענעם אַראַבישן געסעלע זענען ייִדן פון תּימן.

קאָן אַ בוים פאַרנעמען דעם צער פון מענטש אזוי ווי דער מענטש באַנעמט דעם צער פון בוים? האָט דער ווינשטאָק ניט געפילט דעם וואַרעמען גלעט פון סלאַוועס ציטערדיק־ווייסע פינגער?

אַזוי צי אַזוי, עס האָט זיך אָנגעהויבן קניפּן די שותּפותדיקע גורל־דיקייט פון מענטש און בוים.

אין די פֿאַרנאַכטן האָט זיך קוניע אַרויסגעשאַרט פון שטוב מיט זיין שטיל הינקענדיק גענגל און איז אַוועק היטן די פעלדער פון אַזור, ווו ער איז געווען אַ נאַכט־שומר. סלאָווע האָט געזען ווי קוניעס שאָטן פּייזעט איבערן זאַמדיקן וועגל און ווערט נעלם אין די גראָזן פון די ברוינע פעלדער.

אין דעם לאַנד זענען די פֿאַרנאַכטן קורצע, זיי דויערן געציילטע רגעס. דער ציפּרעס־שאָטן ווערט אויסגעצויגענער, דורכזעעוודיקער ווי בלאָער פעלדשפּינוועבס. דער סיקאַמאָר שענקט אַוועק זיינע שאָטנס די ווייטע פעלדער, זיי גייען אַוועק פון בוים צו די האָריזאָנטן אַנצוהייבן זייער נאַכטלעבן.

5

אין די פֿאַרנאַכטן זיצט אויף זיין שוועל דער ייִד פון תּימן, גמליאל, זיינע אויגן זענען מילד ווי די בלאָע ווייטן פון הרי יהודה. מיט זיין ניגון כּישופט ער אויס די גרויסע זאַמדפלאַכן פון תּימנער מידבריות, די אָנשאָטנדיקע פליינען, געקאַרבטע פון הייסע ווינטן, אויסגעשטעפּטע פון דאָרשטיקע פייגל וואָס קלייבן פֿאַרבאָרגענע טוי־טראָפּנס. דער מידבר געגענט צו אים מיטן ריח פון טרוקענע זאַמדגעוויקסן, מיטן געזאַנג פון רויטן זאַמדשטויב. גמליאל זינגט דאָס ליד פון מידבר־דאָרן וואָס קיניגט אין דער וויסטעניש און דאָס פייער קאָן אים ניט פֿאַרברענען, די ווינטן קאָנען אים ניט אַרויסרייסן. מידבר־פייגל מיידן אים אויס, מידע דורכגייער רוען ניט אין זיין איינגעקוואַרטן שאָטן וואָס זעט אויס ווי אַ פֿאַרקוילטער בליץ, און זיינע האָלאָוועשקעס טליען נאָך מיט אַ בלאָ־קאַלטן שימער. נאָר דער שענסטער פויגל פון דער וויסטעניש, מיט צעפעכערטע פליגל פון הימלישע פֿאַרבן זינגט דאָ אויס אין די קילע פֿאַרטאָגן דאָס וווּנדערלעכע ליד וועגן מידבר־דאָרן וואָס זיינע צווייגן וועלן נאָך אויפגיין מיט שאָטן, מיט קילקייט און גרין געזעטיקטע גן־עדן־פּירות.

די יונגע זהבה קען דאָס ליד פון טאַטן, זי האָט עס נאָך געהערט פון אירע זיידעס, זי זינגט נאָר דעם ניגון. אָפט דוכט זיך איר, אַז זי איז עס דער דאָרן פון מידבר און טייל מאָל מיינט זי, אַז זי איז דער שיינער מידבר־פויגל. ווער קאָן דען באַשיידן די רעטעניש פון אַ יונג תּימנער מיידל ?

סלאַווע קען דעם ניגון פון שכן גמליאל. זי הערט זיך איין אין די טענער. אָפּט גיסט ער זיך מיט אַ היימישער האַרציקייט און בענקעניש ווי דעם טאַטנס אַ תּפילה. דעמאָלט פילט זי דעם פאָטערס מילדע אויגן לעבן זיך, זי דערזעט די וואָלינער היים, דעם גרינעם שינדלדאַך, דעם פלעמלדיקן צאַפּל פון ליכטלעך אויף ווייסע טישן.

אָפּט ווערט גמליאלס ניגון איבערגעריסן דורך אַ האַלדזכאָרכל, ווי עס וואָלטן ערגעץ זיך אַ שאָט געטאָן טרוקענע צווייגלעך. אַ פלוצעמדיקער איבעררייס פון קלאַנג, ווי אַ טריקעניש וואָלט פאַרשלאָסן די קעל, — און דערנאָך גיט דער ניגון אַ פלייץ ווי אויפגעבונדענע ריטשקעלעך וואָס צעלויפן זיך אין פריילעכן געשפּרודל, און זהבהס קולכל זילבערט זיך לאַנג־לאַנג אין די פאַרנאַכטן.

6

אַזוי ווי דער וויינשטאָק האָט ניט געקאָנט אַוועק פון זיין גורל, ניט געקאָנט זיך אָפּרייסן פון די וואָרצלען און געפילט ווי סאַברעס צעשפּרייטן זייערע שטעכיקע קעפּ און פאַרקניפּן זיינע צווייגלעך — אַזוי האָט אויך סלאַווע ניט געקאָנט אַוועק פון יענעם האַרבסטיקן האָרין־ברעג. דער מאָכיקער ריח, דער צוויגן־געשאָרך פון יענע רגעס, ווען זי האָט אַ דערוואַכטע דערזען דאָס מיאוסע פּנים פון קוניען, איז אַריין אין אירע טיפענישן ווי די סאַברע־שטעכלקעס דרינגען אַריין אין צווייגנלייב פון גוססדיקן וויינשטאָק.

ווער האָט פאַרפלאַנצט אַ וויינשטאָק צווישן שטעכיקע דערנער אויף אייביקן געשפּאָט? וועלכער ווינט האָט דאָס פאַרטראָגן אַ טרויבקערנדל צופוסנס פון אַ קאַקטוס־גדר?

אפשר האָט אַ מידער קעמלרייטער אין חאַמסינִיקן שטויב געזוכט אַ שאָטן ביי די קאַקטוסן, און פון זיין מאַלצייט איז אַ קערנדל אַראָפּגעפאַלן אויף דעם אָנגעהויפטן סאַברעבאָדן?

אפשר האָבן צעקריגטע שכנים אַ גדר פאַרזעצט מיט שטעכיקייטן און אָפּגעטיילט איין נחלה פון דער צווייטער, און דער ווינשטאָק איז געוואָרן פאַרפלאָנטערט און פאַרצערט אין קאַלטגריניקן, שטעכיקן אָטעם פון סאַברעס?

און וועלכער גורל האָט דאָס צונויפגעפירט די טאָכטער פון זווילער

וואַלד־סוחר מיט קוניען, דעם וואַלינער יאַריד־גייער ?

איבער די פעלדער פון אַזור האָט אין די נעכט געוואָגלט דער איינגעפאַלענער שאָטן פון קוניען. אַזוי ווי אַ קליין נאַכטגעשפענסטל האָט ער געהיפּט איבער די ירקות־גערטנער, נעלם געוואָרן צווישן די געדיכטע ציפּרעסן און געקנוילט זיך ווי אַן אָפּגעבראָכענער צווערגקוסט אין בייזן ווינט.

דאָס זיתים־וועלדל האָט אין דער נאַכט געאָטעמט מיט זילבערדיקער שלווה. די געבויגענע אַלטע איילבערט־שטאַמען, די אויסגעקרימטע, פאַרקראַמפּטע אין ביימערישן ווייטיק פון טראָגן אויף זיך דעם יאָך פון יאָרן און דעם יאָך פון די פירות, זענען געווען גוט צום אָרעמען מענטשישן שאָטן. זיי האָבן אים אַריינגענומען אין זיך ווי ער וואָלט געווען ניט דער שאָטן פון אַ מענטש, נאָר דער שאָטן פון אַ לאַנג שוין אויסגעהאַקטן איילבערט, וואָס איז נאָך לאַנגע וואַגלענישן צוריקגעקומען אין זיתים־וועלדל אַריין. און קוניע האָט ליב באַקומען די דאָזיקע ביימער. ער איז צוגעפאַלן צו די קנאָכיקע שטאַמען, אויסגעדרייטע, צעלאָמעטע, צעמאָרשטשעטע ווי לייבער פון זקנים. און האָט איינגעאָטעמט אין זיך דעם גוטן און קילן אָטעם. געטראַכט האָט ער, אַז די ביימער זענען גוטע, זייערע וואָרצלען און צווייגן גיבן אַלץ אַוועק פון זיך, זיי גיסן אָן די פירות מיט ערדישע זאַפטן, זיי צירן זיך ניט, זיי שענקען אַוועק דעם מענטש יעדער טראָפּן וואָס שטראָמט אין זייערע ביימערישע אָדערן און בלייבן דערפאַר אַליין אָרעם און פאַרצערט.

7

קוניע האָט אין די וואַלינער זומערן געלעבט אין די גרויסע סעדער אַרום האָשטש און מעזשיריטש. געדונגען האָבן אים די סאַדאָווניקעס פאַר אַ שומר. ער פלעגט ליגן אין די שטרויבודעס אַ פאַרשיכּורטער פון עפּל־ריח, און פון דער צווייגיקער געדיכטעניש פלעגט זיך הערן זיין שאַרף־פישטשענדיקע שטים ווי פון אַ נאַכט־שדל. אַ ווייט געלעכטער פון דאָרף־שיקסעס ביי די אַמבאַרן און קלוניעס פלעגט זיך אַ קאָלער טאָן, ווי ערגעץ ביים סוף פון סאָד וואָלט מען אָפּגעטרייסלט אַ בוים מיט לבנהדיקע עפּל. אין די ווינטערטעג פלעגט ער פאָרן אויף וואָלינער יאַרידים מיט

פערד־סוחרים און קצבים. זיי האָבן אים מיטגענומען פון פריילעכקייט וועגן.

גוט און מילד איז קוניע געווען צו סלאַווען. ער האָט תפילה געטאָן צו אַ גאָט וואָס ער האָט אים קיין מאָל ניט געקענט און ניט געהערט וועגן זיין באַרעמהאַרציקייט, צו אַ גאָט, וואָס קוקט אַרויס דורך אַלע מענטשישע אויגן, אַז ער זאָל אָוועקנעמען דעם טרויער פון סלאַוועס האַרץ, אַז ער זאָל צעטרייבן די באַטריבטקייט אירע ווי ער צעטרייבט בייזע כמאַרעס איבער די מירמלנע ווייטן פון דעם נייעם לאַנד.

סלאַוועס טרויער האָט אָבער קיינער ניט געקאָנט צעטרייבן. אירע טיף־אַריינגעזעצטע שוואַרצע אויגן האָבן ניט דורכגעשניטן די בלאָע ליכ־טיקייט מיט אַ טונקעלן שימער, זייער שטראַליקייט איז נאָר געפאַלן אויף איר ליכטיקן, שיינעם פנים און אַנטפּלעקט איר צער פאַר דעם שיין פון טאָג. אירע גרויסע אויגן האָבן געטראָגן אין זייערע שוואַרצאַפּלען דעם טרויעריקן אָפּשיין פון איבערגעפולטע טרערן־בעכערלעך. זי איז אומעטיקער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. קוניען האָט זי ניט פיינט געהאַט. זי האָט געזען ווי זיינע וואַרעמע אויגן רוען אין איר שאָטן און גאַרן נאָך איר בליק, נאָך איר אויפגעבונדענעם געלעכטער, ווי אַ מידער נאָך אַ קאַלטן געטראַנק. זי האָט אָבער געוואָלט פאַרגעסן די שליימיקע טאָרפגרוב אין וועלכער עס האָט איר צוריקגעשלעפּט מיט יעדער קער דער אומגליקלעכער קוניע. זיין געפאַלנקייט אין נייעם לאַנד איז געוואָרן ניט איבערצוטראָגן. ער האָט אויסגעמיטן די בליקן פון מענטשן, געשאַרט זיך אומבאַמערקט ביי די ווענט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, גאַנצע טעג געשלאָפן אַן איינגעקאָרט־שעטער אויפן דיל און אין די פאַרנאַכטן אַוועק היטן די פעלדער פון אַזור.

סלאַווע האָט אים ניט צוגעלאָזן צו זיך. אַ שולדיקער האָט ער געפויזעט מיט זיין הינקעדיקן שאָטן איבערן הייפל. ניין, האָט זי געשריִען, זי וועט מער ניט געבוירן פון אים קיין קינדער, ניט ברענגען קיין נייע קוניעס אויף דער וועלט.

איר געשריי איז אים נאָכגעלאָפן אויך דעמאָלט ווען ער איז געלעגן צווישן די איילבערטן מיטן פנים צו זייערע נאַקעטע וואָרצלען. קוניע האָט אַריינגעטריפט דאָרטן זיינע גרויסע טרערן.

און ווײַל זײַן וועלפּקעלע איז געווען ווי צוויי טראָפּנס טרערן ענלעך צום טאַטן, האָט ער אים ליב געהאַט מיט אַ גרויסער פּאַטערישער ליבע. ער האָט זיך שעהען־לאַנג געשפּילט מיטן קינד, געלאָזט וועלפּקען קריכן מיט זײַנע פּיסעלעך איבערן קאָפּ, איבער די אַקסלען.

ער האָט פֿײַנט געהאַט, קוניע, די אַלערלײ שטעטישע לײַט וואָס ער האָט אין די ערשטע וואָכן פֿון זײַן אָנקומען אין לאַנד באַגעגנט. זײ האָבן געקענט דעם קוניען פֿון די וואָלינער שליאַכן, פֿון די יאַרידים. זײ האָבן אים גוטברודעריש געקלאַפּט איבער זײַן אויסגעקרימטער פּלײצע און ווילעריש צוגעווונקען.

— האַ, קוניע... און דײַן סלאַווע וואָס מאַכט?...

זײערע אײגעלעך האָבן זיך דערבײ צעשמײכלט מיט אַ שפּיציק געלעכטערל, ווי מען וואָלט מיט קראָפּעווע אַ ברי געטאָן זײַן לײַב.

*

אין די בײַערישע לאַגערן האָט קוניע אויפגעלעבט. ער איז דאָרט ניט אײַנגעזעסן אין די גרויסע הײזער־בלאָקן, ער האָט געהאַנדלט און געוואַנדלט, געשלעפּט זיך איבער באַנוועגן און געפירט מיסחר צוזאַמען מיט נאָך ייִדן פֿון די לאַגערן. סלאַווע האָט נאָך דעמאָלט ניט באַנומען איר צער, זי האָט זיך געריסן צום לעבן. ער איז זעלטן געווען אין דער הײם, און אַז ער איז שוין געקומען, איז ער באַהאַנגען געווען מיט כּלערלײ זײַדנצײַגן און פּאַטשערקעס, אויפגעקויפטע בײ די דײַטשן.

גאָר אַן אַנדערער איז קוניע געוואָרן אין לאַנד ישׂראל. זײַן אײַנגע־פּאַלענער שאָטן איז דורכזעעוודיקער געוואָרן, זײַן געננגל — וויגנדיקער. די שטאָט־מענטשן וואָס ער האָט באַגעגנט האָבן אים אויפגענומען, אַזוי ווי זײ וואָלטן אים געטראָפן אויף אַ וואָלינער יאַריד, מיט אײדעלע שפּאָטרײד. ער האָט זײ ניט פֿאַרטראָגן, געווײכט פֿון זײערע בליקן און געזוכט שוץ אין די נאַכטיקע בלאָנדזשעניש אַרום די שאָטנס פֿון אײלבערטוואַלד.

8

אַלט זענען די קעמלוועגן פֿון דעם לאַנד. זײ האָבן ניט קײן אָנהײב און ניט קײן סוף. זײ פֿאַרקניפּן ייִשוב מיט ייִשוב. שטאָט מיט שטאָט. אַפילו פֿאַרשוווּנדענע שטעט, וואָס זעלטען ווער עס געפֿינט זײערע נעמען

אין די אַלטע ספרים, שלאָפן זייער אייביקן שלאָף, פאַרשאָטענע אין די זאַמדיקע פלאַכן ביי די ראַנדן פון די קעמלוועגן. טרעפסט ניט אויף זיי די באָרוועסע גייערס וואָס זענען פון די היימען אַוועק זוכן זייער גליק אין די יפוער ליקלעך; זעסט ניט די שיקמה־קלייבערס מיט די געפלאָכטענע קיישלעך פון טרוקענעם פאַלמעבלאַט, ניט די קעמלרייטערס וואָס האָבן זיך געוויגט איבער דעם שמאָלן וועגל, ניט די אייזלטרייבערס וואָס קערן אום זיך פון רמלה; זעסט ניט די רייכע סוחרים פון לוד מיט די באַצירטע קעמלען פון די ווונדערלעכסטע שטאָפן. ריין פון בהמישן אָפּפאַל זענען די וועגן, צעכוואַליעטע פון צפון־ווינט, מיט האַלב־פאַרשאָטענע סליאַדן פון טריט.

געבליבן זענען די טונקל צעצווייגטע ריזיק־גרויסע סיקאַמאָרן ביי די קעמלוועגן, זייערע וואָרצלען האָבן זיך אַריינגעקאַרבט אין דער ערד מיט דיקע וואָרצל־אָרעמס און דערגרייכט צו די ערדישע קוואַלן. גענוג, אַז אַ מידער גייער זאָל זיך לייגן אין זייער שאָטן — און ער וועט דערפילן דעם קילן שטראָם וואָס ריזלט פאַרבאָרגן פון די ערד־טיפענישן ביז די הימלשפּיצן פון דעם סיקאַמאָרס קלענסטע צווייגן.

איצט ליגן די וועגן צעהאַלבטע און צעפּערטלטע. אַספאַלט־שאָסייען האָבן צעשניטן זייער העלזאַמדיקן פלאַך, אויפגעפראַלט די אַלערליי פאַר־צוימונגען און דורכגעשניטן מיט אַ מעסערדיקער שאַרף נייע וועגן צו אויפגייענדיקע יידישע יישובים. אַזוי ווי אַ גרויסע שלאַנג, אַ צעשניטענע, אַ צעהאַקטע, לעבט נאָך אַ צייט מיט איר פריערדיקן לעבן, אַזוי האָבן אויך די קעמלוועגן אָן קעמלען, אָן שיקמה־קלייבערס, אָן אייזלטרייבערס אַנגעהאַלטן זייער לעבן.

אין די נעכט האָבן זיך נאַכטפייגל אַראָפגעלאָזן איבער דעם וועגל און גענישטערט אין די פלעכטגראָזן, פלעדערמייז האָבן מיט אַ שאָרכעריי געזוכט זייערע נעסטן און איבערגעשראָקן די דרעמלענדיקע טורקלטויבן.

ביים ראַנד פון אַזאַ קעמלוועג איז געשטאַנען דאָס פאַרלאָזענע אַראַבישע הייזל, אין וועלכן ס׳האָבן זיך אַריינגעקליבן קוניע און סלאַווע.

סלאַווע האָט ליב באַקומען די טויטע שטילקייט פונעם וועגל. אָפט האָט זי זיך לאַנג איינגעהערט אין נאַכטווינט, געזען אין לבנה־שיין ווי ער

קאָרבט דעם זאַמד. זי האָט געפּילט אויף איר פּנים די ים־פייכטקייט און דעם אָטעם פון אַ קילער נאַכטישער ווייט.

ווּלפּקע איז געלעגן אין בעטל אַן אָפּגעדעקטער מיט צעשפּרייטע הענטלעך. סלאַווע האָט אַ שטילע, אויף די פינגערשפּיצן, פאַרריגלט פון דרויסן דעם טויער און אַוועק. אין די שכנישע שטיבער איז שוין דאָס ליכט געווען פאַרלאָשן. ערגעץ גאָר באָענט האָט אַ שאַקאַל אַ העשע געטאָן און דערנאָך פאַרצויגן אַ לאַנגן געוואוי. איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס געוואוי וועט שוין ביט איינגעשטילט ווערן, אַז עס וועט אָנהאַלטן דאָ אַזוי לאַנג, ווי לאַנג זי וועט דאָ זיין. און אַז דאָס געוואוי איז פאַרשטילט געוואָרן, האָט אין סלאַווען אָפּגעקלונגען אַ ווידערקול פון אַ געהעש וואָס איז נאָך געווען טרויעריקער און ווייטיקדיקער.

גרויסע, ליכטיקע שטערן, ווי פולע טרערן־טראָפּנס, זענען געהאַנגען אין טיפן הימל. זי איז געגאַנגען גיך און אַריין אינעם שאָטנקרייז פון סיקאַמאָר, דערנאָך פאַרשלונגען געוואָרן אין דער געדיכטעניש פון אַ פייגנבוים ביז זי איז אַרויס אויפן זאַמדוועג. ערגעץ אין די שאָטנס פון די קריכפלאַנצן, וואָס מען רופט זיי — טייוולהאָר, האָט געוויינט אַ נאַכטסאָווע. סלאַווע איז געגאַנגען מיט אַ טראָט פון מענטשן וואָס הערט ערגעץ אין דער ווייטעניש רופן זיין נאָמען.

זי איז געלאָפן פון זיך, פון קוניען, פון קוניעס היינטיקן שאָטן, פון טרויעריקן ווייַנשטאָק, פון איר אייגן קינד. וווּהין? דאָס ווייס אפשר די ווייַנענדיקע בלינדע סאָווע.

אין טויקן פאַרטאָג האָט אַ שאַקאַל אַ שטילן כליפּע געטאָן. סלאַווע איז אויפגעשפּרונגען און מיט אויגן אָנגעגאָסענע מיט שיגעון געלאָפן אַ באָרוועסע צוריק אַהיים. געדוכט האָט זיך איר, אַז זי הערט דאָס געוויין פון קינד.

ווען קוניע איז געקומען פון די פעלדער האָט ער זי געטראָפן זיצן אַ באָרוועסע צופוסנס פון גדר, דאָרט ווו עס האָט געקלעטערט דער שטאַרבנדיקער ווייַנשטאָק... זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַ דורכדרינגענדיקן בליק. אירע אויגן זענען אים פרעמד געוואָרן, עפּעס אַן אומבאַקאַנט פלעמל, אַ גרויליק־קאַלט פייערל האָט זיך אָנגעצונדן אין אירע שוואַרצאַפּלען, און קוניע האָט זיך גענומען שרעקן פאַר אירע אויגן,

פאַר איר שווייגעניש, און נאָך מערער האָט ער זיך געשראָקן ווען זי האָט זיך צוגענאָגלט אין די נאַכט־שעהען אַ פאַרגליווערטע צו די קראַטעס, מיט צעשפרייטע הענט ווי אַ טויטער פויגל, וואָס איז הענגען געבליבן אויף אַ פאַרצוימונג.

9

אין אַ זומער־פאַרנאַכט זענען אומגעריכט געקומען צו סלאַווען אירע ווייטע קרובים. זיי זענען אַריינגעפאַלן אין הייפל מיט אַ געטומל.

— זעט נאָר, ווי מען לאָזט פון זיך ניט הערן, דעם קאָפּ שטעקט זי אַפילו ניט אַרויס פון דער וויסטער חורבה!

סלאַווע האָט געעפנט אירע טרויעריקע אויגן. זי האָט געקוקט אויף די געסט, אַזוי ווי מען קוקט אַריין אין אַ נעפלדיקער ווייט. דער אומהיימ־לעכטער גלי פון אירע שוואַרצאַפּלען האָט זיך געלאָשן, און צוויי קליינע פייכטע וואָלקנדלעך זענען פון ערגעץ אָנגעשוווּמען און געהוידעט זיך ביי אירע שוואַרצע ווייעס.

קוניע האָט געהערט דורכן שלאָף פרעמדע קולות אויפן הייפל. ער איז געלעגן מיטן פּנים צום קילן דיל און איינגעקנוילט זיך, געוואָלט בעלם ווערן, פאַרשווינדן, ניט זען די פרעמדע פּנימער. ער האָט מורא געהאַט פאַר די אויסגעפּוצטע שטאָטישע געסט, פאַר זייער גאַווהדיקן האַלטן זיך. קוניען האָט זיך געדוכט, אַז ער ווערט צוריק דער סעדעריונג. ער האָט ניט געקאָנט זיך אַנטקעגנשטעלן זייער שפּאָטישן געשמייכל, איז געבליבן אָפּהענטיק אַנטקעגן זיי ווי אַ שוואַך באַשעפעניש, אַ הכנעהדיקס. ערשט אין דער נאַכט, צווישן די איילבערטן, אין זייער שאָטן, האָט אויפגעוואַכט אין אים דער באַליידיקטער און געשטראָפטער מענטש.

ווען עס איז געקומען די שעה פון שמירה, האָט קוניע געעפנט די טיר פון חדר און געבליבן שטיין אויף דער שוועל. די געסט זענען געבליבן אָן לשון. אַנטקעגן זיי איז געשטאַנען אַ קליינוווּקסיקער מענטש, מיט אַרויסגעשטשירעטע פאָדערשטע ציין וואָס האָבן אונטערגעהויבן די פאָדערשטע ליפּ, זיינע אויגן זענען אָנגעלאָפן געוואָרן מיט פּחד און דאָס מויל האָט געשמייכלט. וועלפקע איז צוגעלאָפן צום טאַטן, געקלאַמערט זיך אין אים, צוגעפאַלן מיט זיין פּנימל צום פאָטערס שויס. די געסט האָבן

געזעסן ווי דער אויסטערלישער מענטש האָט אַוועקגעהינקט אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט אַריין.

— קוניע! — האָט עמעצער פון די געסט אויסגערופן.

ווי אַן עכאָ האָבן בוים און פלאַנץ, הימל און ערד גערופן: קוניע! קוניע! אַפילו פייגל האָבן אין זייער פלי גערופן: קוניע! ער האָט פון דעם רוף ניט געקאָנט אַנטלויפן, דער קוניע פון האָשטש האָט נאָכגעיאָגט דעם קוניע פון אַראַבישן דאָרף. דו וועסט זיך פון קוניען ניט אָפּטיילן, דו מוזסט נעמען אין זיך אַריין יענעם קוניע פון וואָלין, דעם יאַריד־גייער, דעם וואָס איז געווען צו חוזק און שפּאָט. איין קוניע איז דאָ אויף גאָטס וועלט, דו מוזסט אים געבן אַן אָרט אויף אינעם נייעם לאַנד.

לאַנג איז קוניע געזעסן אין איילבערטוועלדל און עס האָבן אין אים אָפּגעקלונגען די ווערטער פון זיין רבין אין חדר: און גאָט האָט געמאַכט קינען אַ צייכן. קוניע האָט געטראָגן אויף זיך אַ קין־צייכן כאָטש זיין האַרץ איז געווען ריין, פול מיט גוטסקייט און ערלעכקייט.

10

די קרובים זענען פון סלאַוועז ניט אָפּגעטראָטן. זיי האָבן געבראַכט מתּנות פאַרן קינד, לאַנג אַריינגעטענהט אין סלאַוועז, און זי האָט זיי אויסגעהערט מיט פאַרוויינטע אויגן. ערשט דאָ, אינעם דאָרף האָט פּלוצעם געבומען אויפגיין אין איר די היים. אירע מיידלשע יאָרן האָבן זיך אַריינ־געפלאָנטערט אין די וואַלדוואָרצלען, אין די זומפּיקע האַרין־פעלדער, אין אַנגסטיקער שרעק פאַרן טויט — ביז עס איז געקומען אַ טאָג ווען זי האָט אַלץ פון זיך אָפּגעטרייסלט מיט אַן אומגעריכטער פאַר זיך אַליין אימפּעטיקייט.

אין אַ סוף־זומערדיקן פאַרנאַכט איז זי געקומען אַן אויסגעפּוצטע מיט איר קרובה, געבומען דאָס קינד אויף די הענט, געקושט עס און אַ זאָג געטאָן צו קוניען:

— איך גיי פון דיר אַוועק.

ער איז אויפגעשפּרונגען. די צוויי גרויסע געלע ציין האָבן אַ בליאַסק־געטאָן, די פאָדערשטע ליפּ האָט לאַנג געציטערט מיט אַ פאַרגליווערטן טויט־געלעכטערל. זיינע אויסגעקרימטע דאַרע הענט האָבן אַ ריס־געטאָן

דאָס קינד פון אירע אָרעמס און מיט אַלע כּוחות איינגעקלאַמערט דאָס קינדערישע גופל.

סלאָווע איז אַוועק צו אירע קרובים אין דער גרויסער שטאָט אַריין.

*

נאָך סלאָוועס אַוועקגיין איז קוניע געלעגן עטלעכע טעג אַ פּאַר־שמאַכטער אין זיין הייפל. ביי טאָג האָבן אים די היצן געשראָפּהט און אין די פאַרנאַכטן האָט אים אַ ווינטל געקילט. געלעגן איז ער מיט אָפענע אויגן, מיטן פּנים צו די וויטע, בלאָע הייכן. ביי נאַכט האָט ער געזוכט זיין שטערן אויפן גרויסן ליכטיקן הימלגעוועלב און ער האָט אים ניט געפונען. אפשר וואָגלט קוניעס שטערן ביי די הימלראַנדן אָדער זיין אָרעם ליכט צאַפּלט צווישן די פאַרברענטע קוסטעס?

קוניע איז מער ניט געגאַנגען צו די אַזורער פעלדער. ער האָט געבענקט נאָכן איילבערט־וועלדל, געוואָלט פילן דעם קילן זילבערהויך פון זיינע צווייגן. עפּעס פון אַן איילבערטשטאָם האָט זיך פאַרפלאָכטן אין זיין גוף. ער האָט געפילט ווי זיינע אָדערן גיסן זיך אָן מיט ביימערישער קראַפט. מיט אַן אויפגעוואַכטן כּוח האָט ער גענומען באַאַרבעטן זיין גאָרטן. ער האָט באַלעבט דעם פּרדס מיט וואַסערשטראָמען, אַרומגעשניטן די טרוקענע צווייגן, אויסגעריסן די דערנער, דורכגעקליבן יעדער רידל ערד פון אַלערליי פאַרבאָרגענע זריעה־קרייטעכצער און סם־גראָזן.

ווען דער יורה איז אויסגעפאַלן האָט שוין אַן איידעלע גרינקייט פאַרדעקט דעם פּרדס און דעם גאָרטן.

## 11

נאָך סלאָוועס אַוועקגיין איז גמליאלס ניגון געוואָרן אָפּגעהאַקטער, טרויעריקער, ווי עפּעס אַ פאַרשטיקטע העשעריי וואָלט זיך געריסן פון זיין קעל. און געזונגען האָט ער אַלץ דאָס ליד פון מידבר־דאָרן און שיינעם פויגל. אפשר איז דער אַלטער יידישער ניגון געווען דער זעלביקער ווי פריער, נאָר אין קוניעס באַטריבט האַרץ האָט ער אַנדערש אָפּגעקלינגען.

אין די פאַרנאַכטן איז גמליאל געקומען מיט זיין טאָכטער צו קוניעס שוועל, געבראַכט מתּנות פאַר ווערפקען, און שווייגנדיקע זענען זיי לאַנג־

לאַנג דאָרט געזעסן ביז די שטערן זענען אויפגעגאַנגען מיט אַ גרינער ליכטיקייט.

גמליאל האָט דרך־ארץ באַקומען פאַרן שכן, פאַר זײַן פלײַסיקייט, פאַר זײַן שטילקייט, פאַר זײַן ליבע צום פעלד און בוים.

אין די לעצטע האַרבסטטעג האָט קוניע דערזען דעם נאַקעטן ווײַנשטאָק צווישן די קאַקטוסן. ער איז אַלץ נאָך געהאַנגען ווי אַ געקרייציקטער אויף די שטעכלקעס וואָס האָבן זיך אין דער רעגנצייט געמערט; די סאַברעבלעטער זענען געוואָרן אָפענערע און אַנטפּלעקט זייערע שטעכיקע פלאַכן.

לאַנג האָט קוניע געגראָבן מיטן רידל אַרום די וואָרצלען. די אַנגעהויפטע פייכטלעכע ערד מיטן ברוינעם אָפּפאַל האָט ניט געלאָזן אײַנשניידן זיך דעם רידל אין איר ערדישער אינגעווייד. די וואָרצלען פון ווײַנשטאָק זענען געווען אַרומגעפלאָכטן און אײַנגעפאַלן און פון די אויפגעריסענע סאַברעבלעטער האָט געטריפט אַ געל־גרינע פליסיקייט ווי שלאַנגענבלוט.

דעם ווײַנשטאָק האָט קוניע איבערגעפלאַנצט אין מיט פון הייפל, אויסגעבעט די ערד אַרום שוואַכן שטאַם און אים אונטערגעשפּאַרט מיט פּאַדפּאָרעס.

אין די ווינטער־פאַרנאַכטן איז זהבה אָפט שטיין געבליבן ביים גדר און גערופן קוניען. זי האָט געבראַכט שיינע מתנות פאַר וועלפקען. דאָס קינד האָט שוין געוווּסט ווען דאָס שמאָלע שוואַרצאויגיקע מיידל וועט קומען, ער האָט געוואַרט ביים פאַרקראַטעוועטן פענצטער אויף איר דיניקן קולכל און זיך אײַנגעקוקט אינעם ליכטיקן זאַמד פון וועגל.

זהבה איז לאַנג געשטאַנען לעבן קוניעס הייפל, זי האָט געקוקט אויף דער שפּע פון גרינס, געקוקט דורך די ווײַעס אויף קוניען. ער האָט געשפּירט, אַז עפּעס אַ פאַרבאָרגעניש טראָגט זי אין זיך, אַ סוד פון דער גרויסער שטאָט.

און די פאַרבאָרגעניש האָט אַנטפּלעקט פאַר קוניען דער שכן גמליאל. ערגעץ אין די ווײַטע גאַסן פון דער שטאָט תל־אביב, אין די שיינע הייזער ביים ים וווינט סלאָווע מיט איר נייעם מאַן. זי וווינט אין ליכטיקע חדרים, מיט טייערן מעבל, מיט שפּיגלען און טעפּעכער, און זהבה איז איר דינסט.

אַלע מתנות וואָס זײַן טאָכטער ברענגט פאַרן קינד זענען פון סלאָווען.

קוניע האָט געשוויגן. דעם תימנערס ווייַנענדיקע רייד זענען געבליבן הענגען אין גריַנעם חלל. ער האָט פון זיין האַלדז אַרויסגעבראַכט משונהדיקע טרייסטווערטער מיט אַ ניגון וואָס האָט אין קוניען געגומען אויפטויכן פון די פריסטע ייִנגל־יאָרן. דערנאָך האָבן זיך דעם תימנערס רייד אַ קייקל געטאָן ווי פּאַלנדיקע שווערע טראָפּנס אויף אויסגעטריקנטע בלעטער ביי אַ רעגן־אָנהייב. קוניע האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען פון די רייד, נאָר געפילט האָט ער אויף זיך צוויי גוטע הענט וואָס האָבן מיט ציטערנדיקע פינגער באַרירט זיין ברוסט, געגלעט זיינע אַקסלען און לאַנג־לאַנג גערוט אויף זיין פּלייצע. דעם שכנס הענט האָבן אים אַ היילונג געטראָגן.

## 12

סלאַווע איז ניט איינגעזעסן אין אירע חדרים נאָר געשפּאַצירט איבער די זוניקע גאַסן, פאַרבראַכט אין די רוישיקע און איבערגעפּולטע קאַפעען און ערשט אין די מיטאָג־שעהען געקומען אַהיים אַ צעפּלאַמטע. איר מאַן איז שטענדיק געווען פאַרטאָן אין מיסחר. זי האָט ניט געוואָלט בלייבן אַליין מיט זיך. אַ שגעונדיקער אומרו האָט איר געיאָגט און געטריבן. אָט האָט זי געזען פאַר זיך איר ווייַנענדיק קינד, און אָט איז קוניעס שאָטן אַריינגעשווומען דורך די ברייטע גלעזערנע טירן און זיך באַזעצט מיט רוגזה אויבנאָן. אָפט האָט זי אין ים־ווינטל דערפילט דעם ריח פון זומפּן... און מער ווי אַלץ האָט זי באַאומרויִקט דער אויסגעפּייניקטער ווייַנשטאָק, דער שטאַרבנדיקער. זי האָט געזען אין די חלומות ווי בייזע ווינטן שליידערן אים פון איין גדר צום צווייטן, און געציטערט האָט זי פאַרן גורל פונעם לעצטן בלעטעלע וואָס איז נאָך געבליבן אין שפּיץ פון אַ דין צווייגעלע, ווי דער איינציקער צייכן פון אַ נאָך ניט־אויסגעגאַנגען לעבן.

זהבהס גרוסן האָבן סלאַוועס נאָך אומרויִקער געמאַכט. זי האָט מיט פאַרדאַכט און אומגלויבן זיך צוגעהערט צו אירע רייד.

— הוא איש טוב, — האָבן דער מידבר־מיידלס ליפּן געשטאַמלט, און אַנגסטן האָבן באַשלאָגן איר טונקלהויטיק פּנים. אַ שעמעוודיקע גוטס־קייט האָט אַרויסגעשיינט פון אירע אויגן.

אָפט איז סלאַווע באַפאַלן אַ ווילדע אייפערזוכט צו זהבהן. זי האָט

באַהאַלטענערהייט נאָכגעפאָרשט אירע באַוועגונגען, איר בליק. זי וועט ווערן די מאַמע פון איר וואַלדקינד, זי וועט אים שלאָפן לייגן, זי וועט צו אים זינגען מידבר־לידער.

זי האָט זהבהן געשטעלט די משונהדיקסטע שאלות, געפרעגט צי גמליאל קומט אויך צו קוניען, און וועגן וואָס זיי ריידן, ווי עס זעט אויס אין הויף, — און דאָס שמאָלפּנימדיקע, קליינוווקסיקע, שוואַרצע מיידל האָט מיט אַן עקשנותדיק דין קולעכל אויסגעשריען:

— הוא איש טוב... קוניע...

סלאַווע האָט זי געוואָלט פאַרטרייבן, זאָל דער טונקעלער שד מער אירע שוועלן ניט איבערטרעטן. אפשר האָט סלאַווע אין די שגעונדיקסטע רגעס אַרויסגעלייענט פון זהבהס האַרץ טיף פאַרבאָרגענע מיינען וואָס זענען זהבהן אַליין געווען אומבאַקאַנט און נאָך געלעגן פאַרשלאָסן אין אירע נשמה־טיפענישן?

ווען עס איז געקומען דער צווייטער פרילינג פון קוניעס באַזעצן זיך אינעם אַראַבישן דאָרף, און דער איבערגעפלאַנצטער וויינשטאָק האָט געעפנט זיינע צאַרטע ווייַנטרויבבלעטער מיט אָנזאָג אויף פולע טרויבנ־שטענגלעך, האָט גמליאל אַריינגעפירט זהבהן אין קוניעס הויז און זי איז אים געוואָרן פאַר אַ ווייב.

*

הויך זענען די סיקאַמאָרן, זייערע שפיצן רירן אָן די שטערן און אָן אייביק קיל ווינטל דערציילט דאָרט מעשיות פון די קעמלוועגן און זייערע וואַנדערער. די שיקמה־קלייבערס, די גראָ געקליידטע קלוגע אַלטע לייט האָבן די מעשיות צעטראָגן איבער שטעט און דערפער, וואָרעם זיי האָבן פאַרשטאַנען דעם מיין פון די ווינטלעך אין די אַלטע צווייגן.

איצט איז דאָ שטיל. די צעשניטענע קעמלוועגן האָבן אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. די נאַכטסאָווע און דער אומבאַקאַנטער פויגל פון האַלבנאַכט וועלן אָפּגעפינען סלאַוועס באַרוועסע טריט, דער ווינט וועט אַוועקטראָגן גמליאלס ניגון, און די בלאָע קרישטאָל־ריינע הימלען וועלן אָפּשפּיגלען ווייט־ווייט, העט איבער די הרי יהודה, די גרינע רחבות פון קוניעס וויינשטאָק.

# דאָס הויז צווישן דערנער

סאַנטאַ האָט לאַנג גערעדט. איצט איז שוין אַוודאי האַלבע נאַכט. דאָס קליינע נאַפּט־לעמפּל צאַנקט. די שאָטנס שיילן זיך אָפּ פון די ווענט און נייגן זיך איבער איר בעט. דאָס פלעמל גליטשט זיך אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע. ווידער זענען די ווענט מיט שאָטנס.

פון וואַנען נעמען זיך אַזוי פיל שאָטנס אויף די אָרעמע ווענט פון דעם קליינעם הויז צווישן די קאַקטוסן?

דאָס גאָרטן־טירל סקריפּעט ווי עמעצער וואָלט זיך אויפן טירל געוויגט הין און צוריק. איז דאָס דער ווינט? יאָ, דאָס איז דער ווינט, אַ מיטן־נאַכטיקער ווינט, וואָס קומט פון הרי־יהודה. ער טרייבט די מידע וואָלקנס צום ים. דאָרט וועלן זיי זיך אויסרוען אויף די כוואַליעס. די בערג זענען נאָענט, זיי הייבן זיך אויף צו די הימלען און לאָזן נאָך זיך שוואַרצע פלאַכן.

באָריס האָט זיך אויפגעזעצט.

סאַנטאַ רעדט עפּעס. ער דערקענט דאָס לויט די באַוועגונגען פון אירע ליפּן. דאָס פלעמל פאַלט אויף איר פּנים. פאַרשלאָסענע אויגן. די שוואַרצע וויִעס טונקלען אומהיימלעך. די קורצע נאָז די פאַרריסענע מיט דינע נאָזלעפלעך איז ווי פאַרמירמלט. סאַנטאַ איז לאָקנדיק און גלייכצייטיק אָפּשטויסנדיק. עס ווייעט פון איר אַ יענעוועלטיקע קעלטקייט. נאָר פון דעם ברייטן מויל מיט די פולע ליפּן שלאָגט אַ וואַרעמקייט. אַזאַ פייכטע וואַרעמקייט וואָס מאַכט האַסטיקער וויגן די שלייפן. אין איר פּנים איז בולט דאָס געמיש פון לעבן און טויט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן: ער האַלט אין זיינע הענט צוויי פעדעם. איין פאָדעם פול מיט עלעקטריציטעט און דער צווייטער ציט זיך פון אַ תהום. זי רעדט נאָך אַלץ. די רייד אירע דערגייען נישט צו אים ווייל ער ווייל זיי נישט הערן.

אומזין און זין, שיכּרות און ניכטערקייט. אין האַלב־שלאָף און האַלב־וואַכיקייט זעט ער ווי צוויי פלינקע הירשן לויפן בייגאַנד אויף די שמאָל־געשלענגלטע שטיין־שטעגלעך אין די בערג. זיי מיידן זיך אויס און באַגעגענען זיך אויף די געפערלעכסטע באַרג־אַראָפּהאַנגען און אָפּגרונטן. איין מאָל באַווייזט זיך דער הירש מיט דער סאַמעטענער פעל און בלאָע אויגן און פלוצעם לויפט אָן דער צווייטער הירש מיט די פלאַקערנדיקע הערנער מיט די בלוט־פאַרלאָפענע אויגן, מיט דער ברענענדיקער פעל. און זי, סאַנטאַ, וואָס איז די באַרג־קעניגין און הערשערין פון דער דאָזיקער טרויעריקער נאַכט ליגט נעבן אים אומבאַוועגלעך און פאַרלאָשן. ניין, זי איז נישט פאַרלאָשן! די שלייף־אָדערן אירע זענען געשפּאַנט! זי איז פאַרטייעט! זי לויערט אין איר כּלומרשטער אָנמאַכט אַזוי ווי די נאַכט־קאַץ צווישן די קאַקטוסן: באַלד וועט זי אַ שפּרונג־טאָן. די פאַלמע רוישט אַזוי ווי מען וואָלט געטראָטן אויף פאַרטריקנטע צווייגן. זיי ברעכן זיך, שאָרכן, קנאַקן. דווקא איצט אין רעגנדיקן ווינטער אַזאַ געסקריפּ פון טריקעניש, אַזאַ קלאַפּעריי ווי פון טויטע ביינער. דאָס זענען די אונטערשטע פאַלמע־בלעטער, די פאַרטריקנטע. מאָרגן וועט ער זיי אָפּשניידן. ער וועט לאָזן די גרין־צעשפּרייטע פעכערבלעטער. זיי שאָרכן נישט אַזוי אומהיימלעך, די גרינע בלעטער, זיי וויגן זיך מילד. און אפשר וויגט זיך גאָרנישט דאָס גאָרטן־טירל, נישט עס שאָרכן די פאַלמע־בלעטער און די בויגנדיקע שאָטנס איבער דעם בעט זענען נישט קיין שאָטנס. דאָס איז אַלץ אויסדאַכטעניש. ער איז אויך נישטאָ. דאָס אַלץ איז אַ חלום.

ער האָט אַראָפּגעשטעלט די פיס אויף דעם דיל. די קעלט פון די שטיינער האָט אים וואַך געמאַכט. אַ ציטער איז אים דורך פון די פינגער־שפּיצן ביז די שלייפן. איצט הערט ער איר קול. די שאָטנס אַרום די אויגן אירע זענען גרעסער געוואָרן. זי האָט זיי פאַמעלעך געעפנט. אַ ווינט איז דורכגעלאָפן אין צימער. דער ווינט איז געקומען פון דער נידער און צעוויגט דעם שווערן פאָרהאַנג ביי דער טיר. אין דער זעלבער רגע האָט זיך אָפּגעריסן אַ לאָדן ביים פענצטער און טויב אַ קלאַפּ־געטאָן. דערנאָך האָט זיך עפּעס אַוועקגעקיילט, אַזוי ווי אַ דונער וואָס קומט פון ווייט, פון יענער זייט בערג און פאַרגייט פאַמעלעך ביז עס ווערט איינס

מיטן עכאָ. און אַז דער עכאָ איז אויסגעגאַנגען האָט אַ הונט אָנגעהויבן בילן.

— דו האָסט דאָס געוואָלט. דו. הערסטו דאָס אַלץ? זענען דיינע אויערן טויב? מען גייט. באַלד וועט זיך די טיר צעפּראַלן, איך הער טריט.

איצט האָט באָריס דערפילט ווי זיין גלייכגילט און פיינטשאַפט וויגן זיך אויף צוויי שווערע וואָגשאָלן.

סאַנטאַ האָט אַ ציַ־געטאָן די קאָלדרע צו זיך און געקרייצט די הענט. די שאָטנס פון איר פּנים זענען צעריסן געוואָרן. די שוואַרצאַפּלען זענען נעלם געוואָרן. איצט האָט זי אויגן פון אַ מירמלנעם קאָפּ. אירע ליפּן באַוועגן זיך:

— עפן נישט די טיר. רוף הילף! הערסטו דאָס געוויין פון איינזאַמען הונט? ער שפּירט דעם אומגליק וואָס דערנענטערט זיך. ער איז פילבאַרער ווי דו. פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרפירט אין דער ווילדעניש? הער זיך צו צו די טריט... זיי רינגלען מיך אַרום... דער קרייז ווערט ענגער און ענגער... עס איז נישטאָ קיין אַנטרינונג...

אירע ליפּן זענען פייכט. דאָס אַלץ וואָס איז אָפּגענומען געוואָרן פון אירע אויגן, פון דעם טרויעריקן, פאַרשאָטנטן פּנים, איז ווי אַוועקגעגעבן געוואָרן די ליפּן.

דאָס נאָפט־לעמפּל לעשט זיך. די ווענט האָבן שוין מער נישט קיין שאָטנס. זיי האָבן שוין אָפּגעשיילט אַלע שאָטנס פון זיך. איצט שטייען זיי גרויע, נאַקעטע.

— באָריס. באָר... — שעפּטשעט זי — מיין באָר...

דער מירמל דערוואַכט. זי איז נאָענט, אַזוי נאָענט ווי דער פּחד פון דער טרויעריקער נאַכט, ווי דער טויטער בלענד פון די פּוסטע אויגן־לעכער אירע, ווי דאָס קאַלטע פייערל פון שגעון.

ער בייגט זיך איבער איר ווי אַ וואָלקן איבער אַ שווימענדיקער טונקעלער ים־כוואַליע. אַ שווערער וואָלקן וואָס נידערט און נידערט צום ים. ער וועט מיט זיין וואָלקנדיקן גוף פאַרוויגן די צעשטורעמטע וואַסערן, וואָס שלאָגן אָן די גרין־שימלדיקע שטיין־פעלדזן. ער וועט זי איינבעמען מיט זיין שטילקייט, ער וועט זי איינבעמען מיט אַ געדיכטער, נעפּלדיקער פינצטערניש. זי וועט נישט זען דאָס פייער פון הימל, נישט דעם געלויף

פון זיגזאַגישע בליצן איבער אויפגעריסענע אָפּגרונטן, זי וועט נישט הערן דאָס געקייקל פון דונערן — זי וועט נאָר אָפּפילן דעם אָטעם פון עפּעס שווערס, וואַרעמס און דערנאָך וועט קומען יענע מעכטיקע, געזעטיקטע שטילקייט — די שטילקייט פון אויפגעאַקערטער שוואַרצערד אַנטקעגן דעם ליכט פון דער פולער לבנה.

דאָס איז נישט געווען באַריסעס אויסבראָך פון ליבשאַפט צו איר. דאָס איז גיכער געגליכען געווען צו דער ווילדער תאווה פון ווינט, ווען ער בושעוועט אין די פאַרהוילענעביימער־קרוינען פון אומהיימלעכע וועלדער.

פאַרטאָג. אַ לעצטער שאַקאַלן־געוויין. שאָטנס צווישן די ביימער. דער טייוולסהאָר זילבערט זיך. די וואָלקנס שווימען צו די יהודה־בערג. זיי זענען לייכט ווי דער זיידגעוועב. די הרי־יהודה וואַרטן שוין. יעדער באַרגשפּיץ, יעדער פעלדז וועט אָפּזוכן זיין וואָלקן.

פון וואַנען אַזוי פיל זילבער אין די איילבערט־קרוינען? אַזאַ טרויעריקע זילבערשיין. די קאַקטוסן זענען געזעטיקטע. די בלאַט־פלאַכן — פולע, זאַפטיקע. ביינאַכט איז זייער אָפּשאָטן געפאַלן אויף די ווענט פון קליינעם הייזל. עס האָט אויסגעזען ווי טויזנט קעפּ וואָלטן אין מיט פון אַ טאַנץ פאַרגליווערט געוואָרן. איצט איז אַלץ מילד. אַפילו דאָס זאַמדוועגל איז אַזוי יום־טובדיק, אַזוי ניי. דער ווינט האָט פאַרווייעט די נאַכטיקע שפּורן. געבליבען זענען נאָר ביי די ראַנדן דראָבנע פייגלטריט, קוים מערקבאַרע, אַזוי ווי נאָדלשטעך אויף אַ ליכטיקן געוואַנט. דער פרימאָרגן־ נעפּל האָט דאָרט געלאָזן טוי־טראָפּנס. פינקלען זיי אין דעם פאַרטאָג. עס זעט אויס ווי עמעצער וואָלט אין דער נאַכט פאַרלאָרן אַ זילבערנעם האַלדזבאַנד.

דאָס אַלטע קעמל־וועגל איז פון ביידע זייטן באַזעצט מיט אַ קאַקטוס־צוים. איצט איז עס אָפּן פאַרן אַנקומענדיקן טאָג. אויף זיין זאַמד וועט פאַרצייכנט ווערן מיט זאַמד־העראָגליפן די געשיכטע פון אַ נייעם, גאָט־געשענקטן טאָג, ביז עס וועט קומען די האַלבע נאַכט און מיט דעם אומרויִקן ווינט אַלץ פאַרווישן.

עמעצער גייט אויפן וועגל און רעדט ווי צו זיך אַליין. דאָס איז די שכנטע אסתר. זי האָט שוין אויסגעמיטן דעם סיקאָמאָר־בוים. דאָס טירל

וויגט זיך — אַ סימן אַז זי איז שוין אין הויף. איר קול איז איילּיק, אומגעדולדיק:

— וואָס שלאָפט איר אַזוי לאַנג אין טאָג אַריין? האָ, שכנטע, האָ? איר הערט? אַ גוט־מאָרגן אייך. איך בין אַ האַלבע נאַכט נישט געשלאָפן. איר הערט? אוי־ווי מיר נישט געשען...

די טיר האָט זיך האַסטיק צעעפנט און סאַנטאַ איז געבליבן שטיין. די צעריסענע שאָטנס פון דער נאַכט זענען נאָך מערער צעפיצלט געוואָרן אויף איר פנים. זי האָט געקוקט אויף דער שכנטע ווי דורך אַ געדיכטער נעץ און געשוויגן.

— וואָס איז מיט אייך? איר זענט קראַנק, סאַנטאַ? עפּעס אַזאַ געל פנים...

אסתּר האָט פאַרלייגט ביידע הענט אויף די זייטן. אירע קליינע צונויפגעזעצטע אויגן האָבן געשפּיזלט ווי די קאַקטוס־שטעכערס. — אייך אַרט גאָרנישט. אָפּגעשלאָפן די נאַכט און גאָרנישט געהערט?... אוי, ווי איך בין אייך מקנא... אוי־ווי מיר נישט געשען...

— וואָס איז געשען, אסתּר? — האָט באָריס געפרעגט.

זי איז צוגעקומען נענטער מיט אַ פאַרטרוילעכן וויגנדיקן גאַנג.

— מען האָט עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן. איך האָב געמיינט אַז עס איז לעבן אייערע פענצטער. דערנאָך האָב איך געהערט וויינען, אַ פּרוויש געוויין. מיין לעאָן האָט געוואָלט אַרויסגיין אַ קוק־טאָן. איך האָב פאַרבראָכן די הענט און געזאָגט צו אים: שוין שטאַרב איך, די רגע, אויב דו וועסט אַריבערגיין פון דער שוועל. דערנאָך זענען מיר ביידע געשטאַנען אין די נאַכט־העמדער ביים פענצטערל און געזען שאָטנס... זיי זענען געלאָפן צו אייער שטוב... דערנאָך האָב איך געזען ווי אַ ווייסער זייל האָט אַרומגע־שפּאַצירט הין־און־צוריק...

אירע אויגן זענען פאַמעלעך גרעסער געוואָרן. זי האָט זיך געוויגט צום ריטעם פון דעם אינעווייניקסטן נאָך נישט אויסגעוויינטן געוויין.

באָריס האָט געקוקט אויף ביידע פרויען.

סאַנטאַ איז שלאַנק, דאָס פנים לענגלעך. קענסט קיין מאָל נישט אַריינקוקן אין דעם פנים. האָסט תּמיד דאָס געפיל אַז אַ שלייער טיילט דיך אָפּ, אַזוי ווי אַ נעפל וואָלט זי פאַרהילט. און דאָס האָט אים דווקא געלאָקט.

ער האָט יעדעס מאָל עפּעס אַנדערש געזען פון אונטער דעם נעפּל און דערנאָך איז עס צערונען געוואָרן. ער האָט קיין מאָל נישט געדענקט איר פּנים. נאָר די שאָטנס האָט ער ביז ווייטיק געקענט: די שאָטנס פון אירע אויגן, די אומרויִקע און פאַרטרערטע וויִעס.

אסתּר איז קליין, וויגנדיק, מיט קורצע הענט באַוועגלעכע. פון איר גאַנצן געשטעל טראָגט זיך אַזאַ אויפגעבונדענע, נישט־געצוימטע קראַפט אַזוי ווי פון אַ בעל־חי וואָס האָט זיך שוין באַלד אין גאַנצן באַפרייט פון צעריסענעם געשפּאַן. באַריסן דאַכט זיך אַז די שכנטע אסתּר וועט אויסברעכן מיט עפּעס. ער ווייס נישט אויב דאָס וועט זיין אַ געלעכטער וואָס מאַכט ציטערן די שלייפן, אָדער דאָס וועט זיין אַ כליפּעריי. סאַנטאַ איז אַ שווייגערין. זי איז פאַרשלאָסן. נאָר אין די נעכט רעדט זי. ס'איז דאָ זין אין אירע רייד, אַפילו אין די אומזיניקע. זיי האָבן אַן אָנהאַלט.

— אייך איז גוט. איך בין מקנא. עס איז אַזוי שטיל ביי אייך... מיין לעאָן איז שוין אַוועק צו דער אַרבעט און עס איז נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. אַזאַ וויסטע נאַכט... צו אַלע מיינע שונאים... עס ווילט זיך מיר שרייען...

באַריס האָט זיך צוריקגעצויגן אין צימער אַריין. ער האָט מורא פאַרן נישט געשריגענעם געשריי פון דער שכנטע אסתּר.

די קאַץ, וואָס האָט די גאַנצע נאַכט געלויערט אין די קוסטעס, איז איצט צוגעקומען ביז דעם שטיינערנעם פּלויט. זי טרויט זיך אַלץ נישט אַריינצוגיין אין הויף. שוין חדשים לאַנג ווי זי באַווייזט זיך יעדן טאָג ביים צוים. זי דערקענט נישט די אַלטע תּושבים. זיי זענען נעלם געוואָרן, די אַראַבער פון דעם הויף, פון קעמלוועג, פון דעם דאָרף. צו די נייע תּושבים האָט זי זיך נאָך נישט צוגעוווינט. נישט זי קאָן אַוועק פון הויף און נישט זי קאָן זיך צו אים דערנענטערן און ווערן ווידער פאַרהיימישט.

גרינע קאַץ־אויגן; גרויסע, פייכטע, מיט אַ פייערפונק אַ דימענט־גרינעם קוקן אויף סאַנטאַן. עמעצער דאַרף ווייבען! עמעצער מוז איצט ווייבען!

איך וועל אויסברעכן אין אַ געוויין, טראַכט באַריס. אַ, גאָט, וואָס איז מיט מיר?

די קאַץ לויערט. ביידע ווייבער קוקן זיך אָן: עס האָבן זיך באַגעגנט

שרעק מיט שרעק, שגעון מיט שגעון. עפּעס וועט געשען! עפּעס וועט געשען! ער דריקט די פויסטן. ער בייסט די ליפּן. דאָס געשריי לויפט אין אים אַרום.

אויפן קאַקטוס־צוים האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ גרויסער מיאוסער פויגל. ער פּאַטשט מיט די פליגל צווישן די שטעכערס, און אַזוי, נישט אַוועקזעצנדיק זיך, שוועבנדיק איבער דער איבערגערייפטער רויטער קאַקטוס־פרוכט, פּיקט ער אויף דאָס אָנגעפּוילטע הייטל און שלעפּט פון פון דאָרטן מיטן שנאָבל דאָס רויטע פליש פון סאַבּרעס. דער קאַצס אויגן האָבן איצט אַ רויטן אָפּשיין.

באָריס האָט זיך אַ ריס־געטאָן פון דער שוועל און געוואָרפן אַ שטיין. די קאַץ איז אָפּגעשפּרונגען מיט אימפּעט. דער פויגל האָט זיך אויפגעהויבן און איז נעלם געוואָרן. די שכנטע אסתּר איז אויסגעבראָכן אין אַ וויסטיק אומהיימלעכן געלעכטער. זי האָט געפּאַטשט איין האַנט אָן דער אַנדערער און פאַרגאַנגען זיך אין אַ קייכן. דאָס איז געווען אַ געלעכטער וואָס האָט געמאַכט פרירן די געבליטן.

ער קאָן מער נישט הערן דאָס געלעכטער אין דעם וויסטן קעמלוועג. זאָל עס אויפהערן!

באָריס שאַרט זיך ביים צוים. ער איז שוין ביים טירל. ער וועט אַוועק. אין שכנישן הויז וויינט אַ קינד. אסתּר איז מיט אַ מאָל שטיל געוואָרן. ער הערט אירע אייליקע טריט. זי לויפט לעבן אים פאַרביי.

— דאָס וויינט מיין מיידעלע און איך שטיי דאָ און לאַך... אוי ווי איז מיר...

ער גייט לענגאויס דעם קאַקטוס־צוים און פאַרקערוועט אויף רעכטס, צו דער אַלטער ברונעם. וואָס טוט ער דאָ אין דעם פרימאָרגן?

די טיפעניש פון דער ברונעם לאָקט אים. די שטיינער זענען פאַרוואַקסן מיט אַ ברוינעם גליטשיקן מאָך, מיט ווילד־שוואָמען. גליטשיקע שטיינווענט. דאָס ליכט וואָס פאַלט אויף זיי קומט פון אונטן, פון דעם קיילעכדיקן ברונעם־אויג. ער בייגט זיך איין און וויל אַריינשרייען אין דער טיפעניש אַריין, אַריינוויינען. זיין האַנט שוועבט אין חלל און ער פאַרלירט דעם גלייכוואָג.

וואָס איז מיט מיר?

זיינע אויגן לאַכן. ער וויל אויך לאַכן מיטן מויל. עס קומט אָבער אַרויס אַן אויסקרימעניש. ער זעט די קרומקייט אין ברונעם־שפּיגל, אויף די שטיינער.

סאַנטאַ האָט שוין געגרייט דעם פרישטיק. אַ בלייכער ליכטשטרייף שפּילט זיך אויף איר פּנים.

ער וויל איר זאָגן גוטע, מילדע רייד. ער קאָן דאָס אָבער נישט. נאָר זיינע ציטערנדיקע פינגער באַרירן אירע הענט.

באָריס איז נישט אַוועק דעם טאָג צו דער אַרבעט. אין געסל איז שטיל. דאָס פּאַראַיאַריקע ווילדגראָז זילבערט זיך. די שפּיצן פון די פּאַרטריקנטע מאַראַנצן־ביימער זענען באַדעקט מיט שנעקעס. אין די שפּאַלטן פון די קרישל־שטיינער טונקלט זיך דער טוי. ביים אַלטן מעטשעט שטייען עטלעכע אייזלען. פון די ריצן אין די מעטשעט־ווענט שפּראָצן פרישע גראָזן. שטיין־ווענלעך וויקלען זיך אַרום מעטשעט און פירן צו בלינדע, געל־ליימיקע ווענט; טויבע, צעקרימטע, איינגעפאַלענע, מיט אַרויסגע־זעצטע בייכער, מיט קליינע שאַרף־בלאָע טירלעך, מיט פענצטערלעך וואָס האָבן אַמאָל געהאַט אַ ראָזע פּאַרב. וווידער ווענט. זיי וויקלען זיך באַרג־אַרויף, זיי קניִען פאַר די תּות־ביימער און רוען צעשאָטענע אויף פעלדזן־שטיין. די ערד איז באַדעקט מיט קורקאַר, מיט אַ ברוין־ליימיק צעפּאַקטן שטיין, צווישן וועלכע עס סטערטשען דערנער. ער איז אַריין אין דעם לאַבירינט פון די ליים־געסלעך, אין די הייף, אין די ליקלעך און עס איז אים אויסטערליש גוט געוווען. אָט אָ די פרעמדקייט, דער לאָקנדיקער פּחד, דער ריח פון פוילעניש, פון פאַרלאָזנקייט, פון איינזאַמקייט האָט אַזוי געפּאַסט צו די פאַרבן פון פאַרוויסטן און פאַרלאָזענעם אַראַבישן דאָרף.

נאָך וואָס פּלאָנטער איך זיך אַרום אין דעם דאָרף?

ער האָט געוואָלט אַוועק פון דאַנען, איבערלאָזן דאָס הויז און גיין אין שטאָט אַריין. ער האָט דאָס נישט איין מאָל באַשלאָסן צוזאַמען מיט סאַנטאַן און דאָך האָט אים עפּעס אָפּגעהאַלטן. עס איז שוין פאַרביי דער דריטער חודש זינט ער איז געקומען אַהער גלייך פון דער שיף. מען האָט אים געהייסן אויסקלייבן זיך אַ וווינונג, איז ער צוזאַמען מיט סאַנטאַן

אַרומגעגאַנגען איבער די געסלעך, אַריינגעקוקט אין הונדערטער הייף און געבליבן אין דעם זייטיקן זאַמדגעסל, אין דעם הויז צווישן די קאַקטוסן. דאָס איז געווען אין אַ נעפּלדיקן טאָג, נאָך דעם ווי עס איז אויסגעפאַלן דער יורה. סאַנטאַ איז געהאַנגען אויף זיין אָרעם. זיי זענען געגאַנגען איבער דעם פּוסטן דאָרף און צעפּראַלט שווערע טויערן. באַריסן האָט פאַרכאַפּט די רו פון פאַרלאָזנקייט. דאָ איז אַלץ אַזוי בראשיתדיק. דאָ וועל איך קענען מאָלן. איך וועל זיך אַנטפּלעקן אין דעם דאָרף. יעדער מענטש טראָגט אין זיין לעבן אַ חלום, אַמאָל איז עס אַ חלום וועגן ליכט פון בולוואַרן, געוויש פון גאַסן און ביי טייל מענטשן וועגן שטילן, נידעריקן, גרינעם פעלד ביי אַ קליין דאָרף־שטיבל. איך פיל אַזאַ גלייכגעוויכט אין זיך. זע, אָטאָ די שטיין־וועגן, די ליימענע ווענט, די שווערע טויערן. קוק זיך צו צום מעטשעט, צו דעם פאַרבנשפּיל פון ליים־ערד, זילבער־גראָזן, בלאָע קאַלכווענט, צום האַרטן פּאַלמע־גרין, צום ברוין פון פאַרלאָזנקייט און איבער דעם אַלעם — דאָס מילדע גוטע דורכזעעוודיקע בלאָ פון הימל.

זיי זענען געקומען אין לאַנד אַריין ווייל ביידע האָבן געוואָלט פון דעם נעכטן אַוועקגיין. דאָס דאָרף האָט זיי אַריינגעפירט אין אַן אומבאַקאַנטער וועלט. אַרבעט האָט ער באַקומען אין אַן אַרכיטעקטן־ביוראָ. כאָטש נישט קיין שטענדיקע אַרבעט, האָט ער דאָך פאַרדינט אויף זיין חיונה. דאָס דאָרף איז נישט ווייט פון שטאָט, אין גאַנצן אַ האַלבע שעה מיטן אויטאָ. די שטאָט האָט זיי צעטומלט, איבערגעשראָקן און מיד געמאַכט. סאַנטאַ האָט פאַרלאָרן איר זיכערקייט אין זיך. איר איז דאָרט אַלץ פרעמד געווען. אין די ערשטע טעג האָט זי זיך גוט געפילט אין דעם איינזאַמען הויז, דערנאָך האָט זי זיך אָנגעהויבן צו שרעקן. צו ערשט איז עס געווען צוליב דעם שאַקאַלן־געוויין, דערנאָך איז זי איבערגעוועקט געוואָרן אין די נעכט פון אַ פויגל־געשריי. עס האָבן זי געשראָקן די פלעדערמייז און אַלערליי נאַכטשאָטנס, מיט וועלכע עס איז פול געווען דאָס אַלטע אַראַבישע דאָרף. זי האָט מורא געהאַט פאַרבייצוגיין דעם טונקל־פאַרצווייגטן סיקאַמאָר. אַזאַ מעכטיקער בוים מיט אַזויפיל שאָטנס אין די צווייגן. דער פחד פון די פאַרגאַנגענע יאָרן אירע האָט זיך פאַרהוילן אין די פלעכט־קוסטעס און גרוילט פון דאָרט אַרויס אין די אימהדיקע נעכט. צוערשט האָט זי געלאַכט

פון אָטאָ די שוואַכקייטן אירע, דערנאָך האָט זי געשוויגן און איינגעהערט זיך אין יעדן שאָרך.

מען הערט טריט אין געסל. פון וואַנען קומען זיי? וווּהין גייען זיי? ערגעץ האָבן זיי זיך אָנגעהויבן די דאָזיקע טריט! זיי וועלן זיך דאָך אָפּשטעלן פאַר עמעצנס שוועלן. וואָס ברענגען זיי מיט זיך? רו אָדער אומרו?

סאַנטאַ האָט אים געוועקט פון שלאָף, געוועקט מיט פאַרדעמפּטע געשרייען ווי זיי וואָלטן געקומען פון טיפע ברונעמער.

איצט איז אים גוט, אין דעם געוויקל פון די געסעלעך. ער איז אַרויס אויף אַ פרייען שטח. די ליים־הייזעלך זענען זיך צעפאַלן פון דער טריקעניש, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַזש ביז נאָוועמבער. קיינער האָט נישט פאַרראַכטן די שפּאַלטן מיט פרישן ליים אויסגעמישט מיט קעמל־מיסט. און אַז עס זענען געקומען די ערשטע רעגנס, האָבן זיך צעשאָטן די ליימיקע דעכער. היימלאָזע הינט, וואָס האָבן שוין פון איינזאַמקייט פאַרגעסן צו בילן, וואָגלען ביי די צעשאָטענע ליים־בערגלעך. זיי טרויען זיך ניט אָן אַפילו דעם שאָטן פון אַ מענטש, נאָר די אייזלען וויינען אויס דאָס אַלטע געוויין, דאָס אייביקע פון פאַרלאָזנקייט און וויסטעניש.

פרעמדע מענטשן נישטערן אַרום אין דאָרף. זיי זענען פול אין די געסלעך, אין די הייף. אויסטערלישע מענטשן זענען דאָס, פון פאַרשיידענע לענדער זענען זיי געקומען, אויף פאַרשיידענע שפּראַכן ריידן זיי. ברייט־פּנימדיקע בולגאַרן, אומרויִק שאַרף־אויגיקע אונגאַרער, גוטמוטיקע תּימנער און פאַרשיידענע פאַרדעכטיקע פאַרשוינען מיט פּנימער ווי פון געהאַמערטן קופּער; געשטופּלטע, געמאַרשטשעטע, מיט שטעכיקע וואָנצעס, זיי נישטערן אַרום אין די הייף, זיי פּראַלן אויף די טויערן ווי באַלעבאַטים, זיי גייען זיכער אויף דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער ערד, ווי זיי וואָלטן דאָ געקענט יעדעס ווינקל.

— דאָ ווינט מען שוין. — האָט סאַנטאַ געזאָגט צו עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף דער שוועל פון איר שטוב.

איינער האָט אַ בליאַסק־געטאָן מיט די ציין און אין די אויגן האָבן זיך באַוויזן פייערן.

זי האָט געוואָלט שרייען. די מענטשן זענען אַוועק. זיי האָבן נישט

געמיינט איר שלעכטס טאָן.שפּעטער האָט זיך סאַנטאַ נישט געקאָנט שענקען פּאַר איר אומרו. דאָס נישט־אויסגעשריגענע געשריי איז געלעגן אויף אירע ליפּן. זי האָט עס געמוזט אויסשרייען. אַלץ איז געווען גרייט דערצו. איצט קאָן זי זיך נישט איינהאַלטן. זי וועט שרייען ווען זיי וועלן פאַרשווינדן פון זאַמדוועג. און מיט אַמאָל איז זי אויסגעבראָכן אין אַ געשריי און אין אַ געלעכטער. אַ האַלב מויל האָט געשריִען און אין דער זעלבער צייט האָט דאָס אנדערע האַלב מויל געלאָכט, ווי עס וואָלט געוואָלט פאַרדעקן די אומזיסטע שרעק. סאַנטאַ האָט געוואָלט זיך אַליין באַרויִקן דורך אַ שטילן ניגון וואָס זי האָט געצויגן, אַ ניגון אַ מאָנאָטאָנער ווי דער נאָכקלאַנג פון אַ באַריר אין אַ סטרונע.

טייל מאָל איז אַ פרעמדער שטיין־געבליבן אין מיטן קעמלוועגל און געקוקט צו די קליינע הייזער. ער האָט נישט געוווּסט צי ער זאָל גיין ווייטער אָדער צוריקגיין צום הויפּטוועג, דער פרעמדער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי רופן צו די מענטשן פון דעם געסל. דער צוגאַנג צו די שטיבער איז צווישן די סאַברע־קוסטעס, ביי בלינדע ווענט, פאַרריגלטע טירלעך — טאָ ווי אַזוי וועט ער רופן צו די מענטשן? איז ער געבליבן שטיין אין שאָטן פון סיקאַמאָר אַן אומבאַהאָלפענער און טרויעריקער, ביז עס האָט זיך אַרויסגעריסן פון פרעמדן אַ קול. דאָס איז געווען אַ רוף וואָס עס שרייט אַן איינזאַמער מענטש אין אַ וואַלד, אין אַ מידבר. און אין דעם רוף איז געווען אי געבעט, אי פּחד, אי קוראַזש און ווילן צו פאַרטרייבן די איינזאַמקייט, אי אַ האָפענונג, אַז עפּעס וועט זיך אָפּרופן אין גאָטס וועלט. אפשר וועט דאָס זיין אַ מענטש, אפשר אַ הונט אָדער אַ פויגל. נאָר קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן אין דעם זאַמדגעסל; נישט די קאַץ צווישן די קאַקטוסן, נישט דער הונט וואָס האָט פון איינזאַמקייט פאַרלאָרן דאָס הינטישע קול. קיינער נישט פון די געסל־תּושבים. נאָר סאַנטאַ האָט זיך אַ באָרוועסע צוגעשלייכט צום קליינעם פאַרקראַטעוועטן פענצטערל און פון הינטער דעם פאָרהאַנג געקוקט צו דעם סיקאַמאָר, ווי עס איז אַלץ געשטאַנען דער מידער פרעמדער מענטש.

אַ גאַנצן טאָג איז באָריס אַרומגעגאַנגען אין די וויקל־געסלעך, געגאַנגען אָן שום צוועק, אַרומגעקרייזט די ליים־חורבות און ווידער

אָנגעטראָפן די זעלבע שטיינשטעגלעך, וואָס ער האָט אויף זיי געטראָטן מיט אַ שעה צוריק. די מידקייט האָט אים פאַרטעמפּט און די טעמפּקייט — באַרויִקט. ער איז געגאַנגען מיט נאַכלאַזיקע טריט און גאָרנישט געטראַכט. ער האָט מער נישט געזען דעם זילבער־שימער פון די דערנער־קרוינען, נישט די גוטע הימלען די מילד־בלאָע. אַ טרויער, אַ וויסטער נישט־געאַנטער טרויער, האָט ווי אַ געדיכטער נעפּל אַ ליימיק־ברוינלעכער אים פאַרהילט. ער איז אַנטלאָפן פון ווייסן שרעק, וואָס האָט זיך געשפּרייט אַרום אים ערגעץ אויף די פאַרשנייטע רוסישע פעלדער די אומענדלעכע, אויף שניי־פליינען די הונגעריקע, די טויטע. ווייסער טויט אין פאַרשנייטע מלחמה־פעלדער. ווייסע מאַסקיר־כאַלאַטן, וואָס פאַרוואַנדלען מענטשן אין געשפּענסטער. דער טויט אויף אַ פאַרשנייט פעלד ווי די שניי־פלאַטערלעך פאַלן אויף דיינע ליפּן און צעגייען שוין נישט... און דערנאָך — דאָס וויסטע אַראַביש דאָרף — און די שרעק האָט דאָ אָנגענומען אַן אַנדער פאַרב, זי האָט די קאָליר פון ליימיקן ברוין: די ווענט, די שטיינער, די טרויעריקע ערד, די ליימיקע דילן, די טרוקענע צוויַיגן. אַן אויסגעלאָשענער ברוין — דאָס איז די פאַרב פון פאַרלאָזנקייט, פון פרעמדעניש, פון שרעק, וואָס פאַרטייעט זיך צווישן דעם ברוינעם געוויקסן־אָפּפאַל, צווישן די פלעכט־קוסטעס די פאַרטריקנטע, צווישן די שטאַמען די געקאַרבטע פון די פאַלמעס, פון די פוילנדיקע סיקאַמאָר־פּירות, אַרום וועלכע עס ראַיעט אַ כמאַרע ברוינע פליגן.

ביים מעטשעט האָט ער באַגעגנט עטלעכע שכנים.

עס איז שוין פאַרנאַכט. באַלד וועט מען צינדן די נאַפטלעמפּ. די אייזלען זענען שוין פאַרמאַכט אין די שטעלער. צוויי הינט זענען דורכגעלאָפן פאַרביי דער שטיינערנער קאַרעטע. זיי האָבן אַ לעק־געטאָן דעם טונקעלן שטיין.

עמעצער האָט געטייטלט צו די הרי־יהודה.

— דאָרט איז שוין יענע זייט...

מען האָט נישט געקאָנט וויסן צי דאָס איז אַ פראַגע אָדער סתם אַזאַ זאָג צו די אוונטיקע הימלען, צו די מעטשעט־שטיינער, און אפשר איז עס אַ ווילן איבערצורייסן דאָס שוויַיגן און פאַרפירן אַ שמועס. דער מענטש

וואָס האָט דאָס געזאָגט איז צוגעקומען נענטער און דערביי געווישט מיט אַ האַנט דעם שטערן.

— דאָרט איז די גרענעץ...

— אַזוי מיינט איר?

— עס איז דאָך ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען...

איינער, אַ הויכער מיט לאַנגע וויגנדיקע הענט, האָט צוגעגעבן:

— זיי זיצן אונדז אויפן קאַרק. יעדעס וועגל קענען זיי, די אַראַבער... אָט, פון יענע בערג זעט מען אַלץ וואָס עס טוט זיך ביי אונדז...

עס איז שטיל געוואָרן. עמעצער האָט איבערגעשטעלט די פיס און געזאָגט:

— אַ פאַרשוין האָט זיך היינט אַרומגעדרייט לעבן מיין הויף. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט אַז דאָס איז אַן אַראַבער...

— אַזוי גאָר? אַן אַראַבער?

— וואָס איז דער חידוש? זיי האָבן דאָך דאָ געלעבט.

— הע־הע... דאָ געלעבט... און אַז מיר האָבן ד אָ ר ט געלעבט?...

באָריס האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר אַ פּלוצעמדיקער שאַקאַל־געשריי פון וויסטן פּרדס האָט איפּגעריסן די שלייפן.

דער הויכער האָט גערעדט שטיל און פאַרהוילן:

— אויב דער פרעמדער איז געווען אַן אַראַבער איז די זאַך נישט כּתּם... ער האָט אַ פאַרמעגן פאַרגראָבן אין הויף בעתן אַנטלויפן. ער וועט ווידער קומען. קענסט זיי נישט... הע־הע... זיי ווייסן אַלץ וואָס עס טוט זיך דאָ... אוי, ווייסן זיי...

די מענטשן האָבן זיך געהילט אין די מאַנטלען, פאַרלייגט איין פאָלע אויף דער אַנדערער און געזוכט אין די אָוונטיקע הימלען די שטערן.

— איר האָט געהערט וואָס עס איז געשען אין רמלה? זיי זענען אַריין אין אַ יידישער שטוב און אַלעמען... דאָס האָט געטאָן דער אַמאָליקער איינוווינער פון אַראַבישן הויז... זיי זענען אַליין אַוועק, די אַראַבער... איצט קומען זיי אין די נעכט... יעדעס וועגל קענען זיי...

קיינער האָט גאָרנישט געזאָגט. מען איז אַוועק שווייגנדיקע.

פון די הויכע ליימצוימען פאַלט אַ שאָטן. דער שאָטן ברעכט זיך. איצט

פּילט באָריס אויף דעם גומען דעם טעם פון פּאַרלאָזנקייט, אַזאַ איבלדיק ביטערניש ווי פון שימלדיק ברויט.

דאָרט, אויף די מלחמה־פעלדער די ווייס־פּאַרשנייטע, איז דער פּחד געווען אַן אָפּענער ביז ווייטיק, ביז אויגן־בלענדעניש. דו האָסט געזען יעדעס פּינטל, דו האָסט געפילט די ריינקייט פון דער לופט, דעם זילבערדיק פּראָסטיקן הויך פון טויט. די הימלען זענען גוט געווען צו דיר. דו האָסט געקאָנט דעם פּחד אַנטקעגן־גיין פּנים־אל־פּנים, האָסט זיך מיט אים פּאַרמאָסטן ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן. דו האָסט דעם גורל געקוקט אין די קאַלטע פּראָסטיקע אויגן אַריין. דאָ איז אַלץ אַנדערש: שאָטנס, טריקעניש, טייוולס־האָר־קוסטעס, קאַקטוסן, פּאַרהוילענע שטעגן מיט פּאַרקראַמפּטע צווייגן און קריכגראָזן, סטייעס שאַקאַלן, וואָס אין די נעכט יאָמערן זיי ווי קינדער פּאַרבלאָנקעטע, ווי פרויען אומגליקלעכע, ווי זקנים שטאַרבנדיקע און ביי טאָג שלייכן זיך די שאַקאַלן אַרום ווי שאָטנס פון שדים. אין די נעכט שרעקן דיך די וויקל־געסלעך די פּאַרפּלאָנטערטע, די ליימהייזער די פּאַרוויסטע, די צווייגן פון טריקעניש צעשפּאָלטענע, צעקראַמפּטע, שטעכיקע ווי די אָדלער שפּאָנעס שאַרפע, און פון דעם שאָטן־לאַבירינט טיילט זיך אויס אַ געשפּענסט, ער גייט מיט קעציִשע טריט, ער שוועבט צווישן די נידעריקע וואָלקנס, ער שפּאַנט איבער די שטעכ־קוסטעס, ער בישטערט אין די אַלטע הייף, ער באַהאַלט זיך לעבן די סיקאַמאָרן. טייל מאָל בלייבט ער פּאַרגליווערט ווי אַ ציפּרעס אין מיטן די בוריאַן־פעלדער און זאַמלט אַרום זיך די שאַקאַלן און אַז זיי קומען זיך אַלע צונויף אין דער טרויעריקער נעפּלנאַכט, טוט ער אַ צייכן און ער טראָגט זיך מיט דער שאַקאַלן־סטאַיע צום האַלב־וויסטן דאָרף.

און אַז סאַנטאַ האָט דערהערט דעם שאַקאַלן־געוויין אין מיטן דער נאַכט, איז זי אויפגעשפּרונגען פון געלעגער. זי איז געלאָפן אַ באָרוועסע איבערן צימער און שטיין געבליבן ביים קליינעם פּאַרקראַטעוועטן פענצטערל.

— איך זע דעם פרעמדן. ער גייט צו אונדז. צווישן זיינע ציין פינקלט די שאַרף פון שטאָל.

די שכנטע אסתּר גייט איבערן זאַמדגעסל.

נעבן סיקאַמאָר איז זי געבליבן שטיין. די פּאַרווילדעוועטע קאַץ זיצט

אויף אַ דיקער צווייג. די קעציִשע אויגן גליִען פון די שאָטנס אַרויס.

אַ פויגל האָט פּלוצעם אַ געשריי געטאָן און זיך אָפּגעריסן פון בוים.

דער קאַצס אויגן ברענען!

אסתּר האָט פאַרבראָכן די הענט און רעדט צו זיך. דאָס איז אַ בייז געוועדעריי, אַ מאַנאָטאָן, אַ טרוקנס. און אַז זי איז אַריינגעפאַלן אין הייפל איז איר קול נאָך בייזער געוואָרן.

— סאַנטאַ, וווּ זענט איר? אוי וויי־מיר נישט געשען... אַזעלכע אויגן פון דער קאַץ... ס'איז אַ שד, זאָג איך אײַנען... דאָס האַרץ ווערט צעריסן. ווו דו שטעלסט אַ טראָט טרעפּסטו אַלדאָס בייז. נעכטן האָט זיך לעבן לעאָנס פּיס דורכגעגליטשט אַ שלאַנג מיט אַ זילבערנעם רוקן... דער בולגאַר האָט פאַרנאַכט געכאַפּט אַ הונט. ער האָט אים צוגעבונדן אין הויף... אַ גאַנצע נאַכט האָט ער אַפילו נישט געטאָן קיין ביל... מיין לעאָן האָט אין דער פרי דערקענט, אַז דאָס איז נישט קיין הונט נאָר אַ שאַקאַל... סאַנטאַ, אוי־וויי... איך רייד דאָך צו די ווענט, וווּ זענט איר?...

זי האָט זיך אַלץ נישט געקענט באַרויִקן. עס איז איר גוט געווען בעתן ריידן. דאָס איז געווען ממש אַ נויטווענדיקייט. זי האָט אַזוי אַרום אָפּגעשטויסן פון זיך דעם פּחד. זי איז פול געוואָרן פון איר אייגענעם מאָנאָטאָנעם גערייד און דאָס ריידן איז געווען אַן אָנהאַלט פאַר איר. עס איז איר נויטיק געווען ווי ס'אָרעמע ליכט פאַר אַ בלאָנקענדיקן נאַכט־וואַנדערער.

און אַז די שכנטע האָט זיך צונויפגעטראָפן אויף דער שוועל מיט באַריסן, האָט זי אַ פּאַטש־געטאָן מיט די הענט.

— אַ גוטן אויפשטאַנד אייך. איר שלאָפט און ווייסט גאָרנישט! איר האָט גאָרנישט געהערט?

אסתּרס אויגן האָבן געגליט אַזוי ווי זיי וואָלטן איבערגענומען דאָס פייער פון דער קאַצס אויגן אין די סיקאַמאָר־צווייגן. איר קול איז געוואָרן שטילער, פאַרטרויִלעכער.

— אַ פרעמדער איז נעכטן געשטאַנען ביים פענצטער. עס איז געווען אַרום צוועלף... איך האָב דעם פרעמדן דערקענט לויט די שליפּיעס די ברענענדיקע, אַזוי ווי ביי דער ווילדער קאַץ... דאָס קינד שלאָפט. לעאָן ליגט מיד־און־מאַט — און דאָ — אַרום פענצטער אַ נעפּל אַ גראָער, און

אין נעפּל פייערן צוויי... אויגן... איך וויל שרייען נאָר עס איז מיר א שאָד איבערצוּוועקן מיין לעאָן. ער האָרעוועט אַזוי שווער אויפן שאָסיי... און דאָס קינד וועט זיך איבערוועקן מיט אַ געוויין... קוק איך אין די שדישע שליפּיעס אַריין. איך מוז עפּעס טאָן... ער וועט זיך אַריינרייסן אין שטוב און אַלעמען אויסשעכטן... איצט זע איך שוין נישט נאָר אויגן נאָר אויך ציין... איך מוז עפּעס טאָן... זאָל ער זען אַז מען שלאָפט נישט... איך זוך דאָס ליכט... די הענט ציטערן... קאָן נישט אָנרייבן דאָס שוועבעלע... איר פאַרשטייט, שכן ?...

זי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און דערביי אַרויסגעלאָזט אַן אויסגעצויגענעם „אוי־וויי". אין דער רגע האָט זיך באַוויזן סאַנטאַ. זי איז האַסטיק אַרויס פון פאַרטונקלטן צימערל. זעט אויס אַז זי האָט זיך די גאַנצע צייט צוגעהערט צו דער שכנטעס רייד ווייל זי האָט געפרעגט:

— ווי אַזוי האָט ער אויסגעזען, דער פרעמדער?

— ווער קאָן וויסן. ס'איז דאָך געווען פינצטער. איך האָב נאָר געזען די אויגן.

— און די ציין וואָס האָבן געבלענדט?

— אַוודאי. איך האָב נישט געקאָנט אָנצינדן דאָס ליכט. די הענט האָבן מיר געציטערט. איך בין שנעל צוגעלאָפן צום פענצטער. אַזוי באַלד, אַז איך האָב געמיינט, אַז כ'פיל זיין קאַלטן אָטעם דורך דער טרערנדיקער שויב. איך האָב אָנגעהויבן זינגען, צוערשט שטיל און דערנאָך העכער און העכער. דעמאָלט איז דער פרעמדער אָפּגעטראָטן אין מיטן הויף אַריין, דערנאָך איז ער אַוועקגעשווּמען פאַרהילט אין נעפּלען...

סאַנטאַ האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט און צוגעשלאָסן די אויגן.

די אונטערשטע ליפּ ציטערט איר. די שכנטע אסתר רעדט:

— איך האָב אַלץ געזונגען העכער און העכער ביז עס האָט זיך אויפגעוועקט מיין לעאָן. ער איז אין כעס געוואָרן און מיך אָנגעכאַפּט פאַר די הענט, געטרייסלט מיך פאַר די אַקסל. איך האָב אָבער נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן. איך האָב געזונגען אַלע לידער וואָס איך האָב נאָר געדענקט פון די קינדעריאָרן. ער האָט מיר דערלאַנגט צוויי פּעטש. דעמאָלט האָב איך אויפגעהערט זינגען און אַוועקגעלייגט זיך אויפן בעט און געוויינט.

פֿאַרטאָג איז מײַן לעאָן אַװעק אַ בײזער צו דער אַרבעט, און, װײ־מיר נישט געשען...

באַריס איז צוגעגאַנגען צו סאַנטאַן, אַנגענומען זי פֿאַר די הענט און אַרײנגעפֿירט אין טונקעלן צימער. זי ציטערט. די אויגן אירע זענען נאָך אַלץ פֿאַרשלאָסן.

ער קאָן דאָ מער נישט בלײַבן. עפּעס װעט געשען! קאָן מען דען איבערלאָזן סאַנטאַן אַ האַלב־פֿאַרחלשטע מיט דער שכנטע אסתּר? אָ, גאָט, װאָס געשעט מיט אונדז? װער האָט אונדז פֿאַרװיקלט אין דעם שפּינגעװעב פֿון אַ נישט־געאַנטער שרעק?

ער װעט אַלץ אָפּטרײסלען פֿון זיך; אָטאָ די פֿרעמדעניש די לויערנדיקע, די פֿאַרװיסטע, די פֿאַרלאָזנקייט.

— סאַנטאַ, סאַנטאַ, דערװאַך!

ער האָט געטופּעט מיט די פּיס, געשריען. ער האָט זי אױפֿגעהױבן פֿון בעט און אַז זי האָט אױפֿגעעפֿנט די אױגן איז זײַן געשרײ געװאָרן נאָך צאַרנדיקער:

— װאָס איז מיט דיר, סאַנטאַ? װאָס רודערט איר אויף דעם קאָפּ מיט פֿוסטער שרעק? װאָס רעדט איר זיך אײַן? איך האָב מורא פֿאַר אײערע רײד, זײ דערפֿירן אױך מיך צו משוגעת! איר זענט נישט בײם זינען! קוקט אײך אָן! איך האָב מורא פֿאַר אײך!

ער איז געלאָפֿן פֿון שטוב, אױפֿגעפּראַלט דאָס טירל, געלאָפֿן איבערן זאַמדגעסל.

די זון איז שוין געשטאַנען הויך. די קאַקטוסן האָבן אַװעקגעלײגט די קעפּ אױפֿן זאַמד. עס איז אױסטערליש שטיל. און מיט אַ מאָל איז אים געװאָרן לײַכט און גוט. עס האָט אים באַרויקט דער בלאָער הימל, אַזאַ בלאָקײט אָן אַ פֿלעק. ער איז אַרױס פֿון טרויעריקן געסל און געשטאַנען מיטן פּנים צו די באַרג־װײַטעניש. די הרי־יהודה זענען אַזױ נאָענט, מען זעט דאָרט אַפֿילו די קוסטעס, די באַרגשפּאַלטן און באַרג־אַראָפּהאַנגען. זײ זענען פֿון קופּער. אַזאַ אָפֿענע װעלט, אַ ליכטיקע, אַ רחבותדיקע און דאָ, אין דעם זאַמדגעסל, אין דעם הױז צװישן די קאַקטוסן איז אַלץ אַזױ אַנדערש, עס איז אַלץ אַזױ פֿרעמד. דער פּחד קומט פֿון די ליקלעך בײם מעטשעט, פֿון די אַלטע לײמװענט, פֿון די װיגנדיקע טירלעך אין די

פינצטערע נעכט, פון די בלינדע ווענט, פון דעם אייזלגעשריי און שאַקאַלן־געיאָמער.

ניין, עס איז איינרעדעניש. דאָס האָבן אים די צוויי פרויען פאַרפּלאָנטערט, פאַררעדט מיט מעשׂות וועגן פרעמדע נאַכטגייער. דאָס איז האַלוצינאַציע פון מידע מענטשן, עס וועט אַריבער. זיי וועלן זיך שטאַרקן אין דער ערשטער פאַרלאָרנקייט זייערער. סאַנטאַ וועט זיך שטאַרקן. די רו פון געסל וועט ווירקן אויף איר. זי וועט זיך אָפּגעפינען.

ער איז געקומען שפּעט צו דער אַרבעט. דער וועג מיטן אויטאָ האָט דאָס מאָל לענגער געדויערט ווי שטענדיק. אַן אָנגעפּראָפּטער אויטאָבוס. מען איז געהאַנגען אויף די טרעפּ, געשטאַנען אין ענגן דורכגאַנג. שווייגנדיקע מענטשן, אומגעדולדיקע. יעדע פּאָר מינוטן שטעלט זיך דער אויטאָבוס. אָט איז אַן אייזל געבליבן אין מיטן וועג און וויל זיך פון אָרט נישט רירן, אָט האָט זיך פאַרפּלאָנטערט דאָס געשפּאַן אויף אַ פערד. די מענטשן וויגן זיך און קוקן מיט אומצוטרוי איינער אויפן אַנדערן. די אומגעדולד איז אויך נישט אָפּגעטראָטן פון באַריסן בעת דער אַרבעט. ער איז נישט איינגעזעסן אויפן אָרט. וויפל ער האָט נישט געוואָלט זיך באַרויִקן איז עס אים נישט געלונגען.

באָריס האָט געטראַכט וועגן דער נאַכט וואָס וועט קומען. און עס איז אים גוט געוועזן בלויז פון געדאַנק, אַז ער וועט אין דער אומהיימלעך־טרויעריקער וויסטעניש פילן לעבן זיך דעם וואַרעמען גוף פון אַ פרוי. ער פילט נאָך איצט אָפּ די בויגעוודיקייט פון סאַנטאַס גוף, ער שפּירט דעם הייסן אָטעם און זיינע הענט וועלן זוכן אין דער פינצטערניש אירע הענט. ער וועט אַריינאָטעמען רו אין איר. זי איז שיין, סאַנטאַ, אַזאַ ווייטע און פרעמדע שיינקייט וואָס פּאַסט זיך נישט אַריין אין דעם דאָרן־געסל. זי געהערט צו אַ צווייטער וועלט, די וועלט פון צפון: גרין־געזעטיקטע פעלדער, פייכטער פלאַכלאַנד, בלאָע וועלדער אויפן האָריזאָנט, שניי אין אַ זוניקן ווינטערטאָג, גלעקל־געקלאַנג פון שליטנס... זי באַוועגט זיך דאָ אין אַ פרעמדער לאַנדשאַפט. אויך ער איז פאַר איר פרעמד. זי קומט פון פרעמדע, פון ווייטע גאַסן די גוייִשע. דער שטורעם האָט זי אַהער פאַרטראָגן. און אַז באָריס האָט מיט יאָרן צוריק אַראָפּגעוואָרפן די

סאָלדאַטסקע קליידער איז ער געוואָרן אַן אַנדערער אין אירע אויגן. זי האָט דערזען פאַר זיך דאָס גרויע, דאָס אומעטיקע פון די מאָרגנדיקע טעג. עס איז אָבער שוין געווען שפּעט. זי איז שוין געווען מיד און אין דער מידקייט אירער האָט זי אויפגעשלאָסן די פאַרפּרעסטע ליפּן פאַר אים. זי האָט זיך אַוועקגעשאָנקען זיינע אָרעמס. אַזוי ווי די אָוונטיקע זון גיט זיך איבער דעם האָריזאָנט. און ער האָט אויך איבערגענומען איר טרויער און שרעק. און דער טרויער און די שרעק איז אַריין אין אים און זיך צונויפגעפלאָכטן מיט דעם אומרו פון די מלחמה־יאָרן, מיט דעם ווייסן פּחד אין די שניי־שטורעמס. סאַנטאַ עטעמט אין אים אַריין די שרעק פון די מויערן, פון שטעכיקע צוימען און באַראַקן. איצט איז שוין די שרעק דאָ אין איר שווייגן, אין איר שמייכלען. ער פילט עס אָפּ אַזוי ווי מען פילט דעם געקריץ פון זאַמדשטויב צווישן די ציין. דערנאָך איז געקומען דאָס געסל צווישן די קאַקטוסן. פאַרוואָס האָט עס אים געצויגן אַהער? ער איז פאַרסמט פון שרעק. ער קאָן שוין אָן דעם זיס־לאָקנדיקן געפיל פון פּחד נישט לעבן. ער פלאָנטערט זיך אַרום ווי אַ געפאַנגענער האָז אין די ליכט־גרענעצן, וואָס עס וואַרפט אויף דעם נאַכטשאָסיי דער לויפנדיקער אויטאָ. ער קאָן פון דעם ליכט־גבול נישט אַרויס און די רעדער פון אויטאָ דערנענטערן זיך און וואָס זיי ווערן נענטער, אַלץ שמעלער די גרענעץ — און אָט פאַלט ער אונטער די רעדער אַ צעשמעטערטער.

דאָס וועט זיין דער סוף זיינער. ער איז דערגאַנגען, אַזוי ווי סאַנטאַ, צו די פאַרבאָרגענע נאַכט־טויערן פון קעניגרייך, וווּ עס הערשט פּחד. ער ווערט זיך, נאָר עמעצער פירט אים אַהין. דאָס איז דער גאַנג ווי פון אַ שיכּור אויף די געוויקלטע טרעפּ. טירן עפענען זיך. נעפּל־טשאַד. סילועטן פון דרימלענדיקע. אַ שווייסיק פּנים מיט אָנגעשוואָלענע זעקעלעך אונטער די אויגן. אַ טאָפּל־קינבאַק און טאָפּעלע אויגן. פיר אויגן. ער וועט אַוועק. ער וועט אַנטלויפן פון דאַנען. די מידקייט איז אים גובר. איצט איז גוט. געקלאַנג פון כּוסות, הוידנדיקע נעפּלען, וויגנדיקע הייזער און גוטע מענטשן. אַלע בויגן זיך פאַר אים און זענען פול מיט מיטלייד. ער און סאַנטאַ האָבן מורא ניט אַזוי פאַר דער פרעמדעניש ווי פאַר דעם חלל, אין וועלכן זיי וועלן אַריינגעשליידערט ווערן. דאָס וועט זיין דער חלל פון אַן אויסגעטריקנטער און פאַרלאָזענער ברונעם.

דאָס איז אפשר געווען די סיבה וואָס ביידע האָבן אויסגעמיטן די שטאָט, און ווי באַלד מען האָט זיי אַנגעוויזן אַן אָרט אין פּוסטן אַראַבישן דאָרף, האָבן זיי אויסגעקליבן אַ זייטיק הויז, אַ פּאַרצוימטס מיט אַ הויכן און אומהיימלעכן קאַקטוס־קוסט.

באַריס האָט געאַרבעט איבער פּלענער פון וווינהייזער. גרויסע, פּירשטאָקיקע ליכטיקע הייזער, מיט זיילן, מיט גרויסע באַלקאָנען און טעראַסעס. דאָס זענען געווען הייזער־פּלענער מיט גלייכע ווענט, קאַנטיקע, מיט פּלאַכע דעכער. די ראָלן פּאַפּיר זענען צעשניטן געווען פון אָפענע ליניעס, ווירעדיקע, זיי האָבן זיך געשלאָסן ביי די ראַנדן, געקרייצט זיך און געשאַפן אַ נעץ פון קוואַדראַטן, פון זיילן. די ליניעס זענען געפאַלן אַזוי קלאָר און אָפן ווי די שטראַלן פון דער זון. און וואָס גלייכער און זיכערער עס האָט זיך באַוויגן זיין האַנט אויף דעם פּלאַניר־פּאַפּיר, אַלץ פּאַרפּלאָנטערטער זענען געוואָרן זיינע מחשבות. ער האָט זיך געצאַפּלט אין אַן אָנמאַכט, פון וועלכער ער האָט זיך נישט געקענט באַפרייען. דער איינציקער אָנהאַלט איז פאַר אים געווען סאַנטאַ, איז זי אויך פאַרפּלאָנטערט געווען אין זעלביקן טונקלען געקנויל. און דאָ, איז נאָך געקומען די שכנטע אסתּר מיט אירע שגעונדיקע רייד. ער וועט אַוועק פון געסל. דאָס דאָזיקע פּאַרלאָזטע אַראַבישע דאָרף איז גוט פאַר די אייזל־טרייבער, פאַר די טונקעלע פּאַרשווינען וואָס בישטערן אַרום אין די הייף, זאַמלען דאָס אַלטע אייזן, צעשרויפן די וואַסעררערן און אין די נעכט טרייבן זיי אייזלען צו די שטאַלן, צו די וואַדיס. דערנאָך קומען פון דאָרט צעריסענע, אָפּגעהאַקטע אייזל־רופן אויסגע־מישטע מיט שאַקאַלן־געשריי און הינט־בילעריי. צומאָרגנס הענגען אין די יאַטקעס שטיקער רויט פלייש און יונגען מיט גלאַנציק־פעטע פּרצופים, מיט פאַרטעכער פאַרבאַקענע מיט בלוט דרימלען אויף די טרעפּ. אין אָוונט לאָזן זיך אַוועק קיין יפו עטלעכע אויסגעסטראָיעטע בולגאַרערינס מיט געפּאַרבטע באַקן צו די טונקעלע פאַרטגעסלעך. די מענער זייערע שפּילן אַ גאַנצן טאָג אין ביינדלעך אין דער בלעכערנער שאַפּע וואָס זיי רופן „רעסטאָראַן”. פאַר טאָג, אַז די ווייבער זייערע קומען אַהיים, בישטערן די מענער זייערע בייטלען און נעמען צו דאָס פאַרדינטע געלט.

טייל מאָל ברעכן אויס געשלעגן צווישן די אייזל־הענדלער און פרעמדע יונגען מיט די געקעסטלטע העמדער. דאָס איז דאָס פּאַרלאָזטע אַראַבישע דאָרף! און צווישן דעם אַנלויף פון מענטשן פלאָנטערן זיך אַרום די דערשלאָגענע ייִדן פון די וואָלינער שטעטלעך; באַלמעלאָכעס וואָס לאָזן זיך צו די דרום־ראַנדן פון תּל־אביב און האַרעווען אין די קליינע, טונקעלע, אָרעמע וואַרשטאַטלעך פון סטאָלערס און שוסטערס. זייער חלום איז צו קאָנען עפענען זיך אַ סאָדע־וואַסער־געוועלבל. ער זעט זייערע ווייבער, די צעווירענע, צעגאַסענע, מיט אויסגעקרימטע פלייצעס, מיט אָנגעבלאָזענע באַקן, מיט נאָכהענגענדיקע היפּטן און רויט־געפאַרבטע ליפּן. ביינאַכט פאַרהעמערט מען די טירן, מען פאַרהענגט די פענצטער מיט שווערע קאָלדרעס און אין די געסלעך שלייכן אַרום שאַקאַלן, הינט, היימלאָזע אייזלען, הינקענדיקע און שאָטנס וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון אומגליקלעכע מענטשן. זיי זענען דורכזעעוודיק, די שאָטנס, אַזוי ווי שפּינוועבס און דאָך קאָן זיי דער ווינט נישט אָוועקטראָגן צוזאַמען מיט די וואָלקנס צום ים. שאָטנס פאַלן־צו צו די קליינע פענצטערלעך פון וועלכע עס גליטשן זיך פאַסן אָרעם ליכט. די שאָטנס האַלטן זיך אויף ביי די טירלעך, ביי די טויבע מויערן ווי זיי וואָלטן זיך געצויגן צו מענטשישער וואַרעמקייט. טייל מאָל ווויקלט זיך צונויף אַ שאָטן אין אַ קליינעם קנויל און בלייבט אויף איבער טאָג אין ווינקל פון אַ הויז.

אָ, גאָט איינציקער! פאַרוואָס זענען מיינע טראַכטענישן נישט אַזוי גלייכליניק און אַזוי אָפן, אַזוי קלאָר ווי די ליניעס וואָס עס מאַכט מיין האַנט?

זע, ווי די שטריכן מיינע שליסן זיך! זע, ווי עס ווערט פון דעם דערנאָך אויסוואַקסן אַ ליכטיקע געביידע, מיט פרייד אין די ווענט, מיט ליבשאַפט, מיט קינדעריש געלעכטער, מיט משפּחה־גליק.

פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרפּלאָנטערט אין דעם טרויעריקן געוויקל פון ליים־געסלעך, פון שטיין־שטעגן וואָס האָבן נישט קיין אָנהייב און נישט קיין סוף?

פאַרוואָס האָסטו צוגענומען פון סאַנטאַן און פון מיר די רו דווקא אין דעם רוּיִקסטן געסל צווישן דעם שיינעם סיקאָמאָר־בוים, צווישן דעם גרינעם וויינשטאָק, צווישן די וויקל־קוסטעס, אין דעם אַלטן קעמלוועג

פון דעם דאָזיקן ווייט־נאָענטן לאַנד, צו וועלכן עס זענען געווענדט געווען די בענקנדיקע אויגן פון מיינע אבות?

דאָס איז געשען אין די מיטאָג־שעהען.

ביים טירל איז געשטאַנען אַן אַלטע פרוי, געקליידט אין שוואַרצן. אַ ביסל אָפּגערוקט פון איר, לעבן פענצטערל, איז געשטאַנען אַ מאַן אין אַ רויטער פעסקע און גערופן אויף אַ פרעמדער שפּראַך.

אין געסל איז שטיל. דאָס איז די שטילקייט פון האַלבטאָג ווען אַפילו די יאַשטשערקעס באַוועגן זיך בישט, זיי זעען אויס ווי קורקאַר־שפליטערס.

— כאַוואַדזשאַ! יאַ, כאַוואַדזשאַ! — האָט גערופן דער פרעמדער מענטש.

סאַנטאַ איז צוגעגאַנגען צום פענצטערל. זי האָט נאָר געזען דעם פרעמדן מאַן. דאָס איז געווען אַ מענטש אין די זעכציקער יאָרן מיט גרויע האָר ביי די שלייפן, מיט שאַרפע פנים־שטריכן, וואָס האָבן געטונקלט זיך מיט באַוועגלעכע ברוינלעכע שאָטנס. אין דעם פנים איז געווען אַזוי פיל פרעמדס, אַזש עס האָט איר אין דער ערשטער רגע צוגעצויגן דערנאָך איז זי אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק און איינגעהערט זיך אין די גאָרגלדיקע רייד, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון געסל צוזאַמען מיט אַ געקלאַפּעריי אין הויף־טירל. און אַז סאַנטאַ האָט געעפנט דעם ריגל איז זי געבליבן פנים אל פנים מיט אַן אַלטער פרוי אין שוואַרצן.

צוערשט האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט מיט אַן עקשנותדיקן פאַרשעהישן בליק. דערנאָך האָט די אַלטע אָנגעהויבן צו פליסטערן און מיט פאַרמעט־הענט, געקנייטשטע, ציטערנדיקע, באַרירט סאַנטאַס אָרעם.

דאָס ציטערן פון דער אַלטערס פינגער האָט זיך איבערגעגעבן סאַנטאַן. אַ לייכטער שוידער איז איר דורכגעלאָפן דורך דעם גוף. דאָס איז געווען אַ ווערטיקאַלער געציטער, וואָס האָט זיך צונויפגעוויקלט ערשט ביי די שלייף־אָדערן ווי אַן אָנגעצויגענע געפּלאַצטע סטרונע פון אַ פידל, וואָס טוט זיך אַ פאַרוויקל ביים פידל־האַלדז. סאַנטאַס פאַרגליווערטער געשריי איז ענלעך געווען צום ווייַנעדיק־אָפּגעריסענעם

קול, וואָס פּאַר אים איז געווען שטילקייט און נאָך אים וועט ווידער זיין אַ שטילקייט, אָבער שוין נישט די שטילקייט וואָס עס איז געווען. זי וועט שוין קיין מאָל נישט צוריקקומען, די פאַרגאַנגענע שטילקייט. זי איז איצט צעשפּאָלטן ווי אַ שוואַרצער מירמל אַן אַראָפּגעפּאַלענער פון פינצטערע ווענט.

די פרעמדע אין שוואַרצן קלייד, מיט די טיף געפאַלדעוועטע אַרבל, מיט דעם שלייער אַרום קאָפּ, האָט שווער געאָטעמט. די אויגן־קנייטשן אירע זענען זיך צונויפגעלאָפן, די ליידיקע הויט פון גערונצלטן פּנים האָט זיך אומרויִק באַוועגט און מיט לאַנגע ביינערדיקע פינגער האָט זי זיך געווישט די קינבאַקן.

סאַנטאַ האָט געפילט אַז די אַלטע וויינט. דאָס איז אָבער געווען אַ געוויין פון אַן אויסגעטריקנטער זקנה, וואָס האָט שוין מער נישט קיין טרערן צום וויינען.

אַזוי וויינען די אַלטע זיתים־ביימער, די געקאַרבטע, די פאַרלאָזענע, ווען אַרום שטאָם שיילט זיך די קאָרע. זיי וויינען, די זיתים־ביימער, דורך די בלעטער מיט דער געל־ברוינלעכער, זילבערדיק־פאַרלאָשענער גרינקייט.

סאַנטאַ האָט אַרויסגעטראָגן אַ שטול און אָוועקגעזעצט די זקנה אויף דער אָפענער טעראַסע. זי האָט אַריינגערופן דעם פרעמדן מענטש פון זאַמדגעסל וואָס איז אַלץ געשטאַנען פון יענער זייט פלויט. אַן אומגעריכטע מילדקייט האָט זיך געשפּרייט אויף דעם מענטשס פּנים. ער האָט זיך פאַרנויגט און גערעדט צו סאַנטאַן אין אַ געמיש פון אַראַביש און העברעיִש. אַפילו די העברעיִשע ווערטער האָבן געקלונגען אין זיין מויל אַזוי פרעמד. ערשט איצט, בשעת סאַנטאַ האָט אויפגעכאַפּט נאָר דאָס קול, איז איר מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרן די נאָענטקייט פון די פרעמדע וואָרטקלאַנגען מיט דער טריקעניש פון די צווייגן, מיטן געשאָרך פון די גראָזן, מיטן געסקריפּ פון די טריט אויפן זאַמד. עס איז דאָ אַזאַ האַרמאָניע צווישן דער הויט פון דער אַלטערס העגט און דער טרויעריקער ברוינקייט פון די ליימווענט. די דאָזיקע קלאָרקייט וואָס זי האָט פּלוצעם אַנטדעקט האָט זי באַרויִקט. זי האָט איצט געקאָנט קאָנטראָלירן יעדע באַוועגונג אירע. אַזאַ שאַרפקייט פון געדאַנק האָט זי לאַנג שוין נישט געהאַט.

— וואַרט, איין רגע, איך וועל ברענגען אַ טרונק. איר זענט דאָך מיד פון וועג — האָט זי געזאָגט צו זיי אין יידיש, אַ ביסל אין העברעיש.

— איך גיי אין קיך אַריין. זיצט דאָ, אָט קום איך צוריק...

סאַנטאַ איז צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צו דער אַלטער און איר אַרייַנ־געקוקט אין פנים. זי האָט דערביי באַרירט די גרויסע פאַלדן פון דעם אומהיימלעכן שוואַרצן קלייד. אָ, זי פאַרשטייט מיך! זי פאַרשטייט אַז איך וויל איר געבן אַ טרונק וואַסער! פאַרוואָס זענען דער אַלטערס אויגן אַזוי טרוקן? וואָס זוכט זי מיט איר בליק?

— איין רגע נאָר, גוטע מענטשן!

זי איז אַריין אין קיכל און אָנגעגאָסן וואַסער אין אַ ליימענער קרוג. דער פרעמדער איז דערווייל אַרויס אין הויף, געקוקט צום קליינעם פרדס. די אַלטע האָט זיך שטום געוויגט.

— נעם אַ טרונק, אַלטיטשקע, נעם!

די אַראַבערין איז פלוצעם פאַרשטיינערט געוואָרן. איר בליק איז פאַרשטאַרט געהאַנגען אָן דעם קאַקטוס־פלויט. דאָרט האָט עפעס אַ שאַרך־געטאָן און עס האָט זיך געשאָטן קוסט־אָפּפאַל.

די פאַרווילדעוועטע קאַץ איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן פלויט און אַ גליי־געטאָן מיט די אויגן. זי האָט אָנגעשפּאַנט דעם קעצישן גוף ווי צום שפּרונג און אַ ווײַלע געבליבן אַזאַ געשפּאַנטע. דערנאָך האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט פון פלויט און מיט פּאַמעלעכע טריט גענומען גיין צו דער שטוב. און אַז זי איז צוגעקומען צו דער טעראַסע איז די ווילדקייט פון אירע אויגן אָפּגעטראָטן. זי האָט זיי לייכט געמרוזשעט און עס איז געשען דאָס וואָס סאַנטאַ האָט נישט דערוואַרט — די קאַץ איז צוגעקומען ביז צו דער שוועל און אַרויפגעזעצט זיך אויף דער שויס פון דער אַלטער פרעמדער פרוי.

סאַנטאַ האָט דערזען אין דער זקנהס אויגן טרערן.

דאָס איז דאָך אַן אַראַבערין, די געוועזענע אייגנווינערין פון דעם הויז. זי פילט דאָס אָפּ. זי דערקענט דאָס. זי האָט עס באַלד דערפילט לויט די געבראָכענע טריט אירע ביים טירל. זי דערקענט עס לויט דער פאַרווילדעוועטער קאַץ וואָס האָט ביז איצט נישט באַטראָטן דעם הויף און אַ קנאַפּ יאָר געלעבט אין די סאַברע־קוסטעס. אַן אַראַבערין, די וואָס

האָט דאָ געוווינט! ווער איז ער, דער פרעמדער אין דער רויטער פעסקע? ווי מיד און טרויעריק עס זענען די אַלטע לייט.

— שרעקט אייך נישט. זעט ווי טרויעריק עס איז אין דעם הויף. איך פאַרשטיי אייך. איך פאַרשטיי יעדן בליק אייערן. איך פאַרשטיי אייערע רייד און אייער שווייגן. נעם אַלטיטשקע, נעם אַ טרונק, נעם! ביסט מיד... ביסט דאָרשטיק... ביסט פון ווייט געקומען...

די אַלטע גלעט די קאַץ מיט די ביינערדיקע הענט און שעפּטשעט. דאָס זענען שטילע, פאַרוויגנדיקע רייד ווי דער געשאָרך פון סיקאַמאָרן אין פאַרוואָלקנטע נעכט.

סאַנטאַן איז גוט געוואָרן. אַזאַ ווונדערלעכע רו פון האַלבן טאָג. מידע זקנים ביי איר שוועל. אַ דרימלענדיקע קאַץ. דער שטילער מאַן מיט גרויע שלייפן, רייפע קאַקטוס־פּרוכטן. ווידער דער פויגל וואָס הענגט איבער די קוסטעס. זאָל עס לענגער דויערן. זאָל קיינער נישט איבער־רייסן די גאָט־געבענטשטע שטילקייט פון דעם אַלטן קעמלוועג.

עס איז איר אַזוי גוט געוואָרן. זי האָט פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּנים און צוגעשלאָסן די אויגן.

— — — פון ערגעץ ווייט קומען אָן רייטער, קעמל־רייטער. מען הערט שוין דאָס גלעקל־געקלאַנג. אַזאַ זילבערן געקלאַנג פון גלעקלעך אויף קעמל־העלדזער. טעפּעכער געוועבטע מיט גאָלדענע פעדעם. פייקל־געקלאַפּ. טריט אין ליכטיקן זאַמד. קאַראַוואַנען פון קעמלען. ווייסע טשאַלמעס. זיידענע כאַלאַטן; געלע, ראָזע, אויסגעהאַפטענע טיכער מיט זונשטראַלן. די קאַראַוואַנען גייען דורך דעם וועג, פאַרביי איר הויז. זי טראָגט זיי אַנטקעגן אַ ליימענעם קרוג פול מיט קוואַליקן וואַסער. — נעמט, נעמט, טרינקט, איר מידע מידבר־וואַנדערער... איר קומט דאָך פון די גרויסע יאַרידים... איצט גייט איר צו אייערע היימען... אייער וועג איז אַ ווייטער... אָ, איר גוטע מענטשן, שטילט אייער דאָרשט... — — —

— טרינקט... טרינקט... — האָט סאַנטאַ געשעפּטשעט צו דער אַלטער.

און אַז זי האָט געעפנט די אויגן איז שוין די זקנה געשטאַנען ביי דער שוועל. זי איז אַריין אין שטוב און אָנגעהויבן גיך צו שפּרייזן. דאָס ביסל מילדקייט איז פאַרשוווּנדן פון איר פּנים. זי האָט געציטערט, געוויגט זיך און די ליפּן זענען בלאָ געוואָרן.

מיט אַ מאָל האָט די אַלטע אַראָפּגעריסן פון קאָפּ דעם שוואַרצן שאַל. די גרויע האָר זענען איר אַראָפּגעפאַלן אויפן פּנים. איצט האָט זי געוויינט מיט טרערן. די קאַץ האָט זיך געפּלאָנטערט ביי אירע פיס און געמיאַוקעט. אין הויף איז אַלץ געשטאַנען דער אַלטער און פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט די הענט.

— אַלטיטשקע, גוטע אַלטיטשקע — האָט גערעדט סאַנטאַ מיט אַ געבראָכן קול — דאָס איז אוודאי דיין הויז? דו האָסט דאָ געוווינט? איך דערקען דאָס אין דיינע אויגן, אין דער קאַצס אויגן. דו ביסט אַוועק פון דעם געסל. האָסט פאַרלאָזט דיין היים. דו ביסט אַנטלאָפן פון דאַנען. איצט ביסטו געקומען און איך וווין אין דיין שטוב. איך! אָ, גאָט! נישט איך האָב דיך פאַרטריבן. קיינער האָט דיך נישט פאַרטריבן. טאָ פאַרוואָס ביסטו נעלם געוואָרן אין איינער פון די נעכט? איך האָב דאָך נאָר אַ וויסטעניש געטראָפן. שאַקאַלן האָבן געגעכטיקט אין די פאַרלאָזטע שטיבער. אויך איך בין אַוועק פון אַ היים... מען האָט מיך פון דאָרט פאַרטריבן... און אַז איך בין צוריקגעקומען האָב איך דערזען אַ וויסטעניש... אָ, גאָט, דו פאַרשטייסט דאָך מיך נישט! איך רייד צו דיר. קוק זיך איין אין מיינע הענט. זע, זיי קאָנען נאָר גוטס טאָן. שרעק זיך נישט פאַר דעם קאַלטן טרונק וואָס איך גיב דיר. האָסט מורא צו טרינקען? דיינע ליפּן זענען פאַרברענט! האָב נישט מורא. עס איז נישט פאַרסמט דאָס קוואַל־וואַסער! זע, אָט טרינק איך. זע. אָ, ווי גוט עס איז די קילקייט אויפן ברענענדיקן גומען!

און סאַנטאַ האָט איבערגעבויגן דעם קרוג און געטרונקען און דערנאָך איבערגעגעבן דער אַלטער. דער מענטש פון הויף איז צוגעגאַנגען צו דער שוועל און געזאָגט:

— גברת... זיי נישט בייז... מיר זענען געקומען נאָר אָנקוקן... מיר האָבן אַ דירה אין יפו... דאָ האָט געוווינט איר זון...

— זאָג איר, אַז קיינער האָט אייך נישט פאַרטריבן... קיינער נישט... איר זענט אַליין אַוועק... מיר האָבן דאָ געטראָפן אַ וויסטעניש... מיר וועלן נייע הייזער בויען... עס איז דאָ גענוג אָרט אונטער אונדזערע ליכטיקע הימלען פאַר יעדן גוטן מענטש...

די אַלטיטשקע האָט אָנגעקליבן עטלעכע מאַראַנצן און אַ שווייגנדיקע

פאַרלאָזט דעם הויף. זי איז געגאַנגען איבערן פוסטן געסל, אַנגעשפּאַרט אָן דעם אָרעם פון גרויען מאַן און געהאַלטן דעם לאַנגן שאַל אין דער האַנט. ער האָט געפלאַטערט אין מילדן ווינט און אָנגעוואָרפן אויף סאַנטאַן אַ פּחד. די שוואַרצקייט האָט זיך שאַרף אויסגעטיילט פון ליכטיקן זאַמד, פון דעם קאַקטוס־פּלויט און זי איז געפאַלן אויף איר ווי אַ פלעק, אַ שוואַרצער טרויער־שלייער אין סאַמע מיט פון גאָטס זוניקן טאָג.

די קאַץ האָט זיי באַגלייט ביזן סוף פון געסל. דערנאָך איז זי צוריק־געקומען צום הויף און דרייסט אַריין אין צימער. סאַנטאַ איז געזעסן אויפן בעט און געוויינט. די קאַץ איז אַרויפגעשפרונגען אויף סאַנטאַס שויס און געלאָזט זיך גלעטן די וואַרעמע סאַמעטענע פעל.

נאָך דעם באַזוך פון די צוויי אַלטע לייט אין דעם הויז צווישן די קאַקטוסן איז סאַנטאַ רויִקער געוואָרן.

זי האָט זיך שוין מער נישט געשראָקן פאַרן געסקריפּ פון הויפטירל, נישט פאַר דעם געשאָרך אין דעם נאַכטיקן פּרדס. עס זענען איר בענטער געוואָרן די טרויעריקע ווענט פון דעם קליינעם הויז. דאָ האָבן דאָך פריִער געלעבט מענטשן. זיי האָבן דאָ גערוט, דאָ האָבן זיי זיך געפרייט, געוויינט, דאָ זענען זיי טרויעריק געווען. דאָ האָבן זיי אַ שוץ געפונען קעגן דער זון און אין שאָטן פון דעם הויף זענען זיי געזעסן. פאַרוואָס איז מיר אַלץ אַזוי פרעמד? ווי שיין עס זענען די פעכער־פּאַלמעס! די צעשפּרייטע בלעטער מיט די העלפאַנטביין־אָדערן האַלטן אויף די בלאָע הימלען, די מימאָזע פינטלט מיט די ליכטיק־געלע פּוך־בלימלעך. די סאַברע־קוסטעס האָבן אַזוי פיל אויסדרוק, אַזוי פיל באַוועגונג אין די זאַפטיק־גרינע בלעטער מיט די זילבער־שטעכערס. איך האָב זיי נישט פאַרטריבן... ווי וויסט עס איז דאָ געווען. אַרויסגעריסענע פענצטער. צעבראָכענע טירן, אַ צעשפּאָלטענער דאַך, ווענט מיט ריסן — און אין הויף פּגירות פון בעלי־חיים וואָס זענען פאַרשמאַכט געוואָרן פון דאַרשט און אויסגעגאַנגען פון הונגער. זי האָט לאַנגע וואָכן גערוימט, באַזייטיקט דעם אָנהויף פון מיסט, פון ווילדשטיין, פאַרראָכטן די ווענט, דעם דאַך. אין די אָוונטן האָט זי אַרויסגעשטעלט אין הויף עסן פאַר די בלאָנקענדיקע

הינט און קעץ, ווייל זיי האָבן זיך נישט געטרויט צו דערנענטערן אין מיטן טאָג, בעת סאַנטאַ אָדער באָריס איז געווען אין שטוב.

נאָך דעם ווי דאָס הויז איז אַ ביסל איינגעאָרדנט געוואָרן איז סאַנטאַן באַפאַלן אַ מידקייט, אַן אָפּהענטיקייט, אַ גלייכגילט. דערנאָך איז זי פאַרפלאָנטערט געוואָרן אין אַלערליי מחשבות וועגן איינזאַמקייט, וועגן באָריסעס שווייגן, וועגן געוואַי פון די שאַקאַלן און די סקריפּנדיקע טריט אין זאַמד. יעדן אין דער פרי, אַז זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטערל, האָט זי געזוכט אין זאַמד די שפּורן פון נאַכטריט און זיי נישט געקענט אַנטדעקן. זי האָט נאָר געזען דראָבנע פויגלטריט און געקאַרבטע זאַמד־צייכנס פון שלאַנגען.

די איבערצייגונג אַז אין דעם הויז האָבן געלעבט מענטשן האָט איר לייכטער געמאַכט. מענטשן אַזעלכע ווי מיר אַלע. הייסט דאָס, אַז דאָ איז געווען לעבן, פאַרוואָס קאָן עס נישט זיין אויך איצט?

זי האָט געטראַכט וועגן דער אַלטער, וועגן איר זון וואָס האָט דאָ געוווינט. ווי אַזוי האָט ער אויסגעזען? האָט ער געהאַט אַ פרוי, קינדער? ווו זענען זיי אַצינד?

איצט דערמאָנט זי זיך, אַז בעת מען האָט זיך אַריינגעקליבן אין הויז איז ערגעץ אויף אַ בערגל מיסט געלעגן אַ האַלב־צעריסענע פאָטאָגראַפיע פון אַן אַראַבישער משפחה. זי האָט אויפגעהויבן די פאָטאָ פון מיסט, אַרומגעווישט דעם שטויב. עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר סאַנטאַן אַ יונגער מענטש אין אַ ווייסער שאַל און נעבן דעם מאַן אַ פרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנט. אַלע אין העלע טיכטער אויף די קעפּ. ווו איז דאָס בילד? זי וועט עס אויפזוכן.

דווקא דאָס אַנטלויפן זייערס פון דער דאָזיקער היים האָט סאַנטאַן באַליידיקט. און אין דער זעלבער צייט האָט זי געפילט צו זיי אַ נאָענטקייט. דאָס וואָס זי געפינט זיך אין די פיר ווענט, ווו עס האָט געוווינט דער אַראַבער מיט די טיף אַריינגעזעצטע אויגן, האָט סאַנטאַן דערנענטערט צום הויז. דאָס אומבאַקאַנטע און דער פחד האָט איר נענטער געמאַכט צו די נעלם־געוואָרענע אַראַבער.

אין איינער פון די נעכט האָט זי זיך אויפגעכאַפּט.

—פאַרוואָס שלאָפסטו נישט, סאַנטאַ?

זי האָט לאַנג אָנגעקוקט באַריסן מיט פייכטע אויגן. אין לבנה־שיין האָט ער דערזען אין אירע אויגן אַ טרערן־שימער.

— דיר איז גוט, באַריס! דיר איז גוט! דו הערסט נישט די מאָנענדיקע טריט אין די נעכט! דו הערסט נישט אין דעם שאַקאַלן־געיאָמער אויך דאָס וויינען פון מאַמעס און קינדער! דאָס געוויין קומט שטענדיק צוזאַמען!! אויך דאָרט איז אַזוי געווען... דאָרט הינטער די שטעכל־דראָטן... ווען מיר האָבן געשריען, געוויינט, האָבן אונדז די הילבערס פון מוזיק פאַרשריגן מיט אַ טאַנץ־פויקעריי. דאָ מאַכט עס דער שד אַליין. ער זאַמלט צונויף די שאַקאַלן, כּדי צו שפּאָטן פון אמתן געוויין! ער טוט דאָס! ער!

— סאַנטאַ! וואָס איז מיט דיר? סאַנטאַ...

— פאַרוואָס האָב איך נישט גענומען דעם אַדרעס פון דער אַלטער אַראַבערין פון יפו? איך וויל זי זען? איך וויל זען איר היים. וואָס קוקסטו אויף מיר מיט איבערגעשראָקענע אויגן? איך האָב מורא פאַר דיין גלייכגילט, פאַר דיין רויקייט! דו פילסט נישט ווי עס לויערט עמעצער ביי אונדזערע שוועלן? דו האָסט אַ דיקע הויט געקראָגן! דיך אַרט נישט מיין אומרו! דו ביסט אַריין אין זיך אַזוי ווי אין אַ מושל. דו מיינסט אַז מיך איז באַפאַלן אַ פּוסטע שרעק? דו ווילסט מיך באַרויקן אַזוי ווי מען באַרויקט אַ קינד? ניין! נאָך דעם באַזוך פון די צוויי אַראַבער האָב איך שוין מער פאַר קיינעם נישט קיין מורא! נישט פאַר די שאָטנס אין די נעכט, נישט פאַר דעם געוויין פון דער וויסטענעניש! איצט האָב איך מורא נאָר פאַר זיך אַליין! פאַר דעם מידבר אין זיך! ער שפּרייט זיך אַלץ מערער און מערער! איך וועל ווערן אַזאַ ווי די שכנטע אסתּר! אַזאַ ווי זי! איך האָב מורא פאַר מיינע מחשבות, פאַר מיינע אייגענע רייד, און איך האָב מורא פאַר מיינע הענט!

זי האָט געוויינט. דאָס איז געווען אַ שטיל געוויין, אַזוי שטיל ווי אַ טרויער־ניגון וואָס דער ווינט ברענגט פון אַ ליידיקן ווײַנשטאָק.

פאַרטאָג, איז פלוצעם אַריינגעפאַלן אין הויף די שכנטע אסתּר. זי איז דאָס מאָל געקומען אַ שווייגנדיקע און טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

און אַז באָריס איז אַוועק צו דער אַרבעט, האָט זי פֿאַרבראָכן די הענט און אויסגעזונגען:

— אוי ווי מיר נישט־געשעען... וווהין זענען מיר געקומען?..

— אסתּר, איר זענט היינט אַנדערש ווי יעדן טאָג.

די שכנטע האָט פֿאַרטרויליך זיך אַרומגעקוקט און דערזעענדיק די קאַץ לעבן די פֿיס אויסגעשפּיגן.

— צו אַלדי וויסטע יאָרן... אַזאַ אַראַבישע באַשעפעניש... אַזאַ אָנשיק פֿון זיין ליבן נאָמען... — זי האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אַ טופּע־געטאָן מיט די פֿיס. — אַוועק פֿון דאַנען, דו, פאַרזעעניש! — זי האָט געטריבן די קאַץ פֿון הויף ביז צום סאַבּרע־גדר. דערנאָך איז די שכנע נאָענט צוגעגאַנגען צו סאַנטאַן, אַריינגעפירט זי אין צימער און דערביי געערדט:

— די אַראַבערין קומט יעדעס מאָל אין געסל אַריין. זי דרייט זיך אַרום אין פֿאַרווילדעוועטן פּרדס, ביי דעם פּאַלמע־בוים און שעפּטשעט עפּעס... זי האָט אַ פֿאַרפינצטערט פּנים און געלע הענט... מיר דוכט זיך אַז זי טוט כּישוף... אוי ווי מיר נישט־געשען... זי האָט אונדז פֿאַרכּישופֿט... איך שלאָף נישט קיין נעכט. מיין לעאָן לאַכט פֿון מיר... אַז ער האָט געזען די אַלטע האָט ער ביי איר געפֿרעגט וואָס זי וויל. זי האָט געטייטלט אויף אייער הויז... דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין... זי האָט אונדז כּישוף געטאָן... אוי ווי...

אסתּר האָט זיך דאָס מאָל לאַנג נישט געזוימט. זי איז גלייך אַוועק און מיט טיפֿן באַדויער אַ לעצטן קוק־געטאָן אויף סאַנטאַן.

עס זענען אָנגעקומען די רעגן־טעג.

סאַנטאַ איז געגאַנגען איבער די גאַסן פֿון יפו, באַוווינטע פֿון די אַראַבער. דאָס זענען געווען אַלטע געסער נישט ווייט פֿון האַפֿן. זי האָט אָפּגעפֿילט דעם זאַלץ־ווינט פֿון ים. אויף טייל ערטער האָט מען געזען די מאַסטן און קוימענס פֿון שיפֿן, וועלכע זענען פֿאַראַנקערט געווען אין פּאָרט.

צוערשט איז זי געגאַנגען לענגאויס גרויע ווענט; בלינדע, מיט קליינע אייזערנע טירלעך. פֿון יענער זייט פֿלויט האָבן זיך געשטרעקט

נאַקעטע צווייגן, שטאַנגען מיט פאַרביק וועש. דערנאָך האָט זי זיך פאַר־קערוועט אין אַ געסל מיט קראָמען. דאָס איז געווען אַ שמאָל געסל מיט זעק, מיט פעסער און קאָסטנס. קראָם לעבן קראָם, פון גרינוואַרג. פון שפּייז און לעבן די קראָמען — האַנט־וועגענער, אייזלען, פערד, אָנטרייבער מיט צעיאָכמערטע פּנימער, צעשורפּעטע, נישט־ראַזירטע, מיט שמאָלע שטעכיקע אויגן, רייטלעכע, ווי נישט־אויסגעשלאָפענע און מידע פון שיכרות. ווייבער מיט פאַרדעקטע פּנימער אין גאַנצן אין שוואַרצן. און צווישן דעם אָנהויף פון בעלי־חיים, וועגענער, קאָסטנס, וויגן זיך שלאַנקע, יונגע אַראַבער מיט העמדער געקעסטלטע, געבלימלטע, מיט פאַרשייטע אויגן. פון ערגעץ נאָענט טראָגט זיך אַ הילכיקער דזשאַז. ביי אַ קראָם — אַן אָנלויף פון באָרוועסע קינדער. אַ זקן אין אַ רויטער פעסקע, שוין אַ ביסל גראָ ביי די שלייפן...

— סליחה... אדוני... זענט איר נישט געווען מיט אַ צייט צוריק אין מיין הויף?.. אין דעם הויז צווישן די קאַקטוסן?... דאַכט זיך אַז דאָס זענט איר?.. ווו וווינט איר?.. ווו וווינט די אַלטע זקנה?... קאָנט איר מיר דאָס נישט זאָגן?..

דער פרעמדער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף סאַנטאַן מיט חידוש. ער האָט אירע רייד נישט פאַרשטאַנען.

סאַנטאַ איז אַוועק נישט פאַרענטפערנדיק זיך אַפילו. נעבן אַ שענק איז זי געבליבן שטיין און געקוקט צו די נאַרגילע־רויכערער. עטלעכע יונגע מענטשן זענען געווען פאַרטאָן אין אַ שפּיל אין ביינדלעך.

אין דער פאַרטונקלטער שענק איז שטיל. זי איז געשטאַנען אויף דער שוועל און געאָטעמט דעם שטאָך פון זויערקייט און ביליקע וויינען. מען האָט גערעדט צו איר און זי האָט זיי נישט פאַרשטאַנען. זי האָט נאָר געפילט אין זייערע אויגן ביי גער און אַ געמיש פון שפּאָט מיט פאַראַכטונג.

דעם טאָג איז זי אַ סך געגאַנגען. ווו עס איז נאָר געווען אַ ווינקל אין יפו איז זי דאָרט געווען: אויף דעם מאַרק פון אלטע זאַכן, ביי די געשטעלן פון גרינוואַרג, ביים מעטשעט־טויער, ביי די קירכעס. זי האָט געזען די קליינע הייף מיט די שמאָלע טרעפּ, מיט די פאַרבאָרגענע טירן, געפאַרבטע אויף געל, אויף שרייִיק בלאָ, אויף ברוין. זי האָט געזען די

רויִקע אַראַבישע איינוווינער פון די גאַסן אין יפו און אַז זי איז צוגעקומען צום אָפענעם ים איז סאַנטאַן גוט געוואָרן.

זי האָט געוואָנדן דאָס טרויעריקע פּנים צו דעם ים — צו דעם אומענדלעכן ים און געזען ווי מילד ער איז היינט, ווי רויִק און זיכער עס וויגן זיך די כוואַליעס. און געדאַכט האָט זיך איר אַז אַ פּלאָנטער האָט זיך אויפגעוויקלט און דינע ליכטיקע פעדעם ציִען זיך פון איר צו ליכטיקע וווייטן, די קלאָרע, בלאָע, די ריינע.

די אַרבעט אין דער אינזשענירן־און אַרכיטעקטן־ביוראָ איז פאַר באַריסן געוואָרן מיט יעדן טאָג אינטערעסאַנטער. די ערשטע חדשים האָט ער געטאָן נאָר אַ טעכנישע אַרבעט; קאָפּירט סטאַנדאַרד־פּלענער פון דריי־און פיר־שטאָקיקע הייזער און דערביי ארייגעפירט ענדערונגען אין פאַסאַד. אַמאָל איז דאָס געווען אַן ענדערונג אין די פּראָנטיקע באַלקאָנען און אַ מאָל אין די זיילן. אָפט מאָל זענען די זיילן פאַרבונדן געוואָרן מיט די ווענט און מען האָט זיי נישט באַמערקט און אָפט זענען זיי בכיוונדיק אָפּגעטיילט געוואָרן און דער גאַנצער פּראָנטיקער לאַסט פון אַלע טעראַסעס און באַלקאָנען האָט זיך אָן זיי אָנגעשפּאַרט.

מיט אַ צייט שפּעטער, אַז די בוי־אונטערנעמער האָבן זיך דערקענט אויף באַריסעס אַרבעט, האָט מען אים אָנגעטרויט זעלבשטענדיק צו אַרבעטן. די אַרכיטעקטן־ביוראָ האָט באַקומען אַ באַשטעלונג צו פּלאַנירן אַ גאַנצן בלאָק הייזער אין צפון־קוואַרטאַל פון תל־אביב. פון צענדליקער פּראָיעקטן וואָס מ׳האָט צוגעשטעלט איז באַריסעס פּלאַן אָנגענומען געוואָרן. ער האָט געאַרבעט איבער אים אין די אָוונטן, ביי אַ נאַפט־לאָמפּ. סאַנטאַ האָט גאַרנישט פאַרשטאַנען אין די ווירעדיקע צייכנס, אין די צעריסענע שטריכן. זי האָט נאָר געזען קעסטלעך, ציפערן און באַריסעס לאַנגע פינגער אויף דעם פּאַפּיר, זיין דערוואַכטער אַרבעטס־ווילן, די דאָזיקע אָנגעשטרענגטקייט און דאָס פולשטענדיק איבערגעבן זיך דער אידעע פון שאַפן עפּעס נייס, אַזאַ בלאָק פון הייזער וואָס זאָל האָבן אַ שייכות מיט דער דאָזיקער ערד, מיט דעם אייביק־בלאָען הימל, מיט דעם נייעם מענטש, וואָס זיין פּנים זאָל געווענדט זיין צום ליכט — דאָס אַלץ האָט געמאַכט סאַנטאַן רויִק.

איידער ער האָט אָנגעהויבן צו פּראָיעקטירן אויפן פּאַפּיר איז ער

אַוועק זען די בוי־שטחים, וווּ עס וועט אַנטשטיין דער נייער קוואַרטאַל. ער האָט מיטגענומען סאַנטאַן. זיי זענען געגאַנגען איבער די זאַמדיקע וויסטענישן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן ממש אַ פּאָר מינוטן גאַנג פון דער שטאָט. ווי נאָר זיי זענען אַריבער דאָס טייכל ירקון מיט די גרין־פּאַרוואַק־סענע ברעגן, האָט זיך געעפנט פאַר זיי אַ זאַמדיק־געבערגלטע ווייט, אַ באַזעצטע מיט אויסגעלאָשענע קוסטעס און וויקל־גראָזן. די געוויקסן זענען דאָ באַדעקט געווען מיט אַ רויטן זאַמדשטויב און די שטאַמען האָבן אויסגעזען ווי זשאַווער־שטאַנגען.

זיי זענען געגאַנגען איבער דער דאָזיקער בראשיתדיקער ערד שווייגנדיק. פון דער לינקער זייט האָבן זיי געהאַט פאַר זיך דעם מעכטיקן ים. אַז דער ווינט האָט זיך אויף אַ ווילע איינגעשטילט, האָט מען געקענט הערן דעם גערויש פון די ים־כוואַליעס. פון דער רעכטער זייט האָבן זיי געזען די הויכקייט פון תל־קסילה: אַ נאַקעטער באַרג וואָס זעט אויס ווי מען וואָלט אים מיט מענטשישע הענט אַנגעשיט. — דאָ האָט מען אַנטדעקט די שפּורן פון אַן אוראַלטער שטאָט — האָט געזאָגט באַריס. און איבער דעם באַרג, ווייט ווייט גרינען פּרדסים און עס ליכטיקן קליינע הייזער פון דערפער. קעגן איבער האָבן זיי געהאַט אַ גרויס לאַנד מיט שאָסייען, מיט גרינע פעלדער.

ווען ביידע זענען צוגעקומען צוריק צו דעם קעמלוועג, זענען שוין די שאָטן־קעפ פון די קוסטעס געלעגן אויפן זאַמד. עס האָט שוין געטונקלט. ביים טירל וואַרט די קאַץ. זי שאַרט זיך ביי סאַנטאַס פיס און טורעמט דעם רוקן. דאָס הויז הילט זיך אין שאָטנס.

אָרעם און נישטיק זעט עס אויס אין זייערע אויגן. זיי וואָלטן אַוועק פון דאַנען. עס דריקט זיי די דאָזיקע אומהיימלעכקייט פון פרעמדן געסל. סאַנטאַ ווייס אַז זי וועט שוין נישט קענען אַוועקגיין פון דאַנען. זי האָט זיך באַצויגן צו דעם הויז ווי צו אַ לעבעדיקער באַשעפעניש, אַ פאַרלאָזענער.

שפּעט ביי נאַכט, אַז די נאַפטלאָמפּ איז אויסגעגאַנגען, האָט זי געהערט באַריסעס פעסטע טריט איבערן צימער. דאָס זענען שוין אַנדערע טריט — האָט זי געטראַכט.

— האָסטו זיך איינגעקוקט אין די גרויסע ליכטיקע פענצטער? קוקסט אויף די הייזער און זעעסט נאָר פענצטער, נאָר גלאָז! דער פּאַסאַד זעט

אויס ווי אַ חשבון־בוך! אַזש ביז לאַנגווייל. ביז קאַפּווייטיק!...

ער האָט געלאַכט.

זי האָט אים שוין לאַנג נישט געהערט לאַכן. ווי גוט עס איז איצט אין דער פינצטערניש צו הערן זיין אויפגעבונדענעם געלעכטער. דאָס מאָל איז עס נישט קיין אויפגעצוווּנגען לאַכן כדי זי צו באַרויקן, כדי זי אויפצוהייטערן, ווי ער פלעגט דאָס אָפט טאָן, אַ לאַכן וואָס פלעגט אַרויסקומען ווי אַ בייז שפּאָטעריי. ניין, איצט איז עס פשוטע פרייד.

...— טייל הייזער האָבן אומגעלומפּערטע באַלקאָנען... בלינדע... פאַרמויערטע... זעסט נישט קיין פענצטער... קוקסט אויף אַזאַ הויז און עס דאַכט זיך דיר, אַז דאָס איז אַ ריזיקער קרעדענס מיט אויפגערוקטע שופלאָדן... איצט בויט מען מיט גרויסע פענצטער, מען בויט בלויז פענצטער... ליכט... ליכט... נאָר ליכט... דאָס איז אַן ענטפער אויף די בלינדע אַראַבישע מויערן, אויף די פינצטערע ווענט מיט די שמאָלע פענצטער־קראַטן. מען וויל זיך אָפּטיילן פון אָריענט, פון אַזיע, מען וויל דאָ איינפירן דאָס פאַרקערטע! מיר טרייבן איבער! פון איין עקסטרעמקייט צו דער אַנדערער לויפן מיר! מיינע הייזער וועלן זיין אַנדערע: אַ געוועב פון ליכט און שאָטן. נישט אַרויסשטעלן די גלעזערנע, גדלותדיקע נאַקעטקייט, נישט בלענדן מיט גלאָז נאָר אַרומנעמען די פראָנט־ווענט מיט אַן אָרנאַמענטיק פון געקעסטלטע צעמענט־ציגל. מיט אַ געקניפּ פון זיילן און בינד־בלאָקן. אַ פרייען בליק צום ים, צו די רחבותן! איך וועל צעברעכן די ברענענדיקע זונשטראַלן אַן לייכטע טעראַסן און באַלקאָנען האַלב־אָפענע פון געגאָסענע צעמענט־שטאַכעטן. זיי וועלן זיין פאַרשיידנאַרטיק, פאַרשיידנפאַרביק, אַ געמיש פון באַטיר־לעכע פאַרבן, געגומענע פון אונדזער לאַנדשאַפט, די קאָלירן וואָס עס האָט אונדזער ערד: די חמרה־פאַרב, געל־זאַמדיק, זילבער־גרין און אַליוו...

עס איז איר גוט געוואָרן צו הערן זיין קול. דאָס ערשטע מאָל ווי זיי דערמאָנען נישט אין זייערס אַ געשפּרעך דעם נעכטן, די ווייסטע וויקל־געסלעך ביים מעטשעט, די אַלטע צוויי אַראַבער, נישט די שכנטע אסתר.

אַ גרויסע וועלט שפּרייט זיך נישט ווייט פון דעם קעמלוועג. נאָרביידע זענען געפאַנגען געוואָרן פון דעם קאַקטוס־פּלויט און פון די פרעמדע נאַכט־שאָטנס.

ווי נאָר עס האָבן אויפגעהערט די רעגנס האָט מען אָנגעהויבן צו בויען דעם נייעם בלאָק הייזער לויט באַריסעס פּלענער.

דאָס זענען געווען זיינע גרויסע טעג. ער איז מיט איין מאָל אַריין אין אַן אַנדער וועלט. וועגן אַזאַ מין ענדערונג אין זיך האָט ער אַפילו נישט געטרוימט. דאָס איז גאָר אַן אַנדערער מענטש! די צעברעקלטע שאָטנס פון זיין פּנים, דאָס נערוועזע צוקן פון רעכטן מויל־ווינקל, דער מידער גאַנג — דאָס אַלץ איז פאַרשוווּנדן. זיינע אויגן זענען געוואָרן רויקע; די שוואַרצאַפּלען האָבן זיך אויסגעברייטערט, בלויז די קנייטשן ביי די אויגן זענען געוואָרן טיפער. אויך אין די רייד איז ער ממש נישט צו דערקענען: אָנשטאָט דאָס פאַרוויקלטע ריידן, דאָס האַלב־פּלאָנטער־דיקע, מיט לאַנגע אויסגעצויגענע זאַצן, איז איצט זיין וואָרט געוואָרן וואָגיק און געהאַט אַ מעטאַלענעם קלאַנג.

אָפּט מאָל איז געקומען די שכנטע אסתּר. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שוועל און געשטריקט. זי איז די לעצטע צייט געוואָרן שווייגנדיק. אין די נעכט איז אסתּר מער נישט געשטאַנען ביים פּענצטערל.

באַך אַ וואָך — און שווערע טראַקטאָרן וועלן אָפּרייניקן די פאַרווילדעוועטע שטחים פון די טויטעביימער. זי זעט שוין מער נישט די וואַנדערנדיקע זיילן אין די נעכט. אָבער די ערשטע שרעק, וואָס עס האָט זי געפאַנגען בעתן קומען אין געסל אַריין, איז געבליבן. די שרעק איז פאַרטייעט אין איר און וואַרט נאָר אויף אַ געלעגנהייט אויסצוברעכן. מען פילט דאָס אין די ציטערנדיקע פינגער, אין דער האַסטיקייט פון אירע באַוועגונגען און אין דעם אויסגעלאָשעטעם פּנים.

איין מאָל, ווען סאַנטאַ איז אַרויס פון צימער האָט זי באַמערקט ווי ביי דער שוועל זיצט די שכנטע אסתּר און גלעט די קאַץ. זי האָט זיך פאַרשעמט, די שכנטע, און גענומען טרייבן די קאַץ פון דער שוועל.

— דו, שד אַראַבישער... וויסטע אַנשיקעניש...

די שכנטע האָט דערביי גוטמוטיק געשמייכלט.

— מיין לעאַן האָט מיר געזאָגט אַז ביינאַכט קומען אַראַבער אין געסל אַריין. אָבער מורא האָבן זאָלט איר נישט, שכנטע סאַנטאַ. זיי קומען מיט אייזלען... מען שעכט אייזלען אין וואַדי... איין ספּולקע... דערנאָך טרינקט מען ביי מאַקסלען בראָנפן... איר דאַרפט זיי אָנקוקן... פאַרשווינען ווי

אונדזערע... גאָטס וועלט דרייט זיך... אוי ווי מיר נישט־געשען.

אסתּר איז אַוועק. סאַנטאַ קוקט איר נאָך מיט טרויער. איצט וועט שוין קיינער נישט דורכגיין דורך דאַנען. פאַרנאַכט וועט קומען באַריס. און אַז עס וועט פינצטער ווערן וועט זיך אָפּרופן די נאַכט־סאָווע. ביי די שכנים אין די פענצטערלעך וועט אויפלייכטן אַ געל ליכט. גלייך נאָך דעם וועט זיך אָנהייבן דאָס שאַקאַלן־געוויין. זי קען דאָס שוין אַלץ. זי וואַרט שוין אויף דעם אַלעם. עס מוז דאָך קומען, ווייל נישט וועט עפּעס פעלן אין דער דאָזיקער טרויעריקער וועלט.

עס איז נאַכט. אַ שטאָק פינצטערע נאַכט.

דער קאַצס אויגן פינקלען אַרויס פון דער חשכות. סאַנטאַ קאָן נישט שלאָפן.

באַריס האָט לאַנג גערעדט וועגן די נייע הייזער, וואָס מען בויט שוין אויף די זאַמד־פעלדער נישט ווייט פון ים, וועגן די ברייטע באַלקאָנען און טעראַסן, וועגן די זיילן און די נידעריקע גאָרטן־צוימען מיט די שטיינוועגן וואָס וועלן פירן צו מירמלנע טרעפּ.

איצט שלאָפט ער. אים איז גוט. זינט מען בויט די הייזער לויט זיינע פּלענער האָט ער אויפגעהערט צו זען די דערנער־שאָטנס ער הערט מער נישט דעם געוואָי פון דער וויסטעניש און נישט די טריט פון די נאַכטגייער.

וואָס רויִקער עס איז געווען באַריס, אַלץ דערווייטערטער איז ער געוואָרן פון סאַנטאַן.

זי איז איצט איינע אַליין, מען האָט זי געלאָזט אין אַ פינצטערן וואַלד און זי געפינט נישט קיין שטעגל וואָס זאָל זי אַרויספירן צום ליכט פון טאָג.

עס זענען ווינציק געווען פאַר איר די רייד זיינע וועגן די מענטשן וואָס ער באַגעגנט אין שטאָט, וועגן די בוי־אונטערנעמער, וועגן די אַרבעטער. זי האָט געוואָלט צוזאַמען מיט אים שלייכן זיך אויף די פאַרווילדעוועטע וואַלד־שטעגלעך פון אירע חלומות און מיראַזשן, זי האָט געוואָלט, אַז זיין האַרץ זאָל פּונקט אַזוי ווי איר האַרץ אויפגעציטערט ווערן פון גרויל. דאָס וועט איר דערלייכטערן. זי וועט נישט פאַלן אין אָפּגרונט, זי וועט נאָר גיין ביים ראַנד און פילן באַריסן. איצט דערווײַ־

טערט ער זיך פון איר אַלץ מערער און מערער. ווי רויק ער שלאָפט. דאָס איז דער שלאָף פון אַ שטאַרקן און געזונטן.

פון דער פּאַרוויסטער ברונעם רופט מען. דאָס קול קייקלט זיך איבער די פעלדער מיט אַ וויינענדיקן נאָכקלאַנג. אַ נאַכט־פויגל פּאַטשט מיט די פליגל. וואָלקנס בידערן. זי קאָן נישט איינרוען איז דער דאָזיקער נאַכט. אפשר זאָל זי אַרויס צו דער שוועל? ווער קאָן דען אַזוי רופן אין דער נאַכט? זי מוז נאָכגיין דער פּאַרהוילענער וויינענדיקער שטים. די שטיינער פון דיל זענען קאַלט. אַ ציטער איז דורכגעלאָפן דורך איר גאַנצן קערפּער.

די טיר עפנט זיך אַליין ווי אַ ווינט וואָלט זיך אַריינגעריסן. איצט שפּירט זי דעם ווינט. אָ, גאָט, ווי אַזוי גיי איך דאָס אַרום אַ נאַקעטע אין דער נאַכט? גוט וואָס עס איז פינצטער און קיינער זעט מיך נישט. דער ווינט פרישט אויף, ער מאַכט וואָך. ער קומט פון די בערג און ברענגט מיט זיך דעם ריח פון די קופּער־פעלדזן. פון די באַרג־פלאַנצן.

עס ליכטיקט אַרום איר. איר דוכט זיך אַז זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ליכט־זייל. די ערד איז גוט צו אירע באָרוועסע פיס. זי איז אַזוי נאָענט די דאָזיקע ערד! יאָ, דאָס ליכט קומט פון איר נאַקעטן גוף!

פאַרוואָס וואַנדלט זי אַרום אין מיטן נאַכט? פאַרוואָס? איך וועל צוריק־גיין אַ היים... זי האָט זיך איינגעבויגן, איינגעקאָרטשעט און פאַרשטעלט מיטביידע הענט די ברוסטן. איצט ציטערט זי. עס איז איר אויסטערליש גוט אין דעם געציטער. דאָס איז די גוטסקייט ערב דעם אַריינשפּרינגען אין אַ טייך. באַלד וועט זי דערשפּירן דעם סאַמעט פון די וואַסערן... זי וועט עפענען די אויגן און אויפשליסן די אָרעמס... עס וואַרטן אויף איר נאַקעטקייט די נאַכט־הימלען... די זילבער־וואָלקנס... די שוועבנדיקע באַרגשפּיצן פון די ווייט־נאָענטע בערג... זי וועט אָוועק אַן אויסגעגלייכטע און שטאָלצע, אַזוי ווי דער ווינט, ווי דאָס ליכט פון די וואַנדערנדיקע שטערן... אָט אַזוי — — —

און סאַנטאַ האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן צו גיין. די קאַקטוסן האָבן זיך צוגערוקט אַלץ נענטער און נענטער. זי זעט דעם גלי פון שטעכיקע זילבער־נאָדלען. זילבער־קעפּ און זילבער־נאָדלען... טויזנטער... מיליאָנען... זי אַליין איז אַ שטיק זילבער, וואָס וועט צונויפ־געשמאָלצן ווערן מיטן זילבער פון די נאָדלען... זי וועט אַריבערשוועבן

איבער די דערנער... און ווי נאָר זי איז צוגעקומען צום שטעכיקן צוים האָבן זיך די דערנער אָנגעהויבן צו באַוועגן. זיי האָבן זי אַריינגענומען אין דער מיט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַראַהאָד־טאַנץ פון קאַקטוסן און דערנער. זיי האָבן צעריסן איר לייב און זי איינגעקלעמט אין דערנער־קרוינען. אומעטום נאָדלען. עס טוט ווי... זי איז באַדעקט מיט בלוט־טראָפּנס... טויזנטער בלוט־טראָפּנס. זיי לויכטן ווי די רובינען... אָ, גאָט! אָ־אָ־אָה!...

איר געשריי האָט זיך אויסגעמישט מיטן שאַקאַלן־געוויין — — —

זי האָט דערוואַכט אין מיטן נאַכט־קאָשמאַר. באָריס שלאָפט ביי דער זייט. האָט ער נישט געהערט איר געשריי?

דער ווייטיק פון די סאַברע־בלעטער און דערנער אויף איר לייב איז נישט פאַרגאַנגען. זי פילט אים אָפּ אַזוי שאַרף. מיט די פינגער באַרירט זי די בריסט. ווו זענען די בלוט־טראָפּנס? איז מיין הויט צעריסן? פאַרוואָס טוט מיר אַזוי ווי דער גאַנצער גוף? ווער האָט אים פאַרוווּנדעט? ווו בין איך געווען אין מיטן דער נאַכט?

ווידער דאָס שאַקאַלן־געוויין.

ווי רויִק ער איז! איך בין איינע אַליין, אָ, גאָט, אויף דיין וועלט! ער האָט מיך איבערגעלאָזט מיט מיין פיין! ער!

סאַנטאַ האָט בייז געדראָט מיט איר האַנט דעם שלאָפנדיקן באָריס.

דאָס נאַפּטלעמפּל איז פאַרלאָשן. זי זוכט אויף דעם קליינעם טישעלע די שוועבעלעך. די קאַץ שאַרט זיך ביי אירע פיס. איר פעל איז וואַרעם. דאָס איז די איינציקע לעבעדיקע באַשעפעניש וואָס איז איר נאָענט.

אַ פלעמל שפּרינגט אויף. סאַנטאַ באַלייכט זיך די הענט, די פיס. זי טוט אויס דאָס נאַכטהעמד און זוכט די ווונדן פון די סאַברע־בלעטער אויף איר לייב. זי האָט זיך דאָך נאָר וואָס אַרויסגעריסן פון דעם סאַברע־געקנויל, פון די שאַרפע צעזילבערטע דאָרן־קוסטעס וואָס האָבן צעבלוטיקט איר לייב! זי שפירט דאָך דעם שטעכיקן ווייטיק! אָ, ווי עס פרירן די פיס! ווו זענען די בלוט־ווונדן?

איז דאָס פאַרבלענדעניש? פאַרוואָס בין איך אַזוי מיד? אַזאַ שווערע, בלייערנע מידקייט ציט מיך צום באָדן.

זי וועט זיך אָוועקלייגן אויף די שטיינער און דאָס וועט איר העלפן.

אירע אויגן ווערן גרויס. דאָס נאַפּטלעמפּל ציטערט אין איר האַנט. זי וועט נאָך מערער אַרויפדרייען דאָס פייערל. זאָל עס העלער פלאַקערן! זי וויל זיך זען! זי קוקט אויף זיך ווי מען קוקט אויף אַ פרעמדן: די פרעמדע איז הויך, מיט רונדיקע אַקסל, מיט קליינע בריסט. די ליניען פון האַלדז שליסן זיך ווייך מיט די הענט, מיט דעם רוקן. די פיס זענען צונויפגעשלאָסן, געשפּאַנט ווי צום שפּרונג.

סאַנטאַ איז שוין איצט נישט אַליין. זי איז מיט דער אייגענער נאַקעטקייט און צו דער נאַקעטקייט אירער רעדט זי גוטע רייד, פול מיט באַדויערן און טרייסט: ביסט געפּאַנגען געוואָרן פון שרעק, פון פּחד, פון אַ וויסטעניש. דו ווילסט דיין גוף אַריינשליידערן אין די קאַקטוסן אַריין. דיין נשמה ראַנגלט זיך שוין דאָרט מיט דערנער. זע, ווי יונג דו ביסט! זע, ווי שיין דו ביסט! הערסט דאָס וויגן פון טירל, דעם געשאָרך פון טריקעניש, דאָס געוויין פון שאַקאַלן, דו זעסט די צווייַ אַלטע אַראַבער און דו ביסט אין די נעכט אַליין, און ער איז דיר נאָענט און דאָך אַזוי וויַיט, אַזוי פרעמד. ער ווייס נישט אַז דו ביסט אַרויס אַ צעבלוטיקטע פון די דערנער, אַז דו לויפסט אַרום אַ נאַקעטע און באַרוועסע איבער די דאָרן־פעלדער! ער ווייס נישט אַז צוקאָפּנס וואַכט דער אומרו, די פּיין, און ווי נאָר דו שליסט די אויגן דערנענטערט ער זיך, דער פּחד, צו דיר און רייסט אויף דיינע אויגנאַפּלען, ער נעמט דיך אין זיינע אייז־קאַלטע קנאָכיקע הענט און טראָגט דיך אין דעם פינצטערן קעניגרייך אַריין — — —

און אַז באַריס האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז סאַנטאַ געשטאַנען אַ נאַקעטע מיט דער נאַפּטלאָמפּ אין דער האַנט און הויך גערעדט צו זיך.

ער האָט זיך אַ וויילע אַרומגעקוקט ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטדעקן דאָס אָרט ווו ער געפינט זיך. זיינע אויגן זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן און פון דער ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי.

די נאַפּטלאָמפּ איז אַרויסגעפאַלן פון איר האַנט און דאָס גלאָז איז צעשפּליטערט געוואָרן אָן די שטיינער פון דיל.

אַ פינצטערניש אַ געדיכטע, אַ טויבע, אַ תהומיקע האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע הויז.

סאַנטאַ האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף באָריסעס ברוסט און געוויינט. דערנאָך איז זי שטיל־געוואָרן און איינגעשלאָפן. נאָר די קאַץ האָט נישט געוואָלט איינרוען. זי האָט גערופן, מיט די נעגל געריסן דעם פאָרהאַנג ביי דער טיר.

באָריס איז אַראָפּ פון געלעגער און געעפנט די טיר. אין דרויסן איז נאָך נאַכט. ערגעץ אין מיזרח גרויט שוין. אַ שאָטן האָט זיך אַ גליטש־געטאָן איבערן הויף און איז נעלם געוואָרן צווישן די דערנער. דאָס איז די קאַץ אַוועק צו איר אַלטן געלעגער. אפשר איז איר דאָרט היימלעכער ווי אין שטוב, — האָט ער אַ טראַכט־געטאָן.

באָריס איז געלעגן ביז פאַרטאָג אין בעט און עס האָט זיך איבערגעחזרט ביז ווייטיקדיקן לאַנגווייל דאָס אַלץ וואָס ער האָט געהערט אין די ערשטע נעכט פון באַזעצן זיך אין דעם געסל: די זעלבע קולות פון שאַקאַלן, די טריט אין זאַמד, דאָס אייזל־געוויין, דער פויגל־רוף, דאָס וויגן זיך פון די טרוקנע בלעטער אויף דער פעכער־פאַלמע, דאָס סקריפּן פון טירל.

סאַנטאַ שלאָפט מיט דעם שלאָף פון אומרויִקע. ער דערקענט דאָס לויט איר עטעמען, לויט דעם געציטער פון אירע אַקסל. ער איז געווען זיכער אַז ערשט היינט ביי נאַכט האָט ער דאָס ערשטע מאָל דערזען סאַנטאַן אין איר גאַנצער שיינקייט. זי איזווירקלעך זעלטן־שיין האָט ער געטראַכט. דאָס איז דאָך געווען אַ חלום, די גאַנצע געשיכטע מיט איר באַקעטקייט אין דער נאַכט. דאָס איז געווען זיינס אַ חלום, אַ מיראַזש, אַ בעקנקשאַפט זיינע נאָך עפּעס שיינס וואָס יעדער טראָגט אין זיך. נישט סאַנטאַ איז דאָס געווען! אַן אַנדערע האָט ער אויסגעפּיבערט אין זיין אומרויִקער נאַכט.

און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף איז שוין געווען ליכטיק. סאַנטאַ איז נאָך אַלץ געשלאָפן. אַז ער איז אַראָפּ פון בעט, האָט ער דערזען אויף דעם דיל די צעבראָכענע נאַפטלאָמפּ. עס איז אים גוט געוואָרן וואָס איר גוף אין דער נאַכט איז נישט געווען קיין חלום. נאָר עס איז אַן אמת, און ער האָט זיך איבערגעבויגן איבער איר מיט אויפגעוואַכטער ליבשאַפט.

# א ב י ג י ל

## א

סאַנע איז געבליבן אַליין אויפן שאָסיי. אַ שטילקייט האָט אים אַרומגענומען. זי איז אים באַפאַלן, די שטילקייט, אַזוי פּלוצעם, אַז ער האָט זיך געווערט קעגן איר. ער האָט עפּעס הויך געזאָגט, דערנאָך געברומט אַ בייזע ברומעריי קעגן דעם שאָפער, וואָס האָט אים פאַר־שלעפּט און ניט אַראָפּגעלאָזט אויפן אָרט. ער האָט הנאה געהאַט פון דעם געסקריפּ פון די באַרגשטיינדלעך אונטער זיינע פיס. עפּעס אַזאַ אומהיימ־לעכע שווייגעניש, שווער זיך צוגעוויינען צו איר נאָך דעם ווי דער בלעכערנער קאַסטן האָט אַנדערהאַלבן שעה אומהיימלעך געפּויקט. ער האָט גערעדט צו זיך, נאָר די ווערטער זענען אויסגעגאַנגען אין דער שטילקייט ווי די שאָטנס פון קליינע באַרג־פייגל, וואָס זענען נידעריק פאַרבייגעפלויגן.

דער שאָסיי האָט געפירט באַרג־אַראָפּ. ביים רעכטן ראַנד פון וועג האָט זיך געצויגן אַן אויפגעשניטענער רוקן פון אַ פעלדז, אַ שטיינערנער, מיט שיפּע פלאַסטן שטיין; געל־בורשטינענע, רויט־ציגלדיקע מיט בלאָע מירמל־אָדערן. ערגעץ ווו, צופוסנס פון אַ שטיין, האָט אַרויסגעקוקט אַ צעקנאָדערטער קאַרליק־קוסט, און אויף אַ שטיין האָט אַ פייגנבוים אַוועקגלייגט זיינע צווייגן. ערשט דאָרט ווו עס האָט זיך געענדיקט דער אויפגעשניטענער פעלדז, לעבן שאָסיי, האָט זיך מיט אַ מאָל אַנטפּלעקט אַ טיפער באַרג־אַראָפּהאַנג מיט אויסגעהאַקטע שטיין־טעראַסעס. פון ביידע זייטן האָבן זיך געשפּרייט די נאַקעטע שטיינרוקנס פון בערג. ווייס־גראָע שטיינער, געשליפענע, געשייערטע, צעוואָרפענע איבער באַרגווייטן האָבן צוגעצויגן סאַנעס בליק. זיי האָבן אים טרויעריק געמאַכט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז גאָט אַליין האָט פאַרזיגלט מיט שטיינערנע זיגלען די טראַכט פון די בערג.

— דאָ דאַרף עס זיין — האָט ער שטיל אויסגעשעפּטשעט. אויף אַ באַרגרוקן האָט זיך געוויקלט אַ שמאָל צעאַקערט שטעגל, די ברייט פון אַן אַקס. דאָס שטעגל איז געווען רויט־ערדיק און אויף טייל ערטער גראָ און ווייס פון די צעריסענע שטיינער. דאָס איז געווען אַ שטעגל פול מיט ערדשוועלן און שטיקער שפּליטער־אָנהויפן, וואָס אַ טראַקטאָר האָט אויפגעשניטן אפשר מיט אַ טאָג־צוויי צוריק. די זון האָט נאָך ניט באַוויזן אויסצולעשן ניט די פרישע ערדגרודעס, ניט דעם געבלענד פון שטיינשפּליטערס. איצט דאַרף נאָך דאָ דורכגיין דער שווערער מאַשין־פּרעסער. ער וועט עס איינפּרעסן דאָס שטעגל, הארט מאַכן, אַז מען זאָל קאָנען דורך דאַנען פאָרן — האָט געטראַכט סאַנע. אויב דער מאַשין־פּרעסער זאָל ניט דורכגיין, איז די אַרבעט אַ פאַרפאַלענע, אַז ס׳וועלן קומען די רעגנס וועט אַלץ אַראָפּגעשווענקט ווערן.

ער איז געגאַנגען אויף דעם פריש־אויפגעשניטענעם שטעגל, אָפּט מאָל אונטערגעשפּרונגען, אויסגעמיטן שאַרפע שטיינפּלאַסטן, ברילעס. אויף טייל ערטער האָט ער אָנגעטראָפן אַרויסשטאַרנדיקע וואָרצלען, לאַנגע און געוויקלטע מיט אַ סך בייוואָרצלדיקע אַרויסשפּראָצונגען.

דאָס אויפגעריסענע שטעגל האָט איצט געפירט האַסטיק באַרג־אַראָפּ. פאַר זיך, אויף אַ באַרגראַנד, האָט סאַנע דערזען אַ שורה קליינע בלעכענע הייזלעך. אין דער נידער האָט זיך געשפּרייט אַ דרייעקיק פלאַכלאַנד און עטלעכע מענטשן האָבן זיך געפּאָרעט ביי אַ שווערער מאַשין. אַרום זענען געווען אויפגעשטעלט ווי אַ דרייפוס שטאָלענע שטאַנגען.

פאַר וואָס האָט מען אויסגעקליבן דווקא דאָס אָרט אויף די גראָבונגען? אַ האַנט דערין האָט געהאַט סאַנע. ער איז געזעסן לאַנגע טעג איבער די טאָפּאָגראַפישע קאַרטעס פון דער געגנט, געחשבונט, געמאָסטן, די הויכקייט פון די בערגשפּיצן, די טיפקייט פון די באַרגשפּאַלטן און טאָלן, פאַרגליכן זיי מיט דער טיפקייט פון אַ פאַרגעסענעם ברונעם אין אַ שכנותדיק אַראַביש דערפל, וואָס ווערט נאָך דערמאָנט אין תנך. דאָרט איז דאָך געווען וואַסער, און דער ברונעם־שפּיגל ליגט אויף דער זעלביקער פלאַך ווי דאָ, אין דעם טאָל. אפשר שפּרודלט דער זעלביקער קילער וואַסערשטראָם אין דער ערד פונעם נייעם תימנער דערפל וואָס אין יענעם אַלטן יישוב?

## ב

דאָס איז געווען אַ שטיל אָטעמען, וואָס האָט אָנגעהאַלטן טאָג און נאַכט. עס האָט זיך אויסגעדאַכט אַז דאָס אָטעמען די בערג. די הימלען האָבן זיך איינגעהערט אין דעם אָטעם און וואָלקנס האָבן זיך אין די נעכט פאַרהאַלטן איבערן טאָל. סאַנע האָט געשפּירט, אַז דאָס שטילע שלאָגן פון זיין האַרץ גיסט זיך צונויף מיט דעם מאָטאָר־קלאַפּן. עס איז אים נאָענט געוואָרן דער אָטעם פון דער גראָבמאַשין. אַפילו די דאָרף־תּושבים האָבן זיך צוגעוווינט צו דעם אָטעם פון דער בויער־מאַשין. די ערשטע טעג זענען זיי געקומען אַלט און יונג, געשטאַנען אין אַ האַלבראָד און חידושדיק געקוקט אויף די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפּאָרעט ביי די גרויסע שטאָלענע רערן און שטאַנגען. די מענער, מיט געקרייזלטע האָרקנופּן אויף די קנאָכיקע באַקן, האָבן באַטאַפּט מיט טונקל־ביינערדיקע פינגער די אייזנס, געפרעגט קשיות, און האָבן צווישן זיך געשמועסט. דאָס איז געווען אַ שטילער ליפּן־געציטער.

— חביבי... חביבי... איבער האָט אויפגעהויבן זיין פּנים צום שפּיץ פון בויער־שטאַנג און דערביי געפינטלט מיט די בלאָ־אָנגעדראָלענע ווייסלען פון די שוואַרצבערעמענדיקע אויגן.

די מענטשן, וואָס האָבן די ערשטע טעג געאַרבעט ביים אויפשטעלן די בויערמאַשין, האָבן געפּלאַנטעוועט דאָס וועגל וואָס אַ טראַקטאָר האָט מיט אַ צייט צוריק אויפגעשניטן; זיי האָבן צוגעגרייט אַן אָרט פאַר דער פּרעסמאַשין וואָס וועט די טעג קומען און דערמיט וועט זיך ענדיקן זייער אַרבעט. נאָר סאַנע וועט דאָ בלייבן מיט אַ נאַכט־שומר, דאָס וועט אַוודאי זיין דער אַלטער גמליאל, דער וואָס פירט וואַסער אויף אַן אייזל. סאַנע וועט ניט צוריקפאָרן אין שטאָט אַריין, ביז די אַרבעט וועט ניט פאַרענדיקט ווערן. צו וואָס זאָל ער דאָס טאָן? ערשטנס, איז עס אַ ווייטע און אויסמאַטערנדיקע נסיעה, צווייטנס, וואַרט דאָך דאָרט קיינער ניט אויף אים. אָן אַ משפּחה. נאָך קיין יאָר ניט אין לאַנד. און דאָרט — אַ שטאָט מיט מענטשן. פרויען־געלעכטער אויף שפּעטנאַכטיקע ליכטיקע גאַסן, גרינע ליכטער פון אַבאַזשורן אין פענצטער... היימען... היימען... און ער — סאַנע, דער עלנטער, דער עולה...

דוכט זיך נעכטן... בית־עולים... ער דערמאָנט זיך די קליינע האַלב־שפּאַטישע און האַלב־פאַרשערישע אייגעלעך פון פּקיד:

— איר זייט פון פאַך אַרכיטעקט! העי, דאַני, אַן אַרכיטעקט איז מיטן דערינען! — וואָס טוט מען מיטן אַרכיטעקט? — האָט ער ערגעץ געשריגן אין חלל אַריין. פּלוצעם האָט ער זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט, איבערגעבויגן זיך צו סאַנען און געפרעגט: אַרכיטעקט איז אויך דאָס זעלביקע וואָס אינזשעניר? — און ניט וואַרטנדיק אויף קיין תשובה האָט ער אַריינגערוקט סאַנען אין האַנט אַ פאַרמאַכטן קאָווערט. אַזוי איז ער אָנגעקומען צו דער אַרבעט. צו ערשט ווי אַ שוואַרצאַרבעטער, און דערנאָך, ביז ער האָט זיך באַקענט מיט דער ברונעם־גראַבעריי, איז אַריבער אַ יאָר. דער ברונעם איז זיין פּראָיעקט, דער ערשטער אָנהייב פון זעלבשטענדיקער אַרבעט.

שיין איז דאָ אין די פאַרנאַכטן. די ווייטע פּיאַלעטע שטיינשאָטנס ווערן אויסגעצויגן, זיי גרייכן ביזן נעפּלדיקן טאָל. פון די שטיינשפּאַלטן לויערט אַרויס אַ שוואַרציקייט און די נאַקעטע שטיינער מיניען זיך אין לעצטן טאָגליכט מיט מירמלדיקע פאַרבן: רויט־אָדערנדיקע, געל־בורשטינענע, גרין־פאָספאָרישע, ווייס־קאַלכיקע און בלאָ־גלאָזיקע.

אָ, די בערג, קוקסט אויף זיי אין פּשוטן טאָגליכט, ליגן זיי פאַר דיר אָפּגעבליאַקעוועטע און פאַרשרפּהטע, ווי אויסגעברענטע דערנער פון וועלכע די שוואַרצקייט איז אַרויס, ווי אַש, צעוואַשן פון רעגנס — און דאָ, אין דעם פאַרנאַכט, אַזוי פיל פאַרב, אַזוי פיל שיינקייט, ווי די הרי־יהודה וואָלטן באַצירט געוועזן מיט געשליפענע איידל־שטיינער.

עס טונקלט שוין און גמליאל איז ניט געקומען. באַלד וועט פינצטער ווערן.

סאַנע איז אַוועק צום דערפל. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, טריט ביי טריט, צו אַ שפּיציקן שטיין איז צוגעבונדן אַן אייזל. דער שטיין איז אַ לאַנגער ווי אַ זייל און דאָס אייזל האָט זיך פאַרפלאָנטערט און שטייט הכנעהדיק מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן.

ביי דער שוועל פון בלעכענעם שטיבל האָט ער געטראָפן גמליאלן.

— אדוני... באַלד קומט מיין ווייב, אביגיל... זי קומט מיט די ציגן...

סאַנע האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ שטיין און געשוויגן. דער אַלטער איז געלאָפן נאָכן אייזל. ער האָט געשריִען צום אייזל גאָרגלדיק, געזידלט

אים, געררופן. קיינער האָט זיך ניט אָנגערופן, נאָר אַ הייזעריקער עכאָ, ווי דאָס געשורש פון אַ פאַלנדיקן קוסט אויף שטיין האָט אים אָפּגעענטפערט.

פון דער ברייטער דאַרפגאַס האָט זיך געטראָגן אַ זאַמדשטויב. פון ערגעץ זענען אָנגעלאָפן עטלעכע ציגן און גלייך נעלם געוואָרן צווישן די בלעכענע שטיבלעך. צוויי ווייסהאָריקע ציגן האָבן זיך דערנענטערט צו סאַנען. לעבן די ציגן האָט געשפּאַנט אַ יונג מיידל, זי האָט די ציגן געפירט אויף אַ לאַנגען שטריק. דערשפּירנדיק דאָס היימישע שטעלעכל און די פרישע גראָזן, וואָס זענען דאָרט געלעגן, האָבן זיי זיך אַ ריס־געטאָן פון אָרט און אָנגעהויבן לויפן. דאָס מיידל איז זיי נאָכגעלאָפן און הויך געשריִען. אירע האָר האָבן זיך צעפּאַטלט, דאָס געלע קלייד האָט געפלאַ־טערט און אויפגעדעקט דעם דינעם האַלדז ביז די אַקסלען, און די באָרוועסע פיס האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן שטיקער שטיין.

די צוויי ציגן האָבן זיך געוואָרפן צו דעם הויפן באַרגגראָזן און הונגעריק געשלונגען זיי.

— דאָס איז אַוודאי אביגיל, דאָס ווייב פון גמליאל — האָט ער זיך געחידושט. זי איז געשטאַנען פאַר אים און שווער געאָטעמט. אביגיל האָט פון געלויף ניט געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, ניט געקענט אַרויסריידן קיין וואָרט, נאָר אירע קליינע בריסט זענען מיט יעדן אָטעם בולט געוואָרן און דערנאָך זענען זיי פאַרשווונדן צווישן די קליידפאַלדן.

אָ, ניט איין מאָל האָט ער זי געזען אונטן, ביי דעם ברונעם־בויערער. גיי ווייס אַז דאָס איז שוין אַ יונגע פרוי.

אין דעם געלויף האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט די שלאַנקקייט אירע, די באַוועגלעכקייט, די געשניצטע פיס, דער מירמל פון איר האַלדז.

דעם פרעמדנס בליק האָט זי אומרויִק געמאַכט. זי האָט זיך פלוצעם דערפילט געפענטעט און פאַר שרעק פאַרלייגטביידע אָרעמס אויף איר האַרץ, זיך פאַרשטעלט די ברוסט און אַראָפּגעלאָזט די גרויסע אויגן־ווִיעס.

לעבן אַ טייל בלעכשטיבלעך האָבן זיך געשלענגלט דינע שמאָלע פלעמלעך. אַ געקרייזלטער רויך, אַ בלאָער, האָט זיך געוויקלט ביז ער איז פאַרגאַנגען אינעם שאָטנדיקן פאַרנאַכט. דאָס האָבן די תושבים געגרייט זייער נאַכטעסן.

די אָוונט־שטילקייט איז איבערגעריסן געוואָרן פון אַן אייזל־געשריי,

פון אַ קינדעריש געוויין. ס׳זענען אָנגעשוווּמען שאָטנס און פאַרדעקט די ווייטע בערג.

גמליאל איז געקומען מיטן אייזל און אים פאַרשפּאַרט אין שטאַל. ער איז אַלט און געבויגן, גמליאל, אַ זקנישער גוף אויף אומרויִק שטעקלדיקע פיס. אביגיל האָט לאַנג געפּאָרעט זיך אין קיכווינקל, געוואַשן אַ קליין קריגל, געווישט עס מיט אַ האַנטעך און ווידער אַ מאָל געוואַשן ס׳קריגל. אירע פינגער האָבן געציטערט און די דינע באַזלעפּלעך האָבן ווי ביי אַן אינדין געפּלאַטערט. עפּעס אַ פרעמדער מאַן, האָט אויף איר אַזוי געקוקט, געזען איר אַזאַ צעשורפּעטע. איצט איז זי שוין מיט אַן איבערגעבונדענער לענטע אויף אירע האָר, איר געל קלייד — פאַרקנעפּלט ביים האַלדז. סאַנע האָט דערקענט, אַז דאָס האָט זי אָנגעטאָן די האָרלענטע צוליב אים. ער האָט געזען ווי זי שאַרט פון אומרו אירע פיס. איר איז געפעלן זיין שטילקייט, דאָס קלוגע שווייגן, דער ליכטיקער שטערן זיינער. אַז סאַנע איז אַוועק איז זי אַרויף אויף דעם פעלדז, וואָס געפינט זיך הינטער זייער שטיבל, און האָט זיך אַוועקגעזעצט דאָרט. דער פרעמדער איז געגאַנגען מיט אַ גלייכן טראָט, זיינע אַקסלען האָבן זיך ביט קיין בויג געטאָן. ער איז געווען שלאַנק און הויך.

— אביגיל! אביגיל! — האָט מען גערופן.

זי האָט ניט געוואָלט, אַז מען זאָל זי טרעפן אויפן פעלדז. אָט קערט זיך אום דער מענטש און הערט זיך איין ווער עס רופט אַזוי. ניין, זאָל איר דער אַלטער דאָ ניט טרעפן. זי האָט זיך אויסגעשפּרייט אויפן פעלדז, מיטן פּנים צום שטיין און געשפּירט ווי איר קליינער מיידל־קערפּער ציטערט־אויף פון דער שטיינקילקייט ווי אַ גוטער ווינט, אַ באַרג־ווינט, וואָלט זיך אַרומגעטראָגן אין איר.

ג

די פאַרטאָגן אין די בערג זענען געווען נעפּלדיק. דאָס זענען טויבעפלען, וואָס האָבן זיך פאַרהאַלטן אין די בערג און שוין געבליבן ביז די זון איז אויפגעגאַנגען. דער שווערער טוי איז געפאַלן אויף די שטיינער, אַריינגעדרונגען אין די שטיינריצן און שטיינשפּאַלטן, דער טוי איז געבליבן אין די פאַרוויקלטע בלעטלעך פון די קליינע דאָרנ־

קוסטעס. דער גרויער באַרגפויגל האָט געוווסט וווּ צו זוכן דעם פאַרבאָרגענעם טוי, און אין די גרעסטע חמימות האָט ער געהאַט מיט וואָס צו שטילן דעם דאָרשט.

אין די נעפלדיקע פּאַרטאָגן האָט זיך סאַנען אויסגעדאַכט, אַז די אייזערנע שטאַנגען אין טאָל זענען מאַסטן פון אַ זעגלשיף, וואָס אַ שטורעם האָט זי פאַריאָגט פון ברעג, און אַז די נעפלען אַרום, די תהומיקע, גראַנאַט־גראָע און שוואַרץ־גרינע, זענען פאַרגליוועטע כוואַליעס פון צעהפקרטן ים. און ער איז דער לעצטער אויף אַ צעריסע־נעם זעגל, וואָס זוכט ערד... אָט זעט ער ווי דאָס צעפליקטע זעגל־לייוונט טראָגט זיך איבער כוואַליעס. ער וועט געשליידערט ווערן צו די אָפּגרונטן... און ווען סאַנע האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער דערשפּירט אַ קעלט אין אַלע גלידער. ס'האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

אָ, ווי קאַלט עס קאָן זיין אין די בערג. ער האָט אָוועקגעבויגן דעם לייוונטענעם פאָרהאַנג פון געצעלט און דערזען ווי ס'טיילן זיך אויס די בערג פון די נעפלען.

ביי דער בויערשטאַנג זענען געלעגן הויפנס אַרויסגעוואָרפענע קייַלעכדיק געשניטענע שטיינער. אַהאַ, ווידער אַן אונטערערדישער פעלדז. די בויער־מאַשין האָט איצט אַ שווערע אַרבעט. די רער, מיט דימענטן באַזעצטער בויערקאָפּ שניידט אים דורך. סאַנע האָט עס געשפּירט לויט דעם אָטעם פון דער בויער־מאַשין. פון דער צווייטער זייט זענען געלעגן בערגלעך זאַמד און שטיינער־קרישלען. ער געדענקט זיי גוט, יעדער שטיקל קרישלשטיין, יעדן זאַמדאָנהויף, וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון דער ערדטיפעניש. דאָס איז פון פערציק מעטער טיף, און דאָס פון פופציק מעטער טיף. און די שטיינער, וואָס דער מאָטאָר האָט היינט אַרויפגעצויגן, זענען פון אַן אַכציק מעטערדיקער טיפעניש! ער האָט גענומען אַן אַרומגעשליפענעם קורצן שטיינזייל איןביידע הענט אַריין און אים באַטראַכט. דער געשליף זיינער ווייזט, אַז דאָס איז ניט פון איין האַרטן פעלדזמאַסיוו. ער וועט זיך ענדערן דער שטיינמאַסיוו און ווידער וועט זיך באַוויזן אין דער רער פון דער בויערשטאַנג אַ פייכטלעך האַרט ערדבערגל.

דער הויפּט־אינזשעניר איז שוין דאָ עטלעכע מאָל געווען. דערווייל

גייט די אַרבעט גוט, די בויערשטאַנג האָט זיך ביז איצט ניט איבער־געבראָכן, די בויער־מאַשין שניידט די פעלדזן פון דער ערד און דער מאָטאָר אָטעמט רעגלמעסיק.

די טעג האָבן זיך געציגן זוניקע, טרוקענע, שטויביקע. די נעכט — טוייִקע, קאַלטע און אָפּט ווינטיקע. פאַר נאַכט איז געקומען גמליאל, געבראַכט פון קלייטל אַ פריש ברויט, עטלעכע מאָל איז אביגיל געקומען. זי איז געווען שווייגנדיק און ערנסט. טייל מאָל האָט זי זיך איינגעבויגן, גענומען אַ פּאָר קליינע שטיינשפּליטערס און זיי געוואָרפן פון איין האַנטפלאַך אין דער צווייטער. איר שמאָל פּנים האָט באַקומען אַ ברוין־דורכזעעוודיקע הויט.

— וואָרט נאָר אביגיל, — האָט סאַנע איין מאָל געזאָגט. ער איז צוגעקומען צו איר נאָענט. זי איז געווען מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון אים. זיי זענען אַ ווײַלע אַזוי געשטאַנען, פּלוצעם האָט זי זיך האַסטיק אויסגעבויגן און דורך איר אַקסל געוואָרפן צו אים אַן אָפּענעם, שאַרפן בליק און אַ גלי געטאָן מיט די ווייסע ציין.

— מה יש? — האָט זי ביי זלעך געפרעגט.

ער איז צוריקגעטראָטן. זי האָט געקוקט צו אים אָפּן, ווי מען קוקט אַריין אין אַ באַרגוואָלקן. ער האָט ניט אויסגעהאַלטן איר בליק.

זי איז בייז געוואָרן אויף אים הלמאי ער איז פּלוצעם אָפּגעטראָטן פון איר, בייז געווען פאַר וואָס סאַנע האָט דעמאָלט, ביי איר שוועל, געקוקט אַזוי אויף איר, און איר געמאַכט אומרויִק, צוגענומען דעם שלאָף. און דאָ — אַזאַ ציטערדיק שטאַמלען! אַזאַ ציטערניש! ע ר וויל דאָס פון די פעלדזן וואָסער אַרויסשעפּן? ער, דער שטילער און איבערגעשראָקענער?

זי איז געלאָפן איבערן שטעגל באַרג־אַרויף און מיט אַ מאָל האָט זי זיך אויסגעקערעוועט און אַ רוף געטאָן:

— העי! סאַנע! סאַן!.. אין מים!.. לא יהיה!..

זי האָט זיך הויך צעלאַכט, געוואָרפן מיט די הענט און געבויגן זיך פאַר געלעכטער. דער עכאָ פון איר לאַכן האָט זיך געטראָגן איבער די בערג, אָפּגעשלאָגן זיך אָן די שטיינווענט און אויסגעמישט זיך מיטן אָטעם פון דער בויער־מאַשין.

פון דער ווייטנס האָט אביגיל אויסגעזען ווי אַ פּלוצעם אַרויסגעשפּראָצטע באַרג־פלאַנץ.

ד

דעם ברונעם האָט מען אויף דעם אָרט געגראָבן ניט נאָר צוליב דעם נייעם דערפל פון די תּימנער יידן, זיי האָבן געהאַט גענוג טרינקוואַסער, אַפילו פאַר די קליינע קוקרוזע־גערטנדלעך ביי די בלעכשטיבלעך. דער ברונעם איז נייטיק געווען פאַר די נייע יישובים, וואָס וועלן בקרוב אויפגיין אין די בערג, פאַר די טערסאַסעס וואָס וועלן באַוואַלדיקט ווערן, פאַר די בערג־רוקנס, וואָס וועלן באַפלאַנצט ווערן מיט ווייַנשטאָקן.

סאַנע איז געלעגן אויפן אייזערן בעטל און זיך איינגעהערט אין דעכצן פון מאָטאָר. טייל מאָל איז ער אויפגעשפּרונגען, איינגעקוקט זיך אין בויערשטאַנג, געזען ווי ער הייבט זיך און לאָזט זיך אַראָפּ, געשפּירט די דעמפּקייט פון פרישן ערדאָנשיט. די לעצטע טעג איז אים אָן אומרו באַפאַלן. איז דאָס דער אומרו ערב דעם אָנקום פון וואַסער? אַזאַ אומרו האָט ער שטענדיק געשפּירט פאַר גורלדיקע געשעענישן אין זיין לעבן. ווער ווייס? ער האָט געטראַכט איבערצולאָזן דאָס בויערן אויף עטלעכע טעג און צוריקפאָרן אין שטאָט אַריין. גענוג צווישן די בערג און הימל! ווער ווייס ווי לאַנג עס קאָן זיך נאָך אַזוי ציִען?

אין די נעכט באַווייזט זיך ווער פון די נאַכט־שומרים, די וואָס באַוואַכן די צעוואָרפענע באַרג־יישובים. ער איז דאָ פרעמד, סאַנע, ווייס ניט וואָס מיט זיי אייַנצוטענהן. דאָס וואָס ס'איז אים דאָ נאָענט איז דער הימל, די בערג, די פאַרבן אין קאַרגע רגעס פון זונפאַרגאַנג אין די הרי־יהודה. ער ווייס דעם סוד פון די באַרג־איינגעווייד, ער וועט אַרויסכּישופן פון דאָרט שפּרודלדיק קוואַלוואַסער.

ווער לאַכט דאָס אַזוי אין דער נאַכט? ווער קאָן דאָס זיין?

ער איז אַרויס פון געצעלט און צוגעקוקט זיך צום דערפל, צום קליינעם באַקסערבוים ביים באַרג־אַראָפּהאַנג. האָט דען עמעצער טאַקע הילכיק געלאַכט? אפשר איז דאָס געווען דער פעלדזאָדלער, וואָס האָט אַזוי געפּאַטשט מיט די פליגל? אפשר האָט זיך אַ שטיינשפּליטער, אַ פלאַטשיקער, אָפּגעבראָכן פון אַ פעלדז און אַ פּאַטש געטאָן מיט דער

שטיינפלאַך און שטיקער שטיינדלעך זענען צעשפּרונגען מיט עפּעס אַ וויסטן שטיין־געלעכטער? און אפשר איז דאָס אביגילס געלעכטער? וואָגלט זי ניט דאָ אין דער נאַכט, קילט זי ניט איר מיידלש לייב אָן די קילע נאַכטשטיינער? וואַשט זי ניט אירע באָרוועסע פיס אין טוי פון דער האַלבנאַכט?..

סאַנע האָט אויסגעלאָשן דעם מאָטאָר און ניט געקענט געפינען קיין אָרט אין דער אויסטערלישער באַרגשטילקייט. ער האָט איצט אויפגעכאַפּט מיט אָנגעשפּיצטקייט דעם מינדסטן געשאָרך, דעם בויג פון יעדן טרוקנשטענגל, דעם געפלאַטער פון פעלדז־פויגל. ער איז געגאַנגען אויפן שטעגל, געקלעטערט איבער די שטיינער און פאַרנומען זיך דורך אַ פאַרקירצטן וועג צום שלאָפנדיקן דערפל. נאָך יעדן טראָט זענען געפאַלן שטיקלעך שטיין, שטיקלעך ערד. וואָס העכער ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַלץ שטאַרקער האָט ער אָפּגעפילט דאָס באַרגווינטל. דאָס איז געווען אַ שאַרף האַלבנאַכט־ווינטל, וואָס קרייזט אַרום די באַרגשפּיצן.

## ה

דאָס איז געשען סוף זומער. געשטאַנען זענען הייסע און טרוקענע טעג. אַ חאַמסין־ווינט האָט פאַרצערט דאָס לעצטע ביסל גרינס פון צווישן די שטיינער. דאָס טרינק־וואַסער וואָס איז געפלאָסן אין דער איין־צאָליקער רער האָט ממש געזאָטן פון היץ. גאָר הייס איז געווען אין די באַרגפאַלדן. די טריקעניש האָט אַ תּל געמאַכט פון די שטוב־חיות. די איידלען זענען געלעגן מיד און מאַט אין שאָטנס פון שטיינער און געטריבן מיט די אויערן די קופּערנע פליגן אַרום דעם פאַרטריקנטן שוים פון זייערע מיילער.

אין אַ נאָכמיטאָג האָט פּלוצעם אַ שטראָם־געטאָן אַ קאַלט, געל וואַסער פון דער ברונעמרער. דער בויערשטאַנג איז איצט לייכט פאַרזונקען געוואָרן און אין דער מאַשין האָט עפּעס פריידיק אויפגעצאַפּלט.

דאָס געלע וואַסער האָט געשטראָמט, צו ערשט געדיכט, ווי אַ געלער צעלאָזענער ליים. דערנאָך איז די געלקייט פאַרשוואונדן און עס האָט געפלייצט אַ גראָ־מוטנער שטראָם וואָס האָט זיך פאַמעלעך געלייטערט.

— וואַסער! וואַסער!

סאַנע האָט געפּיבערט. כאָטש זיבט עטלעכע טעג האָט ער געפילט, אַז אָט־אָט וועט אַ שטראָם־טאָן אַ וואַסער־אָדער, איז ער אויפגעצאַפּלט געוואָרן פאַר פריידיקער איבעראַשונג. ער האָט אַלע מאָל אונטער־געשטעלט זיין האַנט אונטערן געפלייץ און דורכגעלאָזט דאָס וואַסער דורך די פינגער. זיין פּנים איז געוואָרן פאַרשטויבט, די הענט פאַרשמירט מיט געלן וואַסערליים, ער איז געזונקען אין דער קאַלוזשע מיט די צעווייקטע שיך.

— וואַסער!.. וואַסער!.. — האָט ער געשריִען און דערנאָך עפּעס געשעפּטשעט.

— וואַסער אין די הרי־יהודה...

פון די בלעכשטיבלעך איז מען געקומען צו לויפן מיט פרייד־קולות. דאָס קליינוואַרג איז אַרומגעשפּרונגען אין דער מוטנער קאַלוזשע און האָט געפּליעסקעט מיט געל־ליימיקע פיס און הענט.

— מים! מים!

ביי איינעם פון די לייט איז הענגען געבליבן אַ גרויסע גליִיקע טרער ווי אַ טראָפּן צעגאָסן זילבער... — מים... האָט ער געשעפּטשעט מיט אַן אַנצייניק מויל.

גרויס און קליין איז געווען ביי דעם ברונעם, אַפילו מאַמעס מיט זויגקינדער אויף די הענט. סאַנע איז געשטאַנען פּנים־אל־פּנים צו דעם געקנייטשטן גראָ־באָרדיקן גמליאל, געזען זיין ערנסט־פאַרכמורעטן בליק, נאָר ווו איז אביגיל? פאַר וואָס איז זי דאָ ניטאָ?

עס האָט שוין געטונקלט ווען די עדה איז געגאַנגען איבערן וועגל. זיי זענען געגאַנגען צו די קליינע אָרעמע היימען.

אביגיל איז געלעגן אויפן פעלדז און האָט געזען פון דער ווייטנס דאָס שטראָמען פון וואַסער, געהערט די רייד פון די שכנים, און אין איר האָט אַרומגעבושעוועט אַן אומרו. זי האָט אַרומגענומען דעם שטיין און געפילט דאָס ציטערן פון די קני און אַ אומרויִק־קילן ווינט ביים האַרצן. מיט דעם וואַסערשטראָם, וואָס האָט אַזוי פּלוצעם אַ פלייץ געטאָן אין טאָל, איז אויך אין איר עפּעס אויפגעבראָכן געוואָרן; עס איז אַרויס פון איר האַרץ אַ שטראָם פון ליבשאַפט. ווען זאָל זי די ליבשאַפט אַוועק־שענקען אויב ניט דעם שטילן און טרויעריקן וואַסער־מכשף?

זי האָט זיך אַ באַרוועסע אַראָפּגעלאָזט מיטן שטעגל. אַלע ווײַלע זיך פֿאַרהאַלטן בײַ די שטײנער, אַרומגעקוקט זיך, און אַז זי איז צוגעקומען נאָענט צו דער קאַלוזשע לעבן דער בויער־מאַשין, איז זי אַרײַנגעשפּרונגען אין וואַסער און האָט אונטערגעשעלט די הענט אונטער דעם גראָען וואַסערשטראָם.

אַז סאַנע האָט דערהערט דעם וואַסער־געפּליעסק, איז ער אַרויס פֿון געצעלט.

— מים! — האָט זי אַ רוף געטאָן. — מים!..

ער איז נאָענט צוגעגאַנגען צו איר.

— אתּה מכשף... — האָט זי אים אַרײַנגעלאַכט אין פּנים אַרײַן.

— אביגיל... — האָט סאַנע אַ שטאַמל געטאָן. אַ ליכטיקייט האָט פֿאַרבלענדט זײַנע אויגן.

זי האָט זיך אײַנגעבויגן און אונטערגעשטעלט דעם קאָפּ אונטערן וואַסערשטראָם. זי האָט געוואָלט אַזוי אַרום אָפּקילן דאָס פֿײַער, וואָס האָט געשלאָגן פֿון אירע אויגן, פֿון אירע האָר, פֿון איר לײַב. דאָס וואַסער איז געראָנען פֿון האַלדז אויף די אַקסלען, אויפֿן קלייד. פֿון נאַסקייט האָט זיך ס׳קלייד געקלעפּט צום לײַב, צוגעפּאַלן צו די אַקסל, צום דינעם רוקן. די רונדיקע קלײנע בריסט האָבן זיך שאַרף אויסגעטײלט. אַז זי איז אַרויס פֿון דער קאַלוזשע, זענען אירע פֿיס געווען געל פֿון לײמוואַסער. זי האָט זיך מיט די אָרעמס פֿאַרשטעלט אירע בריסט, דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן ציטערן, געוואָלט זיך אויסגלײַכן, אויפֿהייבן און אַוועקגיין. עס ווערט שוין שפּעט.

סאַנע האָט געבראַכט זײַן קאָלדרע.

— נעם, אביגיל, היל זיך אײַן.

ער האָט די קאָלדרע אָנגעהאַנגען אויף אירע ציטערדיק־שמאָלע אַקסלען.

אירע אויגן האָבן אויפֿגעלויכטן ווי דאָס פּלוצעמדיקע ליכט פֿון אַ באַרג־שטערן ערב זײַן גרויסע ליכט־נסיעה. זי איז געוואָרן אַרײַנגעוועבט אין דעם מילכוועג, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק, נידעריק ביזן טאָל...

זי האָט אַזש אַ צאַפּל געטאָן פֿאַר תּענוג און אויף אַ ווײַלע צוגעשלאָסן אירע גרויסע, וואַרעמע, פֿאַרחידושטע אויגן.

ו

ווען אביגיל האָט זיך אויפֿגעכאַפּט האָט שוין געליכטיקט. זי איז אויפֿגעשפּרונגען, צוגעפֿאַלן מיטן פּנים צו סאַנען, לײַכט ווי אַ פֿלאַטער באַרירט זײַנע ליפּן און ווי אַ נאַכטשאָטן פֿאַרשוווּנדן. ער האָט געזען ווי זי האָט בײַ דער שוועל שטיל פֿאַרבראָכן די הענט און אַ כליפּע געטאָן. אַז ער איז אַראָפּ פֿון געלעגער איז זי שוין געווען צווישן די פֿעלדזן.

נאָך דעם ווי ס'האָט געפּלאָסן דער מוטנער וואַסערשטראָם, האָט סאַנע ניט אָפּגעשטעלט דאָס בויערן. ער האָט אַפֿילו ניט געוואַרט אויפֿן הויפּט־אינזשעניר. ער מוז די אַרבעט אַליין פֿאַרענדיקן, ניט איבערלאָזן אין דער מיט. וואָס וועט אַרויסקומען פֿון דעם קליינעם וואַסערשטראָם? מען מוז טיפֿער גראָבן. ער איז נאָך ניט דערגאַנגען צום אונטער־ערדישן וואַסער־קאַנאַל מיט דער בויער־מאַשין, קענטיק אַז דער שטראָם קומט נאָר פֿון אַ וואַסער־אָדער, אַן אײַבערשטן איבערן קוואַל.

וואָס וועלן די דאָרפֿס־מענטשן האָבן פֿון דעם קנאַפּן שטראָם? מען דאַרף דאָך וואַסער וואָס זאָל שפּאַרן שטראָמענווײַז, פֿאַר די בערג, פֿאַר די גאָרטנס און סעדער וואָס וועלן דאָ געפֿלאַנצט ווערן.

מאָרגן דאַרפֿן קומען די הויפּט־אינזשענירן, די וואַסער־מומחים. ניין, ער וועט ניט אָפּשטעלן דאָס בויערן.

און ווידער האָט געאָטעמט דער בויערשטאַנג, אײַנגעשניטן זיך אין דער ערד, צאָל נאָך צאָל, געעגבערט זי מיט דער דימענטענער בויערקרוין.

ניט גמליאל און ניט אביגיל האָבן זיך באַוויזן. דאָס איז שוין דער צווייטער טאָג. און דאָ איז סאַנע געבליבן אַפֿילו אָן ברויט. ער איז אַוועק צום דערפֿל. פֿאַר וואָס זעט מען ניט די לעצטע טעג קיינעם פֿון די תּושבֿים?

גמליאל האָט זיך אַ בייזער געפֿאָרעט בײַ דער שוועל און עפּעס געברומט ווי צו זיך אַליין. אויף דעם „שלום" האָט סאַנע ניט באַקומען קיין ענטפֿער. אין בלעכערן הייזל איז געווען שטיל. פּלוצעם האָט דער אַלטער, אַ פֿאַרצאָנטער, אַרײַנגעריסן זיך אין בלעכערן שטיבל. דאָס טירל

האָט זיך צעפּראַלט און פאַר די הענט האָט ער געשלעפּט אביגילן. זי האָט שטיל געיאָמערט. איר קלייד איז געווען צעריסן, מיט געלע ליימפּלעקן. דער אַלטער האָט זי אַ שטויס געטאָן צו סאַנעס פּיס.

גמליאל האָט אויפגעהויבן די קנאָכיקע פויסטן צו אביגילן.

סאַנע האָט זיך אַ שטעל געטאָן קעגן אַלטן.

ביידע האָבן געשוויגן. און פון אונטן אַרויף האָט געקוקט מיט טרערנדיקע אויגן אביגיל, דאָ אויף סאַנען און דאָ אויף גמליאלן.

און אין טאָל האָט זיך געלייטערט דאָס ברונעם־וואַסער און געלייטערט, אַזוי ריין און קלאָר ווי דאָס ליכט פון די באַרגשטערן. ווי דאָס געפלייץ פון לבנה־ליכט אויף די מירמלנע אַראָפּהאַנגען פון די יהודה־בערג, ווי די טרערן פון אביגיל.

# אויפן מעטשעט־בערגל

א

אַ געלער שטויב האָט זיך פּאַמעלעך אָפּגעזעצט נאָכן דורכלויפן פון די אייזעלעך. יאָס געגאַנגען אין מיטן געסל. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ רענצל, די שיך פאַרוואָרפן אויף די אַקסלען, געשטעלט האָט ער די באָרוועסע פיס פּאַמעלעך, פון שטיין צו שטיין, ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף טרעפּ. דאָס געסל איז געלאָפן באַרג אַרויף און ביים הויכן טונקל געפּאַרבטן הויז האָט עס זיך מיט אַ מאָל אַ בייג געטאָן אין אַ האַלב־קיילעך ווי אַן אָנצעצויגענער בויגן. דאָס געסל האָט זיך איצט געשלענגלט אַרום אַ הויכער טונקעלער געביידע. ווו יאָס איז ביז געגאַנגען האָט ער געזען די שווערע מויערן פון אַלטן מעטשעט. ריזיק גרויסע שטיינער זענען געלעגן איינער אויפן צווייטן. פון די שפּאַלטן האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ ברוינער מעך און גראָע פלעכטגראָזן זענען זיך צוואַקסן. אַנשטאָט פענצטער האָבן פון די ווענט אַרויסגעקוקט טונקעלע, שמאָלע עפענונגען, זיי האָבן געשאָטנט מיט פאַרהוילעניש און אומרו.

יאָס איז שטיין געבליבן פאַר די טויערן, איבער וועלכע ס׳זענען געווען איינגעמויערט געבלימלטע טעלערס מיטן פלאַך צו דער גאַס. ער האָט געזוכט אין געסל אַ ליידיקן חדר. ס׳רוב הייזער זענען שוין אָבער געווען פאַרנומען פון נייע תּושבים, האָט מען אים געעצהט צו גיין העכער מיטן געסל.

— אוי, אַ שאָד, צו שפּעט. ערשט היינט האָט מען פאַרנומען דאָס הייזל.

— גייט אויפן מעטשעט־בערגל! — האָט אַ רויטהאָריקע פרוי נאָכגעשריִען יאָסן. דאָס געסל איז געוואָרן שמעלער, ענגער און זיך געוויקלט אַרום מעטשעט־בערגל אַזוי ווי אַלטע פאַרמעטן אַרום וויקלהאָלץ.

יאָס איז אַריין אין אַ זייטיקן ליקל. זיינע אַקסלען האָבן זיך געריבן

אָן די שטיינערנע ווענט. ער האָט געאָטעמט מיט ליימיקן שטויב, מיט פֿאָלין־טריקעניש און אייזלמיסט. פֿאַר אים האָט זיך מיט איין מאָל אַנטפּלעקט די רחבֿותדיקע ווייט. ער האָט זי מיט די אויגן ניט געקאָנט אַרומנעמען: ווייסמויערדיקע ייִדישע ישובֿים, גריננע פֿעלדער, העלזאַמדיקע פֿלאַכן, שאָסייען און לאַנגע שורות ציפּרעסן. פֿון דעם בערגל איז דער פֿאַרנאַכטיקער הימל נענטער געוואָרן און מילדער.

יאָס איז געשטאַנען אויפֿן סאַמע שפּיץ פֿון מעטשעט־בערגל וואָס איז גלייכצייטיק געווען דער דאַך פֿון מעטשעט. אַן ערדאָנשיט מיט איבערגע־טריקנטע גראָע געוויקסן־ריטלעך, וואָס האָבן מיט אַ סקריפּעריי זיך געבראָכן אונטער יאָסעס פֿיס. לאַנג איז ער געשטאַנען אויפֿן ערד־אָנהויף פֿון מעטשעט. ער איז געווען פֿול מיט מחשבֿות וועגן זיך, און ניט געפֿילט ווי די נאַכט פֿאַלט צו. אַ האַלבע זון־ראָד איז פֿאַרשוווּנדן, און אין דעם קילן פֿאַרנאַכט האָבן לאַנגע שורות ציפּרעסן אַוועקגעשפּאַנט אין דער בלאָער ווייט אַריין.

אַ מידער האָט יאָס זיך פֿאַרשלעפּט אין אַ ליימיקן ווינקל און שטיין געבליבן ביי אַן עלנט הייזל. זיינע באָרוועסע פֿיס זענען געווען צעבריט און צעשטאָכן. די מענטשישע קולות, וואָס האָבן זיך אַהער דערטראָגן פֿון די אונטערשטע הייזער, האָבן אים געמאַניעט. וווּהין וועט ער גיין אין דער נאַכט? יאָס איז צוגעגאַנגען צום אָפֿענעם טויער. דער ברוין־ליימיקער הויף, מיט אַ קרומען גדר, ווי ווענט פֿון אַ פֿאַרהוילענער ליימגרוב, האָט אים ניט געשראָקן. ער איז אַריין אין אַ הייזל. פֿון געוועלבטן פֿענצטערל איז געפֿאַלן אַ צאַפּלדיקער ליכטפֿאַס און צערונען געוואָרן אין דער פֿינצטערניש. ער האָט אויסגעטאָן דאָס רעקל, אויסגעשפּרייט עס אויפֿן דיל און געגרייט פֿאַר זיך אַ געלגער. אַ צווּיטשעריי האָט זיך געטראָגן פֿון טרוקענעם פֿלעכטגראָז.

די נאַכט איז צוגעפֿאַלן צו די ליימיקע ווענט מיט מילדקייט און היימישקייט. די שאָטנס זענען פֿלוצעם אָנגעלאָפֿן ווי צעפּליקטע שטיקער זעגלען. אַ געפֿאַנגענער ליכטקנויל, וואָס האָט זיך ניט געקאָנט אַרויסרייסן דורכן פֿענצטער האָט געוואָגלט אין דער ליימיקער ברוינקייט ווי אַ ליכטיקער טויבן־פֿליגל, איז צוריקגעפֿאַלן צום זאַמדיקן דיל און זיך איינגעלאָשן. ער האָט געזען ווי פֿון דעם לעצטן ליכט וואָס קומט פֿון

געוועלבטן פענצטערל, ווערט אַ דינער שפּינוועבסענער ליכטפּאַדעם וואָס קאָן מיטן מויל־אָטעם צעפּליקט ווערן. די ליימענע שטילקייט האָט מיט טרוקענעם גראָזגעשמאַך באַרירט דעם ליכטפּאַדעם, ביז ערגעץ צווישן די חורבות האָט די נאַכטסאָווע געלאָזט הערן איר קול; דעמאָלט האָט דער ליכטפּאַדעם זיך אַ קנויל געטאָן און איז צוגעפאַלן צו די גרויסע ווייסלען פון יאָסעס אויגן. ער האָט פאַרשלאָסן אונטער די ווײַעס דאָס לעצטע ליכט פון זיין ערשטן טאָג אויפן מעטשעט־בערגל.

די זעונגען פון דער ערשטער נאַכט אין דעם ליימיקן שטיבל זענען געקומען צו יאָסן אָן שום סדר. עפּעס אַ מיש־מאַש, אַ צעשורפּעטער אויפּרודער פון בילדער, רייד, באַגעגענישן מענטשן און שטעט, אַ צענויפקנוף פון ווייט מיט נאָענט, הימל מיט ערד, ים מיט וואַלד, מענטש מיט חיה. אין דער מיט פון די אַלע זעונגען האָט זיך אַרויסגעהויבן דער אויסגעצויגענער, איבערמענטשלעך־גרויסער שאָטן פון יאָסן. זיינע צעדרויבלטע, גראָע און שווערע שאָטנפלעקן זענען געפאַלן אויף אַלעם, אַפילו אויף דער ווייטער חרובער היים, אויף די לאַנקעס און וויעזשבע־וועגן. ער האָט געזען ווי די שאָטנפלעקן קנוילן זיך אין די פאַרלאָזענע שפּייכלערס, אין סטאָדאָלעס, ביי נאַכט זענען זיי אַנגעשוואָלן ווי שטיקער צעריסענע כמאַרעס, ווי טיילן פון אַ צעפלאַשעטער פייגל־חתונה וואָס אַ קאָרשון האָט צעטריבן. אַט בראָדזשעט ער איבער די געלע האַרבסט־פעלדער, אַט שאָטנט ער זיך אין די נאַסע אָלשינעס, ערגעץ שטייט אַן אַלט־ פאַרגעסענער הייסטויג, גראָבט זיך יאָס אַריין אין זיין אינעווייניק ווי אַ קראָט. אויף די פאַרשנייטע קאַרטאָפל־פעלדער, דאָרט ווו פויערטעס האָבן אַ פייער צעלייגט און געברענט די טרוקענע קאַרטאָפל־נאַטשעס, ליגט יאָס און זוכט אין דער נאַכט קאַרטאָפל. און פלוצעם דוכט זיך אים, אַז ער איז אויף אַ יאַריד און זינגט קניענדיק אַלטע פוילישע קאָלענדעס. אַרום אים פויערים. זייערע שמאָלע אויגן־פּאַסיקלעך ווערן שפּיזיקער, אַט וועלן זיי זיך ווי די שטעכלדראַט־שפּיצן איינפּרעסן אין זיינע שלייפן; נאָר דאָס קלויסטערליד וואָס יאָס זינגט גיט עפּעס אַ צאַפּל מיט אַזאַ דינעם שוידער אין די פויערישע הערצער, אַז זייערע בייזע אויגן־שפּעלטלעך ווערן פאַרצויגן מיט אַ מאַטן נעפּל, און זיי טראָגן זיך אָפּ פון יאַריד מיט שווערע מחשבות.

— ניט־גוטע, ביעסן, האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אונדז... — מורמלען צווישן זיך די פויערים.

פון די חורבות האָט ווידער אַ סאָווע אַ כליפּ געטאָן, דערנאָך האָט אָפּגעקלונגען אין דער נאַכט אַן אָפּהילך ווי ערגעץ וואָלט זיך פון אַ שווערער ברונעמקייט אַן איבערגעפולטער עמער אָפּגעריסן און אַ פּאַטש געטאָן אין טיפן ברונעם־שפּיגל.

*

די נעכט אויפן מעטשעט־בערגל זענען קילע. די ווינטלעך וויקלען זיך אַרום די נאַכט־מויערן, קעמען די צעשויבערטע, טרוקענע האָר פון די קריכפּלאַנצן און קרישלען דעם ליים פון די צעשאָטענע קעמלמיסט־שטיבלעך. אַן איינגעטריקנטער פייגנבלאַט פאַלט מיט אַ בלעכערדיקן געסקריפּ אויף אַ שטיין, אַן אָפּגעבראָכענער קוסט, אַ פאַרטריקנטער, אַ קיילעכדיקער גיט זיך אַ קייקל פון די שטיינערנע טרעפּ ביז עס ווערט שטיל. די אונטערשטע צווייגן, די איינגעקוואַרטע, וואָס הענגען אויף דער פּעכער־פּאַלמע ווי פאַרגעסענע, אָפּגעטראָגענע מלבושים אויף אַ פּלאָט, גיבן פּלוצעם אַ שעלעשטש מיט טריקעניש און שטעכיקייט. אין ליימיקן מויער טוט זיך אַ וויג דאָס טירל און — ס'איז ווידער שטיל. יאָס הערט זיך איין אין דער פרעמדער אומעטיקער נאַכט און פאַרנעמט שווערע טריט און אַ פאַרקערעניש אין הייפל. ער שפּרינגט אויף.

— ווער איז עס דאָרט? האַ? ווער?

אַ שווייגעניש. אַרום דער פולער לבנה זענען העל־גרינע וואָלקנס געשווומען. דאָס גדר־טירל האָט זיך צעסקריפּעט. יאָס האָט דערזען ביי זיך אין הייפל אַן אייזעלע. דאָס אייזעלע איז געשטאַנען אין אָפענעם טירל, מיט אָנגעשפּיזלטע אויערן אויף יאָסן און האָט אויפגעכאַפּט יעדער קער זיינעם.

ער איז צוגעגאַנגען צום אייזעלע און אַרויפגעלייגט זיין גרויסע האַנט אויפן אייזלס רוקן. די אייזלפעל האָט אַ צוק געטאָן. דער אייזלסקרוך האָט זיך איבערגעטראָגן אויף יאָסן, ער האָט דערפילט די באַרוועדיקע וואַרעמע גלאַטיקייט פון אייזלשן רוקן.

אז דאָס אייזעלע האָט דערשפּירט אַ וואַרעמע האַנט און דעם גוטן

מענטשישן אָטעם, האָט עס די אָנגעשפּיזלטע אויערן אַראָפּגעלאָזן, צעשפּרייט די נאָזלעכער און אַרויסגעלאָזן אַן אומעטיקן, האַרצרייסנדיקן געוויין. יאָס האָט פון רענצל אַרויסגענומען אַ פאַרדאַרטן האַלבן ברויט און געגעבן דעם אייזעלע צו עסן. דאָס אייזלשע קייען האָט זיך אויסגע־מישט מיטן געשאַרך פון די קריכפּלאַנצן.

— פאַרבלאָנדזשעט... טרעפט ניט אין אייגן שטעלעכל... — האָט יאָס צו זיך אַליין גערעדט.

דאָס אייזעלע איז געשטאַנען ביי דער ליימיקער וואַנט רויִק מיט גרויסע צעעפנטע אויגן. די נאָזלעכער האָבן געסאָפּעט, די אייבערשטע טייל פון אייזלמויל האָט זיך געעפנט צום גרויסן געוויין וואָס וועט באַלד אָפּיאָמערן אין די ווייטקייטן מיטן שאַקאַלן־געוואָי, מיטן פרעמדן געסקריפּ פון עפּעס אַ נאַכט־באַשעפעניש ווי ס׳וואָלטן זיך ערגעץ איבערגעבראָכן אַלטע שטאַמען. נאָר דאָס אייזעלע האָט דאָס מאָל קיין געשריי ניט אַרויסגעלאָזן. דער אייזלשער אומרו האָט זיך איבערגעטראָגן אויף יאָסן.

ב

מיט יאָרן צוריק אויף די פעלדער פון מאַזאָווּשע.

אין דער אַלטער ווינטמיל לעבן וויעזשבע־וועגל האָבן געוווינט די גרעסטע יאַריד־שלעגער פון פּלינצק, די ראָשאַקס. געלעבט האָבן זיי פון גניבה. די יידישע דאָרפס־גייער האָבן אויסגעמיטן די וועגן אַרום דער מיעלניצע. קיינער האָט ניט געדענקט די ציַיטן ווען דער וויעטראַק האָט געמאָלן, זיינע פליגלען זענען געשטאַנען ווי אַן אָפענע שער אין הימל אַריין. אַ קיילעכיק יאָר זענען די וואָראָנעס ניט אָפּגעטראָטן פון וויעטראַק. זיי האָבן פאַרלייגט זייערע נעסטן צווישן די גרין־שימלדיקע מילשטיינער, אין צעשאָטענע שטרוי־וויעכעטשעס פון אַן איינגעפאַלענעם דאַך.

אין אַ סוף־זומערדיקער נאַכט האָט יאָס זיך דערנענטערט דורך הינטערוועגן צום וויעטראַק. ער האָט געזוכט דאָס ברוין־פּעליקע לאָשיקל וואָס מ׳האָט פון שטאַל אַרויסגעגנבעט. אַרום דער ווינטמיל איז שטיל געווען. ער האָט אַ פייף געטאָן, אַ הייזעריק הינט־בילעריי האָט זיך דערקייקלט ביז די קוסטעס און איז שטיל געבליבן, די פליגלען האָבן אַ ציטער געטאָן און עס האָט זיך צעהירזשעט זיין לאָשיקל. אַז ס׳איז גוט

פינצטער געוואָרן, איז יאָס געגאַנגען מיט אַ סענקאָטן שטעקן צום שטאַל, געשאַרט זיך ביי די קוסטעס, ביי די ווענט פון דער ליימענער כאַטע. ער האָט דערפילט אין זיך גבורה. די שטאַל איז געווען צוגעלענט מיט אַ הילצערנעם פרענט. אויפן היי האָבן געכראָפּעט ראָשאַקסביידע זין. דאָס לאָשיקל האָט זיך אַ ריס געטאָן צום אויפגעפּראַלטן שטאַלטויער. די שוואַרצע קודלאַטע הינט האָבן זיך צעבילט. יאָס איז געלאָפן מיטן לאָשיק איבערן הויף, אַרויס צו די נאַכטיקע פעלדער.

די ראָשאַקס זענען אים דעם וועג פאַרלאָפן. די שוואַרצע הינט זענען אויף אים געשפּרונגען און געריסן ביי די פּאָלעס, געקנוילט זיך צופוסנס כדי ווידער זיך אַ וואָרף צו טאָן מיטן הינטישן אימפּעט. ער איז געבליבן שטיין אַנטקעגן די ראָשאַקס פּנים אל פּנים.

— טאַ טי, יאָס ? — האָבן די ראָשאַקס אויסגעשריִען אין ווילדער רציחה. זייערע אויגן־ווייסלען האָבן געבלענדט ווי דאָס שטאַל פון די מעסערס. ביי דער לבנה־שיין האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג. ער האָט זיך פאַרמאָסטן מיט ביידע ברידער. די הינט זענען באַפאַלן דעם לאָשיק. זיי האָבן אים געצויגן פאַרן עק, געשפּרונגען אויפן האַלדז. אַן אימהדיק בילעריי, הירזשעריי און געשריי פון די זיך ראַנגלענדיקע מענטשן און חיות האָט לאַנג אָנגעהאַלטן אין דער נאַכט. דערנאָך איז יאָס געזעסן ביים טייך, געוואַשן ס׳פּנים פון בלוט. דעם לאָשיקס פעל איז געווען צעביסן און צעריסן. ער האָט דערפילט אַ קלעפּיקייט ביים לאָשיקס האַלדז און שטיקלעך שוואַרץ פאַרגליווערט בלוט זענען אים געבליבן אויף דער האַנט. יאָס האָט אים געפלאָוועט, די וואַסער־קילקייט האָט אים אָפּגעפרישט. דער לאָשיק האָט שטיל געהירזשעט, פון די פעלדער האָט דער ווינט געבראַכט דעם ריח פון טרוקענע קאָניטשינע.

אַרום די ווינטמילן איז שטיל געווען. די הינט זענען מידע געלעגן און געסאָפּעט. די ראָשאַקס האָבן מיט קללות אַרויפגעקלעטערט אויפן היי, נאָר זאָכע איז אין דער נאַכט ניט געשלאָפן. זי האָט געזען ווי יאָס שאַרט זיך לעבן די שטאַלווענט, זי האָט אים געזען עפענען דעם טויער און איז נאָכגעלאָפן די ברידער און צוגעקוקט זיך צום געשלעג. זי האָט זיך דערנאָך אויסבאַהאַלטן אין די אָלשינעס און געקוקט ווי יאָס טוט זיך אויס און וואַשט זיך ביים ברעג פון טייך. זי האָט געזען ווי ער שטייט

אַ האַלב נאַקעטער אין נאַכטיקן וואַסער און אַרום אים זילבערן זיך לבנה־קרייזן, שווימען אַוועק איבערן טייך און ווידער צאַפּלען אויף נייע זילבער־רינגען אַרום יאָסעס ברוסט. זאָכע האָט פּיינט געהאַט אירע ברידער, זיי האָבן איר געטריבן פון הויז מיט געשרייען „דזשאָבאַטע, ברענג געלט, פאַרדין!" — און די געשטופּלטע יונגע שיקסע האָט זיך אַרומגעדרייט לאַנגע טעג איבער די פּלינצקער יידישע שטיבער, וואַסער געטראָגן, און אין די נעכט האָבן די ראָשאַקס געניִשטערט אין אירע קליידער, געזוכט די פאַרדינטע גראָשנס.

יאָסעס האַלב נאַקעטקייט האָט זאָכען אַ וויי געטאָן די שלייפן, זי האָט דערפילט ווי די ברוסטן שפּאַרן דורך דעם לויזן קלייד און די קילע וואַסערריגנען וואָס קרייזן אַוועק פון יאָסן שווימען צו נאָענט צו איר און וויקלען זיך אַרום אירע באָרוועסע פיס. אַ געפּלעפּטע פון יאָסעס נאַקעטקייט, האָט זי זיך אַ וואַקל געטאָן, און דער טייך האָט זיך צעפליעסקעט. יאָס האָט אויפגעציטערט. לעבן אים איז געשטאַנען די געשטופּלטע זאָכע. זיין פּנים האָט זיך פאַרקרימט אין אַ בייזן גרימאַס. זאָכעס אויגן האָבן מיט היניטישער הכנעה געקוקט אויף יאָסן, דערנאָך האָט זי, אַן איינגעקאָרטשעטע זיך אַראָפּגעזעצט אויפן גראָז. יאָס איז אויפגעשפּרונגען און איר אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט.

— ר אָ ש אַ ק! — טריפהנע יוכע!...

פונעם קלאַפּ האָט זאָכע דערשפּירט אַ מאָדנע וואַרעמקייט, אַ קאָפּשווינדל. אירע ליפּן האָבן געשעפּטשעט: שלאָג, יאָס, שלאָג... נאָך אַ מאָל... די מיידלשע ברוסט האָט געאָטעמט און איבער זיך האָט זי געזען דעם נאַקעטן, גרויסן, שטאַרקן יאָס. יעדער קלאַפּ האָט איר געמאַכט נאָכגעביקער, זי האָט געוואָרט אויף זיין געשריי, אויף זיינע שטויסן, און ווען זיי זענען מער ניט געקומען האָט זי אַ צאַפּל געטאָן, זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיינע פיס און אַרומגענומען זיי מיט וואַרעמע אָרעמס. ער האָט דערפילט אויף זיינע קני‏ען דעם הייסן הויך פון זאָכעס מויל. זי האָט געמורמלט, יאָס... יאָס... זאַבי, הרגע, נאָך... נאָך... אין לבנה־ליכט האָט ער געזען אירע גרויסע אויגן, די לויטערע, די ליכטיקע, ער האָט מיט די וואָרצלדיקע פינגער באַרירט די גריבלעך פון איר געשטופּלטן

פנים און דערפילט, אַז דורך זיינע פינגערשפיצן רינט אין אים אַריין אַ מיידלשע וואַרעמקייט.

עס איז אַדורך דער האַרבסט און דער ווינטער. זאַכע האָט אין די פרילינגנעכט געוואָגלט איבער די געסלעך און געוואַרט אויף יאַסן. זי פלעגט איבערלאָזן פאַר אים אַ פריש שטיקל פּוטער, אַ פריש קעזל. דערנאָך האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן ביי יאַסן אין שטאַל און ניט געוואָלט גיין צום וויעטראַק. די ברידער פלעגן איר פון שטוב טרייבן מיט געשרייען:

— מענטשן, קוקט, אַ ייִדישן בענקאַרט טראָגט די דזשאַבאַטע!..

זאַכע איז איבער דערפער געגאַנגען, געאַרבעט ביי פּויערים פאַרן שטיקל ברויט. און געוואַקסן איז איר יונג, אַ געזונטער, אַ העלאויגיקער מיט שוואַרצע האָרקרייזן. אין חגא־טעג איז אָפט זאַכע צום וויעטראַק געקומען, געבראַכט מתנות פאַר די ברידער, צוזאַמען אין די נעכט געטרונקען און מאַזאָורשער ניגונים געזונגען. אין שטאַל האָבן די געגנבעטע פערד געהירזשעט, שאַטנס האָבן געווימלט אַרום ווינטמיל. הפקר־יונגען האָבן דאָרט אויסבאַהאַלטן זייערע גניבות, און אַז זיי זענען שיכּור געוואָרן האָבן זיי לאַנג געקוקט אין די אויגן פון קליינעם יאַן און געשריען:

— יאַס! זשידעק!...

די ראָשאַקס זענען דעמאָלט אַריינגעפאַלן אין אַ וויסטן געקייך, זייער געלעכטער האָט לאַנג אָפּגעהילכט אין דער נאַכט, דערנאָך זענען זייערע אייגעלעך אַנגעלאָפן געוואָרן מיט אַ פייכטן גלאַנץ און דאָס געלעכטער איז איבערגעגאַנגען אין אַ געשריי, און אַ העליש פלעמל האָט זיך גענומען צינדן.

— זשיד...

— בענקאַרט...

— איז ער באַשניטן?..

עפּעס אַ גויע מיט אַן איינגעפאַלן שטשאָקע־פּנים האָט געריסן יאַנס הייזעלעך, ער, דער צען־יאָריקער, האָט זיך ניט געלאָזן, ער האָט געקאַפּעט, איינגעביסן זיך מיט די ציינער אין דער קנאַכיקער האַנט פון דער טשאַטשע סטעפע. זי האָט אים אַ וואַרף געטאָן אויפן שטרויבעט מיט אַ שפּיציק געלעכטערל, אירע אויגן זענען פול געוואָרן מיט רויטקייט און אַ סלינע האָט איר פאַרגאָסן דעם האַלדז און געשפּאָרט ביזן גומען.

— האַ־האַ! זעט, זעט, לודזשיע... ביט באַשניטן, יאַק באָגאַ קאָכאַם...
און דאָס שטעכיקע געלעכטערל האָט זיך אַריינגעפּרעסט אין יאַנס לייב.

ער איז אַנטלאָפן אין דער נאַכט אַריין, געלאָפן איבער פעלדער ביז צום טייכבריקל. זאָכע איז אים נאָכגעלאָפן מיט פאַרבראָכענע הענט און געשריִען אין דער נאַכט:

— יאַן! יאַ—אַ—אַ—ן! .

— — — דאָס איז געשען ערב דעם אַריינקום פון דייטש אין פּלינצק. ווען ס׳זענען אָנגעפאָרן די דייטשן אויף גרויסע מאַשינען און פאַרנומען די מאַזאָווישער ערד, איז זאָכע געוואָרן נאָך היימלאָזער. די ראָשקאָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויפן קאָזשע־געסל, זיי האָבן געזוכט יאַסן, געראַבעוועט יידישע האָב און גוטס און געזוכט יאַנען. זאָל ער גיין אין געטאָ, זאָל ער גיין צו די זשידעס!

אין האַרבסט האָט יאַס געטראָפן זאָכען מיט יאַנען אין אָלכע־וועלדעל. יאָס איז דורך דער צייט געוואָרן עלטער און מידער, אין די געקנייטשטע אויגן־ווינקלען האָבן געבלינצלט טרערן. זאָכע האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קניִען, אַרומגענומען זיינע באָרוועסע פיס, פאַרבונדן זיי מיט אָניעטשעס, אָנגעטאָן אויף זיי כאָדאַקעס, געטיילט זיך מיטן ברויט וואָס זי האָט געבעטלט ביי גוטע מענטשן.

—יאָס, זאָל גאָט דיך באַשיצן, האָט זי געַרעדט. — זי איז דורך דער צייט אויסגעאײידלט געוואָרן, אירע פּאָקן־גריבלעך זענען פלאַכער געוואָרן, אירע אויגן — מילדער און גרעסער, זיי האָבן געלויכטן מיט אַ גוט און מילד ליכט.

— זעגן זיך מיט דיין טאַטן, — האָט זי אַ זאָג געטאָן צו יאַנען. דער יונגער שוואַרצהאָריקער יאַן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קניִען און געקושט דעם פאָטערס האַנט. טרערן האָבן געשטיקט יאָסן אין האַלדז און ער האָט זיך צעכליפּעט. זיי האָבן אַראָפּגעשפּאַנט מיטן טאָל צום גרויסן שליאַך און זאָכע מיט יאַנען זענען אַוועק מיטן וויעזשבע־וועג וואָס פירט אין ווייטע, גרויסע שטעט.

ג

פאַר טאָג האָט יאָס געפירט דאָס אייזעלע איבערן געסל. די שטיינער

פֿון דער מעטשעט־געביידע האָבן געאָטעמט מיט נאַכט־קילקייט. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו ביסלעך אויסצוטיילן פֿון דעם גראָליימיקן אַרום. דאָס אַרויסשטאַרצנדיקע טרוקנגראָז איז געווען באַהאָנגען מיט טויפערלעך ווי אויסגראַווירט אויף אַלטע זילבערקרוגן. דאָס אייזעלע האָט זיך אָנגע־טרונקען ביים וואַסעררער אין אָנהייב געסל, דערנאָך האָט יאָס עס צוריק־געפירט אויפֿן מעטשעט־בערגל און געלאָזן אין הייפֿל.

עמעץ האָט גערופֿן פֿון אַן אָפֿן פֿענצטער:

— אַדון!

יאָס איז אַריין אין אַ געוועלבטן חדר. אַרום אַ טיש זענען עטלעכע יונגע מענטשן געזעסן.

— נעכטן געקומען? געפֿונען אַ חדר?

— יאָ, — האָט יאָס געענטפֿערט.

מען האָט פֿאַרשריבן זיין נאָמען, געגעבן אים עטלעכע געלטפּאַפּיר־לעך און אַן אייזערן בעט. יאָס איז געבליבן אין געוועלבטן חדר, איינגעקוקט זיך אין די געפּאַרבטע באַלאַטן און געוואָלט עפּעס זאָגן. עמעץ האָט געוואַרט כּדי יאָסעס וואָרט צו פֿאַרנעמען.

— איר דאַרפֿט נאָך עפּעס? — האָט אומרויִק אַ פֿרעג געטאָן איינער פֿון יענער זייט טיש.

— איך וויל ס׳אייזעלע... — האָט יאָס שטיל געבעטן.

די מענטשן האָבן זיך פֿאַרחידושט איבערגעקוקט.

— נעמט זיי, די אַראַבישע אייזעלעך, גיט זיי נאָר צו עסן...

אויפֿן מעטשעט־בערגל האָבן אין יענע טעג אַרומגעבלאָנקעט היימ־לאָזע אייזעלעך. זיי זענען געקומען פֿון די וויטע הפקרדיקע פּרדסים, פֿון די זייטיקע אייזלשטעגלעך און פֿאַרווילדטע פֿעלדער, וווּ ס׳איז געוואַקסן אַ ברוינער סאָכניאַק מיט שאַרפֿע האַלברונדיקע שטעכשפּיצן ווי נעגל פֿון מידבר־פֿייגל.

די אייזעלעך, זענען אין די הייסע נאָכמיטאָגן געשטאַנען אומבאַוועג־לעכע ביי די שאָטנס פֿון אַלטע ווענט, זייערע פֿעלן האָבן אויפֿגעציטערט ביי מענטשישע טריט, אַ דרעשטש איז אַדורך זייער הויט ווען זיי האָבן דערהערט אַ מענטשיש קול. זיי האָבן אויסגעצויגן די העלדזער און געוואַרט טעג, אַז אַ מענטשישע האַנט זאָל אָנטאָן אויף זיי דעם

כאַמעט. אין די נעכט האָבן זיי געזוכט זייערע שטאַלן, געקלאַפּט מיט די פּעדערשטע פּיס אין ליימענע ווענט, געהעשעט, ביז דער האַלב־נאַכטיקער לבנה־שטויב איז געפאַלן אויפן מעטשעט־בערגל.

יאָס האָט געגרייט פאַר זיך אַ היים. ער האָט געזוכט אין די חורבות; ברעטלעך, טירן, כלים, ער האָט אויסגעפונען אַ האַלב פאַרשאָטענע קאַלכ־גרוב און געקאַלכט זיין חדר, די ווענט פון הייפל, פון די ברעטלעך איז אַ בענקל געוואָרן און אַ טיש. פון ערגעץ האָט ער אַ ראַם מיט שויבן געבראַכט, און אין שטוב איז ליכטיקער געוואָרן. אין הויף האָט ער געפונען אַ פאַרזשאַווערטע קנויטלאָמפּ, האָט ער דעם בלעך לאַנג געריבן אין זאַמד. אין הייפל איז ריין געוואָרן, ער האָט אַוועקגענומען די ליימגרודעס, די קרישל־שטיינער, דעם אָנהויף פון אייזלמיסט.

אין שפּייז־געוועלבל האָט יאָס באַקומען פאַר דעם געלט וואָס מ׳האָט אים געגעבן — ברויט, קעז, פיש. עס איז אים געבליבן נאָך אַ היפשע רעשט. ער האָט לאַנג געהאַלטן אויף זיין גרויסער האַנטפלאַך די ניקלנע מטבעות וואָס דער קרעמער האָט אין געאייל אים אַריינגעציילט, מיט בייגער געקוקט אויף די היימישע יידישע אותיות, וואָס ער האָט זיי דאָס ערשטע מאָל געזען ביט אין אַלטע סידורים, נאָר אויף ניקל. זיין האַנט איז געווען פול מיט קליינגעלט, און אַז דער קרעמער האָט זיך אָפּגעקערט פון אים, איז יאָס נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דער שוועל מיט דער צעעפנטער דלאָניע. עס האָט ווי אַ פּלעמל אַ זילבער געטאָן אַ טרויבשטענגל, אַן איילבערט־צווייגל און אַן אלף. ער האָט מיט די גרויסע קנאָכיקע פינגער גענומען שליסן די האַנטפלאַך, איינגעקאַרבט אין דער האַנט די יידישע צייכנס און איז מיט שווערע טריט געגאַנגען איבערן געסל, אַרויף צום בערגל.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט שוין יאָס געטראָטן איבערן מעטשעט־געסל מיט זיין אייזל איינגעשפּאַנט אין אַ צווייַרעדערדיק וועגעלע. ער האָט ערגעץ געפונען צוויי אַלטע רייפן פון אַ לאַסטוואָגן, פון בלאַ־געפאַרבטן פענצטער־לאָדן האָט ער צונויפגעקלאַפּט אַ וואָגן־קעסטל. יאָס איז געגאַנגען לעבן אייזעלע, געפירט עס פאַרן ציימל.

לייכט איז געווען יאָסן אויפן האַרצן. ער האָט געזען אומעטום יידן, געהערט יידיש־לשון. ס׳איז אים גוט געווען צווישן יידן, ווי גוט עס איז

אַ ביישטאַמיקן צווייג, וואָס דערפילט איבער זיך דעם שאָטן פֿון אַ גרינ־בלעטערדיקער קרוין. אין דעם בלעטערדיקן שאָטן פֿון דעם ייִדישן שטאַם האָט יאָס געלעבט זיין שטיל און אייגן לעבן, און זיין האַרץ איז פֿול געווען מיט ליבע צום באַשעפֿער וואָס ער האָט זוכה געווען צו פֿירן זיין רויִק לעבן אונטער ייִדישע הימלען. זיין גרויסע ליבשאַפֿט האָט ער אָוועק־געשאָנקען די טרויעריקע ליימענע ווענט פֿון זיין גדרל, דעם אייזעלע, דעם נאָכקלאַנג פֿון ייִדישן לשון וואָס איז דערגאַנגען צו אים פֿון די אונטערשטע הייזער, און דעם גוטן און מילדן בליק פֿון ייִדישע פּרויען פֿון מעטשעט־געסל. ער האָט געפֿילט דעם הייסן אָטעם פֿון דער אומ־באַקאַנטער באַרג־ווייטעניש און ליב געקראָגן די הויכע, איינזאַמע פּאַלמעס וואָס האַלטן אויס אויף זייער רונדיקן געצווייג דעם בלאָען הימל־געוועלב. יאָס איז זיכער געווען, אַז ער איז שוין אַמאָל איבער די וועגן געגאַנגען, געזען די טיפֿע, ריינע הימלען, געהערט דעם פֿרימאָרגן־געצוויטשער פֿון פֿייגלעך אין די צווייגן און געזען דעם צייטיקן, רויטן שימער פֿון מילגרוימען ביי די ראַנדן פֿון אייזלוועגן. אַמאָל, אַמאָל, אפֿשר אין פֿריִען ייִנגל־חלום, האָט אים געפֿירט אַן אַלטער ייִד מיט אַ ווייסער באָרד איבער די אַלטע ייִדישע וועגן און איבער זיי האָט זיך געוויגט דער ניגון פֿון חדר, דערנאָך איז דער רבי פֿאַרשוווּנדן. געבליבן איז יאָס, דער פֿערדטרייבער, דער יאַריד־גייער, דער איבערגעוואַקסענער יונג פֿון קאָזשע־געסל.

אַנדערע צייטן זענען שוין דעמאָלט געווען אינעם לאַנד פּוילן. יאָס האָט ניט איין מאָל ביז בלוט געביסן די ליפּן, געזעצט זיך מיט די פֿויסטן אין דער אייגענער ברוסט אַריין און געבראָכן אויף די קניִען דעמבענע קלאָניצעס, ייִדן האָבן ביי אים רחמים געבעטן:

— האַלט איין דאָס טרפֿהנע בלוט, יאָס, וועסט אויף אונדז אַן אומגליק ברענגען.

איצט, אין די ערשטע נעכט אויפֿן מעטשעט־בערגל, איז דער רבי פֿון חדר געקומען — און יאָס האָט דערזען דעם ערשטן גרויסן אות פֿון געלן סידור, דעם אַלף.

די דרום־געסלעך פֿון דער גרויסער שטאָט תּל־אביב זענען ענגע,

שמאָלע, מיט פּלויטן פון זשאַווערדיקע בלעכן, פון ברוינע דראָטן. אין די אָפענע הייף וואַלגערן זיך הויפנס אייזנוואַרג: בעטלעך מיט צעפליקטע פּרוזשינעס ווי געפּלאַצטע סטרונעס פון משונהדיקע האַרפעס, פאַרקראַמפּטע באַלקאָן־שטאַכעטן, אייזערנע רערן, פעסער פון סמאָלע, רייפן פון באַלע־גאָלישע בוידן, אַלערליי אייזערנע כּלים, ציינערדיקע רעדער און צעבראָ־כענע אַנקערס פון פישערשיפלעך. דער שטיינערנער ברוק איז אויסגעפרעסן פון וואַסער־שטראָמען וואָס ריזלען דאָ אין די ווינטערס נאָך יעדן רעגן, און יאָגן מיט אימפּעט איבער די געסלעך, שווענקען אָפּ דעם אַספאַלט, גראָבן אונטער די שטיינער און לויפן צו די וואַדיס. לעבן אַ צעקרישלטן ליימפּלויט זיצט אַן אַלטיטשקער רימער און נייט מיט גרויסע נאָדלען אַ געשפּאַן פאַר אַן אייזעלע, זיינע שווערע רימערישע דלאָניעס ציִען די לעדערנע פּאַסן, דערנעבן וואַרט אַן אייזעלע ביים טויער. דאָס אייזעלע האָט מען אַוועקגעשטעלט אין פרימאָרגן, ווען דאָרט איז אַ קילער שאָטן געווען. די זון האָט שוין געמאַכט אַ קרייז, דאָס אָרט איז פול געוואָרן מיט זון, נאָר דאָס אייזעלע שטייט נאָך אַלץ ווי מ׳האָט עס אַוועקגעשטעלט, מיינט אַפּנים, אַז דאָ איז נאָך אַלץ שאָטן. אָפּט צעווײנט עס זיך אומהיימלעך און פון אייזל־געוויין ציטערט דאָס פערד ביים דערנעביקן שמידער. צוויי יונגעץ קאָנען ניט מער איינהאַלטן דעם פערדס הינטערשטן פוס וואָס דער שמידער קאָוועט אָן. ס׳פערד צעבריקעוועט זיך, רייסט זיך פון זייערע הענט און ווערט באַדעקט מיט שוים. עמעץ צעשפּרייט איבערן וועג שווערע לייוונטענע געצעלטן, צעפליקטע, צעשליסענע, דורכגעגעסענע פון רעגנס און פאַרברענטע פון זון. אַ העלאויגיקער יונג לאַטעט אויס אויף אַ ניימאַשין גרויסע ראָגזשעס.

אָט דאָ, אין דעם דרום־קוואַרטאַל פון תּל־אביב, קומט אין די פאַרטאָגס יאָס מיטן אייזעלע. ווען ס׳שאַריִעט נאָך פאָרט ער אַרויס פון מעטשעט־בערגל און קומט אָן ווען ס׳עפענען זיך די דראָטענע טויערן פון די אייזנהייף, און די ערשטע פורמאַנעס זאַמלען זיך אויפן שטייפּלאַץ.

די אייזנוואַרג־הענדלער קענען שוין יאָסן. ער העלפט זיי אַרויפלייגן אויפן וועגעלע שטיקער שווערע אייזנס, ער זוכט אויס פון אונטער די גרודעס שרויפן, מוטרעס וואָס אַ קונה פאַרלאַנגט און פירט זיי דערנאָך אַרום צום פאַרקויף איבער די געסלעך, מען וואַרפט אים דערפאַר אַריין אין

דער פֿאַרראָסטעטער דלאָניע עטלעכע פּרוטות, און אַזוי שלאָגט יאָס אויס זיין פּרנסה.

אין די נאָכמיטאָגס פֿאָרט ער צוריק אַהיים, דאָס אייזעלע לויפֿט מיט די קליינינקע פּיסעלעך, כאַפּט בגנבה אַ מויל מיט גראָז פֿון זייטוועג און בלייבט שטיין. אין די פֿאַרנאַכטן פֿירט ער עס צום וואַסעררער אַנצופּויען. ער האַדעוועט עס מיט די בעסטע גראָזן און טיילט זיך מיט אים מיט זיין ברויט. נאָר משונהדיק זענען די געגנג פֿון דער באַשעפֿעניש. דוכט זיך, זאַט, גוט אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען, יאָס פֿירט עס אין שטעלעכל, אַרויף צום בערגל, עס גייט פֿאַוואָליע, רויִק, צופֿרידן, נאָר פּלוצעם טוט עס אַ ווילד אימפּעטיקן צאַפּל, די אויערן שטעלן זיך דיבאָם און דאָס אייזעלע גיט זיך אַ יאָג אין די שטעכלקוסטעס אַריין, און שוין שטייט עס אין מיטן פֿון סאָכניאַק און רייסט זשעדנע מיט דער פֿולער אייזלשער מאָרדע שאַרפֿע שטיקער אויסגעסאָכניעטן ווילדגראָז מיט שטעכיקע נאָדלען. יאָס ציטערט אויף: ס׳וועט זיך וואַרגן, ס׳וועט זיך צערייסן די קישקעס...

ער וויל אַריינלויפֿן אינעם קראָפּעווע־פֿעלד נאָר ער קאָן ניט, די שפּיזיקע שטעכלקעס רייסן דורך זיינע קליידער, ער רופֿט ס׳אייזעלע, בעט עס, סקאָמלעט, נאָר עס שטייט אַלץ און שטאָפּט די אייזלשע מאָרדע. דעם אייזעלע איז גאָרניט געשען. עס קומט פֿון דאָרט צוריק פֿריש און געזונט. אָפּט עקשנט עס זיך איין און וויל בשום אופֿן ניט גיין ווייטער. עס העלפֿט ניט יאָסעס געשרייען און אויך ניט די קלעפּ. ניין און ניין. בלייבט יאָס אַ מידער און וואַרט, וואָס וועט ווייטער זיין. וואַרט דאָס אייזעלע און יאָס וואַרט. אין מיטן וועג ליגט אַ ריטל פֿון אַן אַלטן קוסט, הייבט עס יאָס אויף. קוקן אייזלשע אויגן נאָך זיין יעדער קער, זעט דאָס אייזעלע, אַז דאָס ריטל איז ניט קיין לעבדיקע באַשעפֿעניש, ניט קיין שלאַנג, ווי עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, לויפֿט עס ווידער מיט די קליינע, דראָבנע פּיסעלעך.

יאָס קען שוין אַלע קאַפּריזן פֿונעם אייזעלע און האָט עס נאָך ליבער געקראָגן. ער רופֿט עס מיט שפּאַטישע נעמען.

— ראַסעווער... פּאַראַדנער... לאָשיקל מיינס...

און אַז ער ווערט אין כּעס — שרייט ער אויף אים:

— פּיפּערנאָטער, פּאַרזעעניש, אַראַבישע שקאַפּע...

ווען אין די נעכט צעוויינט זיך דאָס אייזל מיט אַן אָפּגעהאַקט סקריי־פּעדיק געוויין, ווי ערגעץ אין פֿאַרבאָרגענע אַלטע שלעסער וואָלטן זיך פֿאַרזשאַווערטע טויערן צעפּראַלט, ווערט יאַסן אומעטיק. ער וואַרפֿט זיך אויף זיין בעט, שטייט אויף פֿון געלעגער און גייט אַרויס אין הויף. ער באַנעמט די בענקעניש פֿון זיין אייזעלע. ער פֿילט ווי אומרויִק עס ווערט ווען אַן אַנדער אייזעלע גייט דורך, ווי עס צעפֿינקלען זיך די ברוינלעכע אויגן.

גוט ווען אַ ווייב וואָלט געקומען אין דעם חדר אַריין, טראַכט יאַס, עס וואָלט אין די נעכט ליכטיק געוואָרן אין זיין הייפּל, עס וואָלט געלויכטן אין יעדער ווינקל. ער וואָלט מיט נאָך עמעצן געשוויגן.

די פֿייערלעך אין די פֿענצטער לעשן זיך אויס. אין יאַסן וואַיעט די איינזאַמקייט.

יאַס זעט זיי, די ווייבער, פֿון מעטשעט־געסל, אין די פֿרימאָרגנס מיט צעלאָזענע האָר, מיט פֿולע בריסט, מיט באָרוועסע פֿיס; ער זעט זיי אין די גערטנדלעך, ביי שטוב־אַרבעט. זיין ברייטפּלייציקער געשטעל, זיין גאַנצער גוף הייבט אָן צו פֿאַרלירן דעם גלייכוואָג, עפּעס טוט זיך אין אים אַ וואַקל און קאַלטע טראָפּנס זעצן זיך אים אויפֿן שטערן.

די ווייבער קוקן אויפֿן פּרעמדען, אויף זיין הילוך, דערקענען שוין זיינע טריט און הערן זיך איין אין געוויין פֿון זיין אייזל.

איין מאָל האָט אים די רויטהאָריקע ברײנע אָפּגעשטעלט.

— כ׳בעט ענק, עץ ווינט שוין דאָ?

יאַס זעט אַז אירע אויגן־וויִעס זענען רויט, די ברעמען — פֿייער־פֿלעמלעך, דער קאָפּ — איין גרויסער אָנגעצונדענער שייטער, און די אויגן — טליִענדיקע האָלאָוועשקעס.

— זעיץ נאָר אַ שכן, אַ ברוגזער פּריץ, קוקט קיינעם ניט אָען, גייט זעך אַדאָרעך, ווי נישט קיין ייִד, וואָס? מיר זעמער עפּעס גויִים — האָט מיט בייזקייט גערעדט די פּרעמדע.

אירע אויגן האָבן געשׂרפֿהט, געצונדן שטיקער, אָט ווערט אַ העלישער פֿלאַם אַ זעץ טאָן. אירע באַקעטע אָרעמס זענען באַשאָטן מיט גרויסע, געלע זומער־שפּרענקעלעך ווי פֿאַרוועלקטע גראָזבלימלעך אויף אַ צייטיק פֿעלד. זי האָט אַפֿילו ניט געוואַרט אויף אַן ענטפֿער.

— וואָס זאָגט עך צו מאַאַן פּאַלעץ, צום פּאַדוועזש? קוקט ניט וואָס כ׳בין פאַרסאַרגעט, אוי! מע קאָן נאָך מיינען כ׳בין אַ שמאָדער, מען איז פאַרהאָרעוועט מיט דער ווערטשאַפּט.

זי האָט צעפּראַלט דעם גרויסן טויער, אַריינגעפירט יאָסן אין הויף און געוויזן אים דעם חדר, דאָס קיכל.

— זאָגט, קאָן מען דאָ וווינען? האַ? כ׳דאַרף נאָר קאַלעכן, אוי־ווי מיר נישט־געשען — האָט זיך די רויטהאָריקע אַ קלאַפּ געטאָן אין פּיעגע־וואָטן שטערן מיט דער האַנטפלאַך.

— עך זענט דאָך אַ קאַלכער. אפשר עט׳ עצ׳ מער אויסקאַלעכן?

צו מאָרגנס האָט יאָס געקאַלכט ברייגעס חדר. זי האָט אים צוגעטראָגן קיבלעס קאַלך צום לייטער, דערלאַנגט די קאַלכבאַרשט. איר פליישיקייט האָט געשפּאַרט פון דעם קליידל, צעפּלאַצט די נעט, און די גרויסע זומער־שפּרענקלעך פון די שטיקער אויפגעדעקט לייב זענען געפאַלן אויף יאָסן ווי צוויט פון אַ מאַנדלשטאָק אין ווינט.

אין די סוף־זומערדיקע פאַרנאַכטן האָט אַ קיל ים־ווינטל לייכט באַרירט די טרוקנגראָזן. די געוויקסן־טריקעניש האָט דאָ געאָטעמט מיט האַמסינען, מיט זונבראַנד, מיט אש פון פאַרשרפהטן בליִעכץ. אַ יאַש־טשערקע־פּאָר האָט זיך געיאָגט אויף די גרויסע מעטשעט־שטיינער. די יאַשטשערקעס זענען געלאָפן אין אַ קרייז איינע נאָך דער אַנדערער, געדראַפּעט זיך פלינק אויף דער גלייכער שטיינפלאַך און פלוצעם אַ פאַל געטאָן ווי אָפּגעקרישלטע שטיינער אין די שטעכלקעס אַריין.

אָפּט זענען אויפן מעטשעט־בערגל געקומען פרעמדע מענטשן. זיי זענען געשטאַנען לעבן די ערדאַנשיטן, ביי די שטיינערנע אָנהויפּן און געשמועסט צווישן זיך. אַרום באַרג זענען געווען סימנים פון שווערע קאַמפן וואָס זענען דאָ ניט לאַנג פאָרגעקומען: ערד־קאַנאַוועס, זאַמדזעק, שטיינערנע פאַרצוימונגען, אויפגעריסענע הייזער. יאָס האָט אָפּט געטראַכט וועגן די פריִערדיקע תושבים פון געסל, די אַראַבער. ער האָט זיך איינגעקוקט אין דער אויסגעטראָטענער שוועל, געקוקט לאַנג אויף דעם גראָען שטיין ווי ער וואָלט געוואָלט זען די מענטשן וואָס האָבן דאָ

געטראָטן... זיי שרעקן אים ניט אין די נעכט, ער וויל כאָטש איין מאָל אַריינקוקן אין זייערע פּנימער.

אין אַ שבתדיקן נאָכמיטאָג זענען עטלעכע יונגע מענטשן געקומען אויפן מעטשעט־בערגל, איינער פון זיי, אַ העלאָזיקער, האָט עפּעס דער־ציילט, געוויזן אויף די באַרגאַנשיטן, שטיינערנע געשטעלן און פאַרוואַק־סענע ערד־קאַנאַוועס. יאָס איז געשטאַנען לעבן אייזעלע, געקוקט אויף די פרעמדע, געוואָלט מיט זיי אַ שמועס פאַרפירן און ניט געוווסט ווי אַזוי, נאָר איידער וואָס־ווען זענען זיי שוין געשטאַנען לעבן אים, געפרעגט ווי לאַנג ער וווינט דאָ, וואָס ער טוט.

דער העלאָזיקער האָט לאַנג־לאַנג, ביז אין טונקלען אָוונט אַריין, דערציילט יאָסן וועגן דער מלחמה וואָס איז אָנגעגאַנגען דאָ, אויף דעם בערגל טאַקע, וועגן די אַראַבער פון מעטשעט־געסל וואָס זענען באַפאַלן יידישע יישובים און געגרייט פון דאַנען זיך אַריינצורייסן אין די דרום־קוואַרטאַלן פון דער יידישער שטאָט וואָס מען זעט זי פון דעם בערגל.

— דאָ איז מיין חבר געפאַלן, — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט. אין זיינע אויגן האָבן זיך די ערשטע שטערן געשפּיגלט.

— דאָ האָבן זיך די אַראַבער פאַרטייעט אויף מיין חבר און מיט בלאַנקע מעסערס זיך געוואָרפן אויף אים, נאָר ער האָט דער ערשטער דערגרייכט דעם באַרגשפּיץ. דאָס אָרט וועט אַמאָל טראָגן זיין נאָמען, עס וועט הייסן גבעת יוחנן...

די נאַכט איז געווען אַן אומרויִקע, די אומרויִקסטע זינט יאָס ווינט אויפן בערגל. ער איז ניט געשלאָפן, נאָר געקוקט אין דער פולער לבנה אַריין, געקוקט אויף די פייערלעך פון דער יידישער שטאָט. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז לעבן די מעטשעט־ווענט ווימלען שאָטנס. ער האָט מער ניט געטראַכט וועגן די וואָס האָבן איבער זיין שוועל געטראָטן, ניט וועגן דעם אייזל־באַזיצער. ער האָט טיף אין זיך געשפּירט דעם אויפצאַפּל פון דעם געפאַלענעם אויפן שוועל פון זיין ליימיק הייזל, דעם יונגען ייד יוחנן.

ד

ווען זאָכע איז צוריקגעקומען נאָך דער מלחמה צום וויעטראַק, זענען די ראָשאַקס שוין דאָרט ניט געווען. די טויטע פליגלען זענען געלעגן

צעשפּאָלטענע אויף אַ יונגן גרינעם מאָך. דער פליגלאַקס, ווי אַ שוואַרצער פינגער, איז געווען אויסגעקערעוועט צו דער שטאָט־זייט. ברווינלעכע פּאַקשיוועס האָבן פאַרדעקט די וועגלעך. אין די נעכט האָט אַן אַלטער בעטלער זיין געלעגער געמאַכט אין דער הפקרדיקער ווינטמיל, נעבן די קאַלטע מילשטיינער, אונטערגעבעט מיט וויכעטשעס שטרוי.

זאָכע איז געלאָפן איבער דערפער און געזוכט יאַנען, געווען ביי אירע ברידער. די ראַשאַקס האָבן געוווינט אין די שענסטע הייזער פון קאַזשע־געסל. קיינער האָט וועגן יאַנען און יאָסן ניט געוווּסט. זי איז אַוועק איבער די פּוילישע שטעט, געגאַנגען איבער די זייטיקע וועגלעך, דאָרט ווו זי האָט זיך מיט יאַנען אויסבאַהאַלטן, דאָרט ווו גוטע מענטשן האָבן אָפּטמאָל אַ נאַכטלעגער געגעבן איידער מ׳האָט זי אויף אַרבעט פאַרשלעפּט אין די דייטשע שטעט, און יאַן איז איינער אַליין געבליבן.

אין האַרבסט איז זאָכע ווידער צוריקגעקומען צום וויעטראַק. האָט זיך פאַרקליבן אין דער חורבה און יעדן טאָג איז זי געגאַנגען איבערן קאַזשמינער וועגל אין שטאָט אַריין. מ׳האָט זי אויסגעמיטן, די ברידער האָבן זי ניט אויפגענומען, דאָס קאַזשע־געסל איז געווען אָן ייִדן, זעלטן, זעלטן האָט זיך דאָרט אַ ייִד באַוויזן, אויסגעפרעגט זיך אויף אייגענע, און דעם זעלביקן טאָג איז ער אַוועקגעפאָרן. זאָכע איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ טיפן טרויער אין האַרצן און געהאָפט אויף אַ בשורה.

איין מאָל איז אַ בריוו אָנגעקומען, אַ בריוו מיט אויסטערלישע צייכנס. געבראַכט האָט מען אים אויף דער ווינטמיל. זאָכע איז געלאָפן מיטן בריוו צו גוטע מענטשן מען זאָל אים איבערלייענען. יאַן האָט געשריבן, אַז ער איז ערגעץ ווייט, אין איטאַליע, מיט ייִדן, וויל וויסן צי זיין מוטער לעבט, צי יאָס, זיין טאַטע, לעבט.

דערנאָך זענען אָנגעקומען נאָך בריוולעך פון אַ ווייטן אינדזל, וואָס קיינער האָט דאָ ביז איצט אַזאַ נאָמען ניט געהערט. פון די בריוועלעך האָט זאָכע זיך דערוווּסט, אַז יאַן האָט זיך אויפגעהאַלטן אין אַ קלויסטער, אַוועק פון דאָרטן מיט נאָך אַ חבר, און איצט איז ער אין זיין אייגן לאַנד, אין אַ ייִדיש לאַנד. איך וועל דיך אַהין אַריבערנעמען, האָט יאַן צו איר געשריבן, זאָל זיך נאָר די מלחמה ענדיקן. זאָכע האָט די בריוועלעך פאַרוויקלט אין אַ לייוונטל און עס אָנגעהאָנגען אויף איר האַלדז.

חדשים זענען אַוועק און יאַן האָט ניט געשריבן. זאָכע איז אומרויִק געוואָרן, זי האָט אָפט צעוויקלט דאָס לייוונטל און לאַנג עס באַטראַכט מיט טרויעריקע אויגן, זי האָט איצט גאָרניט פאַרמאָגט אויסער דעם פּאַפּירנ־קניפּל אויף איר האַרץ. אָפט האָט זי געקניִט און געבעטן גאָט, נאָר פּלוצעם פלעגט זי אויפשפּרינגען, אויפציטערן, איר יאַן איז אַ בייזער געשטאַנען אין די נעכט, און יאַס איז טרויעריק געווען, דעמאָלט איז זאָכע אַוועק צו דער חרובער יִדישע קלויז, פאַרקליבן זיך אין דער פינצטערניש צווישן דעם ציגלבראָך — און תּפילה געטאָן אויף איר גויִשן לשון. זי איז זיכער געווען, אַז דער יִדישער גאָט וועט איר פרעמד געבעט אויפנעמען.

*

אין שפּעטן יעשען זענען די מאַזאָווער וועגן באַשאָטן מיט זילבערנע וויעזשבע־בלעטער, מיט רויטלעכע קליאָן־בלעטער. און די ווייסשטאַמיקע בזשאזעס שפּיגלען זיך אין די בלאָע וועג־קאַלוזשעס. איבער די נעפּלדיקע וואַלדוויטן טראָגט זיך דאָס געשריי פון ווילדע קאַטשקעס. ערגעץ צווישן נידעריקע האַרבסטיקע וואָלקנס לויערט דער קאָרשון, זיין פליגלשאָרך כאַפּן אויף די פעלדפייגל, אַפילו די בוטשאַנען, וואָס פליִען אַוועק אין די וואַרעמע לענדער, הייבן זיך העכער אויף און פליִען אונטער די וואָלקנס. זאָכע האָט אין איר גרויסן וואַנדערוועג געזוכט די בושל־שורות אין די הימלען, זי איז נאָכגעגאַנגען זייער פלי, אַהין צו די פרעמדע ווייטע לענדער.

געווען זענען דאָס טעג, ווען טויזנטער יִדן האָבן געוואָגלט איבער די פּוילישע גרענעצשטעט. זאָכע האָט אָפט, מיט ציטערנדיקע פינגער צעבונדן איר טאָרבעלע פון האַלדז, צעוויקלט די פּאַפּירלעך פאַר אומבאַקאַנטע מענטשן, אירע טרויעריקע אויגן זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט אַ וואָלקנדל. זיי, די פרעמדע, האָבן געלייענט די בריוועלעך און זי געטרייסט. זי איז אַוועק צוזאַמען מיט נאָך יִדן איבער אומבאַקאַנטע באַנוועגן, איבער שטעט און לענדער און געטראָגן אין זיך בענקשאַפט און איינזאַמקייט.

זאָכע האָט געהאָלפן די מענטשן אין זייער וואָגלען. זי האָט זיך פאַרנומען מיט די קינדער, געטראָגן פרעמדע פּעק. אָפט פלעגט אַ יִד זיך

אָפּשטעלן, אַריינקוקן אין איר פּנים און פֿאַרחידושט אַ צי טאָן מיט די אַקסלען. נאָך אַזאַ בליק האָט זאַכע זיך איינגעקנוילט אין אַ ווינקל און אַריינגעהעשעט אירע טרערן אין דער ליינענער טאָרבע אַריין.

*

אין איינע פֿון די זומערדיקע טעג איז זאַכע צוזאַמען מיט הונדערטער ייִדן אַראָפּ פֿון אַ שיף אויף דעם ארץ־ישׂראלדיקן ברעג.

האָט ווער אויפֿגענומען אירע תּפֿילות און דעם ציטער פֿון איר האַרץ, דעם טרויער פֿון אירע אויגן, די בענקשאַפֿט צו יאַנען? אפֿשר האָבן עס באַנומען די ים־כוואַליעס? אפֿשר האָט איר טרויער אַוועקגעטראָגן דער ווייסער ים־פֿויגל? לאַנגע וואָכן איז זאַכע געלאָפֿן אין פֿאַרשיידענע אַמטן, דאָרט צעוויקלט די צעקנאָדערטע פּאַפּירלעך, דורכגעווייקטע פֿון טרערן, אירע פֿינגער האָבן באַרירט די פּאַפּיראַנדן מיט פֿאַרכטיקן ציטער, זי האָט זיי געגלעט מיט איר וואַרעמען טרערנבליק און אַריינגעקוקט אין די פֿרעמדע אויגן, זי האָט געגעכטיקט אויף טרעפּ, אָפּגעוואַרט באַאַמטע אויף דער גאַס, אַריינגעקוקט אין די אויגן פֿון פֿאַרבייגייערס, דערנאָך איז זי צוריקגעקומען צו די שטיינערנע טרעפּ פֿון דער הויכער געביידע און אָפּגעזעסן דאָרט טעג. מען האָט זי פֿריינדלעך אויפֿגענומען. גערעדט צו איר אַפֿילו אין איר פּוילישן לשון, געגעבן איר אויף די ערשטע הוצאות וואָס ס'באַקומען אַלע איינגעוואַנדערטע, ביז איינער פֿון די באַאַמטע האָט זי צוגערופֿן, צעעפֿנט שופֿלאָדן, געזוכט פּאַפּירלעך, געבלעטערט זיי, אויפֿגעהויבן זיך פֿון אָרט, אַרומגעשפּרייזט אַ שווייגנדיקער פֿון טיר צום פֿענצטער און דערנאָך האָסטיק זיך אָפּגעשטעלט, אַריינגעקוקט איר אין די אויגן. זי האָט אַ ציטער געטאָן. דער באַאַמטער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פֿענצטער און שטיל אַרויסגערעדט:

— דיין זון איז געפֿאַלן אין דער מלחמה מיט די אַראַבער.

ער האָט זיך געשראָקן אויסצוקערעווען זיינע אויגן צו דער מידער און פֿאַרייַאושטער פֿרוי, אים האָט זיך געדוכט, אז אירע גרויסע און ליכטיקע אויגן וועלן אַ בלענד טאָן אַנטקעגן דעם טאָגליכט מיט שגעונדיקע פֿייערלעך און די פֿלאַקסענע האָר אירע וועלן פֿאַרוואַנדלט ווערן אין פֿייערצונגען. נאָר זאַכע איז געבליבן זיצן אַ פֿאַרשטיינערטע. דער קאָפּ

אירער איז געפאַלן אויף דער ברוסט און די פלאַכע פּאָקן־גריבלעך זענען טונקל געוואָרן, זיי האָבן באַשאָטנט איר פּנים ווי זי וואָלט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ זיידענעם טרויער־שלייער. איר האָט זיך געדוכט, אַז פון די פּאָקשיווע־קוסטעס הייבן זיך אויף שאָטנס פון די צעבראָכענע ווינטמיל־פליגלען, זיי באַהעפטן זיך מיט דער טויטער אַקס, אַ בייזער נאַכטווינט טראָגט זיי מיט געוואַי און צווישן די אַלטע מילשטיינער ליגן יאַן און יאָס. קלאַמערט זיך זאַכע אָן די פליגלען, וויל זיי אָפּשטעלן, טראָגט זי זיך אין ווילדן קאַראַהאַד צווישן ערד און הימל...

— יוחנן האָט מען אים גערופן, ער איז אַ גיבור. — דער יונגער מענטש איז געשטאַנען לעבן זאַכען און איר געטרייסט.

— יאַן... יאַן... יוחנן... האָט זי געשעפּטשעט.

— ער איז געפאַלן אויפן מעטשעט־בערגל, ניט ווייט פון דאַנען איז דער קבר...

אין דעם זעלביקן פאַרנאַכט איז זי געקומען אינעם פאַרלאָזענעם אַראַבישן דאָרף. דאָס מעטשעט־בערגל האָט זיך געשלענגלט באַרג־אַרויף. פון דער ווייטנס האָט זי געזען די גרויסע מעטשעט־שטיינער. און אַז זאַכע איז צוגעקומען נענטער צו דער וואַסערראָר האָט זי אויפגעצי־טערט. זי האָט געוואָלט רופן, אויסשרייען, אָבער ס׳האָט איר פאַרפעלט אָטעם. יאָס איז געזעסן אויף די שטיינער, אַ באָרוועסער, לעבן אים — אַן אייזעלע...

זיי זענען געגאַנגען איבערן געסל טריט ביי טריט און געשוויגן. ביי די זייטן זענען אין דעם זומער אויסגעוואַקסן טאַמאַריסקן־קוסטעס. די שטיינערדיקע געסלערד האָט ביי די ראַנדן צעעפנט פאַרבאָרגענע שפּאַלטן און דער טאַמאַריסק האָט גענומען פון דאָרט אַרויסשפּאַרן מיט אַזאַ עקשנות, מיט אַזאַ טראָציקער איינגעשפּאַרטקייט, אַז די מענטשן האָבן געקוקט אויף גאַסט וווּנדער און געשעפּט פון די אָרעמע קוסטעס בטחון, גלויבן און שטילע פרייד. קוקסט זיך צו יעדער צווייגל באַזונדער, און דו זעסט ווי שיין ער איז, ווי שיין עס זענען די געשניצטע בלעטלעך, נאָר עפּעס אַ גראָער אומעט, עפּעס אַ שטויב פון פאַרלאָזנקייט און עניוות האָט זיי פאַרדעקט און באַשטימט זיי צו זיין דער בוים פון אָרעמען מענטשן.

דאָס אייזעלע איז געגאַנגען מיט אומרו, עס האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און אויפגענומען יעדער קער פון יאָסן. דער קילער פאַרנאַכטיקער ווינט האָט געוויגט די פאַרטריקנטע פאַלמעבלעטער, און אַ שטילער שאָרך פון די טרוקענע גראָזן איז געהאַנגען איבערן מעטשעט־בערגל ווי דאָס געהעש פון אַן איבערגעפולט האַרץ.

יאָס האָט געפילט ווי זאַכע ווערט מיט יעדער שפּאַן אומרויִקער. ער האָט געזען ווי אירע ליפּן שעפּטשען עפּעס. זי האָט געזוכט מיטן בליק אין מעטשעט־געסל, איינגעקוקט זיך אין יעדער שטיינדל, זי האָט געזען די אומעטיקע טאַמאַריסקן־קוסטעס דורך די לויטערע טרערן און האָט געוואָלט אַ פאַל טאָן צו זייערע נאַקעטע וואָרצלען. און אַז יאָס האָט געפרעגט אויף יאַנען איז פול געוואָרן איר מאַמיש האַרץ. זי האָט געשטאַמלט:

— יאַן... יאַן... יוחנן...

זאַכע האָט אויסגעצויגן די האַנט צום שפּיץ פון מעטשעט־בערגל, דאָרט אַהין וווּ עס האָט זיך געפונען יאָסעס געקאַלכט שטיבל, און צו זיך אַליין שטיל גערעדט: — יאַן... יוחנן איז דאָ געפאַלן...

יאָס איז לאַנג געזעסן אויף דער שטייניקער ערד ביי דער שוועל פון זיין ליימען שטיבל. דאָס אייזעלע האָט זיך אומהיימלעך צעוויינט. ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען, יאָס, ער האָט איצט ווידער דערזען דעם פרעמדן פון יענעם שבתדיקן פאַרנאַכט וואָס האָט אים דערציילט וועגן יוחנן.

אַ טרוקענער געוויקסן־שטויב איז געפאַלן אויף יאָסעס פּנים. ער האָט געזען ווי די געפלעקטע יאַשטשערקעס שפּרינגען פון שטיין צו שטיין, און אָפּט בלייבן זיי אומבאַוועגלעך אויף די אויסגעהוילטע שטיינשפּליטערס מיטן קאָפּ צו דער זון און סאָפּען.

די גרינלעך־גראָע, טרויעריקע טאַמאַריסקן פון מעטשעט־בערגל האָבן געטראָגן אין זיך אַ וווּנדערלעכע פאַרבאָרגענע שיינקייט.

# אין אַ שטיינהאַקעריי

## א

יעדן פאַרנאַכט זענען זיי שוויַיגנדיקע און מידע געשטאַנען ביים קליינעם פענצטערל. ער — הויך, ברייט אין די אַקסל, געבויגן, מיט אַ גרויסן שטערן ווי פון געשליפענעם שטיין; זי — קליין, שמאָל און פאַרשאָטנט. איר בליק האָט אומרויִק אַרומגעהיפּט אין דער באַרגיקער לאַנדשאַפט; אָט האָט זי אָנגעהאַנגען די אויגן אין דער באַרג־קייט פון די געשליפלטע שטיינער, אָט אין דעם קאַרליקקוסט וואָס איינזאַמט אויף אַ פעלדז און פלוצעם איז איר בליק געבליבן פאַרגליווערט אויפן קאַלטן מירמל־פּנים פון מאַן.

ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן. זי האָט דאָס דערקענט לויטן צוק פון אַקסל. זיין רעכטער אַקסל האָט אַ ציטער־געטאָן און דאָס ציטערן האָט זיך איבערגעגעבן צו זיין גאַנצן קערפּער.

זי ווייס וואָס דער אַקסלצוק באַדייט: די אַרבעט אין דער שטיינהאַקעריי האָט זיך געענדיקט. מען דערקענט עס לויטן שטויבנעפּל וואָס נידערט. די שטיינמיל האָט זיך אָפּגעשטעלט. איצט וועלן שאָטנס פון מענטשן זיך צעפּויזען אויף די בייוועגלעך און אַ שטילקייט וועט זיך שפּרייטן אין די בערג.

גיזעלאַ ווייס אויך וואָס איר פאַוועל וואַרט: באַלד וועט פאַרבייפאָרן מאַהאַדי מוראַד מיט זיין לאַסטוואָגן און ער וועט זיך אָפּשטעלן אויפן שמאָלן שטיינוועגל, דערנאָך וועט דער שטויבנעפּל וואָס הויערט צו פוסנס פון אַ באַרגרוקן צערינען און עס וועט זיך אַנטפּלעקן דער הויכער שוואַרצער אָרעם פון דעם שטיינמיל, די שטאָלענע הייב־מאַשין און די טונקעלע פלעקן פון איילפעסער אַרום די ברוכשטיינער.

דאָס דאָרף ליגט אויפן רוקן פון אַ באַרג. פון איין זייט זעט מען די

איילבירט־וועלדלעך. זיי שפּרייטן זיך קעגן איבער דער באַרגמעזשע ווי ס׳ענדיקט זיך דאָס באַרגפעלד מיט די קדמון־שטיינער; פון דער צווייטער זייט — דער שמאָלער שאָסיי וואָס וויקלט זיך ווי אַ פעלדזנשלאַנג.

מאַהאַדי מורדאָס לאַסטוואָגן איז ניט אַרויפגעפאָרן צו דער שורה הייזלעך וואָס אויפן באַרגרוקן. די מאַשין איז געבליבן שטיין אין דער נידער, ביים וועג און געגעבן צייכנס.

— ער איילט זיך, זעט אויס, היינט מערער ווי שטענדיק — האָט פּאַוועל אַ שעפּטש געטאָן און געמאַכט אַ קליינעם טריט. זיין ווייב האָט אים געהאַלטן ביים אָרעם.

— מ׳דאַרף ניט, גיזעלאַ — האָט ער געשטאַמלט.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די שפּיצפינגער און מיט אַ טיכעלע אַרומגעווישט די שווייסטראָפּנס פון זיין שטערן.

דער ערשטער טריט איז געווען אַ שלאַבערדיקער. ער האָט זיך אַ וואַקל־געטאָן און דערנאָך איז ער אומגעשטערט אַוועק מיטן קליינעם שטעגל. זי איז אים נאָכגעגאַנגען ביז צו דער לאַסטמאַשין. איר האָט זיך געדוכט, אַז דער טראָט זיינער איז אַ רויקער און אַז די רעכטע האַנט באַוועגט זיך פריי.

דער שאָפער מאַהאַדי האָט געשמייכלט. צוויי שורות ציין האָבן אַ בליאַסק געטאָן. די בלאָע אויגן האָבן אַ ביסל געמילדערט זיין רוי פּנים.

פּאַוועל האָט געשטעלט אַ טריט צום אויטאָ־טירל און געוואָלט זיך אָנהאַלטן מיטביידע הענט. די פינגער פון דער רעכטער האַנט האָבן אָבער ניט געפאָלגט און ער האָט זיי ניט געקענט איינקלעמען. די האַנט האָט זיך אַ גליטש געטאָן ווי אַ ליידיקער אַרבל. ער האָט זיך ניט געקענט אַריינזעצן אין דער לאַסטמאַשין אָן עמעצנס הילף. — דאָס איז מחמת די טרעפּ זענען צו הויך — האָט ער געטראַכט. זי האָט אים אונטערגעהאַלטן ביים רוקן און אַריינגעשמייכלט אין פּנים אַריין.

— נו, פּאַווי, אָט אַזוי... עס וועט דיר בעסער... כ׳דערקען... דו גייסט שוין פריי...

מאַהאַדי מוראַד האָט געהאָלפן אים אַרויפזעצן אויפן לאַסטוואָגן.

פּאַוועלס שטערן איז פאַרלאָפן געוואָרן מיט קנייטשן. ער האָט דערשפּירט ווי גיזעלאַס און מאַהאַדיס הענט האָבן זיך באַגעגנט הינטער

זיין רוקן. גיזעלאַס אָטעם איז געוואָרן אָפּגעהאַקטער, קירצער. איז דאָס פון אַנשטרענג? ניין. ניט פון אָנשטרענג. דאָס איז אַוודאי פון דעם באַריר מיט מוראַדס גרויסע געזונטע הענט.

די לאַסטמאַשין האָט יעדע רגע אונטערגעטאַנצט.

— מאַהאַדי! מאַהאַדי! העי, פאַרגעס ניט! — האָט גיזעלאַ געשרפן — קויף אין שטאָט ראַזיר־מעסערלעך פאַר פאַווין!

דערנאָך איז זי פלינק געשפּרונגען צווישן די שטיינער, צוריק צום קליינעם שטיבל. ערשט איצט האָט פאַוועל באַמערקט, אַז זי האָט היינט אָנגעטאָן דאָס יום־טוב קלייד, דאָס קלייד מיט די בלאָלעכע שטרייפן.

אין דער שטיינהאַקעריי איז שוין קיינער ניט געווען. אַ פרישער שטיינשטויב האָט זי פאַרדעקט. אַפילו אין שומר־ביידל איז אַלץ געווען באַלייגט מיט שטויב; די נאַרע, דאָס נאַקעטע טישל, די שויב פון פאַנאַר.

ניט ווייט פון ביידל זענען געלעגן ריזיקע שטויסן מיט שטיינער: האַקשטיינער, ברוקירשטיינער און בלאָקשטיינער. אַלץ באַזונדער אויסגעסדרט.

די לאַסטמאַשין איז אַוועק. אַ טונקעלער רויך פון אייל און אַ שטויבוואָלקנדל האָט פאַרהילט דעם בלעכענעם קאַסטן פון דעם אויטאָ. פון דער אויסגעהאַקער שויב אַרויס האָט מאַהאַדי מוראַד אַרויסגעשטרעקט זיין קאָפּ און געשרפן.

איצט קאָן ער שוין אַוועק אַהיים. דער נאַכט־שומר פאַוועל איז שוין דאָ. מאָרגן פאַר טאָג וועט ער ווידער דאָ זיין מיט דער מאַשין. ער מוז קומען פריער ווי די אַרבעטער. ער דאַרף באַזאָרגן פון שטאָט איילפעסער און ברענגען מענטשן פון דערפל צו דער שטיינהאַקעריי.

צו דער אָונט־טונקלקייט איז נאָך געבליבן אַוודאי אַ שעה. די זון האָט זיך שוין לאַנג געזעצט הינטער אַ באַרגרוקן. מען דערקענט אַפילו דאָס אָרט לויט דעם ליכט פון באַרגראַנד, לויט דעם אָפּשיין פון דער קיזלערד וואָס ליגט אָפן צום דעם בלאָלעכן הימל.

אין אַזעלכע פאַרנאַכטן זיצט פאַוועל אויף אַ פלאַטשיקן קדמון־שטיין מיטן פנים צום דערפל, צו די גלייכע שורות אָרעמע הייזער, און מיט

ציטערנדיקע פינגער שטויבט ער אָפּ דעם געדיכטן שטיינשטויב פון אַ פייגנקוסט. טייל מאָל באַמערקט ער אַז אויף דעם שטיין אויף וועלכן ער זיצט זענען פאַראַן סימנים, שטיינערנע אָפּדרוקן פון צווייגלעך, פון בלומען, פון שלאַנגען און פון טריט. יאָ, פון פאַרשטיינערטע טריט. אויסטערלישע זענען עס די פאַרשטיינערטע טריט, ער וואָלט געשוואָרן, אַז דאָס זענען שפורן פון באַרוועסע מענטשן, פון שעפּסן־סטאַדעס און פון אַ באַרג־חיה וואָס האָט געהאַט איר באַהעלטעניש אין אַ שטיינערנעם פעלדזנבעקן.

אַז ס׳פאַלט צו די נאַכט רוקן זיך צונויף די באַרגשטיינער און די באַרגריסן פאַרשווינדן. גאַטס וועלט ווערט איין גרויסער שטיין. אין האַלבנאַכט נידערן די וואָלקנס צו די בערג און קושן אויס יעדן שפּור אין די קדמון־שטיינער, יעדן אוראַלטן פוסאָפּדרוק. פאַר טאָג דערקענסטו די ליפּן־אָפּדרוקן פון די וואָלקנס אויף די שטיינער.

אין די נעכט הערט זיך פּאַוועל איין אין יעדן שאָרך וואָס קומט פון די בערג. ערגעץ קייקלט זיך אַ קיזלשפּליטער — ער דערקענט דעם געקייקל פון קיזלשטיינדל לויט דעם געקלאַנג דעם פאַרטייעטן, וואָס דערמאָנט אין אַ פאַרבלאָנקעטע שאָף וואָס טראָגט אויפן האַלדז אַ גלעקעלע, און דער פאַסטעך האָט עס פאַרגעסן אין די בערג.

טייל מאָל ברעכט זיך עפּעס ווי עמעצער וואָלט געשפּאָלטן טרוקענעם קין, דערנאָך דוכט זיך אים, אַז עס צישעט אַ פלאַם און דער אויסגעטריקנטער באַרג־אָנהויף פון פאַרדאַרטע געוויקסן ווערט אַ פלאַקער־טאָן. נאָר אין די בערג איז שטיל און נעפּלדיק. אַ ווייט־ווייטער פויגל־טרילען וויגט זיך צוזאַמען מיט די נעפּלען — דאָס איז אַ פאַרגייענדיקט טרילען ווי אַ דין וואַסער־אָדערל וואָס רינט נאָך אַ יורה צווישן שטיינער. אָט דער דאָזיקער ווייטער פויגל־געזאַנג איז דער אָנזאָג אַז די געגאַרטע נאַכטרו איז שוין געקומען, אַז קיינער וועט איר ניט שטערן, אַז זי וועט אָנהאַלטן ביז פאַר טאָג.

פּאַוועל וואַרט יעדע נאַכט אויף דעם ווייטן פויגל־געזאַנג. דערנאָך מאַכט ער צו די אויגן.

ליגט ער אַזוי, פּאַוועל, אויפן שטויביקן בעטל און ער הערט זיך איין אין דער באַרגנאַכט. באַלד, באַלד קומט דאָס דינינקע וואַסער־אָדערל, דער

שטילער געפליי, עס וועט קיל מאַכן די שליפן. עס וועט פייכט מאַכן די ליפּן. פאַרשפּעטיקט זיך ניט היינט דער אומבאַקאַנטער באַרגפויגל מיט זיין ניגון?

אין אַזאַ נאַכט האָט ער דערהערט דאָס געזאַנג פון שטיינער. צו ערשט איז געקומען דער קלאַנג פון קליינע שטיינדלעך אויפן ברוק... זיי פאַלן ווי אָפּגעהאַקטע קלאַוויר־טענער. דערנאָך — שטיינדלעך געקליבענע ביי אַ טייכל... ער שפּירט זייער געשליפנקייט וואָס קילט די באָרוועסע פיסלעך פון אַ יינגעלע ערגעץ אין מאַזאָוויע... דערנאָך שיטן זיך גרעבליע־שטיינער ביי אַ וואַסערמיל... זיי פאַלן מיט געפּליעסק לעבן די שליוזן... און אַז אַ בויד איז דורכגעפאָרן איז נאָכגעלאָפן דאָס געזאַנג פון די גרעבליע־שטיינער. שטיינער זינגען! האָט ער דעמאָלט אויסגערופן — און אַ בויד מיט יידן האָבן געלאַכט... און די מאַמע האָט אים צוגעדריקט צום האַרצן... ער האָט זיך געשעמט... שוין אַזאַ גרויסער... דערנאָך איז געקומען דאָס אומעטיקע שטיינער־געשעפּטש אין אַ קאַשטאַן־אַליי אַ באַשאָטענע מיט זשוויר־שטיינדלעך... און דריבנע סודותדיקע טריט, וואָס האָבן געמאַכט אויפציטערן זיין יינגל־האַרץ. יעדער טריט אַ קלאַנג... יעדער שאַר אירער מיט די פיס — אַ הימען... דאָס טרעט זי אַ צעפלאַטערטע איבער די שטיינדלעך פון דער אַלייע... זי שוועבט און באַרירט זיי קוים ווי דער ווינט וואָלט באַרירט פידלסטרונעס... דערנאָך איז ער געלאָפן צום טייך און געשליידערט שטיינער. פליוך... פליוך... אָט אַזוי זיך פאַר פרייד... העי... העי.. זיי זענען געפאַלן אויף יענער זייט ברעג, אין די קוסטעס אַריין, און עס האָבן געשאַרכט די בלעטער... אַ פייגלטשאַטע האָט זיך אָפּגעריסן. און דערנאָך — שטיינער וואָס ליגן אויסגעשפּרייט איבער די וועגן, ניט אַריבערצושפּאַנען ווייטער! בלייב שטיין! — — — דערנאָך האָט ער געזען טויזנטער מענטשן שפּאַנען איבער שטיינער פון גאַסן... די שטיינער זענען געלעגן צונויפּגעפּרעסטע, פאַרזיגלטע, שטיין צו שטיין — און געדוכט האָט זיך אים אַז זיי זינגען אַ צאָרן־ליד... שפּעטער האָט ער דערהערט דאָס טויטן־ליד פון אויפגעריסענע שטיינערנע הייזער וואָס זייער שטיינבראָך האָט זיך געוואַלגערט איבער גאַסן... ער האָט געהערט דעם שטיינערנעם געשריי פון פאַלנדיקע מויערן... דעם געקייקל פון אַ שטיינערנעם ביוסט איבערן ברוק, וואָס האָט אָפּגעהילכט ווי דאָס געקלאַנג פון אַ לוויה־גלאָק. און

אויס. אַ שטילקייט, אַ שטיינערנע, שפּרייט זיך איבער גאָטס וועלט... די וועגן צום מיזרח זענען ברייטע. ער לענט אָפּ אָן זיין קאָפּ אויף אַ פעלדשטיין און אַ טרויעריק געזאַנג פון אַן איינזאַמען שטיין פאַרוויגט אים...

העי, ווו איז דער פויגל וואָס זאָגט אַן נאַכטרו?

אַ קיל ווינטל קומט דורכן קליינעם פענצטערל און פלאָנטערט זיך אין זיינע האָר. עס מוז שוין זיין נאָך האַלבנאַכט?

אין דאָרף צאַנקט אַ פלעמל. פון וואַנען קומט דאָס ליכט? איז עס ניט פון זיין שטוב? וואָס טוט איצט גיזעלאַ? זי שלאָפט אַוודאי. ניין, זי שטייט אין פענצטער און קוקט צו דער שטיינהאַקעריי. ער ווייס דאָס אויף זיכער. זי איז אומרויק אין די נעכט. זי וויל אין שטאָט אַריין. אָ, ווי זי וואַרט אַז מאַהאַדי מוראַד זאָל פאָרן מיטן לאַסטוואָגן קיין ירושלים און זי מיטנעמען.

פאַוועל האָט אַרויפגעוואָרפן אויפן אַקסל דעם מאַנטל. ער איז געגאַנגען מיט ציטערנדיקע טריט. דאָס געצאַפּל פון זיין רעכטן אָרעם איז שטענדיק געקומען ווען אַן אומרו איז אים באַפאַלן. פון וואַנען נעמט זיך דער אומרו? זאָל דאָס זיין דער וויט־וויטער פויגל־געזאַנג וואָס ער האָט אים היינט פאַרשלאָפן? און אפשר קומט דער אומרו פון דעם פייערל וואָס האָט זיך אַזוי אומגעריכט אָנגעצונדן אין דערפל. אָ, עס איז שוין פאַרלאָשן. ס'קאָן זיין, אַז דאָס האָט אַ מאַמע פאַרוויגט אַ וויינענדיק קינד. דאָס זעט, דוכט זיך אויס, צו זיין ניט וויט פון זיין שטוב. אפשר האָט גיזעלאַ אָנגעצונדן פייער? מוראַד האָט נעכטן געטריבן חמדהן פון דער שטיינ־האַקעריי. זי האָט אים געבראַכט עסן. ער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף איר און געשריִען אויף אַ פרעמד לשון. זי איז געזעסן צווישן די ברוכשטיינער מיט פאַרלייגטע פיס און געוויינט. אַז מאַהאַדי איז אַוועק איז זי נאָך אַלץ געזעסן און געוויינט.

— חמדה, ווין ניט. ער האָט דיר שלעכטס געטאָן, דיין מאַן?

זי איז אויפגעשפּרונגען אַ בייזע און זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיטן אָרעם.

— גיי אַוועק! גיי! וואָס אַרט דיך מיין געוויין! מאַהאַדי איז גוט! מאַהאַדי איז גערעכט! מאַהאַדי מעג! אַלץ מעג ער!

זי איז געגאַנגען אַ באָרוועסע איבערן שטיינוועגל און אויף איר קאָפּ האָט זי געטראָגן דאָס געפלאָכטענע קיישל.

פֿאַר וואָס איז דער פֿרעמדער איראַקישער ייד, מאַהאַדי מוראַד, אַזוי שטיל ווען ער זעט גיזעלאַן? זיינע ליפּן פֿרעפּלען קוים, נאָר די ציין בליאַסקען אומהיימלעך.

פּאַוועל זיצט אָנגעשפּאַרט אָן אַ פֿעלדז און קוקט אין דער פֿינצטערניש אַריין. אַ שטיל געזאַנג קומט פֿון טאָל, דאָס איז גיכער אַ ווינט־ניגון. האָבן די שטיינער פֿון די יהודה־בערג זייער ניגון? ער טראָגט זיך, דער ניגון, פֿון פֿעלדזנבעקן, פֿון די פֿאַרשאָטנטע שטויסן ברוכשטיינער, ער שוועבט איבער דער באַרגיקער נעפּל־געדיכטעניש און גיט זיך איבער די נאַכטהימלען. זיי טראָגן עס אַוועק צו די ווייטע פֿאָספֿאָר־באַזיימטע וואָלקנדלעך. דאָס געזאַנג איז אַ פֿרעמדס, אַ ווייטס, עס שלאָגט זיך אָפּ אָן אים אַזוי ווי אָן אַ פֿעלדזנוואַנט. עס איז אים פֿרעמד דער באַרג־ניגון ווי פֿרעמד עס זענען די שטעכיקע שטערנבלעטער, ווי פֿרעמד עס איז אים דאָס פֿאַרבאַרגענע פּנים פֿון מאַהאַדי מוראַד און פֿון זיין ווייב חמדה. ער איז מחוץ דעם אַלעם. אַזוי ווי אַ פֿעלדז־שפּליטער וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון באַרגשפּיץ און קייקלט זיך איבער אַ שיפּוע.

## ב

געקומען אין לאַנד אַריין זענען ביידע פֿון די לאַגערן אין דייטשלאַנד. דאָרט האָבן זיי זיך באַגעגנט. זי, גיזעלאַ, פֿון אונגאַרן און ער פֿון פּוילן. זי איז נאָך געווען מיט אַן אָפּגעשוירענעם קאָפּ פֿאַרקניפּלט מיט אַ פֿאַרביק טיכל, דאָס טיכל איז געווען פֿאַרקניפּט פֿון פֿאָרנט מיט אַ גרויסע בלאָער שלייף. זיינע אויגן — טרויעריקע, טיף־אַריינגעזעצטע אין דער אויגן־אויסהוילעניש. זי האָט אים אַריינגעשמייכלט אין די טרויעריקע אויגן אַריין מיט אויפֿגעוואַכטער לעבנספֿרייד. ווי אַ פֿריליגגדיק בעזצווייגל ערב דער צעשפּראָצונג איז זי געווען אין די ערשטע חדשים נאָך דער באַפֿרייונג. ער איז ניט געקומען פֿון די לאַגערן, ער איז געקומען פֿון מיזרח מיט דער ארמיי וואָס האָט פֿאַרנומען דייטשלאַנד.

פֿון די ערשטע טעג אָן איז פּאַוועלן באַפֿאַלן אַן אומרו. ער איז לאַנג געלעגן אויפֿן בעטל און געזען ווי גיזעלאַ צאַפּלט אַרום אַזאַ פֿריילעכע. זי איז שיין, גיזעלאַ, די זאַנגען־האָר זענען מיט זון, די אַקסל שמאָל, ציטערנדיק און די פֿיס — ווי ביי אַ הירשין. — זי איז ווי אַ גאַזעל אין די בערג

פון ירושלים — האָט ער געטראַכט און אים אַליין האָט אַ בלייערנע שווערקייט געצויגן אַלץ נידעריקער און נידעריקער צו אַ פלאַכלאַנד, צו אַ טאָל, צו אַ תהום.

זיינע באַוועגונגען זענען געוואָרן פּאַמעלעכע, שלאַבערדיקע ווי פון אַ מיד־און־מאַטן מענטשן. וואָס מער זי האָט זיך געריסן צו ליכט אַלץ מער האָט זיין פנים זיך געצויגן צו שאָטן.

אַזוי איז אַדורך אַ וואָך נאָך אַ וואָך. פון דער אַרבעט איז ער צוריקגעקומען אַן אויסגעמאַטערטער און אַ פאַרשלאָסענער.

געשען איז דאָס אין האַלבנאַכט.

גיזעלאַ איז געשטאַנען מיטן פנים צום פענצטער און געוויינט. די אַקסל האָבן געצוקט. ס'גאַנצע לבנה־ליכט איז אויף זיי געלעגן. ער האָט געוואָלט אַ שליידער טאָן די קאָלדרע און זיך אויפזעצן. די הענט זענען געפאַלן אין אָנמאַכט. ער האָט דערשפירט אַ ווייטיק אין די געלענקען.

זיינע טריט האָבן זיך געפּלאָנטערט ווי דער דיל וואָלט אויסגעלייגט געווען מיט שטרויכלשטיינער. ער איז געפאַלן לעבן איר און געוואָלט אַרומנעמען אירע פיס. ער האָט נאָר לייכט באַרירט זיי מיט די האַנטפלאַכן און אין אים האָט עפּעס אויפגעיאָמערט. דאָס איז געווען אַ געיאָמער פון אַ געפּענטעטן.

צומאָרגנס איז געקומען דער דאָקטאָר.

פּאַוועל איז געלעגן אַן אויסגעלאָשענער און געקוקט מיט גלעזערנע אויגן. גיזעלאַ איז געשטאַנען מיט פאַרבראָכענע הענט.

דער אַלטיטשקער דאָקטאָר פרומקין האָט געשוויגן. ער האָט געקעמט מיט דער האַנט דאָס קליינע בערדל און איינגעקוקט זיך אין פּאַוועלס אויגן. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן דעם קראַנקנס האַנט.

— איר דאַרפט רו... ליגן רויק...

פּאַוועל האָט זיך געפרוווט אויפזעצן.

— שרעקט זיך ניט. אָט אַזוי... מאַכט אַ פויסט. דריקט צונויף די פינגער... שטאַרקער...

דער דאָקטאָר פרומקין איז אַ רוסישער ייִד. פערציק יאָר וווינט ער אין ירושלים. איצט איז ער געקומען צו די עולים. ער איז שוין עטלעכע יאָר

אויף עמעריטור, און דאָ, אַזוי פיל קראַנקע. קאָן מען דען איינזיצן אין דער היים?

פּאַוועל האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, דאָקטאָר... יאָ... כ'פאַרשטיי אייך...

— און דו ווילסט עס אָפּליגן אין בעט, ווען איך אַזאַ זקן... — ער האָט ניט פאַרענדיקט און ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

דאָס איז געווען דער ערשטער שמייכל וואָס דער דאָקטאָר האָט דערזען אויף פּאַוועלס פּנים.

— אָ, איר האָט ניט פאַרגעסן צו שמייכלען? דאָס איז גוט!

איין מאָל האָט אים פּאַוועל געזאָגט:

— כ'בין געווען אויפן פראָנט... געהאָלפן באַפרייען סמאָלענסק... אַרויסטרייבן די דייטשן...

דער אַלטער דאָקטאָר האָט אויפגעלויכטן.

— מאָלאָדיעץ! איך בין אַ סמאָלענסקער...

ער האָט אים אָנגענומען פאַר ביידע הענט און זיינע אויגן האָבן זיך געפייכט.

— דערציילט, פּאַוועל, דערציילט — האָט דער אַלטיטשקער געבעטן.

פּאַוועלס רייד האָבן זיך ניט געבונדן. ער האָט פאַרלאָרן דעם זכרון און עס איז אים שווער געווען צונויפבינדן די איינצלנע זאַצן וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַ פּאָר רגעס פריער.

— גיזעלאַ, גיזי, וואָס האָב איך פריער געזאָגט, געדענקסט ניט... אין סמאָלענסק... דער לאַזאַרעט...

אירע אויגן זענען געווען איבערגעפולט. זי האָט געגלעט די אויסגעלאָשענע הענט זיינע און געשלונגען די טרערן.

דערנאָך, ביי דער שוועל, האָט איר דער דאָקטאָר אומגעריכט אַ פרעג געטאָן:

— איז פּאַוועל פאַרוווּנדיקט געווען?

— דוכט זיך אַז ניט... געווען אַ קורצע צייט אין לאַזאַרעט...

זי האָט זיך געוואָלט אָן עפּעס דערמאָנען.

— האָט ער אייך ניט דערציילט וועגן זיינע פראָנט־איבערלעבונגען?

— יאָ, יאָ, דאָקטאָר... איך דערמאָן זיך. ער האָט מיר דערציילט. דאָס איז געווען טאַקע אין סמאָלענסק. אַ מינע־אויפרייס לעבן זיינע פיס. אַ פּאָר וואָכן אין לאַזאַרעט. געליימט — און דערנאָך ווידער אין מיליטער...

סוף ווינטער איז פּאַוועל צוריקגעקומען פון שפּיטאָל. געבראַכט האָט אים מאַהאַדי מיט זיין מאַשין. פּאַוועל האָט זיך שוין פריי באַוועגט. דעמאָלט האָט ער באַקומען די אַרבעט אַלס נאַכט־שומר אין דער שטיינהאַקערײַ.

## ג

די אַרבעט אין דער שטיינהאַקערײַ האָט זיך אָנגעהויבן פּאָר טאָג. צו ערשט האָט זיך צעררוישט די שטיינמיל וואָס האָט סאָרטירט די קליינע שטיינער.

אין די פּאַרטאָגן טראָגט זיך ניט דער שטיינשטויב איבער די באַרג־ווייטן, ער נידערט גלייך אַראָפּ אויפן שטיינברוך, דערנאָך וויגט זיך ריטמיש די שווערע מאַשין, דער באַגער, מיטן געשטרעקטן אָרעם צו אַ נאַקעטן שטיינערנעם אָפּריס. דאָרט ליגן אַלערליי אויפגעריסענע שטיינער: שפּיזיקע, קופּאָלאַרטיקע, דאָרנדיקע, פּלאַטשיקע מיט שאַרפע קאַנטן ווי די אוראַלטע שטיינמעסערס און שפּיציקע ווי די שטיינווידלעס. אַכט אַ זייגער איז געקומען צו פאָרן אויף זיין דזשיפּ דער אַרבעטס־אויפזעער. אַ נידעריקער, אַ קרעמפּער, מיט אַ פאַררוקטן און אָפּגעבליאַקעוועטן טעמבעל איז ער אַרומגעשפּרונגען צווישן די שטיינער און געשריען. ער האָט עמעצן פון די אַרבעטער געקלאַפּט אין דער פּלייצע און געשטשירעט מיט די גרויסע געלע ציין. ער האָט אָנגענומען אויף דער האַנטפלאַך צעמאָלענעם שטיין און עס אַ שליידער געטאָן.

— נעם אַוועק די ליידיקע פּעסער פון וועג! הײַ, דו מאַהאַדי! — האָט ער געשריען.

די לאַסמאַשין האָט זיך אַ וויג געטאָן און מאַהאַדי איז אַראָפּגעשפּרונגען.

דער אויפזעער האָט נאָך אַלץ געשריען:

— מען דאַרף מאַכן אָרט, אַפּרוימען דאָס וועגל! אַ סך מאַשינען וועלן קומען נעמען ברוקירשטיינער! ווי אַזוי וועלן זיי אַריינפאָרן אין דער שטיינהאַקערײַ? זאָג, מאַהאַדי?

— בסדר, אדוני!

— מ׳דאַרף עס אָפּרייניקן — האָט געזאָגט דער אויפזעער און אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום נאַקעטן שטיינערנעם אַפּריס. — די טעג וועט מען אויפרייסן יענעם פעלדז!

איבערן וועגל איז געגאַנגען פּאַוועל. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך. און שטענדיק ווען ער האָט געדאַרפט שטעלן אַ טריט האָט עפּעס אויפגעצי־טערט אין אים. עס איז אים אויסגעקומען, אַז אַ בייזער ווינט איז באַפאַלן זיין גוף פון דער רעכטער זייט און טרייבט אים אויף צוריק. הייַנט האָט ער זיך ניט געלאָזט צוריקפירן פון מאַהאַדין. ער וועט אַליין גיין. באַר אויפן בערגל לעבן דער שטוב איז אים שווער געווען אַרויפצוגיין. ער האָט זיך איינגעבויגן און געוואָלט זיך קלאַמערן ביי די קוסט־צווייגלעך. ער האָט ניט געוואָלט, אַז גיזעלאַ זאָל אים זען ווי שווער עס קומט אים אָן דאָס אַרויפגיין די פּאָר שפּאַן.

זי איז צוריקגעטראָטן פון פענצטערל און געוואַרט ביי דער טיר. עס האָט געדויערט עטלעכע מינוט ביז די טיר האָט זיך געעפנט. דעמאָלס האָט גיזעלאַ פאַרחידושט אויסגערופן:

— אָ, פּאַווי! ווי אַזוי ביסטו דאָס אַליין געקומען? איך האָב ניט געהערט דעם גערויש פון דער מאַשין! דו ביסט אַליין געקומען! אַליין! אָ, ווי וווּנדערלעך!

זי האָט אַריינגענומען זיין פּנים אין ביידע האַנטפלאַכן און אים אַריינגעלאַכט אין די טרויעריקע אויגן.

ביידע זענען געזעסן ביים טיש און געשוויגן. ער האָט געוואָלט צו איר לאַכן און ניט געקענט. אָטעמט ניט פון איר מיט אַ קילן פרעמדן ריח?

פּאַוועל האָט געקוקט אין אַלע ווינקעלעך פון שטוב.

— דוכט זיך, אַז נעכטן ביי נאַכט האָט מען אָנגעצונדן ליכט אין שטוב... כ׳האָב געזען אַ פלעמל אויפצאַפּלען... עס האָט אַ צייט געברענט... איך האָב עס געזען פון דער שטיינהאַקעריי...

ער האָט אומרויק געקוקט אויף איר און געוואַרט אויף תשובה.

— וואָס פעלט דיר איין, פּאַווי?

— אפשר דוכט זיך מיר...

דער פרעמדער ריח, וואָס ער האָט דערפילט אין שטוב, האָט אים ניט

געגעבן קיין רו. עמעצער איז דאָ געווען. ווער האָט דאָס געקענט זיין? ער האָט זיך געוואָלט אויפשטעלן פון טיש און מורא געהאַט, אַז זיין טריט וועט זיין אַ וואַקלדיקער. ער וועט דאָס טאָן ווען גיזעלאַ וועט אַריין אין קיכל. זאָל זי ניט זען זיין ציטערן.

ער איז געשטאַנען ביים פענצטערל, דערנאָך ביים בעטל, איינגעקוקט זיך אין דער פאַדלאָגע.

— פאַווי, וואָס זוכסטו? אָ, דו דאַרפסט זיך אָפּראַזירן! ווי פאַרוואַקסטן דו ביסט! באַלד וועל איך דיר העלפן!

זי האָט דערלאַנגט די ראַזיר־מעסערלעך.

— דאָס האָט מאַהאַדי געבראַכט. איך האָב אים געהאַט געבעטן... מען באַקומט ניט אין דאָרף...

— מאַהאַדי איז דאָ געווען? — פאַוועל האָט ניט געקענט איינהאַלטן דאָס שאַכטעלע און עס איז אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט.

— איך האָב דיר פאַרגעסן צו זאָגן... מאַהאַדי איז געווען ביי דער שוועל... ער איז גראָד צוריקגעפאָרן פון שטאָט.

עס איז געוואָרן שטיל. פאַוועל האָט אַוועקגעלייגט די הענט אויף די קני און איז אַזוי געזעסן מיטן פנים צום פענצטער.

פון יענער זייט באַרגמעזשע, ווו ס'שפּרייטן זיך די איילבערט־וועלדלעך, האָט זיך דערטראָגן אַן אייזל־געוויין, אַן אָפּגעהאַקט העשען און דערנאָך אַ גרילצנדיקער געסקריפּ פון אַלטע טויער־זאַוויאַסעס ווי אַ שטורעמווינט וואָלט זיי אַן אויפהער געוויגט, הין און צוריק, הין און צוריק. — גוט אַזוי, זאָל זיך וויגן דאָס סקריפּנדיקע געוויין אָן אויפהער. גוט וואָס דאָס אייזל־געוויין איז געקומען אין דער רעכטער צייט.

— ווי אומהיימלעך — האָט גיזעלאַ געזאָגט — ווי טרויעריק.

ער האָט ניט געהערט אירע רייד. איצט שרייט דער אייזליונג. דאָס איז דאָך דעם אייזלטרייבערס קול.

— פאַווי, הייב אויף דעם קאָפּ. וואָס זיצסטו אַזוי?

איצט איז שוין נאָך אַלעמען. איצט אַרט אים שוין גאָרניט. איצט דאַרף ער ניט גאָרנישט זאָגן. דאָס אייזל־געוויין האָט אים אויסגעלייזט.

— איך האָב געמיינט אַז דו האָסט געצונדן ליכט אין האַלבנאַכט... עס האָט דאַכט זיך געלויכטן...

ער האָט געשמייכלט צו איר, נאָר זיינע הענט האָבן געציטערט. זי האָט געזען ווי די לאַנגע, בלייכע פינגער זיינע ציטערן אויף די קני.

— אין דער שטיינהאַקעריי אַרבעט מען אָן מיטאָג־אָפּרו. — האָט געזאָגט גיזעלאַ — כ׳זע דאָרט אַ סך לאַסטמאַשינען.

איר פּנים איז געוועזן פול מיט ליכט. ערשט איצט האָט ער באַמערקט, אַז אירע ברעמען זענען צוגעשוירן און די קליינע ליפּן געפאַרבט. זיי זענען שרייִק־רויט און פייכט. ער וואָלט אויפגעשפּרונגען און זי איינגעקלעמט אין זיינע הענט. דאָס וואָלט געווען אַן אויסבראָך פון שׂינאה און ליבע. זי וואָלט זיך אויסגעמישט אַזוי ווי ביי אַ שניטער מישט זיך אויס אונטער זיין קאָסע אַ דער זאַנג אַ דער פאָלין וואָס פאַרפּלאָנטערט זיך אין אַ קאָרנפעלד. ער טרויט אָבער ניט זיינע ציטערנדיקע הענט, זיין שלאַבערדיקן טריט.

## ד

אין דרום פון לאַנד, אין דער וויסטעניש, האָט מען געלייגט אַ וועג. לאַנגע קאָלאָנעס לאַסטוועגענער האָבן געפירט שטיינער פון דער שטיינהאַקעריי. מען האָט זיך געגרייט צו אַן אויפרייס. מען האָט געוואָלט אויפרייסן דעם מערבדיקן באַרגראַנד מיט די דיקע האָריזאָנטאַלע פּלאַסטן ברוקירשטיין. דער באַרגקופּל איז דאָ באַדעקט מיט אַ דינעם שיכט פימסנשטיין און צווישן די שפּאַלטן זעען זיך אָן די פאַרטריקנטע גראָזן און וואָרצל־פעדעם. וואָס נידעריקער מיטן באַרגאָפּריס אַלץ מער׳ער זעט מען אָן די גלאַנציקע געשליפענע פּלאַסטן ברוקירשטיין.

די בויערער האָבן שוין דעם דריטן טאָג געגרייט די דינאַמיט לעכער. דאָס וועט זיין אַ שטאַרקער אויפרייס וואָס וועט איינוואַלגערן אַ שטיק באַרג אַזש ביזן צעקנאָדערטן פייגנבוים, וווּ עס הייבן זיך אָן די טיפע פעלדזנשפּאַלטן און אַלערליי באַרג־אויסהוילעניש. ניט ווייט פון דאָרט געפינט זיך דער פעלדזנבעקן וווּ עס האַלט זיך אויף אַ פייגל־טשאַטע.

אין יענע טעג האָט זיך אָפּטער אַרומגעפאָרעט דער אַרבעט־אויפזעער פון דער שטיינהאַקעריי. ער איז פלוצעם אויסגעוואַקסן אין דער הייך, איבערן באַרגקופּל פון אָפּריס און געשריען צו די בויערער, געמאַכט מיט די הענט, געגעבן צייכנס צו זיי מיטן טעמבעל. ער איז אַרומגעקראָכן איבער

אַלע בערגלדיקע שטיין־אָנהויפן, געזוכט צווישן די פעלדזנשפּאַלטן און געוויגן אויף דער האַנטפלאַך שטיקער שטיינברוך.

אין אַ פאַרנאַכט, ווען מאַהאַדי האָט געהאָלפן פּאַוועלן אַראָפּגיין פון דער לאַסטמאַשין איז מיט אַ מאָל אָנגעקומען דער אויפזעער.

— העי, פּאַוועל, ווײסט הײנט שמעקן פּולווער! נאַר געדענק! ניט צינדן קײן שוועבעלע! ניט רויכערן! זע אַז מען זאָל דיך ניט דאַרפן נוצן צום כּביש! זײ וועלן דיך סײ־ווי פאַרבראַקירן! זײ ווילן ניט קײן לײמשטײן!.. גיב זײ, די שאָסײלײגער, מעטעאָרשטײן! געדענק, אין בײדל ליגט דינאַמיט!

מאַהאַדי מוראַד האָט געלאַכט. זײן געשטופּלטע נאָז האָט מיטגעלאַכט. ער האָט הכנעהדיק געקוקט אויפן אויפזעער. איצט האָבן שוין בײדע געלאַכט, מאַהאַדי און דער אויפזעער.

— זײ ווילן ניט קײן „לײמשטײן" — האָט פּאַוועל געשעפּטשעט. ער איז ווי לײמשטײן...

מאַהאַדי קוקט אַזוי זײטיק און שמײכלט נאָך אַלץ. פאַר וואָס לאַכט ער אַזוי די לעצטע טעג צו פּאַוועלן? שטענדיק באַשלאָגט פּאַוועלן אַ קאַלטער שווײס ווען ער וויל זיך אַרײנזעצן אין דער לאַסטמאַשין. גיזי איז נעכטן געווען אין שטאָט. זי איז צוריקגעקומען שפּעט. דאָס האָט זי מאַהאַדי צוגעפירט ביזן שטוב. פאַר וואָס ווײנט חמדה ווען זי טרײבט פאַרבײ די ציגן לעבן זײן פענצטער? זי פּרעפּלט און בײגט אַוועק דעם קאָפּ בשעת פּאַוועל גײט פאַרבײ. מאַהאַדי האָט איצט אַנדערע אויגן. עס שאַרפט זיך אין זײ אַ כיטרעקײט און זײן גריבלדיקע נאָז שמײכלט שפּאָטיש. ווי ליגט דער דינאַמיט? אין בײדל? פאַרוואָס האָט זיך דער אויפזעער אַזוי געוויצלט?

לײמשטײן? צו וואָס נוצט לײמשטײן? די אַראַבישע הײזלעך אין טאָל זענען געקנאָטן פון לײם און פאַרמויערט מיט לײמשטײן. די אָרעמע קלײנע הײזלעך מיט די ווײס־געקאַלכטע ראַנדן בײ די טירן און פענצטערלעכער. פון געהאַקטן מעטעאָרשטײן און בלאָקשטײן בויט מען שטאָקיקע בנינים מיט הויכע באַלקאָנען און ברײטע פענצטער.

— שלום, פּאַוועל! — האָט געשריגן מאַהאַדי — שלום!

די לאַסטמאַשין האָט זיך צערוישט. זי איז אַרויף אויפן גלײכן וועג

און האָט זיך געטראָגן צום דאָרף. פּאַוועל האָט לאַנג איר נאָכגעקוקט ביז זי איז פאַרשווונדן.

אין שומר־ביידל האָט ער ניט געפונען קיין מנוחה. עס האָט אים געצויגן צום פאַרדעקטן קעסטל וואָס איז געשטאַנען אויבן־אָן. פּאַוועל האָט אויפגעהויבן אַן עק פון ברעזענט. דאָס קעסטל איז געווען מיט אַן אייזערנעם באַנדעראָל. אין די שלייפן האָט אים געפּרעסט ווי ער וואָלט צוגעדריקט דעם קאָפּ צו אַ פעלדז.

עס איז שוין טונקל און אין דאָרף צינדט מען אַלץ ניט קיין ליכט. פאַר וואָס לייגט מען דאָרט ניט קיין פייערלעך אין די שטיבער? וואָס איז געשען? פאַר וואָס פאַרשפּעטיקן זיי היינט מיט די לוסטיקע אָונטפּלעמלעך? אפשר זעט ער זיי ניט? זיינע אויגן זענען פאַרלאָפן מיט טרערן! ער קען דעריבער ניט זען. וואָס האָט אים געמאַכט גראָד היינט אַזוי טרויעריק און אומרויִק? אפשר די שפּאָטרייד פון אויפזעער וועגן ליימשטיין, אפשר דאָס שפּאָטישע געשמייכל פון מאַהאַדי? און אפשר דאָס קעסטל דינאַמיט וואָס ליגט דאָ לעבן אים, אינעם ביידל פון דער שטיינהאַקעריי? היינט איז עס ניט ווי אין די פריִערדיקע נעכט. ער קען ניט אונטערשיידן דעם פויגל־געצוויטשער, ער הערט ניט דאָס קייקלען זיך פון די קליינע קיזלשפּליטערס, ניט דאָס ברעכן זיך פון די טרוקן־צווייגלעך אין אָונטווינט. עס יאָמערט אין די אויערן אַזאַ פאַרטויבנדיקער געוויין, אַן ענלעכער צום אייזל־געוויין וואָס ער האָט דערהערט פּלוצעם אין יענער רגע. ער איז צוריקגעקומען, דער אייזלגעוויין, אַזוי ווי עס קומט צוריק דאָס אייגענע קול וואָס שלאָגט זיך אָפּ אין חלל.

איצט איז שוין פינצטער. אַ וואָלקן נידערט איבער דער שטיינהאַקעריי און זיין שאָטן פאַלט ווי אַ טויטן־דעקטוך איבער זיין קאָפּ. די לבנה, אַ קיילעכדיקע, קאָלערט זיך אויפן באַרג און באַלייכט די קאַרליק־קוסטעס. זיי זענען ווי די נאַכטבליצן שאַרף.

אין האַלבנאַכט איז דער וואָלקן אַוועק פון דער שטיינהאַקעריי און פאַרהאַלטן זיך ביים דאָרף. גראָד דעמאָלס איז פּאַוועל געקראָכן אויף די הענט צום מערבדיקן באַרג־ראַנד. פון דאָרט זעט מען די נאַכטיקע ווייט. ער האָט זיך געקנוילט ביי שטיקער שטיין, געפּרוווט זיך אָנהאַלטן אָן נאַקעטע וואָרצלען. דאָ איז קיל. דאָס נאַכטווינטל פרישט אָפּ, נאָר די שלייפן

זענען אײַנגעפּרעסט ווי ער וואָלט דעם קאָפּ געוואָלט דורכשפּאַרן דורך אַ שמאָלן שטיינערנעם דורכגאַנג. ער קאָן אַזש ניט אָטעמען פון דער שלייף־ענגשאַפט.

איינצלנע פלעמלעך זעט מען אין דערפל, די פלעמלעך צאַנקען אויף אין יענעם ראַנד ווו עס לאָזט זיך שיף אַראָפּ דער באַרג. דאָרט וווינען די תימנער. דער שטיין איז קיל. אַ טוי נידערט איבער די בערג. ער פילט די פייכטקייט מיט די פינגער. די ליפּן זענען טרוקן און די אויגן פלעמלען. גוט איז דאָ אויף דעם שפּיץ פון באַרגראַנד. מאָרגן וועט דער פעלדז שוין ניט זיין. ער וועט ליגן אַ צעשאָטענער אונטן אין טאָל און דער באַגער מיטן שטאָלענעם אָרעם וועט זיך אויפהייבן און אַראָפּלאָזן איבערן צעריסענעם פעלדזנלייב.

ה

אין דערפל איז געוואָרן שטיל. דאָס איז געווען די שטילקייט וואָס באַפאַלט די בעלי־חי מיטן אָנקומען פון דער נאַכט־פינצטערניש. דער אומרו זייערער פון צווישן טאָג־און־נאַכט האַלט לאַנג ניט אָן. ער פאַרגייט צוזאַמען מיט די פאַרנאַכטיק בלאָע באַרגשאָטנס. אַנדערש איז מיט מענטשן; די פייערלעך לעשן זיך. ערגעץ ווו צאַפּלט נאָך אַ פלעמל, עס וויגט זיך אַ טיר און אַנטפּלעקט שפּעטלעך ליכט, די מענטשן הערן זיך איין אין יעדן שאָרך וואָס קומט פון די שטעלעכלעך, אין יעדן געציטער פון די קוסטצווייגן, זיי ליגן אויף די אָרעמע געלעגערס מיט אָפענע אויגן, אָנגעשפּיצטע אויערן און אָטעמען אומרויק. ווידער אַ געשאָרך אינעם אַלטן באָקסערבוים, ווידער ברעכן זיך די באַרגגראָזן, ווידער וויגט זיך דעם שכנס טירל. איז אַלץ אַזוי ווי נעכטן, אָדער דאָס זענען גאָר אומבאַקאַנטע נאַכט־סימנים? ווער גייט דאָס דאָרט אין דער נאַכט? די מענטשן שטייען באָרוועסע פאַר די פאַרהאַנגענע פענצטערלעך און קוקן דורך אַ שפּעלטל אַרויס צו די בערג. אַ מאַמע דריקט צו דער ברוסט אַ קינד און וויגט זיך אַ פאַרשאָטנטע. זי שעפּטשעט צום קינד. עס איז גאָרניט געשען. ביי אַ שכן ברענט שוין די נאַפטלאָמפּ. אויפן וועגל זעט מען דאָס שאַרפע ליכט פון אַן אויטאָ. דאָס ליכט שפּרינגט אַרום איבער די באַרגרוקנס, שניידט גאַנצע פאַסן פינצטערניש. ערגעץ ווייט האָט אַ שאָס געטאָן. דאָס איז אַ פריילעך שיסערײַ.

ס'האָט אַוודאי אַ שומר אויסגעשאָסן כּדי זיך צו דערהייטערן. זאָל מען וויסן אַז ער איז דאָ, אַז ער הערט און זעט און איז גרייט.

אַ לאַסטוואָגן האָט אַ קלימפּער געטאָן. מאַהאַדי איז געקומען. זיין לאַסטוואָגן קלימפּערט פון די אַלערליי קייטן און ליידיקע פּעסטער. גיזעלאַ איז צו צום פענצטער. דאָס שאַרפע אויטאָליכט האָט אַרומגענישטערט צווישן די שטיינער און מיט אַ מאָל באַלויכטן די פּאָדערשטע וואַנט מיטן פענצטערל. זי האָט זיך אַזש צוריקגעצויגן פונעם ליכט וואָס איז געפאַלן אויף איר. זי האָט ניט געזען מאַהאַדיס פּנים. ער האָט זיך געפּאָרעט ביי די הינטערשטע רעדער. ער איז אַ ריז, דער מאַהאַדי, זיינע הענט זענען גרויסע און שטאַרקע. נעכטן האָט ער ווידער געטריבן חמדהן. זי איז אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן. ער האָט הייזעריק געשריגן אויף איר. תּמיד שרייט ער אויף דער אָרעמער חמדה. זיין פּנים ווערט בייז, מיט לאַנגע טונקעלע קאַרבן און פון די מוילווינקלען זעצט אַ שוים. גיזעלאַ האָט אַלץ געזען; זי איז געשטאַנען אויף דער שוועל. פּאַר נאַכט איז ער פאַרביי־געגאַנגען נעבן גיזיס שטוב. דאָס איז שוין געווען אַ צווייטער מאַהאַדי מוראַד. זיינע בלאָע אויגן האָבן גוטמוטיק געשמייכלט און אַ מילדקייט געמישט מיט הכנעה איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין רוי פּנים. זי האָט הנאה געהאַט פון זיין הכנעהדיק שטאַמלען, פון זיין פאַרלוירנקייט. אַזאַ ריזיקער גוף, אַזעלכע גרויסע געזונטע הענט, אַזאַ פּנים פון אַ טיגער — און הכנעה.

גיזעלאַ האָט געהאַט דאָס זעלביקע געפיל וואָס עס האָט אַ חיה־באַצווינגער ווען ער דערזעט נעבן זיין פּנים דעם באַצוואונגענעם טיגער און דערפילט אויף זיין הויט דעם הייסן חיהשן אָטעם.

זי האָט אָנגעצונדן דאָס נאַפטלעמפּל. מאַהאַדי האָט אויסגעלאָשן ס'ליכט פון אויטאָ.

חמדה האָט זיך געשאַרט צווישן די פעלדזן. זי האָט זיך באַהאַלטן לעבן קוסטעס, געזען ווי דאָס ליכט פון מאַהאַדיס לאַסטוואָגן שפּרינגט איבער גיזעלאַס שטיבל. די קינדער שלאָפן שוין. זי איז געלאָפן צום עק פון דערפל. מאַהאַדיס וואָגן האָט זיך דאָרט פאַרהאַלטן. דאָרט שטייט דאָס הייזל פון דער

אשכנזישער משפּחה. זי האָט געריסן אויף זיך דאָס קלייד און געלאָפן אַ באָרוועסע. זי איז אַרויפגעפאַלן אויף די שטעכקוסטעס, אַראָפּגעלאָזט זיך מיטן ציגנוועגל נעבן שמאָלן שאָסיי און געוואָלט ווי אַ באַרגאָדלערין אַ וואָרף טאָן זיך אויף מאַהאַדין. וואָס נעענטער זי איז צוגעקומען צום שטילן הייזל אַלץ געפאַלענער איז זי געוואָרן.

חמדה האָט געלויערט פון הינטער די שטיינער אָפּער אויף זיין יעדן קער און אַז ער איז אַרויף צום קליינעם שטיבל איז זי אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן, דערנאָך האָט זי אַריינגעקוקט אין פענצטערל. מאַהאַדי איז געשטאַנען ביי דער טיר און אין האַנט האָט ער געהאַלטן זיין הוט. און אַז גיזעלאַ איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און דערזען חמדהס צעשוי־בערטן קאָפּ האָט זי אַ געשריי געטאָן, חמדה איז געלאָפן מיטן וועגל. אומעטום שאָטנס, שאָטנס פון שטיינער, פון קוסטעס, שאָטנס פון מאַהאַדיס פויסטן. ער האָט איר אַוודאי געזען. ער וועט קומען אין האַלבנאַכט אַ באַזויפענער.

ווער יאָגט עס איר נאָך? דאָס איז דער אייגענער שאָטן. איצט לויפט ער פאַר איר, דער שאָטן, פריער איז ער איר נאָכגעלאָפן. וווהין לויפט זי? דאָס איז דאָך ניט דער וועג וואָס פירט אַ היים!

חמדה האָט זיך פאַרהאַלטן און אַרומגעקוקט. זי האָט דערזען לעבן זיך דאָס ליכט פון נאַכטוועכטערס ביידל. דאָס איז דאָך די שטיינהאַקעריי. זי איז געלאָפן צום ליכט פון פאַנאַר. די באָרוועסע פיס האָבן איר ווי געטאָן. זי איז געפאַלן אויף גרודעס שטיינער און אויסגעוואָיעט אין דער נאַכט אַריין:

— אָהאָ! שומר! אָ—אָ—אָ—אָ!

איר קול האָט געציטערט אין די בערג, געוויגט זיך ווי דאָס געוויינען פון אַ נאַכט־סאָווע.

פאַוועל איז געזעסן אויפן שפּיץ פון דער פעלדזנוואַנט וואָס האָט געדאַרפט אויפגעריסן ווערן. נעכטן האָט דאָ אַרומגעהיפּט דער אייפזעער פון דער שטיינהאַקעריי. די פייערלעך אין דאָרף האָבן זיך געלאָשן. פאַוועל האָט געזען ווי מאַהאַדיס אויטאָ האָט באַלויכטן אַ טייל פון דאָרף און ווידער איז אים אויסגעקומען אַז דאָס איינצלנע פייערל וואָס האָט זיך ערגעץ אָנגעצונדן קומט פון זיין שטוב. איז דאָס נאָר אויסדאַכטעניש?

— אָהאָאָאָ!

ווער שרייט עס אַזוי?

ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן פעלדז און געזען אַ שאָטן אויפן חאַצאַץ־בערגל. דער שאָטן האָט זיך אומרויִק געוויקלט.

— שומר! אָאָאָהאָאָאָ!

דאָס איז אַ פּרויענשטים. ער איז צוגעפאַלן מיט דער ברוסט צום שטיין און איינגעהאַלטן דעם אָטעם. ווער קען דאָס זיין? זיינע אויגן האָבן דורכגעבויערט די פינצטערניש.

— אָאָהאָאָ! פאַאַוועעעל!

ער האָט זי דערקענט לויטן קול. דאָס איז דאָך חמדה דאָס ווייב פון מאַהאַדי.

— חמדהההה! מה יש?

אירע פאַרשאָטנטע הענט האָבן געריסן זיך צום פעלדזנשפּיץ. זי האָט געוואָיעט.

— טרייב מאַהאַדין פון דיין שטוב! פאַרטרייב אים! האָסט ניט קיין ווייב! אַ שלאַנג איז זי דיר! אָאָהאָאָ שומר!

איצט האָט זי שוין הויך געוויינט.

חמדה איז אַוועק אומבאַמערקט, אַזוי אומבאַמערקט ווי זי איז געקומען. פאַוועל האָט דערקענט איר אַוועקגיין לויטן געוויין וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין דערווייטערן.

ער איז געלעגן אַ פאַרחלשטער מיט אַרויסגעזעצטע ווייסעלן צום נאַכטיקן הימל. ווען עס האָט אָנגעהויבן צו שאַרייען האָט ער זיך געוואָלט אויפשטעלן און ניט געקענט. ער האָט זיך געקייקלט אויף אַלע פיר ביז ער איז דערקראָכן צום צעקנאָדערטן פייגנבוים. ער האָט געוואָלט אַראָפּלאָזן זיך מיטן פעלדזנשפּאַלט און דערגיין צום וועג און פון דאָרט צום דערפל. לעבן פייגנבוים האָט ער זיך אָפּגערוט. ער האָט זיך געוואָלט פאַרקלאַמערן אָן אַ קוסט. אַ וואָרצל האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער שטיינערנער ערד און פאַוועל האָט זיך אַ קייקל געטאָן, ער איז געפאַלן מיטן אַרויסגעריסענעם קוסט אין אַן אָפּגרונט. דאָס איז געווען דער פעלדזנבעקן. ער איז געפאַלן מיטן פּנים אַרויף. ער איז שוין ערגעץ ווו אַזוי געלעגן אַ צוגענאָגלטער צו אַ שטיינערנעם ברוק. ווען איז דאָס געווען?

ניין! דאָס איז נאָך ניט געשען! דאָס געשעט דאָך איצט! אין דער רגע. ער ווייס אַלץ וואָס עס וועט זיין. ער קאָן שוין דעם אויפטרייסלענדיקן הילך וואָס וועט אים אַ וואָרף טאָן און צוריק צונאָגלען צום שטיין. אין אים וועט זיך עפּעס אָפּרייסן. דאָס מויל וועט פאַרהאַקט זיין און דאָס האַרץ וועט צעריסן ווערן און אַז ער וועט וועלן עפענען די אויגן וועט אַ בליאַסק טאָן אַ חלפימדיק פייער און דערנאָך וועט ווערן נאַכט, אַ שטאָק פינצטערע נאַכט, אַ נאַכט איבער דער חרובער סמאָלענסק... דערנאָך וועט ער ליגן אַ געפּענטעטער און גלאָצן מיט די מאַטע אויגן צום ווייסן סופיט פון לאַזאַרעט... אָ, ווי ער ווייס פריער אַלץ וואָס עס וועט געשען... ווי ער פילט דאָס אויס... פאַר וואָס איז דער שטיין אַזאַ מילדער, אַזאַ טויקער, אַזאַ קילער... די קוסטעס זינגען איבער זיין קאָפּ... ער וועט זיך לייכט אויסבויגן. אָט אַזוי. ווי שווער עס קומט אים אָן. די הענט ציטערן. איצט דאַרפן זיי ניט ציטערן... זיי דאַרפן קלאַמערן די ביקס... ער דאַרף פילן געבן זיך דעם רימען מיט די גראַנאַטן... באַלד וועט ער דאַרפן דריקן אין האַנט אַזאַ קליינע שטאָלענע פויסט די גרייס פון אַ ציטרין... ער וועט עס אַ שליידער טאָן... אַזוי ווי דעמאָלט... פון וואַנען די געליימטקייט פון די הענט? ווען איז דאָס געשען?

פּאַוועל האָט לאַנג געשטאַמלט, ער האָט פאַרלאָרן די פעדעם וואָס האָבן צונויפגעקנופּט זיינע מחשבות. אַ פּחד איז אים באַפאַלן. דאָס איז געווען דער פּחד פאַרן חלל אין וועלכן ער איז געשליידערט געוואָרן. ערגעץ זינקט ער. ער קלאַמערט די הענט און טרעפט אָן ליידיקייטן.

ווער שרייט דאָס? ווער רופט עס אַזוי אומהיימלעך? ווער איז דאָס פאַרבייגעלאָפן און אים אויסגעמיטן?

אַ לויערנדיקע שטילקייט איז באַפאַלן די בערג.

און פלוצעם האָט זיך דער פעלדזנבעקן אַ וויג־געטאָן. אין די בערג האָט זיבנפאַכיק אָפּגעהילכט אַ פאַרטויבנדיקער אויפרייס. אַלע וואָלקנס פון דעם פאַרטאָגיקן הימל זענען געפאַלן אויף דער שטיינהאַקעריי און פאַרהילט דעם שטיינערנעם באַרג פון שפּיץ ביזן צופוס. די וואָלקנס זענען געווען שוואַרצע און געוויקלט זיך ווי שוואַרץ־כוואַליענדיקע וואַסערן ביי אויפגעבראָכענע שליוזן.

פּאַוועל האָט געשטרעקט די הענט איינצוהאַלטן דעם וויגנדיקן פעלדזן־

בעקן. ער האָט זיך געקלאַמערט אָן די שטיינווענט, געזוכט מיט די פינגער אַן אָנהאַלט. זיינע פיס האָבן זיך געוויגט אין חלל. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער הענגט אין דער לופטן און אויב ער וועט ניט איינקלאַמערן די הענט אין אָט דעם שפּיציקן שטיין וואָס זיינע פינגער האָבן דערפילט וועט ער פאַלן אין אַן אָפּגרונט, אין די שוואַרץ־צעבושעוועטע וואַסערן וואָס שרייען צו אים אַרויף. ער וועט פאַרזונקען ווערן אין אַן אייביקער חשכות. נאָך אַ ווילע און אויס. מיט אַ מאָל האָט ער דערפילט אין זיינע פינגער לעבן.ביידע הענט האָבן זיך איינגעצוואָנגט אינעם פעלדז. די פיס האָבן געפונען אַן אָנשפּאַר. זיינע אָדערן האָבן זיך אָנגעצויגן ווי סטרונעס און די מוסקלען האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט.

פאַוועל האָט אַ געשריי געטאָן. אַ פּאָס זון האָט אויפגעלויכטן איבערן קאָפּ. די פינצטערניש איז צעריסן געוואָרן. דאָס האָט זיך דער שטויבנעפּל נאָכן אויפרייס געזעצט. אין דער נידער איז געלעגן דער אויפגעריסענער מערבדיקער באַרגראַנד. פאַוועל האָט געקוקט צו דער שטיינהאַקעריי. פאַמעלעך האָבן זיך גענומען אויסטיילן די אויפגעריסענע שטיינער. עס האָט געטראָגן זיך פון זיי אַ טרוקענער שטיין־ריח אויסגעמישט מיט שוועבל. איצט האָט שוין דער שטיינברוך געלויכטן מיט אַן אייגן ליכט, אַ מאַטס וואָס איז געקומען פון די פריש־געשפּאָלטענע שטיינער, אַ בלאָלעך ליכט. און מיט אַ מאָל האָט פאַוועל דערהערט אַ שטילן ניגון. אַ ניגון פון די אויפגעריסענע שטיינער, די וואָס זענען באַפרייט געוואָרן פון געפּענטעטקייט... זיי זענען אָפּגעריסן געוואָרן פון באַרגנאָפּל... איצט וועלן זיי לעבן זייער אייגן שטיינערנעם לעבן... ערגעץ אויף די מידבר־שאָסייען... און ער האָט מיט זיי מיטגעזונגען. עס האָבן געזונגען די אויפגעוואַכטע מוסקלען... פאַוועל האָט געפּרוּווט זיינע הענט, פאַרביילט די פויסטן און זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט אַריין.

זיי לעבן! זיי לעבן! ביידע פויסטן לעבן! ער האָט ניט געשפּירט קיין ווייטיק. ניט פון צעריסענעם פּנים, ניט פון די צעקאַליעטשעטע הענט. דאָס איז גאָרניט... עס וועט זיך פאַרהיילן...

זיינע ערשטע טריט זענען געווען וואַקלדיקע. ער האָט זיי ניט געטרויט. מיט הענט געשטרעקטע פאָרויס איז ער אַראָפּ פון באַרג. ער איז ניט געגאַנגען צו דער שטיינהאַקעריי. דאָס וועגל האָט זיך געשלענגלט צום

דאָרף. ער מוז דאָרט זיין וואָס פריִער. ער האָט געוואָלט לויפן און איז געפאַלן. ערשט איצט האָט ער דערזען אַז זיינע קליידער זענען צעריסן.

וואָס איז מיט אים געשען? פון וואַנען דאָס אומרויִקע אויפצאַפּלען פון זיינע שלייפן? פון וואַנען די היץ וואָס שלאָגט פון זיינע הענט, פון לייב?

ווען ער איז צוגעקומען צום קליינעם שטיבל האָט ער דערזען אין פענצטער גיזעלאַן. ער האָט זיך עפּעס דערמאָנט. אַזאַ ווייטיקדיקע קלאָרקייט, ווען איז דאָס געשען? נעכטן? אַ שאַרף אויטאָליכט האָט באַלויכטן די פאָדערשטע וואַנט... דערנאָך האָט זיך אין זיין פענצטערל אָנגעצונדן אַ פלעמל... דערנאָך האָט חמדה געשריִען אין דער שטיינהאַקעריי... ער איז פאַרזונקען געוואָרן אין חשבות... ווידער אַן אויפרייס, דער אויפרייס אין סמאָלענסק... ווידער געליימטקייט פון גוף ביז ער האָט דערזען דאָס ליכט פון די שטיינער און דערהערט דעם ניגון זייערן, ערשט דעמאָלט האָבן זיך זיינע אָדערן אָנגעגאָסן מיט לעבן.

— אָ, פאַווי, ווי דו האָסט צעריסן דאָס פּנים! וואָס איז געשען, פאַווי?

ער האָט געשוויגן. זיינע פויסטן האָבן זיך געביילט. די אויגן זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן.

— דו ביסט אַליין געקומען... גוט פאַווי... אַליין געקומען... דו ווייסט... פאַר וואָס ווייסטו, פאַוועל! פאַווי!

ער האָט זי פּלוצעם אַ נעם געטאָן פאַר די אַקסל מיטביידע הענט. גיזעלאַ האָט דערפילט ווי זיינע פינגער נעמען זי אַרום ווי צוואַנגען. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל און אירע הענט האָבן אַרומגענומען זיינע פאַרשטויבטע פיס. גיזעלאַ האָט געוויינט.

— דיינע הענט!... פאַווי... דיינע הענט... דו ביסט געזונט!...

זי איז צוגעפאַלן מיט די ליפּן צו זיינע צעריסענע קליידער. ער האָט איר געוואָלט אָפּשטויסן פון זיך און פאַרביילט די פויסטן. זי איז אויפגעשפּרונגען און איינגעקלאַמערט זיינע פויסטן ביי אירע בריסט. גיזעלאַ האָט געוואַרט אַז פאַוועל זאָל אַנטפּלעקן זיין אויפגעוועקטן כּוח.

ביים מיטאָג האָט ער האַלב פאַרשעמט געזאָגט:

— דוכט זיך אַז דו האָסט געצונדן אַ פייערל שפּעט ביי נאַכט...

גיזעלאַ האָט לאַנג געשוויגן. ערשט שפּעטער האָט זי אויסגעשעפּטשעט:
— עס איז אַזוי טרויעריק געווען. אָ, דאָס ליכט? דאָס איז דאָך מאַהאַדי פאַרבייגעפאָרן...

פאַר נאַכט זענען זיי געשטאַנען ביים קליינעם פענצטערל און געקוקט צו דער שטיינהאַקעריי.

# טאַמאַרע

## א.

טרויעריק־שיין זענען די נעכט אין דעם פּאַרלאָזטן אַראַבישן דאָרף יאַזור. אַ ברייטער מילכוועג מיט אַ מילד שטערנליכט הויערט איבער די געסלעך, ווי דאָס שלאָפנדיקע דאָרף וואָלט אַ ריזיקן אָרעמבאַנד אָנגעטאָן, אַן אָרעמבאַנד אויסגעהאַמערט פון איידעלן זילבער און באַצירט מיט איידל־שטיינער. די ציפּרעסן זענען סודותדיק ווי נאַכט־שומרים, פול מיט שווייגע־ניש. נאָר דעמאָלט ווען ס׳פאַלט אַ שטערן און צייכנט מיט שטערן־פייער דעם לעצטן גאַנג זיינעם, צאַפּלט־ אויף ערגעץ אַ שפּיץ פון אַ ציפּרעס און רופט צו זיך דעם פאַלנדיקן שטערן אין דער סאַמעט־טונקעלער צוויגן־געדיכטעניש.

קיינער קען ניט אַזוי די נעכט ווי טאַמאַרע. ניט בלויז ס׳ליכט פון שטערן שפּיגלט זיך אין אירע גרויסע, טונקל־ברעמענדיקע אויגן, נאָר אויך די שאָטנס פון די פייגנביימער, דער שטילער נעפּל־שאָטן פון אײלבערטן און דער טרויער פון ריצנבוים פאַלט אויף אירע הענט, אויף דעם רונדיקן שטערן און אויף דעם דינעם הירשן־האַלדז.

אין אַ שפּעטן סוף־זומער איז טאַמאַרע געקומען אין דעם דאָרף. זי האָט געזוכט שטילקייט, רו און גאַבוש האָט געזוכט די שטאָט, אומרוי פון צערוישטע גאַסן. כאָטש די טעג זענען געווען צעזוניקטע, זענען טאַמאַרען נענטער געוואָרן די נעכט. זי האָט ניט פאַרטראָגן דאָס שניידיקע זונליכט. און ווי שטיל ס׳איז ניט געווען אין דעם זייטיקן זאַמדגעסל מיט די פאַרשטויבטע ריצנקוסטעס, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עס איז רעשיק פון זונבלענד.

ווער האָט נאָך אַזוי געקענט די שפּעט־זומערדיקע נעכט מיט די גרויסע רייפע שטערן, באַלאָדענע מיט אַ שפע ליכט, אָדער די ווינטערנעכט מיט

פאָספאָר־באַזיימטע וואָלקנס, און די פּרי־זומערדיקע נעכט מיט די זאַפּטיקע טוי־וואָלקנס וואָס שווימען איבער די הרי־יהודה, ווי טאַמאַרע?

זי וואָלט אַזוי געלעבט לאַנגע יאָרן זייטיק און שטיל, ווען גאַבוש וואָלט איר אויף ס׳ניי ניט אַריינגעפירט, ניט ווילנדיק, אין דעם נאָך ניט איינגעשטילטן שטורעם־געווירבל פון גרויליקע טעג.

טאַמאַרע איז געווען געגליכן צו יענע נאַכטשטערן וואָס פאַראייניזאַמטע צווישן וואָלקנס און טויגעפלען טראָגן זיי אין זיך דאָס איינמאָליק געשענקטע ליכט מיט עניוות, ניט ווי שטערן וואָס גיבן פּלוצעם אַ גלי און שמידן צו זיך צו דעם חידושדיקן בליק פון בעל־חי און דערנאָך פאַרגייט זייער ליכט, אַן אייביק פאַרגעסנס צווישן די שטויביקע קריכפּלאַנצן פון פאַרשרפהטע פעלדער.

און גאַבוש אליין, דער הויכער, שאַרפאויגיקער יונגער מענטש, וואָס איז געקומען פון אַ קליין שטעטל ביי לעמבערג קיין וואַרשע זיך לערנען, וואָלט סוף־כל־סוף דערגרייכט צו דעם וואָס ער האָט געשטרעבט — אַז זיין נאָמען מיטן דאָקטאָר־טיטל זאָל אויסגעקריצט ווערן אויף אַ מעשן שילדל פון אַן אייגענער ווינונג.

וואָלטן זיך די צוויי יונגע מענטשן אַ מאָל באַגעגנט? און אויב זיי וואָלטן זיך יאָ געטראָפן ערגעץ אין דער פאַר־מלחמהדיקער וואַרשע, אויף איינע פון די רושיקע גאַסן, ווי אַזוי וואָלט אויפגענומען גאַבוש טאַמאַרעס בליק? וואָלט ער אויף אַ ווײַלע שטיין געבליבן אַ צוגעשמידטער צו דעם אומבאַקאַנטן מיידלשן פּנים? ביידע האָבן זיך די פראַגן געשטעלט און געזוכט אויף זיי אַן ענטפער. אַזוי צי אַזוי האָט זיך זייער לעבן אַ קער געטאָן מיט אַזאַ פּלוצעמדיקייט זינט יענער באַגעגעניש אין דער האַלב־חורבער וואַרשע נאָכן אויפשטאַנד קעגן די דייטשן.

— — — אין דעם טאָג פון קריסטלעכן יום־טוב ווען מען צינדט ליכט נאָך די נשמות פון געשטאָרבענע, האָבן אַ שורה פרויען געקניט לעבן אַ בלינדער שטיינערנער וואַנט. דאָס איז געווען אַ רויטלעכע ציגלוואַנט מיט לעכער פון קוילן, מיט צעקרישלטע שטיינציגל און אַלערליי צייכנס אויף זיי ווי צלמים, אותיות און האַלב־פאַרשמירטע אויפשריפטן, וואָס עפּעס אַ האַנט האָט זיך באַמיט מען זאָל זיי ניט קענען איבערלייענען. לעבן דער

יואַנט, אָנגעשפּאַרט, זענען געלעגן פּאַרוויאַנעטע קרענצלעך פון אָרעמע פעלדבלימלעך און וועראָבעריטלעך. די שורה פרויען האָבן שטום געקניט. זיי זענען געווען אַלע אָנגעטאָן אין שוואַרצן. איינע נאָר איז געשטאַנען און פאַרגליווערט געקוקט אויף אַ צעשפּליטערטן וואַנטציגל, ווו ס'איז קענטיק געווען דער סימן פון אַ קויל. אָט דאָ, ביי דער וואַנט, זענען דערשאָסן געוואָרן עטלעכע אויפשטענדלער. פאַרבייגייער האָבן זיך געצלמט און געשעפּטשעט אַ תּפילה. די יונגע פרוי, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אומבאַוועגלעך, האָט דערפילט ווי טריט פאַרהאַלטן זיך לעבן איר. זי האָט פּאַמעלעך אַ בויג געטאָן דעם קאָפּ און דערזען פאַר זיך דאָס פּנים פון אַ פרעמדן מאַן, אַ הויכן מיט צונויפגעוואַקסענע טונקעלע ברעמען.

— זיי געטרייסט, אומבאַקאַנטע — האָט ער געזאָגט.

ער האָט געוואָלט אַוועקגיין, נאָר אַ האַנט פון אַ קניענדיקער פרוי האָט אָנגערירט זיין לאַנגע שוואַרצע סוטאַנע און עמעצער האָט מיט די ליפּן באַרירט זיין האַנט און געזאָגט שטיל: פּאַטער אונזערער...

די יונגע פרוי, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען, האָט זיך אויסגעקערעוועט צו דעם מאַן און דערזען דאָס גלחישע קלייד וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אונטער אַן אַלטן אָפּגעטראָגענעם מאַנטל. דערנאָך האָט זי אָנגעהאַנגען איר בליק אָן פרעמדן. אַז ער איז אַוועק אַ פּאָר שפּאַן האָט ער דערפילט הינטער זיך קליינע אומזיכערע פרויענטריט. ער האָט זיך געגעבן אַ קער און זיי האָבן זיך באַגעגנט.

— איך זוך טרייסט, פּאַטער... איך בין היימלאָז...

דאָס איז געווען טאַמאַרע.

מיט אַ חודש פריער האָט זי געזען ווי מען פירט אים, דעם געליבטן אירן, מיט געבונדענע הענט אויף הינטן, דאָס מויל פאַרמויערט מיט ווייסן גיפּס, דאָס העמד — צעריסן. אַכט יונגע מענער, אַלע אַזוי ווי איר געליבטער, ווערן געטריבן אין דעם קאַלטן פרימאָרגן איבער די שטאַרבנדיקע וואַרשעווער גאַסן. זי איז די גאַנצע נאַכט געלעגן ביי אַ טויער און געוואַרט, כּדי צו קענען זען אים צום לעצטן מאָל. ער האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן הויך. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט. ער האָט זי דערזען לעבן טויער. ער האָט ניט געקענט שרייען, ניט געזעגענען זיך. ער האָט נאָר געקענט אויפהייבן הויך דעם קאָפּ און שווייגן. שווייגן — מער גאָרנישט. די דערשאָסענע זענען

געלעגן אַ גאַנצע נאַכט. אין האַלבנאַכט האָבן הינט געבלאָנקעט אַרום דער מויער און געלעקט דאָס בלוט פון די געפאַלענע.

זי זעט אים שטענדיק מיט אַ פאַרזיגלט מויל, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, אַ שווייגנדיקן.

וואָס קאָן איר דערויף זאָגן דער פּאָטער סקאַרגאַ? ניין, ער קאָן גאָרניט זאָגן. בעסער ניט ריידן.

— קאָן מען דען, פּאָטער סקאַרגאַ, נאָך גרויליקער שווייגן?

— יאָ, מען קאָן!

זי האָט אָנגעשטעלט אויף דעם גלח אַ פּאָר גרויסע פרענדיקע אויגן.

— גאָטס שווייגן איז גרויליקער — האָט ער געזאָגט.

אין די צייטן פון וואַרשעווער געטאָ, אויף דער אַרישער זייט, ער האָט געאַרבעט אין אַ קליינעם גאַראַזש. די אַרבעטער האָבן דערקענט זיין ניט־געגניטשאַפט, זיין אויפפירן זיך איז ניט געווען פון קיין געבוירענעם אַרבעטער. מען איז אַפילו געוווינט געווען אין יענע טעג צו טרעפן דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן ביי אַלערליי פיזישע אַרבעטן, אָבער גאַבוש האָט אויסגעזען צו זיין ניט פון די לייט. איין מאָל זענען צוויי מענטשן געקומען נאָך אים און אַוועקגעפירט אין אַ קעלערשטוב. ער האָט זיך געפונען צווישן באַוואָפנטע מענטשן. אַן עלטערער מאַן מיט אַ ביינערנדיק פּנים האָט שאַרף אַ פרעג געטאָן:

— ווער ביסטו, פרעמדער?

גאַבוש האָט ניט פאַרלאָרן זיין רויקייט. פאַרפאַלן. ער איז גרייט צו שטאַרבן. ער ווייס, זיי וועט גאָרניט אָפּהאַלטן פון דערשיסן אים, אָט אָ די לייט, וואָס פירן מלחמה מערער מיט ייִדן ווי מיט דייטשן. פּלוצעם האָט גאַבוש דערזען אויף דעם האַלדז פון דעם עלטערן מאַן אַ קליין זילבערן צלמל. אַ פלעמעלע צאַנקט נאָך אין זיי, דאָס איז ס׳פּלעמל גלויבן, דער דער גלויבן אין צלם — האָט ער געטראַכט.

— ווער ביסטו?

גאַבוש האָט געמאַכט אַ טריט צום לאַנגן טיש און האַרט געזאָגט:

— פאַר אייך שטייט דער פּאָטער אַדאַם סקאַרגאַ! — ער האָט דערביי צעעפנט זיין טונקעלן רעקל און אַנטפּלעקט די נאַקעטע ברוסט.

די מענטשן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און שטיל געשעפּטשעט.

## ב.

אין לאַנד אַריין איז גאַבוש געקומען מיט טאַמאַרען. זיי זענען געווען אין די דייטשישע לאַגערן. ער איז דאָרט געוואָרן נאָך דער באַפרייונג אַן עסקן. ער האָט דער ערשטער זיך געקענט אויסטענהן מיט די פאָרשטייער פון די אַמעריקאַנער מיליטער־מאַכט, גע[illegible] ענגליש, גערעדט דייטש. באַזונדערע שפּורן זענען געבליבן אין אים פון יענע טעג אין וואַרשע בשעת דער באַגעגעניש אין קעלער מיט די באַוואָפנטע מענער. ער איז געוואָרן זינט דעמאָלט אויפגעבונדן אין לשון, אַ סך גערעדט, אומעטום פול געווען און מיט הנאה געהערט ווי מען טיטולירט אים מיט דעם נאָך ניט דערגאַנגענעם דאָקטאָר־טיטל. מיט יענער באַגעגעניש ביי דעם לאַנגן נאַכטיש אין קעלער איז עפּעס איבערגעבראָכן געוואָרן אין אים. ער האָט אָנגעהויבן צו גיין אויף אַ נייעם דרך. דאָס איז ניט געווען דער וועג פון אַ שטילן, זייטיקן יונגן מענטשן וואָס שטרעבט צו עפּעס, גייט צו אַ שטיל לעבן — ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין די צעשטורעמטע וואַסערן פון אַן אומבאַקאַנטן טייך. אָט איז ער אַ גלח, ער טרייסט גלייביקע קריסטן; אָט ריכט ער אָפּ אַ פעלדדינסט פאַר פּוילישע פּאַרטיזאַנער אין די קעלצער וועלדער; אָט איז ער אין באַפרייטן דייטשלאַנד — און אָנשטאָט צוריק־צוגיין צום אַמאָליקן שטאַנד — צו דעם שטילן בחור פון לעמבערגער געגנט, דעם סטודענט פון וואַרשע, ווערט ער דער שתדלן פון די באַפרייטע ייִדן אין דייטשלאַנד. ער פירט אָן מיט קאָמיטעטן, האַלט רעדעס, נעמט אויף באַזוכער. זיין נאָמען גייט אים פאָרויס אויך אין נייעם לאַנד. ער ווערט דאָ איינער פון די מאַכער אין אַ פּאַרטיי. דאָס איז זיין באַשעפטיקונג.

וויפל מאָל גאַבוש איז ניט צוגעשטאַנען צו טאַמאַרען וועגן טוישן די דירה און אַריבערקלייבן זיך אין שטאָט אַריין, האָט ער דאָס ניט געקאָנט פּועלן. זי וועט פון דאַנען ניט אַוועק. אָט אָ די צייטווייליקע דירה אין פאַרוואָרלאָזטן אַראַבישן דאָרף, וואָס איז זיי צוגעטיילט געוואָרן ביים אַראָפּגיין פון דער שיף, איז טאַמאַרען נאָענט געוואָרן.

— מיר איז דאָ גוט.

— ביסט דאָך אָבער שטענדיק אַליין?

זי איז געשטאַנען מיטן פּנים צום קליינעם פאַרקראַטעוועטן פענצטער. פון האַלב־רונדיקן אייבערשטן פענצטערל איז געפאַלן אויף אירע האָר אַ

בלאַלעך ליכט. דאָס איז געקומען פון די קליינע בלאָע שייבלעך וואָס איבערן פענצטער.

— איך בין ניט אַליין — האָט זי געזאָגט — זע !

ער האָט אויפגעהויבן זיין בליק צום פענצטער און געזען אַ טורקל־טויב זיצן אין אַ נעסט. זיי זענען ביידע געשטאַנען צוגעשמידטע, ניט געוואָלט איבערשרעקן די טורקלטויב. זי האָט נאָר אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג און לייכט אויסגעבויגן דעם קאָפּ. די האַלדז־פעדערן האָבן אַ מיניע געטאָן מיט די פאַרבן פון אַ רעגן־בויגן.

— זי וועט ניט אַוועקפליִען פון דאַנען. זי וועט שוין דאָ בלייבן ביז ס׳וועט זיך אויספיקן דאָס קליינוואַרג.

גאַבוש איז נאָר אויף אַ ווײַלע געפאַנגען געוואָרן פון דעם בילד. ער האָט גערעדט גיך און שאַרף אַקצענטירט די ווערטער. אַלץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן ביי אים אין רייד. דוכט זיך, אַז ער רעדט צום ענין, אינטערעסאַנט, אָבער די ווערטער פאַלן אויף טאַמאַרען שווער, מאַכן איר מיד און זי קאָן זיי ניט צונויפבינדן. עפּעס פעלט אין זיי. זיי קומען ניט פון דער טיפעניש נאָר זיי ליגן אויבן־אויף, אויף דער סאַמער פלאַך. געווּג נאָר לייכט אַ שאַר צו טאָן די אויבן־אויפיקע ווערטער אַז ס׳זאָל אַ גלי טאָן אַ קאַלט פייער, וואָס פאַרגייט ווי נאָר עס דערפילט די לופט.

האָט גאַבוש זי ניט ליב געהאַט ? ער האָט זיך ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון דערפון. איר שוויַיגן, איר קילער בליק, דער טיף אַדורכדרינגענדיקער, האָט אים אומרויִק געמאַכט. ער האָט אָבער דעם אומרו געוואָלט פאַרטומלען מיט גערייד, מיט אַן אומאויפהערלעך גערייד וועגן באַגעגענישן מיט מענטשן, וועגן דעם נייעם לאַנד, וועגן זיין אַרבעט. און אַז ס׳האָבן אים אויסגעפעלט רייד, האָט יעדע קליינע פּאַסירונג געגעבן אים אַ געלעגנהייט צו ריידן.

— אָ, די טורקלטויב ? כ׳זע זי. אָבער צו וואָס פטרן צייט און סתּם קוקן ? יאָ, דער רבי האָט אָפּט דערמאָנט דעם דאַזיקן פויגל. חידושסט זיך אַוודאי אויפן געפיל פון מוטערלעכקייט ביי פייגל, דאָס איז אַ באַקאַנטע זאַך...

ער האָט נאָך עפּעס געזאָגט, נאָר טאַמאַרע האָט ניט דערהערט. זי איז אַרויס פון צימער. ער איז איר נאָכגעגאַנגען. אים איז אויסגעקומען, אַז

ער דאַרף ריידן, ער מוז ריידן צו איר, און אויב ער וועט אויפהערן, וועט עפּעס צווישן אים און איר געשען. זי וועט דאָס שווייגן מיט עפּעס אויפ־ברעכן. וואָס דער „עפּעס״ וועט זיין ווייס ער ניט. ער טאָר אָבער ניט געבן קיין געלעגנהייט דערצו.

אַזוי האָט עס צווישן זיי לאַנג אָנגעהאַלטן. איין מאָל האָט ער זי מיטגענומען אויף אַן אסיפה פון די דאָרף־תּושבים. דאָרט האָט גאַבוש גערעדט.

## ג.

אין אַ גרויסן זאַל, אַ שלעכט־באַלויכטענעם פון עטלעכע נאַפטלאָמפּן, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די מענטשן. די גראָע ניט־געטינקעוועטע ווענט, דער טונקעלער צעמענטדיל און די לאַנגע הילצערנע טישן האָבן געשפּרייט אומעט. אויבן אַן זענען געזעסן צוויי עלטערע פרויען אין טונקעלע קליידער און גערעדט בולגאַריש. אויף אַ מאַמעס שויס איז געווען אָנגעשפּאַרט אַ קליין מיידעלע פון אַ יאָר זעקס. אַ מענטש מיט צעשויבערטע האָר און שאַרפע פּנים־שטריכן האָט אָנגעשטאָפּט טאַבאַק אין אַ גרויסער פייקע. ער האָט דאָס געטאָן מיט גרויס ערנסט. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען אויבן אַן, צום טיש, און ביי דער נאַפטלאָמפּ אָנגעצונדן די פייקע. אַ ליכטראָד האָט אַרומגענומען דעם מענטשנס קאָפּ. ערשט איצט האָט מען געזען, אַז דאָס איז ניט קיין אַלטער מאַן. די גראָע הענט מיט די טונקלאָדערנדיקע דלאָניעס און קאַרבן האָבן אויסגעזען גאָר גרויס. דאָס איז געווען איינער פון די שאָסיי־אַרבעטער, די שטיינשפּאַלטער אויף די וועגן פון אונדזער לאַנד.

אין אַ ווינקל ביים פענצטער זענען געזעסן עטלעכע פּוילישע ייִדן. זיי האָבן געפירט אַ לעבהאַפטיקן שמועס. איינער, אַ נידעריקער מיט גרויסע פאַרשאָטנטע אויגן־גלעזער, האָט הויך גערעדט:

— עמער זעיען! וועד ס׳איז שיין איך בין קליג... ס׳עט נישט טויגן צו בויען ביים וואַדי. כ׳פאַרשטיי זיך אויך.

— וואָס פאַרשטייסטו דען, שניידערוק איינער! — האָט געזאָגט עמעצער פון די מענטשן.

פון די אָפענע פענצטער האָבן אַריינגעקוקט די טונקעלע צווייגן פון

טויטן פּרדס, דעם נאַקעטן, מיט די פּאַרקראַמפּטע שטאַמען, פון וועלכע עס האָט שוין אָנגעהויבן אָפּצושיילן זיך די שטאַמקאָרע.

אָט די טראַציקע טונקעלע צווייגן האָבן געשפּרייט אַזוי פיל טרויער און פּיין אַזש ס׳האָט זיך געדוכט, אַז זיי וועלן זיך איינפּרעסן אין לייב.

— האַ? אַ שיינער בלאָער הימל אָן אַ שפּרענקל... — האָט דער יונגער מענטש צוגעגעבן.

— זע נאָר ווי די נאַכט פּאַלט עס דאָ צו אַזוי פּלוצעם. — די ווערטער זענען געקומען פון אַ פּרוי, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט צוגעהערט צום געשפּרעך. זי איז געווען פול מיט חידוש.

דער זאַל האָט זיך פאַרפולט מיט מענטשן. מען איז געקומען פון די וויקלגעסלעך, פון די זייטיקע אייזלווענלעך, פון די קליינע בלעכהייזלעך, וואָס מ׳האָט אויפגעשטעלט אויף די זאַמדפלאַכן פון יענער זייט דאָרף. די מענטשן האָבן אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט און איצט איז מען געקומען זען איינער דעם צווייטן, הערן אַ וואָרט וועגן די ווירטשאַפטן וואָס זענען חרוב, וועגן די הפקרדיקע ברינעמער און גוססדיקע פּרדסים, וועגן דער ערד וואָס געהערט צו אַלעמען און צו קיינעם ניט.

אויבן אָן זענען געזעסן די קרעמער. זיי זענען עס געווען די, וואָס האָבן אָנגעצונדן די גרויסע נאַפטלאָמפּן, צעשטעלט די בענק און פאַרנומען אַ חשובן אָרט ביים טיש. זיי האָבן אַלעמען געקענט, מיט אַלעמען זיך געגריסט און געוווּסט יעדערנס נאָמען.

די בולגאַרישע יידן האָבן גערעדט הויך, ערנסט. די פּוילישע יידן זענען געווען פאַרטאָן אין אַן אַמפּעריי, וואָס איז אָפּט איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ שפּאָטישן געלעכטער. אויף די פּנימער איז געלעגן אַ חוזק־שמייכל.

— זע נאָר ווי ערנסט זיי זענען, די בולגאַרער, אַזוי ווי די גויים אין אַ טומאה...

יעדער פון די פּוילישע יידן באַזונדער איז געווען ביי זיך אין הייפּל פול מיט אומעט, געוואַרט אויף אַ גוט וואָרט, געווען אומבאַהאָלפן אין די נעכט בשעת דעם אומהיימלעכן שאַקאַלן־געוואַי, געשראָקן זיך פאַר די שמאָלע ציפּערס־רייען וואָס זענען אויס אין די נעכט ווי דורכנדיקע כּוהנים פאַרהילטע אין גראָ־זילבערנע טליתים. מען האָט אויפגעצאַפּלט אין די

ווינטיקע נעכט פאַרן געוויש פון די פּאַלמעבלעטער, ניט געטרויט זיך אַריינצוגיין אין געדיכטעניש פון פאַרווילדעוועטע פעלדער.

— האַ, שכן, דאָס איז עס, ס'לאַנד פון מילך און האָניק.. וואָס זאָגט עך ?... — האָט מען זיך אָפּט איבערגעשמועסט.

דעם אומעט האָט מען געוואָלט דערטרינקען אין שפּאָטישן גערייד. מען האָט ניט געגלייבט קיינעם. ניט די שכנים, ניט די רעדנער, ניט די צייטונגען ווייל מען האָט זיך אַליין ניט געטרויט. גיי טרוי זיך אָן דעם הפקרדיקן דאָרף, די פאַרטריקנטע ערד, די אומבאַקאַנטע וועגלעך פול מיט שרצים, די פאַרשטויבטע, טונקל־געפלעקטע יאַשטשערקעס מיט די אָפענע מיילער.

דאָס איז געווען ס'ערשטע מאָל ווי טאַמאַרע איז געקומען צוזאַמען מיט גאַבושן אויף אַן אסיפה. זי האָט דאָס מאָל אויך ניט געוואָלט גיין. בעסער בלייבן אין דער היים. זי וועט וואַרטן אין ליגשטול וואָס שטייט אין קליינעם הייפל. גאַבוש איז צוגעשטאַנען. ביז איצט איז אים ניט אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן עפנטלעך אין דאָרף. ער איז אַרומגעפאָרן איבער נייע יישובים פון געקומענע, אָבער דאָס מאָל, אַז ער וועט ריידן ביי זיך אין דאָרף, פאַר וואָס זאָל טאַמאַרע ניט זיין ? ער האָט אויך זייער געוואָלט, אַז זי זאָל אים הערן, אַז זי זאָל זיצן אין זאַל. זי איז די לעצטע צייט געוואָרן טרויעריקער. די שיינע ווימפּערן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, די אויגן האָבן באַקומען דעם תהומיקן גלאַנץ פון אַ ברונעם־טיפעניש, ווו ס'פּאַלט קוים־קוים אַריין דער אָפּשפּיגל פון אַ פאַרבלאָנקעטן שטראַל. אַז זי פלעגט קוקן אויף אים, האָט ער געפילט אַז זי זעט ניט זיין פּנים. גאַבוש האָט געוואָלט צושמידן איר בליק צו זיך דורך רייד, דורך הויך־קלינגעדיקע ווערטער.

און וואָס מער גאַבוש האָט גערעדט אַלץ ווייטער און ווייטער איז ער געוואָרן פון איר. זיינע ווערטער זענען דורך איר ניט אויפגענומען געוואָרן. זיי זענען געפאַלן ווי פונקען פון אַ פייער אין חלל אַריין. זי איז געבליבן פאַרשלאָסן. אין יעדער באַוועג אירער איז געלעגן דער חותם פון גלייכגילט און מידקייט.

ער האָט לאַנג גערעדט. דער עולם איז געזעסן שטיל. עמעץ האָט פון צייט צו צייט אַ הוסט געטאָן. אַן אַנדערער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע,

דערנאָך איז ווידער שטיל געוואָרן. גאַבוש האָט גערעדט הויך, פּליסיק. ער האָט אַריינגעבראָקט אין זיין העברעיִשן לשון אַ סך ייִדישע און פּוילישע ווערטער, דערמיט היימישער געמאַכט צו זיך די צוהערער. ער האָט גערעדט שיין. אָבער וואָסער שייכות האָט דאָס צו די מענטשן? וואָס זאָגט ער זיי? די אַלע רייד זענען שיין און לייכט ווי די פּלעיוּוז פון זאַמדהאָבער. קוקסט אָן דעם געוויקס — אַלץ ווי ס׳דאַרף צו זיין: דער זאַפטיקער שמאָלער בלאַט, דער זאַנגענקאָפּ, נאָר אַ געניט אויג דערקענט גלייך, אַז ס׳איז ניט מער ווי פּלעווע — דער שיינער זאַנגענקאָפּ. ליידיקע זאַנגען! וואָס וויל ער דען גאַבוש פון די מענטשן? וואָס זאָלן זיי טאָן אַז זיי וועלן אַוועק פון דער אסיפה? וואָס וועט זיין מיט די פעלדער, מיט די פּרדסים, מיט די ברינעמער וואָס זענען הפקר?

גאַבוש רעדט וועגן גליל, וועגן כּנרת, וועגן די ייִדישעליידן אין דער וועלט. וועגן וואָס רעדט ער דען ניט? עס קומט אָבער אַרויס אַזוי ווייט און פרעמד כאָטש אַזוי נאָענט זענען די אַלע זאַכן...

ווער נאָך ווי טאָמאַרע ווייס אַז דאָס זענען נאָר רייד, רייד אָן אַנהאַלט, אָן דעקונג. שיינריידעריי. ווערטער פאַר יענעם אָבער ניט פאַר זיך. קאָן מען דען בויען אַ היים מיט רייד? דאָס איז דאָך זיין באַרוף! זיין לעבן! און זי, טאָמאַרע, זי איז פאַרוועבט געוואָרן אין אַ נעץ פון ווערטער, צו דעם איז זי אַהער געקומען? זי קען אים גאַבושן דורך און דורך. אָ, ער שטעלט זיך גאָר ניט פאַר ווי גוט זי קען אים. זי וואָלט שוין לאַנג אַוועק פון אים. אַ געפיל פון מיטלייד צו אים האָט זי אָפּגעהאַלטן. ער איז געפאַנגען געוואָרן פון יענע אַרויסגעזאָגטע ווערטער אין דער וואַרשעווער קעלערשטוב צווישן די ייִדן־מערדער — „פאַר אייך שטייט דער הייליקער פאָטער סקאַרגאַ“... — זי האָט שטיל געשעפּטשעט די ווערטער, וואָס גאַבוש האָט איר ניט איין מאָל איבערדערציילט. ער איז זינט דעמאָלט געוואָרן אַן אַנדערער. מיט ווערטער האָט ער זיך געראַטעוועט, דורך ווערטער וויל ער ווייטער לעבן. ווערטער, ווערטער, ווערטער! ער האָט ניט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די „אַרישע זייט“ אויך דאָ!

זי האָט זיך ניט צוגעהערט צו גאַבושעס רעדע אויף דער אסיפה. פון אַלע זיינע רייד איז געוואָרן איין לאַנגער מאָנאָטאָנער גערויש, געשפּאַרט זיך צו אירע שלייפן ווי אַ שאַרפציינגיקע זעג וואָס בייסט זיך איין אין אַ

שטאָם. די נאַפטלאָמפּ וואָס איז געהאַנגען אויבן האָט האַסטיק אויפגעצאַפּלט. אַ שאָטן האָט אַ שפּרונג געטאָן אויף דער פאָדערשטער וואַנט, דערנאָך אַ צווייטער טאָפּל־שאָטן. פּלוצעם האָט טאַמאַרע אויפגעריסן די אויגן־אַפּלען און אָנגעהויבן צו ציטערן. זי האָט געוואָלט עמעצן רופן, האָבן זיך די ציין איינגעביסן אין די ליפּן און אין שאַרבן האָט געפרוירן. האַרט ביי דער גראָער ציגלוואַנט, לעבן גאַבושן, אין פאַרשאָטנטן ווינקל, האָט זיך אָנטפּלעקט מיט אַ פּלוצעמדיקער שאַרפקייט דער סילועט פון מענטש. דאָס איז געווען אַ שמאָלער, פּיאָלעטענער שאָטן פון אַ שלאַנקן מאַן מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און צעשויבערטע האָר.

ווער איז עס? עפּעס אַזוי קענטיק איז די געשטאַלט? ניין, ס׳איז ניט גאַבושעס אָפּשאָטן. גאַבושעס שאָטן איז אומרויִק, פול מיט באַוועגונג, מיט הענט וואָס הייבן זיך אויף און לאָזן זיך אַראָפּ.

טאַמאַרע האָט געקוקט מיט אַ גליווערנדיקן בליק צו דעם ווינקל. זי האָט זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט און דערזען, אַז דער סילועט איז צוגעקומען נענטער צום טיש און ער טיילט זיך אָפּ פון דער וואַנט. איצט האָט זי אים דערקענט.

— דאָס איז דאָך ע ר! ע ר! אָ, גאָט מיינער! — זי זעט א י ם דייטלעך, אָט זענען די הענט, פאַרקניפּטע פון הינטן! דאָס מויל פאַרזיגלט. ער! ער!

גאַבוש האָט ניט באַמערקט טאַמאַרעס אומרו, ניט געזען ווי זי שטייט אין מיטן זאַל אַ וואַקלדיקע, מיט ברענענדיקע אויגן. ער האָט אַלץ גערעדט, ניט איינגעשטאַנען אויף קיין אָרט. אָט וועלן זיי זיך באַגעגענען די צוויי מענטשן. גאַבוש און ע ר. איינער — אַ באַריידעוודיקער, אַ צעשמייכלטער מיט אַ גאַרניט־זאָגנדיק פּנים, פול מיט שיינרעדעריי, דער צווייטער — אַ שווייגנדיקער, אַן אומבאַוועגלעכער, מיט אַן אופגעהויבענעם קאָפּ ווי אַ סטאַטוע אויסגעהאַקט פון גראַניט.

דער פראָסט פון קאָפּשאַרבן האָט זיך געשפּרייט איבערן גאַנצן גוף. זי האָט געציטערט, ניט געקאָנט זיך צוריק אָפּוועקזעצן און זיך אַ וואַקל געטאָן. דער עלטערער מענטש, דער בולגאַרער ייִד האָט איר געהאָלפן זעצן זיך.

— וואַסער, — האָט עמעץ געזאָגט. גאַבוש איז צוגעקומען אין געבעטן

עפענען די פענצטער. אַוודאי פון נאָפּטשאַד. די לאָמפּן ברענען שלעכט.

דער עולם האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון דער אסיפה שווייגנדיק. טאָמאַרע איז געבליבן אויף דער באַנק און געפינטלט מיט די גרויסע דערשראָקענע אויגן.

— ווו בין איך? — האָט זי געשעפּטשעט — ווו איז ער?... וואָס איז געשען מיט מיר?

גאַבוש האָט זי געפירט איבערן סאַברעוועגל ביז צום ווייס־געקאַלכטן הייזל. זי איז געזעסן שפּעט אין דער נאַכט אין הייפל און געקוקט צום אויסגעשטערנטן הימל. טאָמאַרע האָט גאָרניט געדענקט פון דעם אָוונט, פון דער זעונג וואָס האָט זיך אַזוי אומגעריכט אַנטפּלעקט צום ערשטן מאָל זינט יענע טעג אין וואַרשע. זי האָט אָבער געשפּירט, אַז פון דעם אָוונט אָן איז געשען מיט איר עפּעס. זי דערקענט דאָס לויטן שלאָגן פון די אָדערן, לויט דער שווערקייט וואָס הויערט איבער אירע ברעמען און לויט דעם נאָגנדיק־אומבאַקאַנטן אומרו.

וויפל מאָל גאַבוש איז ניט צוגעקומען צו איר דעם אָוונט איז זי אויפגעציטערט געוואָרן. ער האָט זי געוואָלט טרייסטן, אויפהייטערן, גערעדט וועגן אַ באַגעגעניש, וואָס דערוואַרט אים מאָרגן מיט אַ מענטשן פון די אַנגעזעענע קרייזן, אַז זי זאָל נאָר וועלן וועט מען זיך אַריבער־קלייבן אין שטאָט אַריין. ער האָט איצט פאַרבינדונגען און מען קען אים. דערנאָך האָט ער ווידער גענומען דערציילן אַ געשיכטע וואָס איז טאָמאַרען לאַנג שוין געווען באַקאַנט.

— לאָז מיך צו רו, — האָט זי געזאָגט. אין אירע רייד איז ניט געווען קיין געבעט. דאָס איז גיכער געווען באַפעל, פאַרלאַנג. ער האָט דאָס דערפילט. צום ערשטן מאָל זינט זייער באַקאַנטשאַפט ווענדט זי צו אים אין אַזאַ טאָן.

— ווי אַזוי רעדסטו צו מיר, טאָמאַרע?

טאָמאַרע איז אויפגעשפּרונגען. זי האָט געוואָלט שרייען. טאָן עפּעס אַזוינס וואָס זאָל אויפרודערן די נאַכטיקע ביימער־שאָטנס. אָבער מער ווי דעם קורץ־אָפּגעהאַקטן „גיי!“ האָט זי ניט געקאָנט אַרויסברענגען.

גאַבוש איז אַריין אין שטוב, פאַרלאָשן דאָס ליכט און אַ וואָרף געטאָן זיך אויפן בעטל.

## ד.

איבערן איילבערטוועלדל בידערט אַ נעפּל. דאָס איז אַ וואַנדערנדיקער נעפּל וואָס קומט האַלבענאַכט, אַ מאָל פון דער זייט פון ים און אַ מאָל פון די הרי־יהודה. מאָרגן וועלן די איילבערטבלעטער לייכטן מיט אַ גרין־זילבערדיק ליכט. די שטערן פון מילכוועג זענען היינט גרינלעך. דאָס איז אַוודאי פון פּאָספאָרליכט וואָס באַזיימט דעם הימלראַנד איבערן ים. אַ ליכטיקע נאַכט און דאָך זענען די שאַקאַלן אומרויִק. טייל מאָל ציטערט אויף אַ ריצנקוסט און ווערט ווידער אומבאַוועגלעך, דערנאָך גיט זיך דער סיקאַמאָר אַ טרייסל. אַ שווערער שאָטן רייסט זיך אָפּ און טראָגט זיך אַוועק אין דער טונקלעניש אַריין. וואָס קאָן דאָס זיין? אַ נאַכטפויגל? אַן אַלטער פאַרטריקנטער צווייג וואָס איז אָפּגעפאַלן פון שטאָם? אָדער דער שאָטן פון אַ בעל־חי וואָס קאָן זיין רו ניט געפינען?

דער נאַכטהימל האָט זיך פאַרכמאַרעט. נידעריקע וואָלקנס זענען אָנגעשוואָמען. אַ ווינט האָט צו ערשט געבויגן די ציפּרעסשפּיצן און דערנאָך געקעמט די צעשויבערטע קלעטערקוסטעס לענגאויס דעם זאַמדוועגל. דער טוינעפּל איז צערונען. פון דער לאַנגער ציפּרעס־שורה האָט זיך מיט אַ מאָל אָפּגעטיילט אַ שמאָלער שאָטן און גענומען זיך באַוועגן צום קליינעם הייפל. דער שאָטן איז אָנגעקומען פון פּרדס־ראַנד, ער האָט דורכגעשניטן דאָס הפקר־פעלד וואָס איז פול געווען מיט פאַרקוואַרטע שטעכקוסטעס, אַריבער דעם סאַברע־גדר און געגאַנגען איבער דעם שמאָלן וועגל. דער שאָטן איז צוגעקומען נאָענט צו טאַמאַרעס הויף. זי האָט די גאַנצע צייט נאָכגעלויערט זיין באַוועגן זיך. איצט האָט זי באַמערקט, אַז דאָס איז אַ מענטש. אַוודאי אַ נאַכטוואַגלער. זי האָט ניט געפילט קיין פּחד. די זוונג האָט זי צוגעשמידט צום אָרט. אירע אויגן זענען אָנגעלאָפן מיט אַ פייכטקייט, די ווייסלען האָבן אַרויסגעליכטיקט מיט אַ שאַרף, ניט־ערדיש ליכט.

— ווער ביסטו?

די ווערטער האָט זי אַרויסגעזאָגט שטיל, געפילט דעם ציטער פון די אייגענע ליפּן. איר שטים האָט זיך געביטן. אפשר קלינגט אָפּ איר קול אַזוי פרעמד אין האַלבנאַכט, ווען וואָלקנס ליגן נידעריק?

דער מענטש האָט ניט געענטפערט. ער איז געבליבן אויפן אָרט, ווי

ער וואָלט געוועזן צוגעוואָרצלט צום באָדן. אפשר איז דאָס אַ בוים? ניין! ניין! דאָס איז אַ מענטש! זי דערקענט דאָך, זי האָט אים געזען שפּאַנען. אָט זעט זי זיין רוקן, די פיס, דעם אויפגעהויבענעם קאָפּ און די פאַרלייגטע הענט אויף הינטן...

טאַמאַרעס זיכּרון איז מיט אַמאָל פיבערדיק און שאַרף געוואָרן. איין בילד האָט געיאָגט אַ צווייטס. זיי זענען אָנגעקומען און פאַרגאַנגען מיט אַ קאָפּשווינדלדיקער שנעלקייט, אַזוי ווי פּאַטאַס וואָס גיבן זיך אַ שיט־אַרויס פון אַן איבערגעקערטן שופלאָד. זי האָט זיי ניט געקאָנט פאַרהאַלטן, און ווי גיך די בילדער זענען ניט פאַרבייגעלאָפן, האָט זי געדענקט יעדער קלייניקייט. אַזאַ שאַרפקייט פון געדאַנק האָט זי קיין מאָל ניט פאַרמאָגט.

דער פרעמדער איז צוגעקומען נאָענט, ביזן שטיין־גדר. טאַמאַרע האָט ניט באַמערקט ווי גיך ער איז אַדורך דעם שטח. זי האָט אַפילו ניט געהערט זיינע טריט אין זאַמד. אפשר אויפוועקן גאַבושן? רופן אים? ניין. זי וויל אים ניט זען. זי וועט סיי ווי אַוועק פון אים.

— שלום צו דיר, פרעמדער נאַכטגייער.

דער מענטש האָט געשוויגן. דאָס איז דאָך ער! ער! זאָל טאַמאַרע אים אָנרופןביים נאָמען? זאָל זי שרייען? זאָל זי רופן מענטשן? זי וועט קיינעם ניט רופן. דאָס איז דאָך אַ קראַנקהאַפטיקע זעונג, אַן איינרעדעניש, עפּעס אַ היצמיראַזש. ער איז דאָך טויט. זי האָט דאָך דאָרט, ביי דער מויער, געקושט זיין דורכגעלעכערטן שאַרבן. דאָס איז אַ היץ־קראַנקייט. זי מוז האָבן פיבער. ניט נאָכגעבן די שוואַכקייטן פון קראַנקן שאַרבן. דאָס איז זיכער אַ שאָטן פון אַ בוים...

זי האָט זיך האַסטיק איבערגעבויגן איבערן פלויט און גלייך געקוקט צום אומבאַוועגלעכן שאָטן.

אָ, גאָט, דאָס איז דאָך אַ מענטש, אַ לעבעדיקער מענטש... ער איז עס... זיין אויפגעהויבענער קאָפּ... די פּאַסן שוואַרצע האָר, די צעשויבערטע וואָס פאַלן אויפן שטערן... דאָס מויל פאַרזיגלט... די הענט פאַרבונדן מיט שטריק... ווי אַזוי קומט ער דאָ אַהער? ווי אַזוי איז ער דורכגעגאַנגען דעם ים? קאָנען דען טויטע לעבעדיק ווערן?...

— פאַר וואָס ענטפערסטו ניט? איך באַגריס דיך, וויל ריידן צו דיר און דו שווייגסט!

זי האָט נאָר געזען ווי דער מענטש טוט אַ טרייסל מיטן קאָפּ און די אויגן גליִען ווי נאָענטע שטערן.

— קענסט ניט ריידן ווייל דיין מויל איז פאַרזיגלט שוין אַזוי פיל יאָרן און דיינע הענט זענען געבונדן.

טאַמאַרע האָט זיך געוווּנדערט אויף אירע רייד. פאַר וואָס קומען זיי אַרויס אַזוי אויסטערליש פרעמד?

דער מענטש האָט ווידער אַ באַוועג געגעבן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט דערמיט באַשטעטיקט דאָס וואָס טאַמאַרע האָט געזאָגט. וואַרשע איז אַזוי נאָענט געוואָרן. די צייט האָט זיך אַזוי צונויפגעפרעסט, אַז זי האָט זיך דערזען אין מיט פון יענע טעג.

— איצט קאָן איך אים העלפן. כ׳קאָן טאָן דאָס וואָס כ׳האָב דעמאָלט ניט געקאָנט. כ׳בין ניט מער אומּמאַכטיק. איצט וועל איך זיך קאָנען באַפרייען פון דער גרויסער זינד צו זיין אַ פּחדנותדיקע צוקוקערין פון זיין טויט.

— שטאַרק זיך, טאַמאַרע, — האָט זי געשעפּטשעט צו זיך, דאָס, זענען קאַשמאַרן, האַלוצינאַציעס. ס׳איז דאָך אַן אוממעגלעכע זאַך. ניין! ניין! דאָס איז דאָך ע ר! איך זע דאָך מיט אייגענע אויגן! זי האָט אים געוואָלט רופן ביים נאָמען, אָבער ניט געקאָנט אַרויסברענגען די זילבן. עס איז ניטאָ קיין נעכטן און ניט קיין היינט. עס איז דאָ נאָר אַ לוח וואָס האָט צוויי צייטאָפּשניטן: די צייט פון אומרו און די צייט פון שטילקייט, פון צער און פרייד. מיין היינט איז פּיין, אומרו. עס האָט זיך אָנגעהויבן אין יענע טעג און דויערט נאָך ביז איצט. הייסט עס אַז ד אָ ס איז געשען מיט א י ם ה י י נ ט. ער איז ה י י נ ט אומגעקומען. אפשר האָט ער זיך אויפגעהויבן פון ציגלשטויב אַ לעבעדקער?...

דער מענטש איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַן אומבאַוועגלעכער. פון זיין פּנים־אויסדרוק איז געווען צו פילן, אַז ער באַנעמט איטלעך וואָרט וואָס ווערט צו אים אַרויסגערעדט.

— דו ענטפערסט ניט, ווייל דו קאָנסט ניט. אוי, פאַר וואָס לאָז איך דיך אַזוי שטיין אין דרויסן, אַ פאַרזיגלטן, מיט געבונדענע הענט. וואַרט אַ ווײַלע, איך קום שוין אַרויס פון הייפל און וועל דיך אַריינפירן...

זי איז אַריין אויף די פינגערשפּיצן אין שטוב, צוגעגאַנגען צום קיכטישל

און עפּעס געזוכט. דאָס געשיר האָט אַ קלימפּער געטאָן. טאַמאַרע האָט פּאַמעלעך גענומען דעם קיכמעסער און זיך אַרויסגעשאַרט פון צימערל.

גאַבוש האָט דערהערט ווי מען פּאַרעט זיך ביים געשיר אַזוי שפּעט ביינאַכט, איז ער אויפגעשפּרונגען. ווען ער איז אַרויס אין הייפל, האָט ער דערזען טאַמאַרען גיין צום הויפּטירל און אין איר רעכטער האַנט בלאַנקט דאָס שטאָל פון אַ מעסער. ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַרביידע הענט. זיי האָבן זיך געראַנגלט ביז דאָס מעסער איז געפאַלן אויפן גראָז. דאָס איז געווען אַ שטיל פאַרעקשנט געראַנגל, אָן געשריי, אָן ווערטער. ערשט ווען גאַבוש האָט געפרעגט: — טאַמאַרע, וואָס געשעט מיט דיר? — האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ געשלוכץ.

— פאַר וואָס לאָזסטו מיך נישט... כ'וויל אויפשניידן די שטריק פון זיינע געבונדענע הענט?... איך וויל אים באַפרייען... ער וואַרט ביים טירל.. לאָז מיך...

זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון הויף און געבליבן שטיין אין מיט פון זאַמדווועגל.

— ווו איז דער מענטש? — האָט גאַבוש געפרעגט.

— ער איז ניטאָ.

— האָסטו דען עמצען געזען?

טאַמאַרע האָט ניט געענטפערט. די ווייסלען פון אירע אויגן האָבן זיך מיט אַ מאָל פאַרלאָשן. אַ מידקייט איז איר באַפאַלן. אין די געלענקען האָט זי דערפילט אַ ציטער. ניין, זי האָט ניט קיין פיבער. עס איז דאָך איר אַלץ איינס, סיי ווי סיי גייט איר גאָרנישט אָן. זי וויל איצט ליגן און קוקן אויף דעם געקאַלכטן סופיט. זי געהערט זיך מיט קיינעם ניט אָן. אַ גרויסע גלייכגילט איז איר באַפאַלן. עמעצער האָט זי אַרויסגעשטופּט פון אַ פאַרשלאָסענעם קרייז. זי איז איצט אויסער אָרט און צייט. זי געהערט צו קיינעם ניט. ניט צו ערד און ניט צום הימל. זי איז אַ שטערן וואָס פאַלט.

— שטאַרק זיך, טאַמאַרע, זיי רויק. — האָט גאַבוש געזאָגט, ווי ער וואָלט איבערגעחזרט אירע אייגענע ווערטער.

— ווער ביסטו, פרעמדער? — האָט זי פול מיט פאַרווונדערונג געפרעגט.

## ה.

צו מאָרגנס איז טאַמאַרע אַרומגעגאַנגען איבער די צוויי קליינע צימערלעך אַ שווייגנדיקע, אַן אויסגעלאָשענע. זי האָט געוואָלט עפּעס טאָן, געפּאָרעט זיך אין קיכל, געזוכט אין הויף, אַריבערגעטראָגן קליינע חפצים פון איין אָרט אויפן צווייטן, אָפּט געבליבן אויף אַן אָרט, אַ פאַרטראַכטע. דאָס אָפענע פּנים אירס איז ווי פאַרטונקלט געוואָרן. טאַמאַרע האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז זי געפינט זיך אין אַ לאַנגן קאָרידאָר, אַ טונקלען און קאָן ניט געפינען קיין טיר, וואָס זאָל זי צוריק אַרויספירן צו דעם ליכטיקן דרויסן...

די ערשטע טעג האָט גאַבוש נאָכגעקוקט איר, בשעת זי האָט זיך געפּאָרעט אין קיכל. ער האָט זיך געשראָקן פאַר איר שווייגן. דערנאָך האָט ער זיך צוגעוווינט צו דעם אומעט וואָס האָט פאַרהילט די שטוב. ער אַליין איז אויך געזעסן אַן אָנגעדראָלענער און אַ בייזער ביי די פרישטיקן, וואָס טאַמאַרע האָט געקאָנט קוים צונויפשטעלן. גאַבוש האָט אָנגעהויבן אויסצומיידן די היים. ער איז געקומען שפּעט, געוואָרפן אַ בליק אויף טאַמאַרען, געזאָגט עפּעס אַבי יוצא צו זיין און אַוועקגעלייגט זיך אויפן בעטל. אַזוי זענען אַדורך עטלעכע וואָכן. געווען טעג ווען טאַמאַרע איז געוואָרן אויפגעהייטערט — דעמאָלט האָט זי מיט מיטלייד גערעדט צו גאַבושן, געווען צו אים העפלעך, אָבער אין דער העפלעכקייט האָט זיך געפילט פרעמדקייט.

איין מאָל האָט זי אים געזאָגט:

— דאַרפסט ניט ליידן צוליב מיר. איך מאַך דיר שווער דאָס לעבן. לאָז מיך אַליין. מיר זענען זיך פרעמד געוואָרן.

ווי געווייינטלעך, האָט גאַבוש זי פאַרשאָטן מיט רייד.

— נאַרעלע, דו ביסט אָפּגעשוואַכט, וועסט געזונט ווערן און אַליין לאַכן פון דיינע איינפאַלן. גיי שוין, גיי... דו חוזקסט פון מיר... ווייסט דאָך, איך קאָן אָן דיר... — ער האָט ניט פאַרענדיקט דעם זאַץ. די ווערטער האָבן זיך געקייקלט גיך, ווי אַ קאַלטער האָגל זענען זיי געפאַלן אויף טאַמאַרען. זי האָט געוווסט, אַז ער אַליין הערט ניט וואָס ער זאָגט. און אַז ער איז שטיל געוואָרן, איז אים באַפאַלן אַ מחשבה: אפשר אַוועקגיין, איבערלאָזן זי. ער קאָן זיין לעבן ניט אָפּגעבן, ער דאַרף זיך ניט מקריב

זיין... גאַבוש האָט געוווּסט, אַז ער איז ניט פּעיִק דערויף, ניט ער קאָן טראָגן דעם עול לגבי טאַמאַרען, ניט ער קאָן שיידן זיך מיט איר.

אַ צווייט מאָל איז טאַמאַרע בייז געוואָרן און געשריִען:

— דו ביסט אַ מענטש אָן אַן אייגן פּנים. טראָגסט אויף זיך אַ פּרעמדע מאַסקע, און דו ווייסט אַפילו ניט. הינטער יעדער מאַסקע איז דאָך דאָ אַ פּנים, אָבער דו האָסט אים ניט — דעם פּנים. דיין לעבן איז ריידן, ווערטער. איך קאָן זיי מער ניט הערן! זיי האָבן זיך מיר צוגעגעסן! איך קען שוין דיין שמייכלען. די מענטשן האָבן זיך נאָך ניט דערקענט אויף דיר! וואָס וועט אָבער זיין מאָרגן, ווען מען וועט זיך דערקענען אויף דיר, דו פּוסטער ווערטערמיל? אָ, גאָט. כ׳קאָן מער ניט. לאָז מיך אַליין! לאָז מיך!

ער האָט זיך געחידושט אויף דער לאָגישקייט פון אירע ווערטער. זיי האָבן אים ווי געטאָן, אָנגערירט זיין אייגן־ליבע. ער איז אָבער געווען פאַרפּאַנצערט מיט פּוסטן שטאָלץ. דאָס וואָס טאַמאַרע האָט געשליידערט מיט אַזאַ בייזקייט איז אָפּגעשפּרונגען פון אים, עס איז נאָר געבליבן דאָס געטומל, וואָס קומט ווי פון שווערע רעגן־טראָפּנס אויף הוילע בלעכן.

אין די נעכט האָט זי ניט געצונדן קיין פייער. דאָס הייפל איז געווען פאַרהילט אין פינצטערניש. די קאַקטוס־שאָטנס זעען אויס אויף דער פּראָנטיקער געקאַלכטער וואַנט ווי קופּעס אָנגעהויפטע קעפּ. אין לבנה־נעכט האָבן זיך געזילבערט די דאָרנקוסטעס. טאַמאַרען איז די לעצטע וואָכן ניט אומעטיק געווען אין דעם הויף. צו וואָס צינדן די נאַפט־לאָמפּ, אַז ס׳איז גענוג פאַר איר דאָס ליכט פון די שטערן.

האָט דען עמעצער פון די תּושבים פון דעם פאַרלאָזטן אַראַבישן דאָרף אַזוי אָפּגעפילט דאָס ליכט פון די שטערן, ווי טאַמאַרע? האָט דען עמעץ אַזוי ווי זי געוואַנדערט מיטן בליק איבער דעם מילכוועג? איז דען עמעצנס האַרץ אַמאָל אַזוי אויפגעצאַפּלט געוואָרן בשעת דעם פאַלן פון אַ שטערן ווי טאַמאַרעס האַרץ?

דער הימל און די ערד פון דעם הפקר־דאָרף האָבן טאַמאַרען געענטפערט אויף איר ליבע מיט ליבשאַפט. זיי האָבן זיך געלאָזט פאַר איר אַנטפּלעקן מיט דער טיף־פאַרבאָרגענער פּראַכט, מיט דער גוטסקייט וואָס נאָר מענטשן מיט אָפענע הערצער און מיט מילדקייט אין די אויגן קאָנען

פילן און זען. און טאַמאַרע איז געווען איינע פון די מענטשן צווישן די ניי־געקומענע וואָס האָבן דערצו זוכה געווען.

איין מאָל איז געקומען דער שכן. דאָס איז געווען דער ייִד פון בולגאַריע. ער איז געשטאַנען ביים פּלויט.

— שלום, שכנטע.

טאַמאַרע האָט געענטפערט מיט אַ קאָפּשאָקל. זי האָט עפּעס אויס־געשטאַמלט און געפּילט ווי דער אומרו, דער האַלב פאַרשווונדענער, קומט צוריק. דאָס איז שטענדיק געשען ווען זי האָט באַגעגנט מענטשן. די אויגן זענען איר מאַט געוואָרן. די קליינע, קוים מערקנדיקע פּנים־קנייטשן האָבן זיך געשאָטנט. גאָר אַן אַנדערע איז זי געווען, ווען זי איז געשטאַנען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, איינע אַליין, צו דעם הימל. אַ ליכטיקייט האָט געשלאָגן פון איר, אַ גוטע מילדע רויִקייט. פאַר וואָס איז זי אַזאַ ניט מיט מענטשן? טאַמאַרע האָט זיך געריסן פון דער נעץ, וואָס האָט זיך געשפּינט אַרום איר, פון דעם געדיכטן און גרויליקן נעפּל וואָס האָט איר פאַרהילט.

— שלום צו אייך, שכן...

— שוין עטלעכע נעכט ווי ביי אייך איז פינצטער. געמיינט, איר זענט אויך אַוועקגעפאָרן... מיין אַלטע האָט מיך געשיקט פרעגן... נייטיק איר זיך אין עפּעס...

טאַמאַרע האָט שטיל אין זיך איבערגעחזרט דעם „אויך אַוועקגעפאָרן" — דאָס מיינט מען איר מאַן, גאַבושן. זיי מיינען אַז ער איז אַוועקגעפאָרן.

— מיר זענען ווינציק באַקאַנט. ניט אויסגעקומען...

— כ׳באַדויער — האָט טאַמאַרע געזאָגט און דערפילט אַ דערלייכטע־רונג, וואָס דער שמועס קייקלט זיך אַוועק אָן אַ זייט און מען רעדט ניט וועגן גאַבושן.

— מיין נאָמען איז ניסים.

ערשט איצט האָט זי זיך איינגעקוקט אין דעם צעקנייטשטן פּנים פון שכן. אַ צעאַקערט פּנים, פאַרברענט פון זון, מיט האַרטע פּנים־מוסקלען. סאַראַ גוטע בלאָע אויגן! ער האָט געשוויגן און געזוכט די שוועבעלעך צו פאַררייכערן די ליולקע. טאַמאַרע האָט געבראַכט שוועבעלעך פון דער קיך.

— נעמט, אדון ניסים. — איר קול איז געווען היימיש און אויפגעבונדן.

— אָ, ווי די הענט ציטערן אייך. איר זענט נאָך אָפּגעשוואַכט, זעט אויס פון יענער אסיפה. געדענקט איר מיך פון יענעם אָוונט?

זי האָט ניט געוואָלט זיך דערמאָנען אָן יענער פאַרזאַמלונג און פאַרקערעוועט דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש. זי האָט זיך אויסגעפרעגט וועגן זיין אַרבעט, וועגן גאָרטן ביי דער שטוב, געבעטן אַז ער זאָל קומען מיט דער פרוי. און אַז ניסים איז אַוועק האָט זי אים נאָכגעקוקט. זי האָט געזען זיינע טריט אין זאַמדוועגל, די ברייטע אַקסלען געבויגן, די הענט — מיט גרויסע אָפענע דלאָניעס, ווי קאָרע פון איילבערטן. אין די ערשטע חדשים האָט טאַמאַרע ניט איין מאָל באַגעגנט ניסימען ביי פאַרריכטן די הפקר־וועגן. ביי דער אַרבעט איז ער געבליבן ביז איצט. די סימנים וואָס ער געלאָזן נאָך זיך אין זאַמדוועגל פון זיינע שווערע באַשטיוולטע פיס זענען געווען גרויסע, טיפע. אויך די שפּורן וואָס ניסימס באַזוך האָט אבערגעלאָזט אויף טאַמאַרען זענען געווען קענטיקע. דאָס איז געווען איר ערשטער קאָנטאַקט מיט מענטשן זינט יענער פּאַסירונג. זי האָט זיך געשראָקן ניט אַזוי פאַר די שכנים ווי פאַר זיך אַליין, די אומזיכערקייט אירע איז שטענדק צוריקגעקומען בשעת אַ פּלוצעמדיקן באַזוך פון גאַבושן. ער האָט געבראַכט מיט זיך האַלב פאַרשוווּנדענע זעונגען. אין זיינע רייד האָט זי אָפּגעפילט יענעמס גרויס שוויגן, אין דעם חניפהדיק געלעכטערל דעם גאָרניט־זאָגנדיקן — יענעמס טראַגישן ערנסט, אין זיינע שנעלע האַנט־באַוועגונגען און איבערגעאיילט גענגל — יענעמס געבונדנקייט וואָס איז כולו גבורה, אין זיין צופאַסן זיך צום לעבן — יענעמס בונטאַרישקייט, אין זיינע אויגן די פאַלש־העפלעכע — יענעמס בליק וואָס קאָן נאָך איצטער מיט דעם אייביקן פייער וועלטן אונטערצינדן.

— גיי, לאָז מיך, — האָט זי געשעפּטשעט דורך די פאַרשטשעמלעטע ציין. און גאַבוש איז אַוועק און דערנאָך ווידער געקומען. אַזוי האָט עס זיך געצויגן טעג און וואָכן.

טאַמאַרע האָט ניט געוווּסט, אַז די ערשטע באַרירונג מיט מענטשן פון פאַרלאָזטן דאָרף וועט אויף איר מאַכן אַזאַ איינדרוק. זי האָט שוין איצט דערוואַרט דעם שכן ניסים אין די פאַרנאַכטן. ער איז געקומען מיט זיין ווייב, אַ ברייט־פּנימדיקע, אייביק־שמייכלענדיקע אין טונקעלע קליידער.

די צווייפרויען זענען געזעסן און געמיטלעך גערעדט. ניסימס שווייגנדיקייט, די פאַרנאַכטיקע רו, דער בלאָער רויך פון זיין לוילקע, דער פלוצעמדיקער דריבנער פייגל־געצוויטשער האָט טאַמאַרען ווידער פאַרקניפּט מיט דער שיינער וועלט.

ו.

צווישן די הפקר־פּרדסים מיט די פאַרטריקנטע ביימער האָבן זיך געוויקלט שמאָלע זאַמדוועגלעך. ס'רוב זענעןביידע זייטן געווען פאַרצוימט מיט אַ סאַבּרע־גדר, מיטן האַריקן קלעטערקוסט אָדער מיט מימאָזע־קזשאַקעס. וווּ ניט ווו האָט זיך געשאָטנט אַ סיקאַמאָר־בוים. ביי אַ טייל פון די שאָטנביימער, צעשפּרייטע איבער דעם פלאַך, האָבן זיך אָנגעזען די געוועלבטע שטיינערנע ווענט פון ברינעמער. קיינער האָט איצט ניט געדאַרפט זייער וואַסער, קיינער האָט ניט געדאַרפט די קילקייט פון די סיקאַמאָרן. ניט געווען קיין האַנט, וואָס זאָל שפּרייטן קוואַליק וואַסער אין די צעמענטענע קאַנאַלן פון לעכצנדיקן פּרדס און פון דאָרט זאָל עס אַליין צעפליסן צו די ביימער. וואַסער צום טרינקען איז געווען גענוג. די מענטשן זענען נאָך געווען פאַרנומען מיט די נייע היימען און ניט באַוויזן אַרומצוקוקן זיך איבער גאָטס וועלט.

אין יענע טעג איז געקומען אַ פרעמדער מענטש צו איינעם פון די פאַרוואַרלאָזטע ברינעמער און גענומען צעשרויפן די ברינעמרערן. דער ערשטער האָט דאָס דערזען ניסים. דער ברונעם האָט זיך געפונען ניט ווייט פון טאַמאַרעס הויף. אויך טאַמאַרע האָט געזען דעם אויסטערלישן מענטש. אַזאַ איינעם האָט מען ביז איצט ניט געזען אין פאַרלאָזטן דאָרף. דאָס איז געווען אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ ברוין־גלאַנציק פּנים, אַ ביינערנדיקס, מיט טיף אַריינגעשניטענע אויגן. עס האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ קרענצל מענטשן און חידושדיק געקוקט צו דעם ברונעם. דערנעבן איז געלעגן אַ בינטל אַרבעטס־מכשירים, אייזערנע שליסלען און שטיקער רערן. אויפן וועגל איז געשטאַנען אַ וואָגן, אַ צעשפּאַנטער, און צום סיקאַמאָר־בוים, איז געווען צוגעבונדן אַ מוילאייזל. דעם פרעמדן האָט מען ניט געזען, נאָר פון דער ברונעם־טיפעניש זענען דערגאַנגען דעמפּיקע קלעפּ.

— ער צעברעכט דעם ברונעם, — האָט איינער געזאָגט.

— פון וואַנען ווייסטו?

— וואָס הייסט פון וואַנען. עץ זעט ניט. ער צעשרויפט דאָך די רערן!

— און אפשר מאַכט ער גאָר צורעכט און וויל לאָזן דעם מאָטאָר אַרבעטן?

— גיי שוין, גיי — האָט זיך דער מענטש געבייזערט — װעלכער משוגענער וועט דאָ פאַרריכטן אַ ברונעם, צו וואָס דאַרף מען דאָס?

— און די פרדסים? די פעלדער?

דער מענטש מיט דעם טונקל־געקאַרבטן פנים האָט זיך צעלאַכט און געטייטלט אויפן אייזל.

— זעסט דאָס אייזל — האָט ער זיך געוואָנדן צום באַברילטן, וואָס האָט אים געשטעלט די פראַגן — ס'האָט אַ גרויסן קאָפּ זאָל עס זאָרגן...

ער איז צוגעגאַנגען מיט דעם נאָכלאָזיק־וויגנדיקן גאַנג צו דעם ברונעם, אַריינגעקוקט אַהין און הייזעריק געשריגן:

—העי, כ'קאָן דיר העלפן, עב'עך אויך עפּעס פאַרדינען! וואָסי, ווילסט ס'גאַנצע אָפּזשאָבען איינער אַליין!.. איך בין צו דעם אַ שותף...

אַ טויטער עכאָ ווי פון אַן אויסגייענדיקן דונער האָט זיך געקייקלט אין ברונעם, אָנגעשלאָגן זיך אָן די גליטשיקע ברונעמשטיינער און פאַמעלעך אויסגעגאַנגען.

אין קרענצל מענטשן איז געווען ניסים, דער באַברילטער שניידער, יאָנטל סטאָלער, בערטשיקל — דער אייגנטימער פון שפּייזקרעמל, העבעך אינוואַליד און עטלעכע פרויען. איידער די מענטשן האָבן נאָך עפּעס וואָס געזאָגט, האָט זיך באַוויזן אין דער ברונעם־ עפענונג אַ קאָפּ און פון דאָרט איז אַרויסגעקראָכן דער פרעמדער. ער האָט זיך באַוועגט אויפן ברונעם־ לייטער מיט דער פלינקייט פון אַ קאַץ.

דער מיטן טונקל־געקאַרבטן פנים האָט גערעדט צום פרעמדן:

— איך הייס מאַקסל... מאַקסל... מען קען מיך אין דאָרף... ביי אַזעלכע זאַכן דאַרף מען מיך רופן...

דער פרעמדער האָט אָנגעשטעלט זיינע אומרויִקע אויגן אויף די מענטשן און זיי פאַרהאַלטן ביי מאַקסלען.

— אַן אַראַבער! אַן אַראַבער!— האָבן אַלע אויסגערופן.

דער מענטש האָט געפּרוּווט שמייכלען. זיינע ווייסע ציין האָבן אַ לויכט געטאָן, ווי פּאַרצעליי־שערבלעך אויף אַ פאַרשאָטנט זאַמדוועגל.

— מאַרכאַבאַ... סאַלאַמאַט... שלום אייך... כ'פאַרשטיי ניט... איך רייד אַ ביסל עברית...

ניסים איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַ שווייגנדיקער, ער איז נאָענט צוגעקומען צו דער ברונעם און געפרעגט:

— ווער ביסטו? וואָס טוסטו דאָ? האָט דיך עמעץ אַהער געשיקט?

— אני ערבי... — האָט דער פרעמדער געזאָגט און זיך גענויגט. ער האָט דערביי געווישט די הענט אַן די ראַנדן פון כאַלאַט און אַרויס גענומען פון בוזעם אַ צעקנייטשט פּאַפּירל.

— לייען דאָס, כאַוואַדזשאַ... אדוני... אַ רשוין... וואַראַקאַ... דאָס איז מיין ברונעם... מיין פעלד... מיינע רערן... איצט ווין איך אין רמלה... דאַרף רערן...

ניסים האָט געלייענט דאָס פּאַפּירל הויך אויפן קול. דער אַראַבער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נעם, אונדזערע האָבן דערלויבט.

ניסים איז אַוועק. ביי דער שטיינצוים איז געשטאַנען טאַמאַרע. זי האָט זיך די גאַנצע צייט צוגעקוקט צום קערנצל מענטשן.

— וואָס איז דאָרט געשען?

— גאָרניט. אַן אַראַבער...

— אַן אַראַבער? — האָט חידושדיק געפרעגט טאַמאַרע.

— וואָס איז דער וווּנדער, אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. מ'האָט אים דערלויבט נעמען די ברונעמרערן. ער האָט באַקומען פעלד אין רמלה.

פון דער ווייטנס זענען דערגאַנגען מאַקסלס הייזעריקע קולות:

— עץ האָט שוין אַזעלכעס געזען! מען גיט זיי נאָך די אַראַבער! זיי וועלן אַלץ צעשלעפּן... קיין שותפות שטייט אים ניט אָן, אַ רוח אין זיין טריפהנעם האַרץ אַריין... כ'וואָלט אים אַוועקגעבען די גאַנצע ברינע... לאָזט מיך אָפּטובלען אים, עט'ער שוין ניט דאַרפן קיין רערן!..

איינער נאָר איז געווען וואָס האָט געקענט מאַקסלען אָפּענטפערן, און דאָס איז יאַנטל דער סטאָלער. ער האָט אויף אים אַ ברי־געטאָן מיט

זיין בליק. און דאָס איז געווען פּאַר מאַקסלען געגוג. דער בליק האָט באַדייט: האַלט איין דאָס טריפּהנע בלוט. מאַקסל האָט דאָס פֿאַרשטאַנען. ער האָט געקרעכצט, אַראָפּגעלאָזן דעם באַוואַקסענעם קודלאַטן קאָפּ און געגאַנגען איינער אַליין צום מעטשעטבערגל מיט איינגעצויגענע אַקסלען.

— אַז ס'איז זיינס קומט עס אים — האָט דער באַברילטער שניידער געזאָגט, — ער פּירט דאָך די רערן ניט אַרויס פֿון לאַנד אויף יענער זייט ירדן... ער וועט דאָך דערמיט באַאַרבעטן אַ פֿעלד וואָס געהערט אונדז... צו וואָס זאָלן די רערן דאָ ליגן סתם אַזוי...

— און אפשר וועט ער פֿאַרקויפֿן די רערן אויפֿן מאַרק...

— פֿאַרלאָז זיך אויף די וואָס האָבן געגעבן דעם רשיון.

דערנאָך איז שטיל געוואָרן אויפֿן זאַמדוועגל. אין דער שטילקייט האָט טאַמאַרע געהערט דעם געקלימפּער פֿון אייזן, וואָס איז דערגאַנגען פֿון דעם ברונעם. זי האָט געזען דעם אַראָבער אַרומפּאָרן זיך ביים וואָגן, מיט לאַנגע שטריק האָט ער אַרויפֿגעצויגן די אָפּגעשרויפּטע רערן.

די מעשׂה מיטן אַראַבער האָט זי פֿאַראינטערעסירט. ס'ערשטע מאָל ווי זי קען טראַכטן וועגן זייטיקע ענינים און ניט נאָר וועגן זיך. אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָט זי נאָכגעקוקט דעם אַראַבערס אַרבעט ביים ברונעם. דעם טאָג האָט זי זיך גוט געפֿילט. מאָרגן וועט זי פֿאָרן אין שטאָט אַריין. זי מוז זיך זען מיט מענטשן, מיט פֿריינד. געפֿינען באַשעפֿטיקונג. זי דאַרף דאָך לעבן. לעבן — אַ באַנייט וואָרט פֿאַר טאַמאַרען! אָט לאָזט זיך אַראָפּ אין דער ברונעמטיפֿעניש אַ מענטש. ער וועט באַלד ווידער אויפֿטויכן אין דער ברונעם־עפֿענונג מיט זיין טונקל־ביינערדיק צעקאַרבט פּנים און קויל־שוואַרצע אויגן. אָט שניידט דורך אַ פֿויגל דעם בלאָען הימל און טראָגט זיך צום איילבערט־וועלדל. דאָס אַלץ הייסט לעבן.

מיט אַ מאָל האָט אַ קלאַפּ געטאָן ביים ברונעם. זעט אויס עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן און געפֿאַלן אין דער טיפֿעניש אַריין. ס'איז שטיל געוואָרן. שוין אַ היפּשע צייט ווי מען הערט ניט קיין געשאַרך. אפשר איז דער מענטש מיד געוואָרן פֿון אַרבעט? אפשר עסט ער איצט זיין אָרעם ברויט? פֿאַר וואָס דויערט עס אַזוי לאַנג? דאָס מוילאייזל האָט זיך צערעוועט. טאַמאַרעס אויגן זענען צוגעשמידט צו דער ברונעם. זי זעט דאָרט קיינעם ניט. אַלע זענען זיך פֿונדאַנדערגעגאַנגען. איצט הערט מען אַ געשאַרך,

אַ שטילן, אויסגעצויגענעם געשעפּעט, אַזוי ווי עמעץ וואָלט תּפילה געטאָן. ס׳איז אַוודאי פון די וויקלגראָזן. דער ווינט פאַרפּלאָנטערט זיך אין זיי, וויעט ער ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה. ס׳איז שוין ערב זונפאַרגאַנג און ביי דעם ברונעם איז שטיל. אפשר איז דער מענטש אַוועק? פאַר וואָס איז געבליבן דאָס מוילאייזל?

טאַמאַרע האָט ניט געקאָנט איינשטיין אין הייפל. זי איז אַרויס אויפן וועגל און געזוכט די שכנים. קיינער איז ניטאָ. עפּעס איז געשען מיטן פרעמדן! טאַמאַרע איז געגאַנגען אייליק. צוגעקומען צום ברונעם האָט זי דערזען דעם אַראַבער אַ פאַרקלאַמערטן ביים לייטער־שטאַפּל. זיינע הענט זענען געווען אַריינגעפלאָכטן אין די אייבערשטע לייטערשטאַנגען און אַזוי איז ער געהאָנגען. דער אונטערשטער טייל פון ברונעמלייטער האָט זיך אָפּגעריסן און געלעגן אַ צעבויגענער. זי האָט געררופן הילף. ניסים איז געקומען צו לויפן. מען האָט באַפרייט די פאַרקראַמפּטע הענט פון ברונעמלייטער, און אַראָפּגעזעצט דעם פאַרחלשטן אויפן גראָז. טאַמאַרע האָט געזען ווי אַ מענטשלעך לעבן הענגט איבער אַן אָפענעם אָפּגרונט, אַ תּהום מיט אַ שוואַרץ־לאַכנדיק מויל. זי האָט געציטערט פאַר דעם גורל פון אומבאַקאַנטן מענטש מערער ווי פאַר איר אייגענעם גורל, בשעת זי האָט צוזאַמען מיט ניסימען אַרויסגעצויגן דעם אַראַבער פון ברונעם.

די פיס ביים אַראַבער האָבן געבלוטיקט. אַן אייזנראַנד האָט זיך איינגעשניטן אין די אייבערשטע פליישיכטן. טאַמאַרע האָט געבראַכט ווייסן בינד און יאָד. זי האָט זאָרגעוודיק אַרומגעוואַשן די וווּנדן. דער מענטש האָט געעפנט די אויגן און מילד געשמייכלט.

— אָ, ס׳איז גאָרנישט... מערער שרעק ווי ווייטיק... וועסט קענען אַהיימפאָרן...

טאַמאַרע איז אַליין געווען פאַרחידושט פון דער געניטשאַפט, מיט וועלכער זי האָט איבערגעבונדן די וווּנדן. ס׳איז אָנגעשווומען פּלוצעם אַ פאַרלוירענע וועלט... בלוט, וווּנדן... ווייסער בינד... ווייסע שפּיטאָל־קאָרידאָרן... שוין אַזוי לאַנג... אַזוי ווייט...

דער אַראַבער האָט געשוויגן. ער איז געוואָרן אַזוי קליין און ציטעריק, אַ גרויסע גוטסקייט, די גוטסקייט פון אַ קינד האָט אַרויסגעשיינט פון זיינע אויגן.

— איר זענט געווען אַ קראַנקן־שוועסטער? — האָט געפרעגט ניסים.

— יאָ... אַמאָל... געלערנט מעדיצין...

— פאַר וואָס האָט איר עס ביז איצט ניט געזאָגט?

ביידע האָבן זיך איבערגעבויגן איבער דעם פרעמדן. ניסים האָט זיך פאַרטראַכט און אַרויפגעלייגט זיין גרויסע פאָטערישע האַנט אויף טאַמאַרעס פּלייצע.

— איך זע, קינד מיינס, אַז דו וועסט זיך אַליין אָפּגעפינען... דו האָסט זיך שוין אָפּגעפינען...

עס איז שוין געווען פינצטערלעך ווען דעם אַראַבערס קול, אַ געבראָכנס, אַ טרוקנס, איז דערגאַנגען צו טאַמאַרען מיט דעם אַלט־באַקאַנטן מענטשלעכן צער.

ז

צו מאָרגנס איז צו טאַמאַרען געקומען ניסים מיט עטלעכע מענטשן פון דער מועצה. גערעדט האָט ניסים:

— אַזוי ווי דו ביסט אַ קראַנקן־שוועסטער און מיר דאַרפן אין דאָרף עפענען די אַמבולאַטאָריע, דאַרפסטו דאָרט אַרבעטן. דער אַלטער דאָקטאָר קען זיך אַליין ניט קיין עצה געבן. אַ סך קראַנקע אין דאָרף...

— אוי, דאָס איז שוין לאַנג... געדענק שוין באַלד ניט... אָבער פאַר וואָס שטייט איר? זעצט זיך...

זי האָט אַ גאַנצע נאַכט געפיבערט, געוואַרט אויפן מאָרגנדיקן טאָג. זי האָט זיך געפּעכלט אין ווייס־געפּרעסטן פאַרטעך. געשטאַנען ביים שפּיגל און פאַרקניפּט דעם ווייסן שלייף אַרום אירע ליכטיקע האָר. צו דער אַרבעט איז זי געגאַנגען ניט מיט איר פריערדיקן גאַנג. זי האָט געשטעלט פלינקע טריט. אַ ליכטיקייט האָט פון אינעווייניק אַרויסגעשטראַלט, און די ליכטקייט האָט זיך געשפּרייט אַרום איר.

מען האָט שוין געוואַרט אויף איר אין קליינעם הילצערן צריפל. דער אַלטער דאָקטאָר האָט וואַרעם געדריקט איר האַנט. אין פאָדער־צימער האָבן געוואַרט עטלעכע יונגע מאַמעס מיט קליינע קינדער. זי האָט זיך איינגעבויגן און איינעם, אַ ווייסהאָריקן מיט גרויסע פאַרוויינטע בלאָע אויגן, אויפגעהויבן הויך איבער זיך.

— וואָס איז קליין מלאכל, זאָג ?..

גאַבוש איז זעלטן געקומען אין פאַרוואָרלאָזטן דאָרף.

טאַמאַרעס בליק האָט אים שפּלדיק געמאַכט. ער האָט געוואָלט זיך פאַרטיידיקן. זיינע רייד האָבן זיך ניט געבונדן, דאָס איז גיכער געווען אַ שטאַמלעריי.

איין מאָל האָט ער איר געזאָגט:

— כ׳ווייס ניט, טאַמאַרע, פאַר וואָס... איך קאָן דאָ ניט בלייבן, אָבער איך קאָן אויך ניט אַוועק... אויב איך זאָל דאָ בלייבן, מוז איך אַלץ אָפּטרייסלען פון זיך... אָנהייבן פון דאָס ניי... אַן אומבאַקאַנטער... אַ שטיינהאַקער אויף די וועגן... אָדער אַ ציטערדיק פקידל... און אויב איך זאָל אַוועק פון דיר — האָט גאַבוש מיט אַ געבראָכענער שטים געזאָגט — וועל איך זיך אַרומטראָגן אַ פאַרלוירענער.

טאַמאַרע האָט אים גאָרניט געענטפערט.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט זיך באַוויזן אויפן מעטשעטעבערגל אַן אַראַבער. ער איז געווען אָנגעטאָן אין יום־טובדיקע קליידער. דער ווייסער קאָפּטוך פאַרבונדן מיט אַ שוואַרצן שניר, דער לאַנגער פאַסן־כאַלאַט פריש געפּרעסט און אין האַנט אַ קיישל. אַ האַלבן טאָג האָט ער זיך אַרומ־געדרייט איבערן געסל און זיך נאָכגעפרעגט אויף עמעצן. ער האָט געזוכט די פרוי, וואָס האָט אים איבערגעבונדן די ווונדן ביי דער ברונעם. ערשט ווען ער האָט אָנגעוויזן דאָס הייזל, פון וועלכען זי האָט געבראַכט בינד, איז מען דערגאַנגען, אַז ער מיינט טאַמאַרען, די קראַנקן־שוועסטער. ער איז געדולדיק געזעסן אין וואַרטווינקל פון צריפל, געוואַרט אַז די טיר זאָל זיך עפענען. מענטשן פון געסל זענען זיך צונויפגעלאָפן און נייגעריק אַריינגעקוקט דורך די טירן און פענצטער.

— גייט זיך געזונטערהייט. וואָס קוקט איר ווי אויף אַ בייזוווּנדער...

אין דער אָפענער טיר האָט זיך באַוויזן טאַמאַרע. דער פרעמדער האָט זיך פאַרנייגט און עפּעס געזאָגט. ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס קיישל ביי טאַמאַרעס פיס.

— טו אַ געפעליקייט... אַמלי מאַארוף... נעם די מתנה... זאָג ניט אָפּ, באַליידיק מיך ניט.

זי האָט אים גלייך דערקענט, דעם אַראַבער, לויטן שאַרף־ביינערדיקן פּנים, לויט דעם בליאַסק פון די ווייסע ציין.

— מיר זענען מענטשן ווי אַלע... איך געדענק דיין גוטסקייט... דיין מאַארוף... אויך אַללאַ געדענקט גוטסקייט...

טאַמאַרע האָט אויסגעשטרעקט צו אים איר האַנט. דאָס איז שוין ניט געווען די ציטערדיקע האַנט פון דער פאַרשאָטנטער טרויעריקער יונגער פרוי, דאָס איז געווען אַ ווארעמע האַנט פון אַ צעשמייכלטן אויפגעוואַכטן מענטשן.

ער איז אַוועק, דער אַראַבער, אַ צעשטראַלטער. אים האָט מער ניט פאַרדראָסן די פאַרשנדיקע בליקן פון די געסל־תּושבים, די נייגעריקע קינדער וואָס זענען אים נאָכגעגאַנגען זייטיק, שאַרנדיק זיך ביי די מויערן.

איין גרויסער הימל שפּרייט זיך איבער גאָטס וועלט — אַ הימל פול מיט רחמים צום מענטש.

# אַ הויז ביים ים

## א

אַליש האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעוועקט אין דער נאַכט. ער איז אַראָפּ אַ באָרוועסער פון געלעגער און אויף די שפּיצן פינגער געגאַנגען צו דער שוועל. אילע מאָל האָבן זיך עטלעכע פאַרטייעטע נעפּל־שאָטנס אָפּגעריסן ווי פאַרבלאָנקעטע נאַכטקעץ און זענען פאַרשוווּנדן אינעם פאַרטריקנטן פּרדס. די שטערן זענען וואָס אַ מאָל געוואָרן דערכזשעוודיקער און געהאַנגען אויף שמאָלע טאָפּאָלן ביים פּרדס־צוים.

יוטע האָט געזען ווי אַליש ציט אויף זיך אַרויף די אַרבעטקליידער, הענגט אָן אויפן אַקסל דאָס רענצל, וואָס זי האָט פון נעכטן פאַרגרייט מיטן אָנבייסן. אירע פייכטע אויגן האָבן דורכגעשניטן דעם גרינלעך־גראָען נעפּל פונעם געצעלט און זיך פאַרהאַלטן אויף אַלישעס רוקן. ער האָט דערפילט יוטעס אומרויִקייט און זיך אַ קער געטאָן צום געלעגער. זי האָט פאַרשלאָסן די אויגן־דעקלעך און אינעם שפּאַלט ליכט וואָס איז געפאַלן פון דעם געעפנטן געצעלט־פאַרהאַנג האָט אַליש דערזען, אַז אירע וויִעס זענען פול מיט לייכטנדיקע טויפערלעך, ער האָט זיי געזען אויף די שטילע דרימלענדיקע געצעלטן, וואָס האָבן אין לאַנגע רייען געקנוילט זיך אויף בײדע זײטן וועג.

ווען אַליש איז צוגעקומען צום גרויסן פּלאַץ אויף דער שטילער ים־גאַס, איז שוין ליכטיק געוואָרן. אויף אַ ברעטערשטויס זענען עטלעכע מענטשן געזעסן מיטן רוקן צום ים. זיי האָבן געטראָגן אין די אויגן שטיקער נאַכט. אַז דער אַרבעטס־אונטערנעמער איז אָנגעקומען, זענען אַלע אויפגעשפּרונגען, אויסגעגלייכט זיך, און געלאָזן די רענצלעך אויף די פאַרקאַלכטע ברעטער.

דער בוי־אונטערנעמער אדון ירקוני — אַ קליינוווּקסיקער קיילעכיקער מענטש, האָט אַ וויג געטאָן זיינע אויגן און זיי אָנגעהאַנגען אויפן בייעם

אַרבעטער. אָליש האָט געעפנט די וויעס און אַ ווײַלע האָבן זיי זיך אָנגעקוקט. ווײַזט אויס, אַז אָלישעס געשטעל, זײַן ברייטפּלייציקייט זענען געפעלן געוואָרן דעם אַרבעטס־געבער.

דער ים האָט געאָטעמט מיט אַ געל־לײַמיקער פײַכטקייט. ווײַסשוימיקע קעפּ האָבן אין דער ים־ווײַטעניש אויפגעצאַפּלט און זענען גלײַך פֿאַרגאַנגען אין דער געלער מוטנעקייט פֿון ים.

דער שטח איז שוין געווען אויסגעמאָסטן, מיט פּלעקער אין די ווינקלען, מיט אַ ווירעדיקע רײַ ברעטער. דער דרײַפיסיקער געשטעל פֿון ערדבויערער איז שוין געשטאַנען גרייט, אָט וועט זיך דער שאַרפער שטאָל פֿון בויערשפּיץ אײַנעסן אין זאַמד, טיף, טיף, ביז מען וועט קאָנען גיסן די זײַלן פֿון דער גרויסער געבײַדע וואָס מען שטעלט דאָ אויף.

נאָך נעכטן האָט זיך אדון ירקוני באַדונגען מיט די אַרבעטער. צוועלף געשטעלן וועט דאָס הויז האָבן, פֿיר פֿאָדערשטע זײַלן און די איבעריקע בײַ די זײַטן. — דער באָדן איז אַ זאַמדיקער, ס'וועט לײַכט זײַן צו גראָבן, דער קורקאַר איז אַוודאי ניט טיף. מען וועט אים גיך דערגרייכן און גלײַך אָנהייבן גיסן דעם בעטאָן, — האָט אויף שנעל אַ זאָג געטאָן דער אַרבעטס־געבער.

ער האָט זיך דערנאָך אַרומגעקוקט, געררופֿן דעם שומר, אים אָנגעזידלט הלמאי מען האָט די צעמענטזעק אויף בײַ נאַכט ניט פֿאַרדעקט און זיי זענען פֿײַכט געוואָרן, און ער האָט גלײַך פֿאַרלאָזן דעם בויפּלאַץ.

די אַרבעט איז טאַקע ניט געווען קיין שווערע, די מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו בויערן די ערד אויף עטלעכע ערטער, דער ערדבויערער האָט זיך אײַנגעעגבערט אין זאַמד ווי אַ גרייצער. דער העלער זאַמד האָט געסקריפּעט און דערנאָך זיך געשאָטן אין אַ ליכטיק בערגל אויף דער פֿאַרקאַלכטער ערד. אָליש האָט מיט דער ברוסט זיך אָנגעשפּאַרט אָן בויערשטאַנג און געשפּאַנט אין אַ קרײַז אַרום גרוב. דער בויערער האָט מיט יעדן טריט וואָס אָליש האָט געמאַכט, זיך אײַנגעשניטן אין דער טיף ביז דער ערדשעפּער איז פֿול געוואָרן מיט זאַמד, דעמאָלט האָט עמעצער אַ ציִ געטאָן די שווערע קייט און מיט אַ קאָלבע האָט מען געגומען זי ווייקלען אַזוי ווי מען וויקלט אַרויף אויף אַ ברונעמאַקס אַן איבערגעפֿולטן עמער וואַסער.

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ הייסער. דאָס ים־ווינטל איז זעלטענער געוואָרן, די ווײַסע שוימקעפּ האָבן זיך אײַנגעשטילט. די כוואַליעס זענען מער ניט אויפגעשפּרונגען מיט זייער קאַנטיקייט, זיי זענען איצט געשוווּמען שטילע, מילדע, אַרומגעשליפענע פון אַ געלער ליכטיקייט.

דאָס איז געווען אֶלישעס ערשטער אַרבעטסטאָג אינעם לאַנד. ער האָט מיט לייכטקייט זיך באַוועגט אַרום בויערשטאַנג אין אַ קליינעם קרייז, אַראָפּגעלאָזן די גרויסע טונקעלע ברעמען אויפן זאַמד־בערגל וואָס איז געוואָקסן מיט יעדן אַרויפצי פון ערדשעפער.

מיטאָגצייט האָט אַ ווייע געטאָן אַ וואַרעמער אָטעם פון דרום. דער ים איז געוואָרן ווי מאַט אָנגעהויכט גלאָז. שווערע שווייסטראָפּנס האָבן אַרויס־געשלאָגן אויף די פּנימער פון די אַרבעטער און אַ דאַרשט איז זיי באַפאַלן. אַפילו די שווערע בויערס האָבן מיט טרוקעניש געסקריפּעט, געהוידעט זיך אויף די קייטן און געפאַלן מיט אַ ליכטיקן זאַמד אויפן בערגל.

זיי האָבן שוין געדאַרפט דערגרייכן דעם קורקאַר ווײַל נאָכן מיטאָגרו האָט מען זיך שוין געגרייט צום גיסן דעם בעטאָן. דער בעטאָנמישער איז געווען אײַניקע שעה אין פולן גאַנג. די צײַנרעדער האָבן מיט טרוקענעם געטראַסק געקלאַפּט, דער בעטאָנפּאַס האָט זיך געדרייט, געמישט איבעווייניק דעם צעמענט און אַלץ איז שוין גרייט געווען צו גיסן די זײַלן. נאָר די בויערס האָבן נאָך אַלץ ניט דערגרייכט דעם קורקאַר־באָדן. עטלעכע מאָל האָט מען אָפּגעשטעלט די אַרבעטן, באַטראַכט דעם פרישן ערדאָנשיט וואָס דער שעפער האָט אַרויפגעבראַכט פון דער טיפעניש, געזיפּט דעם פליסיקן זאַמד דורך די פינגער און זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט.

דער אינזשעניר איז אַרומגעלאָפן אַן אומרויקער מיט אַ ראָל פּאַפּיר, אָפּגעשטעלט זיך לעבן די בויערער און חידושדיק געצויגן מיט די אַקסלען. עפּעס האָט ניט געשטימט אין זײַנע אויסרעכענונגען. דער קורקאַר האָט זיך אַלץ ניט באַוויזן.

— אָט אַ מעשה, האָט גערעדט צו זיך דער אינזשעניר: וואָס וועט זײַן? דער בעטאָן איז גרייט, מען מוז שוין גיסן.

דערנאָך איז אומגעריכט אָנגעקומען דער אונטערנעמער. ער איז געלאָפן מיט אימפּעט פון קליינעם בויקאַנטאָרל אונטערהינקענדיק אויפן רעכטן פוס. מיט אַ געניקייט האָט ער דורכגעזיפּט דורך זײַנע פינגער

דעם טרוקענעם זאַמד וואָס מ׳האָט נאָר וואָס געהאַט אַרויסגעשעפּט פון דער טיפעניש.

די אַרבעטער זיינע וועלן היינט כמעט גאָרניט פאַרדינען. מ׳וועט ניט קאָנען גיסן דעם בעטאָן, מען מוז דערגרייכן דעם שטייניקן באָדן, אויף זאַמד קאָן מען דאָך קיין פונדאַמענט ניט לייגן.

ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט די אומצופרידענע בליקן פון די אַרבעטער. ער האָט געזען די מענטשן אָפּגיין אין אַנגסטן און אים איז געוואָרן ניט באַקוועם, ווייל ער האָט זיך מיט זיי באַדונגען ניט אויפן טאָג נאָר פאַר דער גאַנצער אַרבעט וואָס זיי דאַרפן מאַכן. ער האָט זיך האַסטיק אַ קער געטאָן און זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים סוף פון בויפּלאַץ ווו עס איז געלעגן אַ הויפן מיט קליינע שטיינדלעך.

— אָט, צו די שטיינדלעך דאַרפט איר דערגרייכן!

אויף זיין האַנטפלאַך זענען געלעגן קליינע קורקר־שפּליטערס. ער האָט זיי אַלעמען געוויזן. — נאָך אַ ביסל בויערן, עס מאַכט זיך אַ מאָל, אַז ס׳איז שווערלעך צו געפינען, ס׳וועט זיך אין מזל.

דערנאָך האָט זיך ירקוני פאַרטיפט אין מחשבות. געטראַכט האָט ער וועגן דעם, אַז ס׳וועלן פאַרנוצט ווערן מער אייזן און מער צעמענט צוליב דער טיפקייט פון די זיילן. דער אינזשעניר האָט זיך געפילט שולדיק, געזוכט עפּעס אין דער אויפגעוויקלטער מאַפּע, געחשבונט און לסוף געקומען צום אויספיר, אַז מען מוז נידעריקער מאַכן די חדרים אויף עטלעכע סענטימעטערס. עס וועט שוין זיין... הער ירקוני!

נאָך מיטאָג האָט די היץ ניט נאָכגעלאָזן. אַ טשאַד פון פאַרשרפּהטע געוויקסן איז געהאַנגען אינעם צעגליטן חלל. דער שפּיץ פון ברוש האָט זיך קיין וויג ניט געטאָן.

די מענטשן האָבן זיך אַלץ געפּאָרעט אַרום די בויערערס, געצויגן די ערדשעפערס און מידע געזוכט דעם קורקר. דער בעטאָנמישער האָט וואָס אַ מאָל שטילער געקלאַפּט מיט דער ציינערדיקער ראָד, ער איז פול געווען מיט פאַרטיקן בעטאָן. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די העמדער, האַלב באַקעטע, דאָרשטיקע, געקרייזט אַרום שטאַנג און געטאָפּטשעט מיט די מידע פיס ווי בלינדע פערד פאַרשפּאַנטע אין אַ מילשטיין.

עמעצער פון די אַרבעטער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ פולן שעפער

מיט לויטערן ווייסן זאַמד און אַוועקגעשפּאַנט צו יענעם ווינקל פון בויפּלאַץ ווו עס זענען געלעגן די קורקר־שטיינדלעך. ער האָט באַדאַכט אַרומגעקוקט זיך צי מען זעט ניט דעם קבלן, די אַרבעטס־אויפזעער, און איילִיק אַנגעטראָגן עטלעכע שטויסן שטיינדלעך, אַוועקגעלייגט זיי ביים ראַנד פון די גריבער און דערנאָך אַריינגעשאַרט זיי אַהין. אַליש האָט צעשפּרייט די אויגנדלעך און זיך אַראָפּגעזעצט אויפן הייסן זאַמד. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָפּשטעלן דאָס וואַרפן די שטיינדלעך אין די אויסגעבויערטע גריבער, ניט דערלאָזן צו אַזאַ אָפּנאַרעריי, צו אַזאַ שווינדל; איז אים באַפאַלן אַ גלייכגילט, אַ מידקייט וואָס האָט געליימט זיין גוף. ער האָט נאָר געזען מידע, ציטערנדיקע אויגנאַפּלען פון די אַרבעטער. דערנאָך האָט ער זיך אַ ריס געגעבן, צוגעלאָפן נאָענט צו אַ גרוב, נאָר זיינע פיס האָבן אים ניט געפאָלגט, ער האָט געטראָטן אויף אַ הויפן קורקאַר־שטיינדלעך, וואָס אַן אַרבעטער האָט געבראַכט, די שטיינדלעך זענען מיט פּאַרדעמפּטן און טויבן געקלאַפּ געפאַלן אין דער טיפעניש אַריין. אַליש האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, שיִער ניט געפאַלן און געבליבן שטיין פּנים צו פּנים מיט דעם אַרבעטער. די איבעריקע אַרבעטער זענען געשטאַנען גלייכגילטיק, ווי דער גאַנצער ענין וואָלט זיי ניט אָנגעגאַנגען.

— טו דאָס ניט, — האָט אַליש אַ זאָג געטאָן מיט אַ שטילן, טרויעריקן קול. — דאָס הויז וועט דאָך שטיין אויף זאַמד, ניט אויפן שטייניקן באָדן... מענטשן וועלן דאָ וווינען...

מיט אַ מאָל איז אָנגעלאָפן דער קבלן ירקוני. ער האָט זיך געקייקלט פון איין אָרט צום צווייטן און הויך געשריִען.

— וואָס שטייט איר, אָט איז דער קורקר! דער שטייניקער באָדן האָט זיך באַוויזן!

דער שווערער שטאָלענער שעפּער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. אַ ווײַלע איז טויט־שטיל געוואָרן. אַלע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם און אַראָפּגעלאָזן די אויגן צו דער ערד. דער שעפּער האָט אַרויפגעבראַכט אַ הויפן אַריינ־געוואָרפענעם קורקר אויסגעמישט מיט זאַמד.

עמעצער האָט אַ מורמל געטאָן מיט פאַרטריקנטע ליפּן. איינער האָט אומרויִק איבערגעשטעלט די פיס פון איין אָרט אויפן צווייטן, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ירקוני האָט ממש געשריִען, ניט גערעדט:

— ניט וואַרטן, גענוג געבויערט! גיסן!

דער בעטאָנמישער האָט זיך צעגרעגערט, די פאָרמען זענען געווען צוגעגרייט און אַ בעטאָן־לאַווע האָט גענומען פלייצן אין די פאַרגרייטע גריבער.

פאַר נאַכט זענען די אַרבעטער צוריקגעגאַנגען פון דער אַרבעט לענגאויס דעם ים־געסל. זייערע טריט האָבן שווער אָפּגעהילכט איז דער ליידיקייט פון דעם זייטיקן שטילן געסל. זיי האָבן איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ שטויבנעפּל. זייערע רייד זענען געפאַלן שווער ווי שטיינשפּליטערס.

אַליש איז געגאַנגען ביי דער זייט, פול מיט מחשבות וועגן דעם ערשטן ארבעטסטאָג אין נייעם לאַנד. ער האָט ניט אָנטייל גענומען אין געשפּרעך, ער האָט איצט געטראַכט וועגן יוטען וואָס איז געבליבן אינעם געצעלט און וואַרט מיט אומרו אויף זיין קומען. שטיקער אָפּגעריסענע רייד זענען דערגאַנגען צו אים. די אַרבעטער האָבן וועגן אַלץ גערעדט, נאָר ניט וועגן די זיילן וואָס מ'האָט געגאָסן אויף זאַמד. איינער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ מיד און צו להכעיסדיק געלעכטערל.

פון דאָג איז אָנגעלאָפן דער אויטאָ. אַליש איז געהאַנגען אויפן טרעפּל און זיך געטראָגן דורך די פאַרנאַכטיקע גאַסן צו דער געצעלטן־שטאָט ביי די זאַמדן.

ב

ווען יוטע איז אַרויס פון געצעלט האָט אַ בלענדיקע ליכטיקייט אַ שלאָג געטאָן איר אין פּנים אַריין. זי האָט מיט דער האַנטפלאַך פאַרשטעלט די אויגן און צוריקגעטראָטן אין דער געצעלט־טונקלקייט אַריין. איבערן לייוונטענעם געסל זענען שוין אַרומגעלאָפן באָרוועסע קינדער אין לאַנגע העמדלעך ביז די פּיאַטעס, פון שכנישן געצעלט האָט דער אַלטער סעדיה אויסגעשריִען צו יוטען דעם פרימאָרגן־שלום מיט אַ קינדיש דין קולכל.

ער האָט דערביי צעעפנט אַ גרויס, ברייט מויל און באַוויזן צוויי שורות בלענדיק־ווייסע ציין, זיינע טיפע פּנים־גריבלעך, ווי אַלטן קמיעות, וואָס די געצעלטווייבער טראָגן אויף זייערע העלדזער, האָבן אַ ליכט געטאָן מיט אַ געשייערטן קופּערנעם בליאַסק. אין די ערשטע טעג האָט ער אָנגעוואָרפן אַן

אימה אויף יוטען. זי איז ניט אַרויס פון געצעלט, אויסגעמיטן דעם טונקעלן מענטש מיט די רויע פּנים־שטריכן.

פון די נאָענטע זאַמדפלאַכן איז שוין טובה מזל געקומען מיט אַ הויפן דערנער. זי האָט געטראָגן דאָס בינטל צונויפגעבונענע דערנערריטלעך אויפן קאָפּ און געשפּרייזט מיט אַ װוּנדערלעכער רויִקייט. אַ רויך האָט זיך געטראָגן פון פייערלעך וואָס זענען צעלייגט געווען בײַ די געצעלט־אַרײַנגענג. דער רויך האָט זיך געוויקלט נידעריק איבער דער ערד און געפלאָנטערט זיך אַרום די טרוקנגראָזן.

די באַהעמדלטע קינדער זענען געשטאַנען אינעם בלאָען רויכנעפּל, געריבן זיך די אייגעלעך און געפרייט זיך וואָס זיי זענען נאָענט צום פייער און קאָנען זען די וועלט דורך אַ רויכשלייער. זיי דאַכט זיך, אַז דער זאַמד־פלאַך ציטערט און שווימט אַוועק הויך אינעם הימל אַרײַן. און אָט, הייבט זיך אויף אַ געצעלט צוזאַמען מיטן רויך און שווימט אין די לופטיקע ווייטענישן...

דורכן געסל איז פאַרבײַגעגאַנגען דער פּאַן זיגמונט. ער איז ווי תמיד געווען אויסגעפּוצט אין אַ טונקעלן אַנצוג, פריש ראַזירט, כאָטש זײַן הלבשה איז שוין געווען אָפּגעטראָגן, די קאַנטן פון רעקל אויסגעריבן, דער קאָלנער ניט געפּרעסט. ער איז עס געווען דאָ דער איינציקער וואָס האָט גערעדט צו יוטען אויף דעם פּוילישן לשון און אָנגעהאַלטן אַלע אַלטע געוווינהייטן.

ער האָט געצויגן פאַר איר זײַן הוט, און אַ ווײַלע שטיין געבליבן.

— אַרבעט שוין דער פּאַן אַליש?

ער האָט דערבײַ צופרידן אַ שמייכל געטאָן און זיך פאַרנויגט.

יוטע האָט גלייך ניט געענטפערט. ווייל וואָס האָט זי געקאָנט ענטפערן. זי איז ניט צופרידן געווען פון איר מאַנס אַרבעט, ערגעץ דאָרט בײַ גריבער־בויערײַ, אַ פּראָסטע און שווערע אַרבעט. איר איז אויסגעקומען, אַז זי איז דעם טאָג אַ פּאָל געטאָן און נידערט טיפער און טיפער, און עס שפּרייט זיך פאַר איר אַ טרויעריקע וועלט, די וועלט פון דער באַרוועסער שכנה מזל. מאָרגן וועט זי צוזאַמען מיט דער שכנה אַוועק, ווען עס וועט נאָך שאַרױען, אין זאַמדסטעפּ אַרײַן און קלויבן טרוקענע ריטלעך אויף צו מאַכן פייער. זי וועט אין אַ לאַנגן טונקלען העמד זיך פּאָרען בײַ די שוואַרצע שטיינער אין רויך. אָט איז דאָך אַליש אַוועק צוזאַמען מיט מזלס מאַן צו דער אַרבעט.

זי האָט זיי נאָכגעקוקט דורך דער געצעלטשפּאַלט און געזען ווי זייערע שאָטנס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אינעם טונקעלן פאַר טאָג.

מזל איז דעם טאָג היימישער געוואָרן מיט יוטען. זי איז געקומען, אַראָפּגעזעצט זיך אויף די פאַרלייגטע פּיס און עפּעס גערעדט מיט אַן אויסגעצויגן זינגענדיק קול.

דער ריצנקוסט האָט אינעם זוניקן פאַרטאָג צעעפנט די האַלב גרינע געשניצטע בלעטער. די גראָע און טונקל ברוינע צווייגלעך, די אייביק מאַטע און שטויביקע, האָבן איצט אויסגעצוואָגענע פון נאַכטטוי, געלויכטן מיט אַ זילבערנער ליכטיקייט. דורך דער נאַכט זענען אויפן זאַמד, אַרום די געצעלטן, ביי די שוועלן, אויסגעוואָקסן קליינע ריצנפלאַנצן; איידעלע צוויי בלעטלעך אויף אַ דין־רייטלעכן שטענגל. זיי האָבן פאַרדעקט אַ שטיק פונעם לייוונטענעם געסל. די מענטשן האָבן אָפּט זיך איינגעקוקט אין די פלאַנצן וואָס האָבן זיך מיט יעדן טאָג געמערט, אויסגעוואָקסן אויף אומגעריכטע ערטער, ממש אונטער די מענטשישע טריט און זענען צו מיטאָג פאַרוועלקט געוואָרן.

פון די זאַמד־ פלאַכן, וואָס ביי זייער ראַנד האָט זיך געפונען די גרויסע לייוונטענע שטאָט, האָבן אינעם פאַרטאָג זיך געזילבערט די הויכע גראָזן ווי אָנגעצויגענע סטרונעס.

יוטע האָט ניט איין מאָל אין די נעכט געהערט דעם וויסטן ווינטגעוואָי, דאָס טרוקענע געסקריפּ פון די טויטע קוסטעס און געקרעכץ פון פאַרוועלקטן ריצנבוים. זי האָט געזען אַרום זיך אַ טויטע זאַמדיקע וועלט, אַן אָפּגעשטאָרבענע וועלט. דערנאָך, וואָס שווערער עס איז איר געוואָרן די פרעמדעניש, וואָס איינזאַמער זי האָט זיך דאָ דערפילט, אַלץ נענטער זענען איר געוואָרן די גראָע קוסטעס, די טראָציק־סטערטשנדיקע שאַרפע זילבערשטרויען.

זי איז דעם פרימאָרגן געגאַנגען איבערן זאַמד, אַהין צו דעם אָרט וווּ מען האָט אָנגעהויבן מאַכן די ערשטע צוגריטונגען צו בויען די הייזלעך פאַר די תּושבים פון די געצעלטן. אין אַ קליין הייזל וועט מען וווינען, זי וועט ווייסע פאַרהענגלעך אויפהענגען, אַרום וועלן זיך גרינען שאָטנביימער. געטראַכט האָט זי, אַז זי איז געגליכן צו די אָפּגעבראָכענע צווערגקוסטעס

וואָס דער ווינט קייקלט ביז זיי ווערן פאַרפּלאָנטערט אין דערנער. דער גורל האָט זי פאַרטראָגן אַהער, אינעם לאַנד וווּהין עס האָט זיך מיט פאַרכטיקן ציטער געריסן אַליש. אין יוטעס אויגן איז ער ניט געווען דער זעלביקער ווי אין וואַרשע. דאָס איז עפּעס אַ שאָטן פון יענעם יונגן מלחמה־מענטש, וואָס האָט זיך פון די ערשטע אַריינגעריסן מיט זיין פאָלק אין צעשטערטן וואַרשע, דאָס איז ניט דער וואָס האָט ווי אַ שטורעם דורכגעשניטן די ווייסל, ניט דער וואָס זיין באַשפּאַרנטער טראָט אויף די טרעפּ האָט געמאַכט אויפציטערן איר מיידלש האַרץ.

אַ שטאָלצע, מיט אַ קילער רויִקייט, האָט זי געטראָגן די פאַרבאַרגענע שרעק פון יאָרן אויף דער אַרישער זייט. אָט די אַרויפגעצוווּנגענקייט פון יאָרן איז פּלוצעם צעטאַיעט געוואָרן ווי אייז. די צונויפגעצויגענע וויִעס זענען אָפן געוואָרן אין זייער מילדער און פולער שיינקייט און יוטע איז געוואָרן ווידער דאָס לאַכנדיקע מיידל פון די שיינע וואַרשעווער גאַסן.

אין דעם געצעלט איז אַלץ געוואָרן אַנדערש. אַליש איז צוזאַמען מיט אַלע תּושבים פון דער לייוונטענער שטאָט געגאַנגען זוכן אַרבעט. זיין בליק האָט אַנגענומען דעם טרויער און די באַזאָרגטקייט פון די שכנים. ער האָט איצט געוואָרט מיט אַ באַזונדערער הכנעה אויף יוטעס מילדקייט און גוטן בליק.

דעם טאָג ווען אַליש איז אַוועק צוזאַמען מיט עטלעכע פון די געצעלט־שכנים צו די בויאַרבעטן איז זי אַרומגעגאַנגען איבער די פאַרטריקנטע פּרדסים, איבער די זאַמדן, ביז די זון האָט זיך געשטעלט אין מיטן הימל. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ קוסט, געוואָלט אָפּברעכן אַ צווייגל. אַ פויגל האָט געלאָזן נאָך זיך אַ העל־גרין פעדערל, דערנאָך איז אַ געצוויטשעריי געהאַנגען איבער איר קאָפּ, איבער אירע זאַנגענהאָר; דאָס איז געווען אַ טרויעריק, אַן אָפּגעהאַקט געצוויטשעריי, אַ פייגל־געוויין וואָס האָט געוועקט אין איר מילדקייט. צווישן די קוסטעס האָט זי דערזען אַ שטרויענעסט מיט פייגל־אייעלעך.

זי האָט אָנגעהויבן צו זען לעבן אַרום זיך אין דער וויסטעניש, לעבן אויף יעדער שפּאַן, אַ געראַנגל פאַרן לעבן, אַזוי ווי עס פירן די מענטשן, אַזוי ווי זי האָט עס געטאָן אין יענע טרויעריקע טעג. אַזוי ווי עס טוט איצט אַליש.

און אַז ער איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט האָט זי געוואָרט אַן אויפגעלייגטע פאַרן געצעלט, אַראָפּגענומען פון זיין אַקסל די גראָע לייווענטע־נע טאָרבע, מיט וואַרעמע הענט אַרומגעגלעט זיין פאַרשטויבט און מיד פּנים און דורך פאַרבאָרגענע טרערן אַריינגעלאַכט אין זיינע אומעטיקע אויגן.

ג

אָליש האָט ניט גערעדט מיט יוטען וועגן זיין אַרבעט. זי האָט אויך אויסגעמיטן וועגן דעם צו פרעגן נאָר ווייט אין דער נאַכט אַריין דערציילט מיט איר קלינגענדיק קולכל וועגן אַלע אויסטערלישקייטן פון די שכנים, וועגן סעדיהן וואָס זיין אויסזען שרעקט זי שוין ניט. זי האָט אויסגעפונען, אַז ער האָט אַ פּאָר גרויסע, מילדע הימלאויגן. מענטשן, האָט זי געזאָגט, וואָס פאַרמאָגן אַזעלכע אויגן מיט אַזאַ בלאָקייט, זענען גוטע, זיי שפּיגלען אַרויס פון דער טיפעניש דאָס לויטערע האַרץ.

זי האָט אים דערציילט וועגן די ריצנבוים־פלאַנצן וואָס וואַקסן יעדן פאַרטאָג אויס ביי די געצעלט־שטעגלעך, וועגן די ברוינע זאַמדגראָזן. נאָר אָליש איז געווען פאַרטיפט אין געדאַנקען וועגן די זיילן וואָס מ׳האָט געגאָסן אויף זאַמד, אויף זיי וועט דאַרפן אויסוואַקסן אַ הויז, און מענטשן וועלן דאָרט וווינען. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס אויך ער איז פאַרמישט אינעם שווינדל ביים גראָבן די גריבער פאַרן פונדאַמענט. פאַר טאָג וועט ער אַוועק, הייסן אָפּשטעלן די אַרבעט. זאָל מען נייע זיילן גיסן און ניט בויען אַ פירשטאָקיק הויז אויף זאַמד...

ער האָט דאָס ניט געטאָן, נאָר גענומען זוכן נייע אַרבעטן.

פון יענעם טאָג אָן זענען וואָכן אַדורך. אָלישן איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אין פּרדסים. ער האָט אויסגעקאָרטשעט די טויטעביימער, אויס־געריסן די העל־ברוינע וואָרצלען און צונויפגעטראָגן זיי אין גרויסע הויפנס, בוים אויף בוים, צווייג אויף צווייג, מיט די לאַנגע וואָרצלען אין די הימלען אַריין. ער האָט געלייגט נייע שאָסייען, געטראָגן שטיינער, דערנאָך געשאָטן דעם דריבנעם חאַצאַץ אויף אויסצופילן די שטיינשפּאַלטן. געאַרבעט האָט ער אַמאָל אין דער סביבה פון דער געצעלטשטאָט און אָפט אין ווייטע מקומות.

אַן אומרויִקייט האָט זיך אַריינגעבויערט אין זיין נשמה, געמאַכט האַסטיקער קלאַפּן דאָס האַרץ און ביי יעדער וואָרט האָט עפּעס אין אים אויפגעציטערט. ער האָט ניט געוווּסט פון וואַנען דער אומרויִקער האַרץ־געקלאַפּ האָט זיך גענומען.

אין איינעם פון די פרימאָרגנס איז ער אין איבערגעפולטן אויטאָ געהאַנגען איבער אַן איינגעבויגענעם מענטשן מיט אַ צייטונג אין דער האַנט. שרייִקע גרויסע אותיות האָבן געשפּיזלט אַלײן די אויגן.

אומגעריכט, אין סאַמע מיט פון די טראַכטענישן וועגן דער אַלטער היים, וועגן די מלחמה־יאָרן, וועגן עפּעס אַ באַגעגעניש ביי דער ווייסל — איז אים געקומען אין זינען דאָס גרויסע הויז ביים ים, דאָס הויכע, דאָס פּילשטאָקיקע.

וווינט מען שוין דאָרט?.. איז עס שוין אויסגעענדיקט?..

דער אָטעם האָט זיך אין אים פאַרהאַקט. אַ לייכטער קאָפּשווינדל. אַ רייל בויגט זיך... וויגט זיך...

דער אויטאָ האָט זיך אַ טרייסל געטאָן ביים ראָג. די פאָרערס האָבן זיך צונויפגעשטויסן איינער מיטן צווייטן.

— וואָס פאַראַ נייס איז היינט אין דער צייטונג?

ער האָט זיך נעענטער צוגעבויגן צום פרעמדן. יענער האָט אַ קנייטש געטאָן די צייטונג און אַריינגערוקט זי אין טאַש.

— אַראַבער האָבן געשאָסן ביי דער גרענעץ... אין ירושלים...

דער פרעמדער האָט אים די ווערטער אַ וואָרף געטאָן אַזוי ווי מען וואַרפט ניקלס און געמאַכט זיך אַ ווענ צום טיר פון אויטאָ.

אַליש האָט פרייער אָפּגעעטעמט. ער האָט דערשפּירט אַ פאַרלייכטער־רונג, אַ רויִקייט. ער האָט אָבער ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַר וואָס האָט אים די תשובה פון פרעמדן באַרויִקט.

ווידער זענען פאַרביי עטלעכע טעג זינט יענעם פרימאָרגן אין אויטאָ. אין די פאַרנאַכטן האָט ער מיט יוטען שפּאַצירט ווייט פון געצעלט־געסל. זי האָט שוין געקאָנט איטלעך גרעזל אוןביימל. און געדוכט האָט זיך, אַז אַלץ אַרום איז מילד געוואָרן צו איר. מיט אַ פרישער ברוינקייט איז באַדעקט געוואָרן איר פּנים. פאַרשאָטענע קוואַלן פון ליבשאַפט צו די

גראָזן, צו די ביימער האָבן זיך געעפֿנט אין איר. זי האָט ניט געוווּסט פֿון וואַנען די ליבשאַפֿט קומט, נאָר זי האָט איר געשפּירט אין אירע בלוט־געפֿעסן. אין די ערשטע טעג האָט די נאַקעטע ווייטקייט זי געשראָקן. שפּעטער פֿלעגט זי זיך איינהערן אין דעם פֿויגל־געזאַנג, אין דעם ווינט־געוואָי צווישן די קוסטעס; און ווען אַליש, דער שטאַרקער אַליש, איז געוואָרן מיד, אומרויִק, אומבאַהאָלפֿן, האָט יוטע ניט באַדויערט מער איר ווייבען אין געצעלט, און איז גרייט געווען פֿון איצט אָן צו טראָגן מיט ליבע דעם שווערן לעבנס־עול.

אין איינעם פֿון די האַרבסט־טעג איז אַליש פֿריִער אַרויס פֿון דער היים, און אָנשטאָט צו דער אַרבעט, איז ער אַוועק צום געסל ביים ים. ער האָט נאָר געוואָלט אַ בליק טאָן אויפֿן הויז, סתּם אַזוי אויס נייגעריקייט. וווינען שוין דאָרט מענטשן? ווי הויך איז דאָס הויז? וואָסער פֿאַרצוימונג האָט עס, וואָקסן שוין ביימלעך אַרום?...

די שאלות זענען געווען נאָר לפֿנימדיקע. ניט אין דער פֿאַרצוימונג איז אים געגאַנגען און ניט אין די ביימלעך אַרום הויז. ער האָט געוואָלט פֿאַררייִדן זיך אַליין, פֿאַרטומלען די גרויסע אומרויִקייט.

— ניין. נאָר אַ קוק טאָן. דערנאָך וועט ער מיט אויטאָ נאָך באַוויזן צו דער אַרבעט. אפֿשר וועט ער פֿאַרשפּעטיקן אויף אַ שעה אָדער אַ האַלבער שעה, וועט ער אָפּאַרבעטן און בלייבן דערנאָך לענגער.

וואָס נענטער ער איז געקומען צום ים־געסל אַלץ געשפּאַנטער איז ער געוואָרן. אַ קליין שלייפֿאָדערל האָט גענומען שלאָגן ווי דאָס טיקטאַקן פֿון אַ זייגער־פּרוזשינע.

דאָרט, וווּ דער ליידיקער בוי־שטח איז געווען, איז איצט געשטאַנען אַ שיינע געביידע מיט ליכטיקע פֿענצטער. ער האָט פֿאַרריסן דעם קאָפּ צו די הויכע שטאָקן, צו דער ליכטיקייט וואָס האָט געשלאָגן פֿון די ווענט, צום בלאָען בלענד פֿון די שויבן־פֿענצטער — און געוואָלט שנעל צוריק גיין צום אויטאָ; נאָר זיין בליק האָט זיך פֿלוצעם אַ גליטש געטאָן לענגאויס די פֿאָדערשטע זיילן וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן דעם גאַנצן פֿראָנט פֿון דער געביידע. ער האָט אַ צוק געטאָן מיט די ברעמען, זיך איינגעקוקט אין דער ווירעדיקער גלייכקייט זייערע, און דערזען די שווערע שטאָקן וואָס ליגן אָנגעשפּאַרט אויף זיי...

ער האָט געזוכט אַ ריס, אַ שפּאַלט, אין די זיילן... און ניט געפונען. עפּעס אין אים האָט שטיל גערעדט: — מען קאָן דערווייל ניט זען... דער טינק איז נאָך פריש...

אַ לאַסטוואָגן איז אָנגעלאָפן און שטיינגעבליבן. עמעצער האָט געטראָגן צוויי שווערע וואַליזעס און פאַרהאַלטן זיך ביי אַלישן. ער האָט געוואָלט, דער פרעמדער מענטש פון לאַסטוואָגן, אַז אַליש זאָל אים פּלאַץ געבן כּדי ער זאָל קאָנען דורכגיין דורכן גאָרטנטירל.

— איר זוכט דאָ עמעצן?

— ניין, איך... איך... — האָט אַליש אָנגעהויבן צו שטאַמלען.

דער פרעמדער האָט אַוועקגעשטעלט די וואַליזעס. פון לאַסטוואָגן איז אַראָפּ אַ קליין מיידעלע מיט אַן אויסגעשטאָפּטן בער אין די הענטלעך און גענומען זיך וויגן אויפן גאָרטנטירל.

— איר קלייבט זיך דאָ אַריין? — האָט אַליש אומדרייסט אַ פרעג געטאָן.

דער פרעמדער, האָט פאַרחידושט אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען, אַ קוק געטאָן אויפן מענטש אין די אָפּגעטראָגענע און פאַרקאַלכטע קליידער.

— יאָ, איר זעט דאָך!

— אין פראָנט־דירה? — איז אַליש ניט אָפּגעשטאַנען מיט זיינע פראַגן; און ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער האָט ער אַ זאָג געטאָן; איך האָב דאָ געאַרבעט ביים הויז... ביים גיסן די זיילן... אַ שווייס האָט אים באַשלאָגן דאָס פּנים.

דעם פרעמדנס אויגן זענען היימיש און פריינדלעך געוואָרן. ער האָט זיך צעשמייכלט.

— זאָל זיין מיט מזל, — אַלישעס קול האָט געקלונגען פרעמד, זיין האַנט האָט דערביי אַ גלעט געטאָן דעם מיידעלעס קעפּעלע און זיך פאַר־האַלטן ביי דער גרויסער זיידענער שלייף אין אירע האָר. — איז ניט בעסער אַ קליין הייזל ניט ווייט פון שטאָט... מיט אַ גערטנדל... מיט גרינס... אַליין... ווייט פון טומל און גערויש...

אַלישעס בליק איז ווידער הענגען געבליבען אויף די זיילן. גראָד איצט האָט ער דערזען, אַז זיי זענען אַ ביסל אויסגעבויגן, אַז זיי זינקען אינעם זאַמד...

צו דער אַרבעט איז ער געקומען ערשט אין האַלבן טאָג. ער האָט שוין מער ניט געטראַכט פון דעם הויז און פלינק געטראָגן די גרויסע שטיינער לענגאויס דעם שאָסייפּאַס.

ד

דער יורה איז יענעם יאָר פרי אויסגעפאַלן. קאַלטע ווינטן האָבן זיך אַריינבאַקומען דורך די געצעלט־שפּאַלטן, זיי האָבן געלאָשן די נאַפּטקאַ־נעצלעך. שאָטנס זענען געשפּרונגען אויף די לייוונטן און געפאַלן צום ערדדיל. די געמויערטע הייזלעך, וועלכע מען האָט צוגעזאָגט צו ענדיקן ביז האַרבסט, זענען ניט פאַרענדיקט געוועןן; די מענטשן האָבן מיט פּחד געוואַרט אויפן מלקוש וואָס וועט קומען מיט זיין וויסטן רעגנגעפּויק אין די לייוונטן, מיט די שטורעמדיקע ווינטן וואָס קאָנען אַוועקטראָגן דעם געצעלט, אַוועקשליידערן און איבערלאָזן די מענטשן אונטער די בייזע, נאַקעטע הימלען. די אויסגעטריקנטע ערד וואָס האָט די ערשט וואַסערן איינגעזאַפּט איז מיט אַ מאָל געזעטיקט געוואָרן. דאָס געסל איז פול געוואָרן מיט גרויסע קאַלוזשעס. די צעווייקטע געצעלטשטריק האָבן נאָכגעלאָזן און די לייוונטן זענען געהאַנגען איבער די מענטשישע קעפּ, אָט אָט אַראָפּ־צולאָזן זיך ווי דער סיני־באַרג פון אַמאָל, אַמאָל...

יוטע האָט באַקומען אַרבעט אין קינדער־גאָרטן. אין די פרימאָרגן־שעהען האָט זי געזאַמלט די קינדער פון די געצעלטן און זיי געפירט צום הילצערנעם באַראַק. זי האָט געהאָלפן דער לערערין, מיטגעזונגען די קינדער־לידער, געפּאַטשט צוזאַמען מיט זיי אין די הענט, דערנאָך פאַרגרייט וואַרעם געקעכטס.

דער פאַן זיגמונט איז שוין מער ניט געפאָרן קיין תּל־אביב. פון די אַלטע באַקאַנטשאַפטן איז גאָרניט אַרויסגעקומען, ער האָט איצט געטראָגן צוויי קאַנען מילך, געוואָרן דער מילך־פאַרטיילער. זיין טונקלער אַנצוג מיט די אויסגעפּרעסטע הויזנקאַנטן איז געוואָרן אָפּגעטראָגענער, אויך איז זיגמונט געוואָרן שטאַרק געעלטערט, האָט זיך מער ניט ראַזירט יעדן טאָג, און אין זיינע געשפּרעכן האָבן זיך אַריינגעריסן יידישע ווערטער. ער האָט שווער געראַנגלט זיך, ניט געוואָלט זיין דער אייגענער וואָס פאַר דער מלחמה — אַן אָנגעשטעלטער אין אַ שניטקראָם. אויך דאָ, אינעם נייעם לאַנד,

האָט ער ווייטער געוואָלט זיין אויף דער „אַרישער זייט” אַן אויסבאַהאַל־טענער, כאָטש ער איז דאָ ניט געווען אין קיין שום סכנה, געוואָלט ווייטער אָנגיין ווי דער „פאַן סענדזשאַ זיגמונט”, אַזאַ ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר די גויים אין קראָקע, פאַר די אַלערליי שענקערס, פריזירערס און קליינע באַאַמטע, מיט וועלכע ער האָט געטרונקען און געמאַכט אַ קערטל. אַזאַ איז ער אויך פאַרבליבן אויך נאָך דער מלחמה, ביז ער האָט גענומען די מילכקאַנען אין די הענט אַריין... מיט דעם טאָג איז ער געוואָרן אויס פאַן סענדזשאַ זיגמונט פון דער „אַרישער זייט” און האָט זיך צוריקגעקערט צום אַמאָליקן זיגמונט, דעם היימישן, דעם פשוטן.

סעדיה האָט אַרום געצעלט צונויפגעזאַמלט פון דער נאָענטער סביבה הויפנס פאַלמעבלעטער און געפלאָכטן פון זיי קיישלעך, זעק און שטריק־קאַנאַטן. די קיישלעך האָט ער געפאַרבט מיט אייקאַליפט־זאַפט. זיי זענען געווען שיין געפלאָכטן, און סעדיה האָט באַקומען אַ שם ווי אַ מענטש מיט גאָלדענע הענט. יוטע האָט גרויס אָפּשיי באַקומען פאַרן שכן. זי האָט אַלעמען געקענט, און אַלע האָבן זי געקענט. די מאַמעס האָבן מיט ברכות פאַרטרויט איר זייערע קינדער און אויסגעזונגען זייער לויב פאַר יוטען מיט האַלדז־ניגונים.

אין אַ רעגנדיקן פאַרטאָג האָט אַליש פּלוצעם ווידער דערזען דאָס שיינע, ווייסע הויז ביים ים־געסל מיט די פאַרזונקענע זיילן און אין אַן אָפן פענצטער — דאָס מיידעלע מיט דער זיידערנער שלייף אין די האָר. די זעונג איז פאַרשוווּנדן ווי נאָר דער אויטאָ האָט זיך אַ טראָג־געטאָן איבער די שטילע פרימאָרגן־געסלעך פון דער שטאָט. דער אומרו אָבער איז געבליבן. זיינע שוואַרצאַפּלען זענען געוואָרן טיפער און געשטאָטנט מיט טרויער און שרעק.

— אַ פירשטאָקיק? — האָט אַ דיקער מענטש אַ פרעג געטאָן ביי אַ פרוי.

— ווען איז עס געשען?

— אין דער נאַכט.

— מען ווייס שוין די צאָל פאַרשאָטענע? — האָט זייטיק געפרעגט אַ מענטש אין כאַקי־קליידער ביי די אַרומיקע.

אַליש האָט דערפילט אַ ציטער אין די געלענקען. דאָס אָדערל ביי דער ליִנקער שלייף האָט געגומען האַסטיק שלאָגן. ער האָט זיך געקלאַמערט אָן אויטאָ־הענגער כדי ניט אומצופאַלן. אים האָט זיך געדוכט, אַז אַלע קוקן אויף אים. דערנאָך איז געהאַנגען אַ געדיכטע שווייגעניש. ער האָט שוין בעסער געוואָלט מען זאָל ריידן. פאַר וואָס די פּלוצעמדיקע שטילקייט?

און און אפשר איז דאָס ניט געשען דאָרט, ביים ים. דאָס הויז איז דאָך ניי, די זיילן שטאַרק, זיצן געגוג טיף. ביין. עס האָט ניט געקאָנט איינפאַלן און פאַרשיטן אונטער זיך... די ווענט זענען פון בעטאָן, די זיילן מיט אייזן, — ביין, ביין, האָט אַליש אַליין זיך באַרויקט.

— פאַר וואָס קוקן די מענטשן אויף מיר? בין איך טאַקע אַזוי בלייך געוואָרן?

ער האָט זיך אַ בויג געטאָן צו דער פרוי.

— זיי מוחל, — האָט ער מיט אַ געבראָכן קול געפרעגט. — אויף וועלכער גאַס איז דאָס געשען? — ער האָט געוואָלט פרעגן אויף וועלכער גאַס איז דאָס הויז איינגעפאַלן, נאָר ער איז ניט בכּוח געווען אַרויסצוברענגען דאָס וואָרט פון מויל. ער האָט זיך אַ וויג געטאָן, זיינע הענט האָבן זיך געקלאַמערט אין חלל, געזוכט אַן אָנהאַלט.

— אין יפו, אין אַראַבישן פערטל...

ער האָט געדאַנקט פאַרן ענטפער. דערנאָך איז אים באַפאַלן אַ מידע און הוילע רויִקייט, אַ גלייכגילטיקייט און פאַרלייכטערונג. ער האָט דעם טאָג אַ סך געפּלוידערט ביי דער אַרבעט, געווען אויפגעלייגט. יוטע האָט אין אָוונט געפילט די ענדערונג אין אים, זי האָט אים נאָך לאַנגע חדשים דאָס ערשטע מאָל דערזען אַ שמייכלענדיקן.

אַרום האַלבענאַכט איז דער אומרו ווידער צוריקגעקומען מיט פאַרטייטע קעציש טריט. אינעם שאָטנגעקנויל פון נאַכטיקן געצעלט האָט זיך אויבן, ביים געצעלטקנופּ, אַריינגעריסען אַ דינער און טרויעריקער לבנה־פּאַס און איז געפאַלן אויף יוטעס פּנים.

פאַר וואָס האָב איך זיך היינט אַזוי דערפרייט? פאַר וואָס... דערפאַר ווייל דאָס הויז איז איינגעפאַלן אין יפו? און אַז מאָרגן וועלן איינפאַלן הייזער אין אַ צווייטן אָרט, וועט דאָס מיך ווידער פרייען, ווייל יענץ הויז אין ים־געסל שטייט, איז גאַנץ?...

## ה

אין אַ פינצטערער ווינטערנאַכט האָט אַליש אויפגעוועקט אַן אימ־פעטיקער רעגן־געפויק. שווערע טראָפּנס האָבן געקלאַפּט איבערן קאָפּ, געקייקלט משונהדיק איבער דעם שיפן לייוונט־דאַך און געפּליעסקעט אַרום דער געצעלט־קאַנאַווע. דער ווינט האָט זיך געוויקלט אין די לויז געוואָרענע שטריק און געטרייסלט די ווענט. אַ וויסטער שאַקאַלן־געוויין האָט זיך געטראָגן פון די זאַמדפלאַכן. ער האָט מער ניט געקאָנט פאַרמאַכן די אויגן. דער רעגנגעפויק האָט אים געהעמערט אין די שלייפן. ער האָט געפרווט איבערדעקן זיך מיט דער קאָלדרע, אָבער דער רעגן־פּליוך האָט, ווי אַ ווערבל־קלאַפּעריי אויף אָנגעצויגענע טויטע פעלן, זיך אַריינגעריסן אין אַלע ווינקעלעך פון געצעלט.

יוטע איז אַ מידע פון דער אַרבעט געלעגן איינגעקנאָדערט און געשלאָפן. אַליש האָט אָנגעטאָן די שיך, אַרויפגעצויגן די קליידער און איז אַרויס פון געצעלט. די געצעלטן זענען נידעריק געוואָרן אין דער רעגנדיקער נאַכט, און זיך איינגעקנוילט.

אַליש האָט לאַנג געפּלאָנטערט זיך אַרום די געצעלטן און ניט געקאָנט אַרויס פונעם שאָטנקרייז. ער האָט אָנגעהויבן לויפן, געשפּרונגען איבער קאַלוזשעס, געזונקען אין בלאָטעס, געפאַלן און ווידער געלאָפן. שאָטנס האָבן אים געיאָגט, עמעץ האָט אים גערופן ביים נאָמען, געשריִען אין דער נאַכט אַריין: אַליש... אַליש!...

אין שפּעטער נאַכט האָט ער דערגרייכט די שטאָט. ער איז געלאָפן איבער די האַלב באַלויכטענע געסלעך, געלאָפן מיט דעם אימפּעט פון אַ בעל־חי, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון געשפּאַן. אַ פאַרשפּעטיקטער דורכגייער האָט זיך מיט גרויס חידוש אָפּגעשטעלט און נאָכגעקוקט דעם לויפנדיקן מענטש אין מיטן דער נאַכט.

אַרום ים־געסל איז געווען שטיל. דאָס הויז האָט זיך דערהויבן אין דער נאַכט מיט גרויסע זיילן און טונקעלע פענצטער. פון איין פענצטער איז געפאַלן אַ מילד־בלאָלעך ליכט. אַליש איז געשטאַנען אין שאָטן פון די זיילן און זיך איינגעבויגן, איינגעיאָזשעט. צו זיינע אויערן זענען דערגאַנגען ווייטע קלאַנגען פון אַ קלאַוויר. די קלאַנגען זענען געקומען

פון דעם איינציק־באַלויכטענעם פענצטער מיטן בלאָען ליכט. זיי זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל דייטלעכער, די קלאַווירטענער, און האָבן אים אַריבער־געטראָגן אין אַ היימיש דאָרף אין זוניקן פאַרטאָג... אַ באָרוועסער פּאַסטעך טרייבט די שאָף... דערנעבן שטראָמט אַ טייכל...

ווער שפּילט דאָס אין דער נאַכט? ווער האָט עס אויסגעפּישופּט ביים ברעג פון טרויעריקן ים, אין דעם הויז וואָס דאַרף איינפאַלן, אַזאַ זוניקע רויִקייט?

און אָליש האָט זיך צעלאַכט מיט אַ הילכיק געלעכטער, מיט אַ גרוייליק קאַלט געלעכטער וואָס האָט ווי אַן עכאָ געקייקלט זיך פון געסל צו געסל, ביז דער ים האָט עס אַריינגענומען אין זיינע צעשטורעמטע כוואַליעס.

# די פרוי פון פראַנץ קאַפקאַ

איך בין געשטאַנען לעבן דעם הילצערנעם צריף, אין אַ הויף פון דער ירקון־גאַס און געפילט דעם הייסן זאַמדאָטעם פון נאַקעטן ים־בערג.

צווישן צוימען פון זשאַווערדיקע בלעכן, שטעכיקן דראָט און ברעטער אויסגעקרימטע פון דער זון, מיט סענקן און שפּאַלטן, האָט זיך אַרויסגעזען דער ים.

דער ברעג איז געווען געל, שוימיק און וואָס ווייטער און טיפער אין ים אַריין איז די געלקייט אָפּגעטראָטן און עס האָט זיך געשפּרייט אַ מיד־גרויע פאַרנעפּלטע ווייט.

ביים איינציקן פענצטער פון קליינעם הילצערן צריף איז געוואַקסן אַ גרוי־גרינער אויסגעלאָשענער אָלעאַנדער. זיינע בלעטער־שפּיצן זענען געווען פאַרדאַרט.

זעט אויס, אַז עס בושעווען דעם זומער זאַלצווינטן. און אפשר איז די שפּיצן־טריקעניש פון די אָלעאַנדער־בלעטער געקומען פון די נעפּלען, וויל אין די נעכט שפּרייטן זיי זיך איבערן ברעג און פאַרצערן דעם יונגן אַרויסשפּראָץ פון די געוויקסן?

דאָס זענען געווען סתם מחשבות, וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן דאָס אָנקלאַפּן אין דער אומבאַקאַנטער טיר.

אַ האַלבן טאָג האָב איך זיך אַרומגעדרייט איבער דער ליידיקער ירקון־גאַס און געזוכט דעם צריף מיטן נומער 36. און אַז איך האָב שוין געפונען דאָס הויז מיט דעם נומער איז דאָס גאָר געווען אַ גרויסע פירשטאָקיקע געביידע. איך האָב געקוקט צום אָפּגעשיילטן טינק פון די פראָנטווענט. אין קאָרידאָר איז געווען פינצטער און כ׳האָב דערפילט אַ דעמפּיק־פייכטן ריח ווי פון ווילדשוואָמען.

איך האָב אויסגעשטרעקט די הענט און געזוכט אין דער ברוינער טונקלקייט פון נאַקעטע ווענט דעם עלעקטרע־קנאָפּ.

צוויי קעץ זענען דורכגעלאָפן ביי מיינע פיס. איך האָב דערפילט דעם באַריר פון עפעס ווייכס און וואַרעמס און איידער איך האָב נאָך באַוויזן אָפצורייסן זיך פון אומהיימלעכן טרעפּן־געוויקל האָט זיך געעפנט אַ שווערע טיר. אַ פּאַס ליכט איז געפאַלן אויף אַ וואַנט און איך בין געשטאַנען אין מיט פון דער ליכטגרענעץ.

כ׳האָב געקוקט אויף אַ נידעריקער פרוי מיט אַ גרויס קיילעכדיק פּנים און אויסגעלאָשענע פישאויגן.

די צוויי קעץ, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער שוועל. איך האָב געזען ווי עס ברענען זייערע אויגן און דער גרינער אויגנפלאַם באַלייכט די קעצישע גאַוואַר־פעדעם. אין דער שטילקייט האָב איך דייטלעך געהערט אַ קאַצן־געוויין.

די אויסטערלישע פרוי האָט צעשפּרייט די הענט און עס האָבן איר נאָכגעפלאַטערט ברוינע שאָטנס. זי האָט איצט אויסגעזען ווי אַ פלעדערמויז מיט אָפענע פליגל.

די קעץ זענען אַוועק און איך האָב דערפילט דעם ריח פון אַ פליישיקער פרויענהאַנט. די פרוי האָט מיך שווייגנדיק אַנגענומען פאַרן אָרעם און איך בין איר נאָכגעגאַנגען. כ׳האָב נישט געהערט אירע טריט און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז די פרוי שווימט.

איצט האָב איך שוין נישט געזען די ארויסגאַנג־טיר, דאָס איינציקע ליכט, אין דעם טונקעלן טרעפּן־ווינקל, איז געוועזן פון אַן אייבערשטן פאַרשטויבטן קראַטן־פענצטערל.

איך האָב גערעדט צו דער פרוי, נאָר כ׳האָב נישט געקאָנט דערהערן מיין אייגן קול.

איז דאָס צוליב דעם גערויש פון ים, וואָס האָט אַזוי אָפּגעשלאָגן זיך אָן די גרויע בעטאָנווענט, אָדער מיינע רייד זענען געבליבן דערשטיקטע אויף די אייגענע מידע ליפּן?

איך האָב געפילט אַ להכעיסדיקע הנאה פון לאָזן זיך פירן דורך דער פרוי אין שלאָפראָק מיטן טיפן דעקאָלט און נאַקעטע הענט.

מיט אַ מאָל האָט זיך אויפגעפּראַלט אַ טיר און דער פרויס פישאויגן האָבן מיר אָנגעוויזן דאָס קליינע הילצערנע הייזל. דאָס איז געוועזן דער הינטערשטער אַרויסגאַנג צום הויף. איך האָב געקוקט אויף דעם קליינעם

הויז, אויף דעם פּאַרצערטן אָלעאַנדער מיט די רויטע האַלב־געעפנטע קנאָספּן. אין זייער בליִונג זע איך שוין דאָס וועלקן — האָב איך געטראַכט.

די אומבאַקאַנטע פרוי איז געשטאַנען אויף דער שוועל מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און געוואַרט ביז איך וועל עפענען די טיר פונעם הייזל. אין איר פּנים איז געווען עפּעס אַ מין עקשנות און באַפעלערישקייט — און איך האָב נישט געקאָנט באַפרייען זיך פון דעם דאָזיקן שטומען באַפעל.

— איך דאַנק אייך... ווען נישט איר וואָלט איך לאַנג געבלאָנדזשעט... אָ, ווי איר האָט עס גלייך דערקענט אַז איך דאַרף צו דער שטוב!..

זי האָט אַ ציטער־געטאָן מיט די וויִעס און איך האָב געזען אין אירע אויגן בייזע פייערלעך.

איך בין אַ ווײַלע געבליבן שטיין פול מיט חידוש און זיך פאַרנויגט מחמת שרעק. איך האָב מורא באַקומען פאַר דער אויסגעשטרעקטער האַנט, פאַר די אויגן אירע, פאַר דער שווערקייט פון איר קיילעכיקן גוף.

עפּעס וועט געשען! כ'האָב זיך געשראָקן פאַר דעם אומבאַקאַנטן, פאַר דעם איבעראַשנדיקן. איך האָב מורא געהאַט אַז באַלד וועלן זיך צעשפּרייטן אַרום מיר שוואַרצע שלייערן און פון די פאַלדן וועלן אַרויס־פליִען פייגל, דורכזעעוודיקע מיט פאַספאַר־אויגן.

מיין שטערן איז באַזעצט מיט טראָפּנס שווייס. כ'האָב צוגעשלאָסן די אויגן. איך בין מיד. אין די מיטאָג־שעהען איז די היץ גרויס. אַז עס וועט אַ ווייע־טאָן דאָס אָנוונטווינטל וועט מיין מידקייט פאַרשווינדן.

אַז איך האָב געעפנט די אויגן האָב איך מער נישט געזען די פרוי מיט די פישאויגן אין דער אָפענער הויפטיר.

האָט מיך דען עמעצער באַגלייט דורך דעם פינצטערן קאָרידאָר? האָב איך דען גערעדט צו אַ פרוי און מען האָט מיר נישט געענטפערט?

דאָס איז דאָך אויסטראַכטעניש. איך בין דאָך אַליין דערגאַנגען צום הויף!

איך בין געשטאַנען ביי דער שוועל און געהאַלטן די האַנט אויף דער טיר.

עפּעס מוז זיין אין דעם הייסן ים־ווינט, וואָס פאַרוועבט מיך אין

מיראַזשן. אפשר איז דאָס אַ פאַטאַמאָרגאַנאַ, אַזאַ וואָס אַנטפּלעקט זיך נישט אויף רחבותדיקע פלאַכן, אין מדבריות, נאָר גראָד אין געקנויל פון פינצטערניש, אין רגעס פון מידקייט?

איך האָב אָפּגעווישט דעם שווייס פון מיין פנים און נאָך אַ מאָל זיך אויסגעקערעוועט צו דעם גרויסן הויז.

אין דער אָפענער טיר זענען געשטאַנען די צווי קעץ. איך בין צוגעגאַנגען צום קאָרידאָר און געזוכט די אינעווייניקסטע טיר. איך האָב גלייך אָפּגעפונען דעם עלעקטרע־שאַלטער. עס איז ליכטיק געוואָרן. און אויסטערליש! — איך האָב דאָרט קיינעם נישט געזען. עס זענען דאָ בכלל קיין טירן נישטאָ. די וווינונגען זענען נאָר אויף די אייבערשטע שטאָקן. ווייסעך־וואָס — אַ חלום וואָס האָט אָנגעהאַלטן רגעס נאָר, אַ חלום אין סאַמע מיטן טאָג, אַ חלום מיט אָפענע אויגן. אַ זעונג וואָס איז אַן אָפּשפּיגלונג פון אַ פּאַסירונג מיט יאָרן צוריק אויף פינצטערע טרעפ.

איך בין גיך צוגעגאַנגען צו דער הילצערנער שטוב און אויפגעעפנט די טיר. דאָס איז געווען אַן אַלטע סקריפּנדיקע טיר מיט לויזע, קלימפּערדיקע שויבן. ס׳קליינע קאָרידאָרל — באַשטעלט מיט אַלטע שענק, מיט אויס־געבויגענע שטולן און הילצערנע קאַסטנס.

איך האָב דערהערט אַ הוסטן, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן פון אַ הייזעריק ברומעריי און דערנאָך ווידער אַ הוסטן, ווי ס׳וואָלטן זיך געראַנגלט צוויי זקנים, איינער וואָס הוסט און דער צווייטער וואָס כעסט זיך און ברומט. ביים דריטן טראָט וואָס איך האָב געמאַכט בין איך שטיין געבליבן אין אַ קליין צימערל. ביי אַ וואַנט, וואָס איז באַקלעפּט געווען מיט טאַפּעטן פון אַ שימל־קאָליר, איז אין אַן אייזערן בעט געלעגן אַן אַלטער מאַן מיט אַ רויטער באָרד. ער איז געווען איבערגעדעקט ביזן האַלדז, נאָר זיין רויטע באָרד איז געלעגן אויף דער קאָלדרע און איין האַנט, מיט לאַנגע געלע פינגער, האָט געמאַכט צו מיר פאַרשיידענע צייכנס.

איך בין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן טיש, אויף וועלכן עס איז געלעגן אַן אָנקאָליריקע צעראַטע און האָב באַטראַכט דאָס צימערל. איך האָב געקוקט אויף דעם קרעדענס מיט די האַלב־געעפנטע שופלאָדן, אויף די מעשענע שבת־לייכטער, אויף די פּאַטאָס, אויף דעם געל געפּעס.

אין שוואַרצן שפּיגלראַם איז געווען פאַרגליווערט אַ גרויסער וואַקסענער

פלעק, אַ קיילעכדיקער. אַז איך האָב זיך איינגעשפּיגלט, בין איך פאַרציטערט געוואָרן.

איך האָב דאָרט דערזען נישט מיין פּנים נאָר אַ געל פּנים פון אַ טויטער זקנה! אַ לאַנגדיקע זקנה מיט ליימשערבלעך אויף די אויגן. זי האָט געלאַכט מיט אַ טונקל אָנצייניק מויל.

אַז דער זקן מיט דער רויטער באָרד האָט אויפגעהערט הוסטן און אָנגעהויבן ריידן, איז מיין בליק נאָך אַלץ געווען צוגעשמידט צום שפּיגל פון דער וואַנט. אין שפּיגל־ראַנד האָב איך געזען ווי דער זקן באַוועגט מיט די ביינערדיקע פינגער. דאָס ווייזט ער מיר אַוודאי אָן אַ שטול, כ'זאָל זיך זעצן.

— אַ דאַנק, אַדוני...

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט און אַרויפגעלייגטביידע הענט אויף דער צעראַטע. מיינע פינגער האָבן זיך געשפּילט מיט אַן אומגעלומפּערטן ים־מושל. איך האָב באַרירט די קאַרבן, געגלעט דעם געשליף און דערביי אויפגענומען דעם שטילן מאָנאָטאָנעם ים־גערויש און דעם געזשום פון הייסן זאַמדווינט. דער ניגון קומט פון די זשאַווערבלעכן וואָס פאַרהאַלטן די זאַמד־וואָלקנס.

— איך דאַרף צו דער מאַדאַם דאָראַ... האָב איך געטראָפן?..

אַ באַרויקטער האָט דער אַלטער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

—וואַרט אַ פּאָר רגעס. איר האָט געטראָפן. באַלד קומט זי...

ער האָט מיך באַטראַכט מיט גרויסע אַרויסשטאַרנדיקע אויגן. אַז איך האָב געקוקט צום פענצטערל האָב איך געזען דעם ים און איבער דעם ים אַ וואַקסענעם הימל.

— עס איז היינט אַ שווערער טאָג, אַ חאַמסין. — האָב איך געזאָגט און געוויגט די מושל.

זי האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער אויער און איך האָב גערעדט צום מושל־אויער וועגן וועטער, וועגן דעם שיינעם אַלעאַנדער וואָס איז אַזוי פאַרצערט געוואָרן. כ'האָב דערביי באַטראַכט די בילדער; יונגע מענטשן אין ווייסע העמדלעך, אַ מאַן אין פעלד ביים שניט. צוויי יונגע פרויען ביי אַ קליין קיילעכדיק טישל. אויפן שפּיגל האָב איך מער נישט געקוקט. איך האָב די גאַנצע צייט אָפּגעוואָנדן מיין בליק פון דער שווערער,

געשניצטער, שוואַרצער שפּיגלראַם. אויף טייל ערטער האָבן זיך אָפּגעקלעפּט די טאַפּעטן און עס האָבן אַרויסגעקוקט נאַקעטע ווענט פון נישט־געהיבלטע ברעטער.

— ווען איז די מאַדאַם דאָרא געקומען צו פאָרן? וועט זי דאָ לאַנג בלייבן?

ער האָט זיך געוואָלט אויפהייבן, נאָר דאָס הוסטן איז אים באַפאַלן. גראָד האָב איך דערהערט טריט און אין שטוב איז אַריין אַ טונקל־געקליידטע פרוי. זי האָט געהאַלטן אין איין האַנט אַ האַלב ברויטל און אין דער צווייטער — אַ קליין פּאַפּירן טאָרבעלע.

זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ גרוי פּאַרלאָשן פּנים.

אין צימערל איז געוואָרן אַזוי שטיל אַז מיר האָט זיך געדוכט, כ'הער דעם סודותדיקן גערויש פון דער ים־מושל.

די פרוי האָט אַוועקגעלייגט דאָס ברויט אויף דער צעראַטע און מיר האָבן עס אַ ווײַלע באַטראַכט. דערנאָך האָט זי אויפגעהויבן די אויגן און איך האָב דערזען דעם שאַרפן בלענד פון די גרויסע אַרויסשטאַרנדיקע שוואַרצאַפּל.

זי איז געווען נאַכלאַזיק געקליידט, די האָר צעווינטיקט, די ברעמען צעשויבערט, צונויפגעוואַקסן מיט אַ טונקלען האָר־מעך און דער רונדיקער שטערן לייכט געקאָרבט פון צעריסענע קנייטשן.

אַ פּנים פון אַן אלמנה אין די ערשטע וואָכן פון טרויער.

זי האָט געטראָגן דעם טרויער מיט אַזאַ זעלבפאַרשטענדלעכקייט ווי די אָונט־וואָלקנס, וואָס טראָגן דעם אָרעמען שיין פון אַ פאַרגייענדיקער לבנה.

— אַנטשולדיקט. איך בין אַזוי אומגעריכט געקומען צו אייך. — האָב איך שטיל געשעפּטשעט.

— מען האָט מיר געזאָגט אַז איר וועט קומען. איך האָב געוואַרט...

איר שטים איז געווען פול מיט טרויער. אַזוי ריידן מענטשן אויף נאַכטיקע רעגן־פעלדער אין שפּעטן האַרבסט.

— זענט איר פרוי דאָרא?

זי האָט געשמייכלט.

דאָס איז געווען דער ערשטער שמייכל, וואָס איך האָב דערזען אויף

איר פּנים. די לייכטע קאַרבן אויף איר שטערן זענען פאַרשוווּנדן און איך האָב פּלוצעם דערזען יענעם קאָקעטישן אויפצאַפּל, וואָס איז שוין אויף דער גרענעץ פון פאַרגייענדיקן פרויען־חן און אַלטקייט. אַ געניש פרויענאַוויג האָט געוואָרט אויף דעם קלענסטן וויבריר פון מיינע פּנים־מוסקלען.

ווען איך האָב אויפגעהויבן מיין בליק צום ים האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז ס׳זע דאָרט אַ מעווע, וואָס קאָן נישט דערגרייכן צום מאַסט פון אַ שווימענדיקער שיף. וואָס וועט זיין? ווו וועלן זיך אויסרוען די מידע פליגל?

— עס איז הייס... מען זעט פון דעם פענצטער אַ שטיק ים... תּמיד קומט פון דאָרט אַ קיל ווינטל, נאָר היינט טראָגט זיך אַזאַ הייסער אָטעם...

זי האָט אויך געקוקט צום פענצטערל און געשוויגן.

איך האָב פאַרדעקט מיט דער האַנטפלאַך דעם מושל. זאָל אויפהערן דער מושל־געריש.

— זעט איר די מעווע? אָ, ווי ווייט זי איז שוין פון ברעג! וואָס זוכט זי אין דעם טרויעריקן, ווייטן ים?

איך האָב זיך געחידושט אויף מיינע פראַגן. צו וועמען זענען זיי געווענדט? איך בין דאָך געקומען נישט צו קוקן פון דעם אַלטן פענצטערל אויפן ים און סתּם ריידן וועגן זאַכן וואָס בינדן זיך נישט.

אָ, דער הייסער ים־ווינט!

— אַנטשולדיקט. איך בין אַזוי...

די רויטע באָרד פון זקן און די געלע קנאָכיקע פינגער. דאָס וואַקסענע פּנים, דאָס פאַרגליווערטע אין שפּיגל. דער פאַרדאַרטער אָלעאַנדער, די טרויעריקע פרוי און דער לעצטער אויפצאַפּל אויף דער גרענעץ פון פאַרגאַנג. דער טיש מיט דער צעראַטע. די קעץ, די פרוי אויף די פינצטערע טרעפּ. איך האָב דאָס אַלץ דערזען אַזוי שאַרף, אַזוי נאָענט און איך בין אַריינגעוועבט געוואָרן אין דעם אַלעם מיט פעדעם וואָס איך קאָן נישט צערייסן.

— קאָנט איר מיר שענקען אַ ביסל צייט?

און ווידער האָט זיך אַ וויג־געטאָן דער ים־פלאַך און איך האָב געשעפּטשעט צו איר: — אָ, איר זעט דעם פויגל? ער איז שוין ביים ברעג. ער רוט אויף די וועלן...

זי האָט ווידער געמאַכט אַ פּאַרצווייפלטן פּרווו צו שמייכלען. איך האָב דערפילט אַ לאָקנדיקע שרעק. כ׳האָב געוואָלט וואָס גיכער אַוועקגיין פון דאַנען און אין דער זעלבער צייט האָט עס מיך געצויגן צו דער דאָזיקער פרוי.

דאָס אויפגעשניטענע ברויטל איז פריש און די זאַטע ברוינקייט פאַרהיימישט אונדז ביידן.

— ווייסט איר פאַר וואָס איך האָב אייך געוואָלט זען? איך וויל וויסן וועגן אייערע בערלינער יאָרן. איר פאַרשטייט מיך זיכער. קאָן זיין אַז איך וועל וועגן דעם געשפּרעך שרייבן. „אייערע יאָרן" — מיין איך נישט נאָר אייך אַליין, אויך יענעם מאַנס יאָרן.

איך האָב נישט געוואָלט אָנרופן דעם נאָמען און געוואָלט אַז זי אַליין זאָל דאָס טאָן. און איך האָב דערפילט אַ דאַנקבאַרקייט צו מיר, וואָס איך האָב דעם נאָמען נישט אַרויסגערעדט. איך האָב די דאַנקבאַרקייט אירע דערפילט אין דעם לייכטן פינגער־באַריר אונדזערן אויף דער געשליפענער זייט פון דער מושל.

—אַנטשולדיקט, דערלויבט מיר אָנרופן דעם נאָמען און ריידן אָפן.

זי האָט מיט אַ קאָפ־שאָקל אויסגעדריקט איר הסכמה.

— איר זענט די פרוי פון פראַנץ קאַפקאַ?

זי האָט צוגעשלאָסן די אויגן און די פאַלדן אויפן שטערן זענען אומרויק געוואָרן.

— איך וועל מער נישט שטעלן קיין שום פראַגן. — האָב איך געזאָגט.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט.

— איר דאַרפט דאָס נישט טאָן, יונגער מענטש. איין רגע, איך קום באַלד.

איך האָב געטרונקען די טיי און געהערט ווי זי פּאָרעט זיך אין קיכל. דערנאָך האָב איך געהערט דעם סקריפּ פון אַ זייטיקער טיר. די טיר האָט זיך געעפנט לעבן קרעדענס, זי איז פון דרויסן געווען באַקלעפּט מיט מאַט־ברוינע טאַפּעטן. כ׳האָב זיך געחידושט וואָס כ׳האָב די טיר ביז איצט נישט געזען.

ווען דאָראַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן מיר אין אַ געפלאָכטענער שטרוישטול, האָב איך נישט באַמערקט קיין שום ענדערונג אין אירע

קליידער. די זעלבע שוואַרצע בלוזע, דער טונקעלער ראָק. איך האָב נאָר דערקענט אויף איר פּנים דעם ווייסן פּודער־שטויב און דערזען די זילבער־בראָש, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ באַלויכטענער שפּינגעוועב פון דינע זילבער־פעדעמלעך.

— איך זע אַז איר וווּנדערט זיך אויף מיין אויפהאַלט אין דעם צריף. עס וועט שווער זיין צו שמועסן אויב איר וועט נישט וויסן ווי אַזוי איך קום דאָ אַהער.

איצט האָט זי שוין געשמייכלט אָפן.

— דער זקן, דאָס איז דער פאָטער פון מיינעם אַן אַלטן גוטן פריינד. ער איז אין אַ קיבוץ. איך וועל זיך דאָ אויפהאַלטן עטלעכע טעג. מיר זענען נאָך באָענט געווען אין פּוילן, דערנאָך אין בערלין און דאַן איז געקומען פּראַגע. ווען נישט די באַגעגעניש וואָלט איך געווען איצט אין ישׂראל מיט מיין פריינד. ער איז אין גליל, אַ ווייַנגערטנער אין אַ קיבוץ. מיר האָבן זיך אַ סך יאָר נישט געזען. זיין פּלוצעם אַוועקפאָרן און מיין בלייבן אין בערלין האָבן אַ שייכות.

איך האָב געזען ווי דער אַלטער ווערט אומרויק. כ׳האָב דאָס דערקענט לויט די ציטערנדיקע פינגער.

— עס וואָלט אַלץ געווען אַנדערש... כ׳זע זיך אָפט מאָל אויף די פעלדער פון גליל. עס איז אָבער געקומען עפּעס אַנדערש; אַ קליין צימערל אין אָרעמען קוואַרטל פון בערלין. אַ נאַפטלאָמפּ וואָס ברענט אויף דעם שרייבטיש. אָ, ווי פראַנץ האָט ליב געהאַט צו שרייבן ביים נאַפטלאָמפּ. איר ווילט וויסן דעם אָנהייב? — זי האָט אויסגעשטרעקט אַ קליינע טונקעלע האַנט ווי זי וואָלט געוואָלט איינהאַלטן דאָס געלויף פון אַ שוואַרצער קאָטש אויף אַ נאַכטיקער גאַס.

— דאָס איז שוין אפשר באַקאַנט? אַ יונגע פרעבליסטין פון אָסטן מיט קינדער אין אַ סקווער, ווו ס׳וואַקסן טרויעריקע קאַשטאַנען. אַ אַדורכגייער בלייבט שטיין און ביידע קוקן זיך אָן, די פרעבליסטין און דער יונגער מאַן. עדות פון דער באַגעגעניש זענען די קינדער און נאַקעטע, קוים־שפּראָצנדיקע פרילינג־ביימער. דאָס איז געווען דער אָנהייב אין דעם קעגנזייטיקן בליק איז געווען אַלץ. דער אויפבלי און גלייכצייטיק דער אָנזאָג פון סוף. דערנאָך האָב איך מיטגעוואַנדערט מיט קאַפקאַן, בייגעווען

אויף אַלע פאַרהערן ביי די ריכטער פון אייביקן פּראָצעס. איך האָב זיך געשלענגלט אויף די שמאָלע טרעפּ, אין שטויב, אין ענגשאַפט, אין אָרעמקייט, צווישן טונקעלע ווענט, אין לאַנגע אומענדלעכע קאָרידאָרן האַלב־פינצטערע. מיר האָבן זיך אָנגעשלאָגן די קעפּ אָן די נידעריקע סופיטן... איך האָב אָנגעגאָסן נאַפט אין לאָמפּ און זיך געבריט די פינגער ביים אַרומשניידן דעם אָפּגעברענטן קנויט. ניין, נישט נאָר דער קנויט איז פאַרקוילט געוואָרן. איך בין שוין קיין מאָל נישט אַרויס פון דער וועלט וואָס ער האָט באַשאַפן. דאָס איז אַ רעלאַע וועלט! אַזאַ איז זי ביזן היינטיקן טאָג. מען וויל זי פאַרפּוצן דעקאָרירן, דאָרט, אין יענעם צימערל, ביים שיין פון דער נאַפטלאָמפּ, האָט ער אַנטדעקט די אמתע וועלט. דאָס איז זי! זעסטו נישט דעם פאַרמישפּטן אויף די גאַסן פון אַלע שטעט פון אונדזער ערד? ביסטו דען נישט אַליין אַ פאַרמישפּטער? מיר איז דאָ גוט, אין דעם קליינעם שטיבל, צווישן די מעשענע לייכטער, אַלטע טאַפּעטן־ווענט און דעם שפּיגל מיט דער שוואַרצער ראַם. דאָס איז דער אמת? אַזאַ איז דאָס פּנים פון דער וועלט. אַלדאָס איבעריקע איז פאַרפּוצונג, ליגן פאַרקליידטער, דעקאָראַציעס פון אַ ביליק וואַנדער־טעאַטערל.

זי איז צוגעגאַנגען צום זקן און אָנגענומען זיין האַנט.

— מיין פריינדס פאָטער איז פון אָסטן. שוין פערציק יאָר אין דעם לאַנד. אז איך קוק אויף אים זע איך פּראָג, אַזוי האָט אויסגעזען פראַנצס פאָטער. אומעטום באַגעגנט מיך יענער אומעט. אין זשאַווער פון די בלעך־צוימען, אין די וואָלקנס שטויב. איך באַוועג זיך אין אַ לאַבירינט פון טרעפּ און טירן, פון ענגע הייף. אויך אייך האָב איך שוין ערגעץ געזען. יאָ, איך האָב אייך באַגעגנט. אפשר זענט איר געקומען מיט אַ העפט לידער צו קאַפקאַן? און אפשר האָט איר זיך פאַרנויגט פאַר אונדז אויף איינער פון די פּראָגער גאַסן? האָט איר זיך אַמאָל נישט אָפּגעשטעלט פאַר אַ בלייכן דערשראָקענעם יונגן מענטש און געשטאַמלט וועגן אייביקייט און שיינקייט, ווען אַלץ זינקט אין פינצטערניש? איר וווּנדערט זיך? איר ווילט זאָגן אַז נישט איר זענט דאָס געווען? דאָס איז נישט וויכטיק. אַזעלכע ווי איר קען איך. איך קען. אַזוי ווי כ׳קען די קאַשטאַן־ביימער די בלינדיקע און די וואָלקנדיקע... כאַ־כאַ־כאַ... זייט נישט בייז. איך האָב אייך נישט געמיינט צו באַליידיקן...

ווידער האָב איך דערשפירט אירע קילע פינגער. איך האָב צוריקגעצויגן מיין האַנט. מיט יעדער מינוט איז פרוי דאָראַ געוואָרן אַלץ מער און מער פּאַטעטיש. איך האָב דערקענט, אַז די דאָזיקע רייד רעדט זי נישט צום ערשטן מאָל. אַזוי ריידן מענטשן אויף דער בינע, ווען מען זעט זיי שטייענדיק נאָענט ביי די פאָרהאַנגען. זיי האָבן ליב די שאָטנס וואָס וויגן זיך פון לאָמפּן־אויפצאַפּל. דאָס שאַפט פאַר זיי דעם מיראַזש פון אומרויִקע מענטשן.

דער אָוונט פאַלט צו. איך שטיי לעבן טרויעריקן אַלעאַנדער. דער ים ליגט פאַר מיר אָפן. דאָרט וואַנדערן אַרום צעריסענע פיאָלעט־גרויע וואָלקנס.

מיט דריי יאָר שפּעטער.

איך שפּאַציר מיט מיין פריינד, וואָס איז מיט עטלעכע טעג צוריק געקומען פון לאָנדאָן. מיר גייען לענגאויס דעם ים־ברעג און שווייגן. עס איז גוט צו שפּרייזן אויף דעם פייכטן זאַמד. איך האָב ליב צו זען ווי די אָנקומענדיקע כוואַליעס פאַרווישן אונדזערע פוסשפּורן.

ווען איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום יפוער האַפן, האָב איך געזען ווי עס דערנענטערט זיך פון דאָרט אַן איינזאַמע טונקעלע שיף מיט איין־און־איינציקן מאַסט. די שיף איז געשווומען מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער שנעלקייט.

— לאָמיר אויף איר וואַרטן — האָב איך געזאָגט.

אין האַפן האָט זיך שוין געצונדן און געלאָשן דעם ים־לאַמטערן אויפן שטיינערנעם טורעם און נישט וויט פון אים האָט זיך אָנגעזען דער אַלטער יפוער מינאַרעט.

— דאָס איז נישט קיין שיף. ס'איז אַ שאָטן פון אַ שיף. עס טרעפט, אַז די כוואַליעס רייסן אָפּ די שאָטנס פון אַ שיף און פאַרטראָגן זיי מיילן ווייט.

— זעסטו נישט דעם מאַסט? — האָב איך געפרעגט.

און אין דער רגע איז אויפן האָריזאָנט, קעגנאיבער אונדז, דורכ־געשווומען די שאָטן־שיף.

ווי פון די כוואַליעס אַרויס האָט זיך אָפּגעריסן אַ מעווע און גענומען שוועבן צו דער שיף.

טרויעריקע פויגל־פּליגל, באַלויכטענע פונעם זון־פאַרגאַנג, און אַ מאַסט פון אַן אומבאַקאַנטער שיף.

אַז איך האָב אַ קוק־געטאָן אויף די הייזער פון ברעג און געזען די רוקנס פון די געביידעס פון דער ירקון־גאַס, איז מיר געקומען אין זינען די באַגעגעניש מיט דער פרוי דאָרא דימאַנט.

— דאָרט, אויבן, אין איינעם פון די הילצערנע הייזער, האָב איך באַגעגנט די פרוי פון פראַנץ קאַפקאַ.

— זי איז געשטאָרבן אין לאָנדאָן מיט אַ וואָך צוריק. כ׳האָב געלייענט אין אַ צייטונג עטלעכע שורות וועגן איר טויט. אַ האַרץ־אַטאַק.

— האָסטו זי געקענט? — האָב איך דערשטוינט געפרעגט.

— יאָ, איך האָב זי געקענט. זי האָט דערציילט וועגן קאַפקאַס מאַנוסקריפּטן, דערנאָך האָב איך זי געזען אין ווייטשעפּל אויף די בינע־ברעטער. זי איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט ביי אַ טונקעלן פאָרהאַנג און פאָרגעלייענט אַ פאַרפלאָנטערטן איינאַקטער. אין האַלב־ליידיקן זאַל זענען געזעסן אַלטע יידן פון ווייטשעפּל. יידן דרימלענדיקע אין טונקעלע קליידער מיט גרויסע וועסטן; ווייבער גוידערנדיקע מיט שלייערן. איינער, פון דער ערשטער ריי, האָט אַרויסגענומען פון דער וועסט אַ גרויסן זייגער מיט רוימישע ציפערן און צוגעטראָגן נאָענט דעם ציפערבלאַט צו די אויגן. די זילבער־קייט האָט אַ קלונג־געטאָן און עס איז געוואָרן שטיל. איר שטים איז פאַרשטיקט געוואָרן פון טונקעלן סופיט, פון די שווערע בענק און איך האָב נישט געקאָנט אויפכאַפּן דעם צוזאַמענהאַנג פון אירע רייד. איך בין אַוועק אין מיטן פון איר פאָרלייענען. מיינע טריט האָבן געהילכט אין דער ליידיקייט פון זאַל. מען האָט מיר נאָכגעקוקט און איך האָב פאַרלאָזט דעם ווייטשעפּלער זאַל, ווי אַ באַשולדיקטער וואָס אַנטלויפט איידער מען גיט אַרויס אויף אים דעם אורטייל. אין פינצטערן קאָרידאָר האָב איך זיך אַרומגעקוקט און געהאַט דאָס געפיל אַז עמעצער וועט מיך פאַרהאַלטן און איך וועל נישט קאָנען אַרויס פון דער פינצטערניש...

עס איז שוין נאַכט.

מיין פריינד איז אַוועק. איך בין איינער אַליין געבליבן אין מיט פון באַלויכטענעם ראָג.

גרויסע קינאָ־רעקלאַמעס. באַלויכטענע פון ראָז־גרינע נעאָן־ליכט. אַ לאַכנדיקע נאַקעטע פרוי און אונטן, ביי אירע פיס, טאַנצן מענער, גרויס ווי די קאַרליקעס. אַ דזשאַז ברעקלט זיך ווי מען וואָלט געשטויסן קרישטאָל־וואַזעס.

— דאָס איז אַ ליגן! — רוף איך צו זיך אַליין. — דער אמת איז דאָרט!

איך האָב צוגעשלאָסן די אויגן און געזען די שאָטן־שיף אויפן ים־האָריזאָנט; דעם איינזאַמען פלאַטערנדיקן פויגל, וואָס קאָן נישט דעריאָגן דעם מאַסט פון דער שיף וואָס עקסיסטירט אפשר נישט; דעם פאַרוויאַנעטן אַלעאַנדער; דעם זקן מיט דער רויטער באָרד...

איך גיי איבער די נאַכטיקע גאַסן און דערזע זיך ווידער ביים ים. איך שלייך זיך דורך דעם פּראָנטיקן הויז. דער הויף איז פוסט. דאָס אַלטע הייזל איז שוין נישטאָ. עס זענען אויפגעבראָכן געוואָרן די בלעך־צוימען. טונקעלע שטיינערנע טרעפ פירן צו דעם אָפענעם נאַכטיקן ים.

# אַ מידבר־רויז

די שפּורן אין זאַמד האָבן קלאָר געוויזן אַז דריי מענטשן זענען דורך דאַנען געגאַנגען. דריי אין שיך מיט גומי־זוילן. זיי האָבן געפירט אַ קעמל. זעט אויס אַז דער קעמל האָט געשלעפּט אַ שווערע משׂא. מען דערקענט דאָס לויט די סימנים אין זאַמד. דער קעמל האָט אָפּט געקניט און די אָפּדרוקן פון די פאָדערשטע קני זענען געווען בולט.

אמנון איז געגאַנגען פאָרויס און באַטראַכט די שפּורן אין זאַמד. נאָך אים — עטלעכע באַוואָפנטע שומרים פון קליינם נגב־יישוב. זיי זענען אַזוי אַוועק אַ דריי וויאָרסט פון דאָרף. אַז מען קוקט צוריק זעט מען קוים, קוים דעם וואַסער־טורעם און אַ שורה טעלעפאָן־סלופּעס. אין מידבר האָבן אוודאי געבושעוועט צפון־ווינטן. אַ גרויסער נאַקעטער זאַמד־אינדזל איז צעפּאַל־דעוועט געוואָרן מיט שאַרפע רוקנס צום דרום. די זון האָט זיך ווי דורכ־געגליטשט און איבערגעלאָזן אין די פאַלדן שטיקער גליענדיק קופּער. דאָרט ווו עס ענדיקט זיך דאָס זאַמד־פעלד זענען די שפּורן נעלם געוואָרן. בלויז אויף איין אָרט, צווישן די שטיינער, האָט מען געזען סימנים פון אַ קעמל.

נעכטן, נאָך האַלבנאַכט האָט עמעצער דערזען דורכשלייכן זיך עטלעכע שאָטנס. די שאָטנס האָבן אויסגעמיטן דעם הויפּטוועג און אַראָפּ־גענידערט צום וואַדי, צו די נידעריקע קוסטעס. אַ שאָס האָט אָפּגעהילכט. אַן איין־און־איינציקער שאָס. דערנאָך איז געקומען דאָס ווידערקול, אַזאַ שוואַכס, ווי עמעצער וואָלט איבערגעבראָכן אַן אויסגעטרוקנט צווייגל.

אמנון האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און גענומען דאָס מאַשין־געווער אויף די קני.

— העי, וואָס שלעפּט איר זיך ווי די זקנים! יאַללאַ!...

זיין געהער איז אָנגעשטרענגט. ער הערט אַ סקריפּעריי אין זאַמד און דאָס שורשען פון גראָזן. אַן אויסטערלישער פעלדשטיין, אַ טונקעלער, אַ

פֿאַרברענטער ווי מען וואָלט דאָ אַמאָל גרויסע שייטערס געצונדן. ער האָט תּמיד ליב צו זוכן מיטן בליק צווישן די פֿעלדזשפּאַלטן און צו באַטראַכטן אויף זיין האַנטפּלאַך שטיין־שפּליטערס. צוזאַמען מיטן זוכן די שפּורן פֿון די פֿרעמדע, וואָס זענען מיט שעהען צוריק דאָ דורכגעגאַנגען, האָט ער אויך געזוכט די אוראַלטע שפּורן פֿון שבֿטים וואָס האָבן באַפֿעלקערט דעם מידבר. און אַז עס איז אים אויסגעקומען צו אַנטדעקן שערבלעך פֿון ליימענע כּלים האָט ער זיי באַהאַלטן אין טאַש.

די שומרים האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אויפֿן הייסן זאַמד און אָנגעשפּאַרט די רוקנס אָן פֿעלדז. איינער האָט צעוויקלט אַ קלומעקל און אַרויסגענומען עטלעכע פֿענעצער ברויט מיט ווייסן קעז. דאָס וואַסער־קעסעלע איז איבערגעגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט.

דאָס איז אַמנונס ערשטער אַרויסגאַנג אין אָפֿענעם מידבר. מען האָט אים פֿון זיין מיליטער־גרופּע געשיקט אויסלערנען די מענטשן פֿון דאָרף זיך צו באַנוצן מיט געווער. און באַלד, אין דער ערשטער נאַכט, איז געוואָרן אַ בהלה: אַ קאַראַוואַן מיט באַוואָפֿנטע אַראַבער!

— ווי אַזוי רופֿט מען דיך? — האָט ער געפֿרעגט דעם תּימנער.

— יחיא... יחיא איז מיין נאָמען.

ער האָט אויסגעשטרעקט צו אמנונען אַ שמאָלע, ברוינע האַנט מיט לאַנגע ציטערנדיקע פֿינגער, ענג צונויפֿגעדריקטע. די ברוין־געקרייזלטע באָרד איז ביים גאָמבע־גריבל געווען צעטיילט. ער האָט געוויזן די אייבערשטע שורה גרויסע, ווייסע ציין און אַ שמייכל געטאָן.

אמנון האָט זיך געחידושט: גרויסע, ברוינע אויגן מיט שרעק־פֿייערלעך און אַ שמייכלענדיק מויל. ברוינע פֿינגער שפּרינגען אַרום נאָענט פֿון אייגענעם פּנים און ביי יעדן זילב באַרירן זיי די האָרקרויזן פֿון זיין באָרד. עס איז דאָ אַזאַ צוזאַמענהאַנג צווישן יחיאס אויגן, די אומרויִקע הענט און די שרעק וואָס לויערט פֿון יעדן שטיין־פֿעלדז.

— זיי זענען ווייט ביִשט אַוועק... ערגעץ באַהאַלטן זיי זיך־אויס צווישן די שטיינער... איך קען שווערן... — האָט געזאָגט חאַדדיהאַ און זיך אויפֿגעשטעלט. אמנון האָט געקוקט אויף חאַדדיהאַס ברוין געקאָרבט פּנים מיטן גרויסן אויסגעבויגענעם שטערן, וואָס האָט איצט אויסגעזען ווי פֿון העלפֿאַנטביין.

— מיט אַ חודש צוריק איז אויך אַזוי געווען, חביבי... זיי זענען געבליבן אַ גאַנצן טאָג צווישן די קוסטעס און שטיינער... זיי גייען נאָר אין די נעכט... אָט דאָרט, אין יענעם טאָל, דאַרפן זיי איצט זיין...

חאַדדיה האָט אָנגעכאַפּט אמנונען פאַרן אַרבל און אַ פיר־געטאָן מיט דער האַנט אַזוי ווי מיט אַ שופלע, בעת מען נעמט אָן עפּעס שווערס. — לאָמיר וואַרטן אויפן ווינט. אַז עס וועט אַ ווייע־טאָן פון יענער זייט פעלד, זאָלסטו טיף איינאָטעמען. נאָך אַ רגע... אָט איצט... אָטעם־איין!... — האָט אויסגערופן חאַדדיה. זיינע נאָזלעכער האָבן זיך צעשפּרייט. — פילסטו נישט דעם ריח פון אַ קעמל?

אמנון וועט דאָ וואַרטן ביז זונפאַרגאַנג. דערנאָך וועט קומען פון משק די וואָך זיי צו פאַרבייטן. ער ווייס, אַז אין לבנה־נאַכט וועט זיך אויפהייבן דער קעמל פון צווישן די שטיינער און דריי אַראַבער וועלן זיך שלייכן ביי די זייטן. זייער וועג פירט אויף מערב, קיין עזה.

— עס שטייען ליכטיקע לבנה־נעכט — האָט געזאָגט יחיא.

זיי האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד און אַרויסגעקליבן די שאַרפע שטיין־שפּליטערס פון אונטער זיך.

אַן אויסגעלאָשענע ווייט. צעקנאָדערטע קוסטעס. גראָזן וואָס מען קען בשום אופן נישט וויסן צי זיי לעבן נאָך, אָדער זיי זענען שוין לאַנג אויסגעטריקנט. אַז אמנון האָט געוואָלט אַנטדעקן לעבן אין די געוויקסן, האָט ער די ריטלעך געבראָכן מיט די הענט און דערזען אַז זייער שאָל איז פאַרדאַרט, נאָר אין סאַמע האַרץ ציט זיך אַ דינער גרין־זילבערנער אָדער אַ קלעפּיקער. דאָס איז לעבן! אַ פויגל האָט זיך נידעריק אַראָפּגעלאָזט, געפלויגן ממש איבער די זאַמדן, איבער די שטיינער און מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַ ריס־געטאָן הויך אין הימל אַריין ווי עמעצער וואָלט אים אַרויפגעשאָסן, און אין מידבר האָט זיך איינגעשניטן אַ דין פויגל־געשריי.

דאָרט זענען זיי, די אַראַבער מיטן קעמל, האָבן אַלע געטראַכט.

ווער קענען דאָס זיין, די דריי? פעלאַכן פון עזה וואָס זענען געגאַנגען איינהאַנדלען אַ קעמל ביי די בעדווינער? חאַשיש־הענדלער? וואַנדערער וואָס האָבן מורא פאַר דער נקמה פון בייזע שכנים? און אפשר זענען דאָס די וואָס רויבן און מאָרדן?

די שווייסטראָפּנס פון אמנונס פּנים זענען געבליבן הענגען אויף די

הערלעך פון די וואָנסעס. זיי האָבן געפינקלט אין זונליכט אַזוי ווי טוי. דאָס וואַסער־קעסעלע איז וואַרעם געוואָרן. ער האָט אַ וויש־געטאָן דאָס פּנים מיטן אַרבל און געזוכט שאָטן.

זון. מידקייט. לאַנגווייל און גלייכגילט. זיינע מחשבות רייסן זיך, צוויטלען זיך ווי פעדעם פון שפּינוועבס אויף טויטע דאָרנצווייגן. ווי לאַנג איז דאָס ווי ער האָט אַ וואָרף־געטאָן די שול־טעקע און ביי דער שוועל אויסגערופן: „מאַ, רוף מיך אמנון! די לערערין זאָגט אַז עמיל איז אַ פרעמדער נאָמען!". די מאַמע האָט ביים מיטאָג געלאַכט. „אמנון". ער האָט אָבער דערקענט אויף איר פּנים אַ טרויער. דער פאָטער האָט אַוועקגע־נומען די צייטונג פון פּנים און אים לאַנג באַטראַכט: „אמנון?!"

„דו האָסט אַ פּנים ווי ערב־געווייז. מאַכסט מיך טרויעריק, אַפילו ווען דו לאַכסט". האָט אים דאָס לעצטע מאָל געזאָגט אורנה. פאַרוואָס האָט זי אים אַזוי געזאָגט? איצט ווייס ער פאַרוואָס! ער האָט איר דערציילט אַ געשיכטע וועגן וויטן סיבירער דאָרף, וווּ ער איז אין מלחמה־צייט געבוירן געוואָרן. פאַרוואָס האָט ער איר דערציילט די דאָזיקע געשיכטע? ווען די עלטערן האָבן אמנונען געבראַכט קיין ישראל איז ער אַלט געווען פינף יאָר. ער געדענקט גאָרנישט. נאָר אַן עשאַלאָן אין דער נאַכט אויף שניייוועגן. שוין צוועלף יאָר. פאַרוואָס האָט אים אורנה נישט געענטפערט אויף זיין בריוו? אין שטוב הערט ער פון פאָטער: „עמיל... אמנון"... ער פּלאָנטערט מיט די נעמען און וועט זיי שוין שטענדיק צוזאַמענמישן. „עמ... אַמנון... דו געדענקסט נישט? ביי אונדז... אין דערהיים"...

איין מאָל האָט אמנון אַ בייזן רוק־געטאָן די שטול און מיט כּעס אויסגערופן: „וווּ איז זי דאָס ,דיין היים'? וווּ מיינסטו, פּאַ, דיין ,ביי אונדז'?" אורנה לאַכט. תּמיד לאַכט זי. איין מאָל האָט ער זי געבראַכט צו זיך אַהיים. דער פאָטער האָט אַוועקגעלייגט דאָס בוך און געזאָגט: „אורנה ווייסטו וווּ עמיל... אמנון... איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן? אין אַ הוידנדיקער וויג!... זי איז געהאַנגען אין אַ סיביריש דאָרף"... „געדענקסט?" — האָט זיך דער פאָטער געוואָנדן צו דער מוטער: — „געדענקסט, אסתּר? דאָס נאַפט־קאַנעצל און די הונגעריקע אויגן פון דער געלער קאַץ?" — אמנונס פאָטער האָט גערעדט צו אורנהן אויף עבֿרית מיט אַ אַשכּנזישער אויסשפּראַך. אמנון האָט אַוועקגעבויגן דעם קאָפּ און איז טרויעריק געוואָרן.

אורנה האָט שוואַרצע האָר. אַז זי לאַכט ווערן איר חן־גריבלעך אין די באַקן. אַזעלכע קליינע חן־סימנים, וואָס מען קען זיי קוים באַמערקן. איר פאָטער איז אַ ירושלימער פון פערטן דור. אין זייער שטוב ליגן טעפּיכער פון פּערסיע, די שאַפעס זענען פול מיט אַלטן קרישטאָל, פּאָרצעליי, חנוכּה־לאָמפּן און מנורות פון באַגדאַד. אויף די ווענט הענגען בילדער פון שומרון און גליל און פּאַליצעס פול מיט אַלטע ספרים. צו אורנהס משפחה געהערן פּרדסים פון שרון און בויפּלעצער אַרום תּל־אביב. אמנון איז דאָרט אַ פרעמדער. די פרעמדקייט פון דער דאָזיקער שטוב לאָקט אים.

זיין פאָטער האָט אים געלאָזט אין דרויסן. אים דוכט זיך אַז זיין היים איז אַלץ נאָך יענער נאַכט עשאַלאָן וואָס לויפט אין אַ שניישטורעם. מער געדענקט ער גאָרנישט. „ביי אונדז", „אין דער היים", זאָגט זיין פאָטער. ער קען ביז לאַנגווייל דאָס קליינע שטעטל ביי דער ווייסל פון פאָטערס רייד, כאָטש ער, אמנון, איז דאָרט קיין מאָל נישט געווען. טויזנט מאָל מוז ער אויסהערן די מעשׂות פון פאָטער וועגן אַ זיידן, וואָס האָט געהאַט אַ שענק אין דאָרף קאַלאָזאָמבע... וועגן די פעטערס, די סאַדאָווניקעס פון פלינצק... און אַז דער פאָטער דערציילט צום הונדערטסטן מאָל די געשיכטע וועגן פעטער עליע און דער מומע ביילע — לאַכן אַלע. אויך די מאַמע לאַכט, כאָטש זי קען שוין די מעשׂה ביז לאַנגווייל. און אַז עס זענען אַוועק די געסט איז אין אים אויפגעגאַנגען אַ פאַרדראָס: פאַרוואָס שלעפּט מיך דער פאָטער אַוועק אין אַ וועלט וואָס איז נישט מיין וועלט? פאַרוואָס מוז איך מיטוואַנדערן אויף די אַלע פרעמדע סלאַווישע דאָרפסוועגן און שטעגן?

אמנונען איז אויסגעקומען, אַז מען האָט אים פאַרקנופּט און איבערגעלאָזט אין שאָטנס פון נעכטן. שאָטנס פון מענטשן און שטעט וואָס עקסיסטירן נאָר אין חלום און דערמאָנונג. פאַרוואָס טוט דאָס דער פאָטער? האָט ער רעכט אַרויפצושליידערן זיין טרויעריקע וועלט אויף מיינע אַקסל?

אורנה איז פאַרבונדן מיט די דאָזיקע פעלדער, מיט די מידבריות. „דו מאַכסט מיך טרויעריק" — האָט זי אים געזאָגט.

פאַרוואָס האָט ער יענעם אָוונט ביים ים־ברעג, ווען זיי געזעסן מיט די באָרוועסע פיס אין וואַסער, געשוויגן? יעדעס מאָל דערמאָנט ער זיך אין דעם הוידנדיקן וויגל, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום סופיט אין דער

רוסישער שטוב. ווי אַזוי האָט זי אויסגעזען די אַלטע רוסין, וואָס האָט אים אין די הונגערנעכט פאַרוויגט מיט רוסישע ניגונים? איין מאָל האָט אים די מאַמע נאָכגעזונגען אַזאַ ניגון און איצט, אין דעם מידבר, קען ער זיך פון ניגון נישט באַפרייען. „דו האָסט אַ סיבירישן אַקצענט אין דיין עברית״ — האָט אים אין שול געזאָגט דער לערער און אַלע האָבן געלאַכט, נאָר העכער פון אַלעמען האָט געקלונגען אורנהס געלעכטער. זי איז געוואָרן נאָענט מיט דעם דזשינדזשי. מען רופט אים דער מוכטאַר. אָ, ווי ער קען זיך זידלען אויף אַראַביש. דאָס האָט אים דער זיידע, וואָס איז געווען אַן עלטסטער אין אַ קאָלאָניע, געלערנט אַראַביש.

וואָס טויגן אים די דאָזיקע צוויטן פון יענעם נעכטן וואָס פאַרפלאָנ־טערן זיך מיט דערמאָנונגען פון זיין שולצייט? דאָס לשון פון זיינע עלטערן איז יידיש. אַז אורנה איז געקומען צו אים, האָט זיין פאָטער באַמיט זיך צו ריידן עברית, און ער, אמנון, צו להכעיס, האָט גערעדט יידיש. ער האָט אורנהן געוואָלט ווייזן זיין שטאָלצקייט. דער דזשינדזשי האָט געקראָגן אַ דזשיפּ, ער טראָגט זיך מיט אורנהן אויף די שטויבוועגן. אפשר, אויפהייבן זיך, דריקן אין די הענט דאָס געלאָדענע מאַשין־געווער און אַן אויסגעגלייכטער גיין איבער דעם מידבר ביז יענעם אָרט, ווו דער פויגל האָט אַרויפגעשאָסן אין הימלאַריין און ביי יעדן קלענסטן שאָרך עפענען אַ פייער? ניין. ער טאָר דאָס נישט. עס איז פאַרבאָטן. מען מוז דאָ וואַכן!

יחיא ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגן און שפּילט זיך מיט דאָרנצווייגלעך.

ווער איז דאָס געווען די קליינע באָרוועסע תימנערין, וואָס האָט אים נעכטן פאַרהאַלטן ביי איר שוועל און געפרעגט: „אדוני, זוכסט עמעצן? איך זע אַז דו ביסט אַ פרעמדער, אפשר ווילסטו אַ טרונק, אַ קאַלטן טרונק קוואַלוואַסער?״ ער האָט נישט פאַרשטאַנען איר לשון. דאָס איז אַ געמיש פון העברעיש און אַראַביש. די וואַסערשעפּ איז קיל. די קרעלן אויף איר האַלדז זענען אומרויק. ער זיצט אויף די טרעפּ. אַן אַלטער תימנער פירט אַן אייזל. אַ קופּערנער פליגן־געראַי טראָגט זיך פאַרביי זיין פּנים. אמנון קוקט אויף דער קליינע באָרוועסער תימנערין. זי איז ווי פון גלייזן קופער. אַז זי בייגט זיך איין אָנצונעמען די שטריק פון אייזל, זעט ער ווי עס וויגן זיך אירע קליינע בריסט. קוים־קוים וואָס

מ׳זעט זיי. אַ גרויסע פֿליג האָט זיך אַנגעשלאָגן אין זיין הייסן און פֿייכטן שטערן. דער שווייס בריט אים. די זון נייגט זיך שוין צום מערב. אמנון אָטעמט מיט שטויב, מיט שטיין־ריח וואָס שמעקט ווי שוועבל. ער וויל אַז דער פֿאָטער זאָל אים דערציילן עפּעס, וואָס זאָל אים היימישער מאַכן מיט דער דאָזיקער וועלט וואָס רינגלט אים אַרום, בענטער מאַכן צו דעם אויסגעשרפּהטן הימל און צו די דערנער. דאָס איז דאָך אמנונס וועלט און זי איז פֿאַרבונדן מיט אורנהן, מיט אירע שוואַרצע האָר און הילכיקן געלעכטער. אמנון דערמאָנט זיך איצט איינע פֿון די פֿיבער־נעכט. אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט איז זיין פֿאָטער געזעסן ביי זיין צוקאָפּנס. ער האָט ליב דעם פֿאָטער. זיין ליבע איז אָבער אַ צעשפּאָלטענע. איין מאָל האָט אים דער פֿאָטער געזאָגט: „געדענקסטו, עמיל... אַמנון... די ווייסע בעריאָזקעס און די זילבער־גרינע ווערבעס? אויב דו געדענקסט זיי נישט וועסטו נישט פֿאַרשטיין דיין נעכטן״. יאָ. איך בין נישט עמיל און נישט אמנון. איך וועל קיין מאָל נישט זיין דער וואָס איך האָב אויף אַן אמת געדאַרפֿט זיין.

— יחיא, דיר איז גוט! — האָט ער פּלוצעם אויסגערופֿן. דו וועסט באַלד אַהיימגיין צו דיין יונג ווייבל. ווי אַזוי רופֿט מען זי, יחיא?

— אביבה.

— אַ שיינער נאָמען. ווי אַזוי וועסטו זי אָבער רופֿן ווען זי וועט אַלט ווערן?

יחיא לאַכט. — חביבי, עס וועלן נישט אויספֿעלן פֿאַר איר קיין נעמען...

איבערן ווייטן זאַמדאינדזל גייט די שעפּסן־סטאַדע. זי כוואַליעט זיך מיט ליכטיקע רוקנס. נישט ווייט, פֿליסט דער וואַסערשטראָם פֿון די אַנגעגליטע רערן און די שעפּסן גייען איצט טרינקען.

מיט אַ מאָל איז די שעפּסן־סטאַדע פֿאַרגליווערט געוואָרן. אמנון זעט: אַן אויסגעלאָשענער גרויער וואַלקנויל, אַן ענג־צונויפֿגעדריקטער. אַן אומברחמנותדיקע זון נידערט אויף זייערע רוקנס. אַ צוויַיג, אַ באַזעצטע מיט שנעקעס, האָט זיך אַ בייג־געטאָן. חאַדדיה האָט פֿאַרשטעלט דעם העלפֿאַנטביין־שטערן און קוקט אין די ווייטן. זיינע אויגן־שפּעלטלעך גליִען אַזוי ווי דער זשאַר פֿון אַן אָוונטיקן שייטער.

אמנון האָט שוין איבערגעקליבן אַלע שטיינדלעך און שטיקער צווייגן אַרום זיך. דער שווייס רינט אויף די אַקסל, אויף דעם רוקן. ער האָט צעריסן די הענט אָן אַ שטעכיקן דאָרן. קליינע בלוטטראָפּנס פינקלען אין דער זון. טייל מאָל טוט אַ קילער אָטעם אַ ווייע, דעמאָלט רייסט ער זיך־אויף ווי פון אַ מידן אויסמאַטערנדיקן חלום. וואָס גליווערט נאָך אַלץ די שעפּסן־סטאַדע? זענען די שעפּסן פאַרשטיינערט געוואָרן?

— זעסט, אמנון, דורך דאַנען האָט זיך אַ שלאַנג דורכגעגליטשט. מען דערקענט דעם זיגזאַגישן אָפּדרוק פון איר בויך. וווהין וועט דערפירן דער דאָזיקער שלאַנגען־וועג?

וויפל טויטע הויטן האָט דער שטאַם פון אַ מידבר־בוים?

רייסט־אָפּ אַ שטיק פאַרדאַרטע קאָרע, אַנטפּלעקט זיך אַ צווייטע, אַ טונקעלע, אַ צעצויטלטע. רייסט אַראָפּ די צווייטע, אַנטפּלעקט זיך אַ דריטע שאָל, אַ ברוין־אויסגעלאָשענע. די געציילטע בלעטער וויגן זיך. זיי זעען אויס ווי פאַרוויקלטע, אָנגעבראָכענטע שטיקער לעדער, שטעכיקע, פאַרשטויבטע, גרוי־געלע, זילבערדיק־פּאַרלאָשענע.

אַזוי איז אויך דער מענטש. אַלע געוועבן גליווערן, נאָר איין דינער אָדער, אַזוי דין ווי דער גרין־זילבערנער קלעפּיקער זאַפט אין האַרץ פון מידבר־צווייג, איז לעבעדיק און אין דעם דינעם מאַרכאָדער, וואָס ציט זיך פון קאָפּשאַרבן ביז די פינגערשפּיצן איז פאַרקנופּט דיין וועלט.

אמנון האָט זיך מיט אַ מאָל דערפילט נישטיק. ער לעבט אין אַזאַ ענגער וועלט אַזש עס פעלט אים אָטעם.

„רוף מיך אמנון", האָט ער דעמאָלט אויסגעגרופן אַ פאַרחידושטער פון דעם וואָרט־קלאַנג. „אמנון" דאָס איז דער לעבנס־אָדער וואָס איז פאַרהוילן אין אים. אמנון איז נישט געוועזן דאָרט, אין די שניי־פעלדער. אמנון ווייס נישט פון די יאָרן פון פיין און דערנידערונג. אמנון איז געגאַנגען אויף דער דאָזיקער ערד מיט טויזנטער יאָרן צוריק... דער דזשינדזשי לאַכט צו אים אַזוי שפּאָטיש. פאָרט ער איצט מיט זיין דזשיפּ מיט אורנהן אויף דעם שאָסיי פון שרון?

ביינאַכט, אַז ער וועט צוריקקומען אין דאָרף אַריין, וועט ער אויפזוכן אָט אָ די קליינע שוואַרצאויגיקע תימנערין. „איך וואָלט געשוואָרן אַז מען רופט זי תמר" — האָט ער געטראַכט. ער איז זיכער אַז איר נאָמען

איז תּמר. אמנון ווייס, אַז ער וועט זי נישט דאַרפן זוכן. תּמר וועט וואַרטן אויף אים. ווי אַלט איז זי? אפשר זעכצן יאָר. אירע אויגן זענען גרויס, גליַיך און צונויפֿגעריש. שוואַרצע אויגן מיט גרויסע בלענדיקע ווייסלען און אין די ווייסלען באַאומרויקט אים דער זילבער־אָפּשיין. ער מאַכט איר פּנים טרויעריק, דער זילבער־שיין. בייטאָג, אַז ער איז אַוועק מיט די מענטשן פֿון דער שמירה אין מידבר אַריין, איז זי לאַנג געשטאַנען אין מיטן דאָרפֿגאַס און באַגלייט אים מיטן בליק. ער האָט נאָר מיטגענומען מיט זיך רעם ריח פֿון אירע הענט ווי פֿון שאַרפֿע מידבר־גראָזן.

פֿון דאָרף האָט דער ווינט געבראַכט אַן אייזל־געוויין.

— דאָס איז אַוודאי דעם זקנס אייזל? — האָט אמנון געפֿרעגט. יחיא האָט אים חידושדיק אָנגעקוקט. — יאָ, דעם זקנס אייזל פֿון דער פּערטער שטוב... וואָס האָט אַזאַ יונגע טאָכטער... — האָט אמנון ווי זיך אַליין געענטפֿערט.

— דאָס איז נישט זיין טאָכטער. עס איז זיין ווייב. ער האָט זי דעם זומער איינגעהאַנדלט פֿאַר זילבער־צירונג. ער איז געווען אַ רייכער גאָלדשמיד אין דער שטאָט עדן. אַזאַ אַלטער... אָהאָ ווי זי איז באַהאָנגען מיט האַלדז־בענדער...

— ווי רופֿט מען זי? — האָט אמנון געפֿרעגט.

— תּמר — האָט יחיא געענטפֿערט.

אמנון האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט מיטן רוקן צו יחיאן. אַ כּעס איז אים באַפֿאַלן. אַ ווילסטער כּעס אויף גאָטס באַשאַף. וואָס שלעפּט זיך דער טאָג אַזוי ווי אַ פֿגירהדיקער קעמל?

די שאָטנס ווערן לענגער, אויסגעצויגענער. דער הימל איז אויסגעלאָשן ווי דער דאָרנשטאָם. פֿון דער רעכטער זייט, איבער דעם זאַמדאינדזל, איז אויפֿגעגאַנגען אַ בלייכער לבֿנה־נאָגל — ווי אַ זילבערנער אויערינג.

דער אָוונט פֿאַלט צו. פֿאַרוואָס זעט מען נישט די דאָרפֿס־מענטשן וואָס דאַרפֿן פֿאַרבייטן די וואַך?

אמנון האָט זיך אויפֿגעשטעלט. די קני ציטערן אים. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ שטאַם. שאָטנס האָבן זיך געשלייכט און ביים וואַדי זענען זיי פֿאַרפֿלאָכטן געוואָרן.

אין דאָרף צינדט מען שוין פֿייערלעך. ער ציילט די פֿלעמעלעך. דער

זקן הייסט שעראַבי... אין פערטן הויז איז נאָך טונקל... איר האַלדז איז אַזוי שמאָל און לאַנג... אַז ער וועט באַקומען חופש וועט ער אַוועק מיט אורנהן צום ים... ער וועט שווייגן און שווייגנדיק דורכרייסן אַלע פעדעם וואָס בינדן אים. אין קינאָ איז אָלץ אַזוי איינפאַך. איין בייג און זיינע הענט וועלן איר איינקלעמען. אורנה לאַכט אים תמיד אין פנים אַריין. „דו ביסט אַ פחדן. האָסט אויגן פון אַ הירש וואָס אַנטלויפט פאַר אַ לייבין״ — אַזוי האָט זי אים געשריבן מיט עטלעכע טעג צוריק. אמנון לאַכט. דאָס איז אַ געלעכטער אויסגעמישט מיט שפּאָט, טרויער, שרעק און בענקשאַפט. דער שפּאָט איז אויף זיין אייגענער אומבאַהאָלפנקייט, דעם טרויער האָט ער געירשנט פון זיין פאָטער. די שרעק קומט פון דעם אָוונטיקן מידבר און די בענקשאַפט איז צו דער נאָר־וואָס אַנטפלעקטער תמר. גוט וואָלט געווען ווען ער קען זיך פון דעם אַלעם באַפרייען. אַזוי ווי עס רייסט זיך אַרויס אַ פערד פון געשפּאַן און לויפט ווילד אויפהייבנדיק וואָלקנס שטויב. ער וואָלט איצט געלאָפן איבער די זאַמדן, איבער די דערנער און פון זיין ברוסט וועט זיך טראָגן אַ ווויסט געשריי.

אמנונען האָט זיך געדוכט, אַז ער איז איינער אַליין אין אַ בראשית־דיקער וועלט. זיינע טעג און נעכט זענען ווי די ליידיקע, אויפגעוויקלטע פאַרמעטן.

מיט אַ מאָל איז געוואָרן פאַרדעכטיק שטיל. יחיא איז פאַרשטיינערט געוואָרן. חאַדדיה האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף די פיס און אויסגעשטרעקט די ביקס. אמנון האָט געמאַכט צוויי טריט פאָרויס און אָנגעשפּאַרט זיך מיט אַן אַקסל אָן אַ צעשפּאָלטענעם שטיין. דער ווינט האָט געבראַכט אַ פרעמד קול. פון דער ערד האָט זיך אָפּגעטיילט אַ גרויער שאָטן און אַ ווילע שפּעטער האָט אַ שעמעריר־געטאָן אַ ווייסקייט. אויף אַ גרויסן שטיין איז געפאַלן דער צעקרימטער שאָטן פון אַ קעמל. צו ערשט דער לאַנגער האַלדז און דערנאָך דער הויקערדיקער רוקן.

אמנון האָט געגעבן אַ צייכן צו זיינע מענטשן, אַז זיי זאָלן נישט שיסן. מיט פאַרהאַקטן אָטעם האָט ער נאָכגעפאָלגט די שאָטנס. דריי זענען זיי. זיי מוזן זיך אויפהייבן אויף דער הויכקייט, דורכגיין די שטיינערנע שוועלן און דערנאָך וועלן זיי אַוודאי זיך אַראָפּלאָזן אין וואַדי. דאַן וועט שוין זיין שפּעט. איצט קען מען שוין זען די דריי מענטשן. צוויי פון ביידע זייטן קעמל

און דער דריטער אונטערן קעמל. דער דריטער איז קליין, דאָס איז אַ ייִנגל. איין רגע איז געבליבן. דער קעמל האָט זיך אויפֿגעהויבן אויפֿן פֿלאַכן שטיין. נאָך צוויי טריט און זיי וועלן אַראָפּנידערן צום וואַדי.

דאָס ערשטע מאָל ווי אמנון זעט אַזאַ נאַכטבילד: מידבר, דער לבנה־רינג פֿון זילבער. דער קעמל און די באַגלייטער מיט ווייסע קאָפּ־טשאַלמעס.

פֿון דאָרף איז ווידער דערגאַנגען דאָס גוט־באַקאַנטע אייזל־געוויין. אמנון האָט געבעטן אַז די דאָזיקע רגע זאָל קיין מאָל נישט פֿאַרגיין. זאָל די לבנה קיין מאָל נישט ווערן פֿול, אַן אויערינג זאָל זי זיין! זאָל דער קעמל בייגן זיין שיינעם האַלדז צו דער נאַכטווייט און די פֿרעמדע נאַכטגייער זאָלן דאָ רוען.

דאָס אייזל־געוויין פֿון נאָענטן דאָרף האָט אים דערמאָנט אָן די נעכט פֿון שרעק, פֿון שיסערייען. ער האָט אַ שעפּטשע־געטאָן עפּעס צו יחיאַן און דער תּימנער האָט גענומען שרייען אויף אַראַביש: — העי, די הענט אין דער הייך! נישט רירן זיך פֿון אָרט! מיר וועלן שיסן, אויב איר וועט נישט בלייבן שטיין! העי!

די שאָטנס זענען פֿאַרקניפּט געוואָרן מיט דער ערד, מיטן שטיין. נאָך יחיאַס געשריי איז די שטילקייט געוואָרן טיפֿער. און פּלוצעם האָט עס דאָרט אַ קלאַפּ־געטאָן. מען האָט געקענט זען דאָס פֿייער, וואָס איז אויפֿגעשפּרונגען און פֿאַרגאַנגען פֿון אונטער דעם קעמלס רוקן אַרויס, און אין דער רגע האָט איבער אמנונס קאָפּ אַ פֿייף־געטאָן אַ ביקסן־קויל.

אמנון האָט אַנידערגעקניט. ער האָט געקענט צילן אין קעמל אַריין אָדער אין שמאָלן ייִנגל־גוף. זיין קויל האָט געטראָפֿן אין קעמל. דערנאָך האָט ער אָפּגעקנופּט פֿון רימען אַ האַנטגראַנאַט און אים אַ שליידער־געטאָן. דאָס איז נאָר אויף אָפּצושרעקן די אַנפֿאַלער. בעת ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט האָט ער געזען ווי דאָס ייִנגל לויפֿט צום טאָל. ער וואָלט אים דערגרייכט מיט זיין מאַשין־געווער, נאָר אַ גלייכגילט איז אים באַפֿאַלן. זאָל ער לויפֿן! דער קעמל איז געבליבן אַליין ביים ראַנד פֿון וואַדי. ער קניט אויף די פֿאָדערשטע קני. דער שמאָלער קעמלהאַלדז איז געשטרעקט צו דער נאַכטווייט, אַהין וווּ עס זענען נעלם געוואָרן די דריי אַראַבער.

ווען אמנון מיט זיינע מענטשן זענען צוגעקומען צום קעמל, האָט שוין דער קאָפּ גענידערט צו דער ערד וואָס אַמאָל נידעריקער און נידעריקער. די אונטערשטע קעמללִיפּ איז געווען פֿאַרדעקט מיט אַ שוים. זי איז אָפּגע־שטאַנען און געציטערט. אמנונען איז אויסגעקומען אַז דער קעמל שעפּטשעט עפּעס. ווען דער קאָפּ האָט שוין דערגרייכט די ערד, איז אַ ציטער דורכ־געלאָפֿן דורך דער פעל, ווי אַ בייזער ווינט וואָלט צעשויבערט דאָס קעמלוואָל.

אַ גרויס אויג, אַן אַרויסשטאַרנדיקס האָט פֿאַספּאַרדיק געלויכטן. דאָס קעמלאויג האָט אויסגעזען ווי אַ באַנעטער שטערן וואָלט אַראָפּגענידערט פֿון דעם מידבר־הימל און ביים ראַנד פֿון וואַדי איז ער אויפֿגעגאַנגען מיט אַן אומהיימלעכער שיין.

אמנון האָט געפּירט זיין האַנט איבערן האַלדז פֿון קעמל. יעדעס מאָל האָט די פעל אַ צוק־געטאָן און דאָס שאַרפֿע צוקן האָט זיך איבערגעגעבן זיין גאַנצן גוף און ער האָט מיטגעצאַפּלט. די אויגן פֿון קעמל זענען געוואָרן גרעסער און גרעסער. זיי האָבן אַרויסגעשטאַרט פֿון אַ פייכטער פינצטערניש מיט אַ ליכט, וואָס האָט דורכגעשניטן אמנונס גוף און אויסגעמישט זיך מיט אמנונס בלוט. דער קעמלקאָפּ איז געלעגן האָריזאָנטאַל, אַזוי ווי דער האַלדז אויף דער ערד, און פֿון די נאָזלעכער האָט מיט איבעררייסן געזעצט אַ הייסער אָטעם. אמנון האָט געזען ווי דער קאָפּ בייגט זיך אויף אַ זייט און דער קעמל מאַכט אַנגסטיקע אָנשטרענגונגען, אַז דער קאָפּ זאָל נישט פֿאַרלירן די גלייכוואָג. דאָס רעכטע אויג, דאָס אַרויסשטאַרנדיקע, באַרירט שוין דעם דאָרנקוסט. אמנון האָט געריסן די שטעכיקע צווייגן, געוואָלט אויסבעטן ריינעם זאַמד, אַז דער קעמל־קאָפּ זאָל בלייבן ליגן אויף אַ ווייכקייט. און איידער ער האָט נאָך באַוויזן אַרויסצורייסן דעם דאָרן, איז דער זיצנדיקער קעמל געפֿאַלן מיט זיין שווערקייט אויף אַ זייט און דער שאַרפֿער דאָרנצווייג האָט זיך איינגעשטאָכן אין קעמל־אויג. אַ טונקעלע פליסיקייט האָט פייכט געמאַכט אמנונס הענט. פֿון דעם האַסטיקן פֿאַלן און פֿון פלוצעמדיקן ווייטיק אין אויג איז דער קעמל ווי דערוואַכט געוואָרן. ער האָט אַ ריס־געטאָן זיין האַלדז ווי פֿון אַ פֿאַרקלעמונג אַרויס, צעעפֿנט דאָס שוימיקע מויל ווי צום גרויסן געשריי און אַ וואָרף־געטאָן די פֿאָדערשטע פיס. די

שוים אַרום דער אונטערשטער ליפּ איז געוואָרן שוואַרץ. דער שווערער הויקערדיקער גוף האָט זיך צעוויגט און אמנונען האָט זיך געדאַכט אַז נאָך איין קליינער אָנשטרענג און דער קעמל וועט בלייבן שטיין אויף זיינע פיס. ער האָט זיך געחידושט פון דער שטילקייט וועלכע האָט באַגלייט דעם קעמלס מעכטיקן ווילן צו לעבן. אמנון האָט געזוכט מיט זיינע פינגער דעם סימן פון דער קויל און נישט געפונען. אויף די הענט האָט ער געזען די פאַרגליווערטע שטיקלעך קעמלבלוט.

דער קעמל איז אַ ווײַלע געשטאַנען אויף איין קני און געוואָלט אַרויסרייסן דעם קאָפּ פון די שטעכיקע צווייגן, פון דעם נידעריקן דאָרנקוסט. ער האָט דאָס אָבער נישט געקענט טאָן, און אומגעריכט האָט זיך דער קעמל אַראָפּגעזעצט אויף אַ זייט. איין פאָדערשטער פוס איז שטייף־געוואָרן און געבליבן אויסגעשטרעקט, ווי דראָענדיק צום לבנה־נאָגל.

דאָרט וווּ עס איז געווען דאָס אַרויסגעזעצטע אויג האָט איצט געטונקלט אַ תהומיק־שוואַרצער אויגנלאָך. און אַז אמנון האָט אַ בליק־געטאָן צום קוסט האָט ער דערזען אויף אַ צווייג הענגען דאָס גרויסע קעמל־אויג.

דאָס קעמל געוויין איז אויסגעבראָכן אומגעריכט. די נאַכט האָט אויפגעיאָמערט. אמנונען האָט זיך געדאַכט אַז עס קייקלען זיך שטיינער אין וואַדי אַריין. אַ היץ איז אים באַפאַלן. ער איז בייז געוואָרן אויף זיך. אַ ווילדער, נישט־געצוימטער כעס האָט געבושעוועט אין אים. ער האָט געוואָלט שרייען, וואַרפן קללות, די אַראַבישע קללות וואָס דער דזשינדזשי האָט אים געלערנט. ער האָט אַ נעם־געטאָן דאָס מאַשין־געווער און אַרויסגעלאָזט אַ פייער־סעריע און דערנאָך נאָך איינע. ער האָט געשאָסן צום וואַדי, צו די שאָטנס, צו דעם לבנה־אויערינג. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעקערוועט צום קעמל און אויסגעשאָסן אין אים עטלעכע דערלייזערישע קוילן.

אין דאָרף ברענען פייערלעך. ביי די הייזער זאַמלען זיך די דאָרפס־איינוואוינער. אָט איז דאָס הויז פון זקן שעראַבי. וווּ איז זי, די באָרוועסע, די שוואַרצאויגיקע ?

אין פענצטערל שאָטנט זיך אַ מיידלשער קאָפּ. דער זקן פּרעפּלט עפּעס צו אמנונען. אַ פרוי איז אַרויפגעפאַלן אויף יחיאס אַקסל און וויינט פאַר פרייד. חאַדדיהס ווייב איז געקומען מיט די פינף קינדער.

אמנון שטייט אַן איינזאַמער און פאַרלאָרענער אין מיטן דאָרפגאַס. ער האָט געפונען אין די טאַשן ליימשערבלעך, וואַרפט ער זיי אויפן זאַמד.

אויף דער שוועל פון שעראַביס הויז שטייט תמר. איבער איר קאָפּ ליכטיקט. אַ ברייטער מילכוועג שפּרייט זיך פון דאָרף ביזן וואַדי. דער מילכוועג הייבט זיך אָן ביי תמרס שוועל.

אמנון קען נישט איינשלאָפן. דעם קעמלס לעצטע צוקן מאַכט אים נאָך איצט אויפשוידערן. אין האַלב־שלאָף און האַלב־חלום זעט ער דעם פאָטער. די שטוב איז פול מיט געסט... דער פאָטער דערציילט עפּעס... אָ, ווי ער קען דאָס שוין אַלץ!... ווידער די מעשׂה פון יענע ווייטע יאָרן... יאָרן וועלכע ער קען זיי נישט און וואָס זענען אים ווילדפרעמד...

דער ליידיקער ווייסער פאַרמעט, דער אויפגעוויקלטער, פון זיין לעבן איז אין דער נאַכט פאַרשריבן געוואָרן מיט גרויסע טונקעלע, אומגעלומפּערטע צייכנס, מיט קעמלבלוט...

אין דער דאָזיקער נאַכט איז אים אַלץ פרעמד־געוואָרן. דאָס איינציקע וואָס איז אים געבליבן אין דער מידבר נאַכט איז די באָרוועסע תמר אויף דעם זקנס שוועל און דער דאָרן ביים ראַנד פון וואַדי מיט דעם אויפגעשטאָכענעם גרויסן קעמל־אויג. אין דער נאַכט האָט ער געזען ווי דאָס אויג ווערט גרעסער און בליט־אויף ווי אַ ווילדע מידבר־רויז.

# די מירמלנע זייל

## א

דאָס הפקר־פעלד אַרום מיין שטוב האָט מיך טרויעריק געמאַכט. איך בין געזעסן אויף דער שטיינערנער שוועל אין די פאַרנאַכטן אַ מידער און אויסגעלאָשענער. אַזוי אויסגעלאָשן ווי די זריעה־שטערנס פון די דערנער. איצט וואַרטן זיי אויפן סוף־זומערדיקן ווינט. ער קומט פון די יהודה־בערג, קרייזט דורך דאָס אַלטע פאַרוואָרלאָזטע דאָרף און הפקרט דערנאָך אויף די גרויסע זאַמד־פלאַכן וואָס פון דער צווייטער זייט דאָרף. ער וועט עס אַ טראָג טאָן דעם זריעה־שטויב אין זיינע ווינ־טיקע פאַלדן. אָבער די זריעה פון אויסגעקוואַרטן פעלד בלייבט ליגן אַ צעשטויבטע אויף מיין גאָרטן — דער שטיינערנער פלויט פאַרצוימט דעם ווינט און די קערנדלעך בלייבן ליגן ביי דער צוים.

זעט אויס, אַז די ווינטן גייען פון דרום זייט צום צפון. איך דער קען דאָס לויט דעם ווילדגראָז וואָס שפרייט זיך ביי דער צפון־זייט פון שטיינערנעם פלויט לענגאויס דער גאַנצער וואַנט. דאָ זענען געפאַלן די זריעה־קרייטעכצער און ניט געקענט וויטער געטראָגן ווערן פון ווינט.

אָהאָ, עס קומען שוין די נעפּלען. זיי ליגן אַזוי נידעריק און געדיכט, אַז איך פיל ווי כ'רייס זיי אויף מיט מיין קאָפּ. זיי שפרייטן זיך ביז שפּעט אין טאָג אַריין. כ'דערקען אפילו ניט דעם איילבערט פון יענער זייט וועג. אַז כ'שטרענג אָן מיין בליק אין יענער ריכטונג, דערזע איך אַזאַ געדיכטן טונקלען שאָטן וואָס אָט־אָט ווערט ער צערונען ווערן — דאָס איז דאָך דער גוט באַקאַנטער איילבערט.

נעבן מיין קליין שטיינערן הייזל שלענגלט זיך אַ שמאָל זאַמד־וועגל, באַזעצט פון ביידע זייטן מיט טייוולסהאָר. אין נעפּלדיקן פאַרטאָג זעט עס אויס ווי אַ קליין טייכל וואָס ביי זיינע ברעגן ליגן געדיכטע וואָלקנס.

איך וועל היינט נישט זען מיין שכנה פאַרבייגיין דורך דעם וועגל.

זי וועט זיך דורכשליייכן ווי אַ שאָטן. כ׳וועל ניט זען איר פּנים, ניט די שיפּע אויגן, אפילו ניט דערקענען די אומזיכערע טריט אירע בשעת זי גייט נעבן מיר פאַרביי.

אַט פּאַטשן פלינק אירע באָרוועסע פיס אין זאַמדוועגל, און אָט פאַרפלאָנטערן זיי זיך שטענדיק ווען איך קוק אַרויס פון קליינעם פענצטערל. קענטיק, זי ווייס ניט וואָס צו טאָן: אייליקער מאַכן דעם טראָט, אָדער פּאַמעלעך פאַרבייגיין.

וואַרט איך אין נעפּלדיקן פאַרטאָג ביז איך זע ווי אַ דינער מיידל־שער שאָטן, אַ שמאָלער, אַ צאַפּלדיקער שווימט פאַרביי און באַהעפט זיך מיטן שאָטן פונעם איילבערט.

פאַרוואָס וואַרט איך ביים פענצטערל? נאָך וואָס קוק איך זיך אויס די אויגן אינעם נעפּל?

היינט וועל איך ניט גיין צו מיין אַרבעט. איך וועל צעגראָבן דאָס פעלד אַרום דער שטוב, פאַרפלאַנצן אַ פּאָר בייטן ירקות.

ביזן האַלבן טאָג בין איך געלעגן אויף דעם אייזערנעם בעטל. ביי דער שוועל איז געשטאַנען דער רידל, אין גאַנצן פיר שפּאַן, און איך האָב זיי שעהען לאַנג ניט געקענט מאַכן. איז דאָס פוילקייט? אָט פלעג איך דאָך אויפשפּרינגען פון בעטל איידער עס האָט נאָך געשאַרעט, אַרויפציען פון ברונעם עטלעכע עמערס וואַסער און אָפּגיסן דעם קאָפּ, דעם רוקן און אַוועק צו מיינע אַרבעטן.

ווען כ׳בין אַרויס אין הויף איז דער נעפּל געווען צערונען, ערגעץ דאָרט, אין דער זייט פון ים, האָבן זיך געשפּרייט נידעריקע, גרויע וואָלקנס.

די שטעכקוסטעס אין דערנער זענען געוואָרן טונקעלער. די פייכטקייט האָט זיי נאָך טרויעריקער געמאַכט. די זריעה־שטערנס, די הפקרדיק־צעשפּרייטע בעכערס מיט שטעכראַנדן האָבן אַראָפּגעבויגן די קעפּ. די דערנער האָבן זיך לייכט איינגעבראָכן און איך האָב מיט מיין רידל אָנגעמאַכט אַ וויסטן תּל אין פעלד. און דאָך האָט זיך מיין אַרבעט ניט געקלעפּט דעם טאָג: ווי נאָר איך האָב איינגעגראָבן דעם רידל אין דער ערד, האָט זיין שטאָל אַ טעמפּן קריץ געטאָן, קענטיק אַן אונטער־ערדישער שטיין. איך האָב געגראָבן אין ווינקל, לענגאויס דעם שטיינערנעם

גדר. יעדעס מאָל איז מיין רידל געשטרויכלט געוואָרן אויף שטיינער און וואָרצלען. אַז איך האָב אָפּגעוואָרפן אַ פּאָר רידלען שטייניקע ערד, האָב איך דערזען אַ ווייסן מירמלשטיין. דער באָדן איז דאָ פול געווען מיט קורקאָר־שטיינער, דער רידל האָט זיי לייכט דורכגעבראָכן און געקרישלט זיי, נאָר דער ווייסער שטיין איז געלעגן אויבן־אויף און דער רידל איז פון אים אָפּגעשפּרונגען, ניט באַשעדנדיק אפילו זיין שטיינער־נעם שליף.

די ווייסע רונדיקייט מיט די דינע דורכזעעוודיקע בלאָע אָדערן פונעם מירמל האָט מיך געלאָקט.

איך האָב אַרומגעגראָבן די ערד אַרום שטיין און דערזען, אַז דאָס איז גאָר אַ זייל.

ערשט פאַרנאַכט האָב איך זי אַ ריר־געטאָן פון אָרט און אַרויסגעקאָלערט צו דער שוועל. זאָל זי דאָ ליגן, די זייל, וועט זי אפשר נוצן פאַר אַ באַנק. מען וועט קענען אויף איר זיך אָנשפּאַרן. ביי די ראַנדן האָט זי געהאַט רויטן ערדאָנוווקס.

דערווייל איז טונקל געוואָרן, אַ מידקייט איז מיך באַפאַלן.

אָט, אַ נאַרישע אַרבעט, אַרומגעפּאָרעט זיך מיט עפּעס אַ שטיין איבער אַ האַלבן טאָג! ווייסעך וואָס... ס'מאַכט זיך אָפּט, אַז דו טוסט עפּעס איינגעשפּאַרט אַן אַרבעט, גייסט אָפּ מיט זיבן שווייסן און דו ווייסט נישט צו וואָס דו טוסט דאָס, וואָס פאַר אַ נוצן דו וועסט האָבן דערפון. ס'איז דיר אפילו קלאָר, אַז דאָס איז סתם אַזוי, אַבי אויסצולאָדענען אַן אָנגעזאַמלטן כוח, אָנשטרענגען ביזן לעצטן די מוסקלען, פאַרטומלען עפּעס אין זיך מיט דער דאָזיקער אומנויטיקייט און דערנאָך ליגן אַ פּאָר־לאָשענער אויפן בעט, אַ גלייכגילטיקער און קוקן ווי די שפּין פון דער געקאַלכטער וואַנט גייט פּאַמעלעך אַוועק פון שפּינגעוועבס און לאָזט נאָך זיך איין איינציק דינעם פאָדעם — דאָס וואָס פאַרבינדט זי מיטן גאַנצן געוועב. זי קען איצט רויק דרימלען אַ צונויפגעקנוילטע אין אַ וואַנט־שפּעלטל ביז עפּעס וועט אין שפּינוועבס אויפציטערן.

וואָס בינדט מיך מיט דעם דרויסן, מיט דעם אַלטן פאַרוואָרלאָזטן אַראַבישן דאָרף, מיט די מענטשן?

איך בין דאָ אַליין, אַ פאַרקנוילטער אין זיך, און דער דיניקער

פאַדעם, דער איינציקער וואָס פאַרבינדט מיך מיט דער וועלט איז די שכנה וואָס גייט דאָ יעדן טאָג צוויי מאָל פאַרביי. ווייס זי דען דאָס? איך האָב דאָך קיינמאָל מיט איר ניט גערעדט! איך ווייס אפילו ניט איר נאָמען. איך ווייס נאָר, אַז זי קומט פון זאַמד־ראַנדן, אַ צען מינוט גאַנג פון מיין הויף.

## ב

מיינע בייטן גרינען זיך שוין. איצט האָב איך אַ סך אַרבעט. מען דאַרף אַרויסרייסן דעם פאַלין. איך טו דאָס גערן אין די פאַרנאַכטן. איך דערקען שוין יעדעס שפּראָצעלע. אָ, ווי אומשולדיק עס זעען אויס די ערשטע אַרויסשפּראָצונגען פון דערנער וואָס דערנאָך צעוואַקסן זיי זיך אין גרויסע קוסטעס מיט נעגלדיקע שטעכער, וואָס אפילו אַ בעל־חי טרויט זיך ניט פאַרבייצוגיין נעבן זיי. די ערשטע בלעטלעך זייערע זענען ווייך, דין און דורכזעעוודיק. זיי גייען־אויף צוזאַמען מיטן ירקות. איך רייס די דערנער־שפּראָצן מיט די וואָרצלען און קלייב זיי צונויף אין אַ בערגל, דערנאָך וועל איך עס אַוועקטראָגן ביזן וואַדי.

איינעם אַ טאָג האָב איך באַמערקט אין מיטן מיין הייפל אַן אומבאַקאַנטן אַרויסשפּראָץ. אַזאַווילדגראָז האָב איך נאָך ביז איצט ניט געזען. עס איז ניט אויפגעקומען אַזוי ווי די איבעריקע קראַפּעוועס און דערנער, מיט אומשולדיק־איידעלע צוויי בלעטלעך, געל־גרינע. די אומבאַקאַנטע פלאַנץ האָט זיך באַוויזן פלוצעם מיט אַ האַרט שטענגל און טונקל־גרינע אָוואַל־בלעטלעך.

אָ, ברידערל, האָב איך געטראַכט, ווער ווייס וואָסער ווילדקייט דאָס קען זיין, און איך האָב אַרויסגעריסן דעם אַרויסשפּראָץ. אַ וואָך שפּעטער — דאָס זעלביקע שטענגל מיט די האַרטע טונקעלע בלעטלעך האָט זיך ווידער באַוויזן! הייסט דאָס, אַז איך האָב אוודאי געלאָזן אַ שטיק וואָרצל. נישט געווען גענוג פאַרזיכטיק ביים ערשטן מאָל — געדאַרפט, ווי שטענדיק, אַרויסרייסן מיטן וואָרצל. איך האָב אַ גראָב־געטאָן און געוואָלט אַרויסרייסן די פלאַנץ. דאָס שטענגל זיצט אָבער פעסט אין באָדן. שטעכדערנער האָבן נישט קיין טיפע וואָרצלען, נאָר אַ וואָרצל־אָנוווקס וואָס ברעכט זיך לייכט. איז דאָס אפשר אַ בוים?

איך האָב ניט געקענט אַרויסנעמען די פלאַנץ, ווייל זי איז געווען

צוגעפּעסטיקט צו אַן אַלטן דיקן וואָרצל וואָס האָט זיך געשפּרייט טיף אין דער ערד פֿון מיין הויף. זעט אויס, אַז דאָס איז אַן אַרויסשפּראָץ פֿון אַ בוים. האָב איך אים געלאָזן, ווייך געמאַכט אַרום אים די ערד, באַוואָסערט. ווען ס'זענען אויסגעפֿאַלן די ערשטע רעגנס האָב איך דער־קענט, אַז דאָס איז אַן איילבערט.

דאָס ביימל איז געוואַקסן שיין און גרייכט ביז די קני. זעט אויס, אַז אין מיין הויף איז אַמאָל געוואַקסן אַן איילבערט. עמעצער האָט אים אויסגעהאַקט און עס איז געבליבן זיין וואָרצל. און אפשר איז דער איילבערט געווען אַן אַלטער מיט אַ צעקנאָדערטן און אויסגעהוילטן שטאַם, וואָס אַ בליץ האָט אים פֿאַרקוילט, און זיין וואָרצל איז געבליבן? און אפשר איז גאָר דער איילבערט־וואָרצל געקומען פֿון שכנותדיקן הויף, און דערפֿילנדיק די פֿייכטקייט פֿון מיין באָדן אַרויסגעלאָזט אַן אָפּצווייג? אויב אַזוי שטאַרבן דאָך נישט קיין ביימער. זענען זיי אייביק? און וואָרצלען זענען וואַנדערער, זיי זוכן קוואַלן אין דער ערד־חשכות. גיי ווייס, אַז אין מין ווילן אויפצולעבן מיין הויף, האָב איך שיעור נישט אומגעבראַכט די יונגע איילבערט־פֿלאַנץ!

אין די פֿאַרטאָגן קוק איך צום יונגן ביימל. מיר געפֿעלט די האַרטקייט פֿונעם שטענגל, די טונקל־גרינקייט פֿון די בלעטלעך. דאָס איז ניט דאָס הכנעהדיק ציטערנדיקע וואַקסן פֿון די שטעכפּלאַנצן וואָס נאַרן אָפּ דיין אויג מיט זייער נעבעכדיק שטענגל און ווען דו כאַפּסט זיך, אַז דאָס זענען ניט מער ווי שטעכפּלאַנצן וואָס פֿאַרמיסטיקן דיין פֿעלד, איז שוין שווער זיי אַרויסצורייסן מיט די ליידיקע הענט, זיי האָבן שוין שטעכלקעס אונטער די אומשולדיק־גרינלעכע בלעטלעך!

דער איילבערט איז גלייך געבוירן געוואָרן מיט פֿעסטקייט, ער האָט אין די ערשטע טעג אַנטפּלעקט זיין ביימעריש פּנים.

## ג

מיין שכנה אַרבעט אוודאי אין שטאָט. זי גייט פֿאַרביי אין דער פֿרי און קומט אין שפּעטן נאָכמיטאָג. אַזוי טאָג נאָך טאָג. אויפֿן זאַמדיקן וועגל נעבן מיין הויז בלייבן אירע שפּורן צווישן די פֿייגל־שפּורן. היינט איז זי פֿאַרבייגעגאַנגען באָרוועס, די שיך אַנגעהאַנגען אויפֿן אַקסל. זי

טוט זיי אָן ביים סוף פון וועגל, צופוסנס דער שיקמה. זי וויל ניט קומען אין שטאָט אַריין מיט פאַרשטויבטע שיך. קריקוועגס טוט זי קיינמאָל ניט אויס די שיך.

איך זיץ שעהען לאַנג אויפן מירמלשטיין און וואַרט.

איך ווייס אייגנטלעך ניט אויף וואָס. אַז איך דערהער דאָס פייגל־געוויין, וואָס קומט פונעם אָפּגעשטאָרבענעם פרדס, שטעל איך זיך אויף ווי עצעמער וואָלט מיך גערופן. מיין אויג פאַלט אויף דער מירמלנער זייל. איין זייט איז דינער — די צווייטע — דיקער. ביים עק פון דער דינערער זייט זע איך אַן אויסגעהאַקטן אָרנאַמענט; בלעטער און געוויקלטע פעדעם ווי ביי ווייַנטרויב־שטענגלעך.

איך קאָלער די זייל ביזן הויף־טירל. איך וועל זי איינגראָבן ביים אַריינגאַנג מיט דער דיקער זייט אין דער ערד און דעם אָרנאַמענט אויבן.

אָ, ווען איך האָב די צווייטע זייל, וואָלט דער אַריינגאַנג צו מיר געווען ממש ווי אין אַן אַלטן פאַרגעסענעם פּאַלאַץ!

ווידער וועל איך זיך אַרומפאָרען ביז אין דער נאַכט אַריין, איך מוז זען די זייל אַ שטייענדיקע, אַן איינגעמויערטע אין דער ערד.

גראָד איצט, בשעת איך האָב זיך געפּאָרעט מיט די מירמלזייל, האָב איך דערקענט אירע טריט לויט דער שורשעריי פון איר קלייד, לויטן געלויף פון די יאַשטשערקעס איבער די טרוקנגראָזן. זי האָט פאַרהאַלטן די טריט. קענטיק, זי חידושט זיך, הלמאי זי זעט מיך ניט ביים פאַרקראַטעוועטן קליינעם פענצטערל נאָר גאָר אויפן וועגל.

איר פנים איז שמאָל, די קינבאַקן אַראָפּגעלאָזן, דאָס אַליוור־פנים — אומרויק.

— שלום, — זאָג איך איר צום ערשטן מאָל זינט מיין וווינען דאָ.

זי שמייכלט צו מיר. אירע ציין זענען ווי מיין ווייסער מירמל. פּלוצעם פאַרווישט זיך אין איר פנים די גרענעץ פון שמייכל און געוויין.

— ש־א־א־ל־אָ־ם!

זי האָט דעם שלום אויסגעזונגען מיט אַ לאַנג־אויסגעצויגענעם ניגון. אַ זאַמד־ניגון. אַזוי זינגט דער ווינט אין די זאַמד־דיונעס. זי איז געבליבן אויפן אָרט. אירע אויגן האָבן געזוכט אין זאַמד, און פּלוצעם האָט זי זיי אָנגעהאָנגען אָן דער זייל.

— אַ, אַ!

זי האָט אויסגעשטרעקט איר קליינע האַנט און געגלעט די גע־שליפנקייט פון מירמל. אירע פינגער האָבן געציטערט. דאָס זענען געווען שמאָלע לאַנגע פינגער.

— זה יפה... — האָט זי געשטאַמלט.

איר האַנט איז אָפּגעדעקט ביזן אַקסל. דער מירמל איז באַלעבט געוואָרן. איך וואָלט געשוואָרן, אַז אין זיינע קילע בלאָע אָדערן פליסט איצט לעבן. דאָס האָבן אירע מיידלשע פינגער אַריינגעפּישופּט לעבן.

איך שטיי אַנטקעגן איר אַ באַרוועסער. און וואָס מער זי האַלט איר האַנט אויפן מירמל, אַלץ מערער פיל איך אין זיך דעם אומרו פון ערב שטורעם. איך שפּיר ווי איבער די האָר פון מיין אַנטבלויזט האַרץ איז אַדורך אַ קילער ווינט. איז דאָס שוין דאָס פאַרנאַכטיקע ווינטל וואָס קומט פון ים? ניין. איך דערקען עס לויט די בלעטער פונעם פייגנבוים, לויט די וויקלקוסטעס וואָס ליגן שטיל אויסגעלאָשן.

דאָס האָט געדויערט נאָר איין רגע... ווען איך האָב זיך אומגעקוקט, איז זי שוין ניט געווען ביי מיין שטוב. זי איז געלאָפן דורכן וועגל און ערשט ביים אייבוויג, ווו עס ציִען זיך די קאַקטוס־קוסטעס האָט זי זיך האַסטיק אויסגעקערעוועט און אַ מאַך־געטאָן צו מיר מיט איר פאַרביק קאָפּטיכל.

פאַרוואָס איז זי אַזוי גיך אַוועק?

אפשר האָט זי באַמערקט דאָס נאַקעטע פייערל פון מיינע אויגן? אפשר האָב איך זי איבערגעשראָקן מיט מיין צעכראַסטעטער, טיף־עטעמדיקער ברוסט, מיט דער צעפּאַטלטער קוטשמע שוואַרצע האָר און מיט די באַרוועסע פיס?

ביינאַכט בין איך נישט איינגעלעגן אויפן בעטל. דאָ האָט מיך אויפ־געוועקט דער שאָקאָלן־געיאָמער, דאָ דאָס ליכט פון דער לבנה וואָס איז גראָד געפאַלן אויף מיין בעטל.

אין די שכנישע הייזער איז שוין פינצטער. מען האָט אומעטום אויסגעלאָשן די נאָפּט־קאַנעצלעך. דאָס זאַמד איז קיל. איך האָב זיך אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן צו דער מירמלנער זייל. איך קען ניט פאַרבינדן מיינע מחשבות. זיי קומען אָפּגעריסן און איך חידוש זיך אויף דער פלו־

צעמדיקייט פון זייער קומען און פאַרגיין. אָט דוכט זיך מיר, אַז איך זע מיטאַמאָל די זיבן וואַנדערנדיקע שטערן. זיי זעגנען זיך צונויפגעקומען פון די וויטסטע הימלען און זיך אויסגעשטעלט איבער מיין קאָפּ, און אָט האָט זיך אָפּגעטיילט אַ באַרג־פעלדז פון די הרי־יהודה און שווימט איצט גלייך צו מיין הויף. ניין! דאָס איז אַ נאַכט־וואָלקן וואָס גייט זיך טובלען אין ים...

וואָס טו איך דאָ, ביי דעם אַלטן קעמלוועג, אין דעם האַלב־חרובן דאָרף, איינער אַליין?

וואָס זיץ איך דאָ אַ באָרוועסער אין דער שפּעטער נאַכט, אָנגעשפּאַרט אויף אַ מירמלזייל?

ווי לאַנג בין איך שוין אין דעם דאָרף?

ווי אַזוי בין איך אַהערגעקומען? פאַרוואָס בין איך ניט געבליבן אין שטאָט?

אָ, די ירושה פון מיינע זיידעס! זי האָט זיך אָפּגערופן אין מיר! די פויערישע גאַרונג נאָך ערד! אָט האָב איך ערד. מיר איז ניט קיין אונטערשייד וועלכע ערד, שטייניקע, זאַמדיקע, חמרה־ערד. איצט וואַיעט זי, די הפקרדיקע ערד, פון מיר אַרויס.

## ד

איך האָב ליב געקראָגן די גרויע פאַרטאָגן פון דעם לאַנד, די שעהען ווען ס'לעשן זיך די שטערן און די קוסטפּייגל הייבן אָן דעם פרימאָרגן־געצוויטשער.

שיין איז אין די שעהען דער איילבערט. זיין קרוין איז ווי אַ גרין־זילבערנער נעפל אויף אַ קנאָכיק־צעבויגענעם שטאַם. ציפּרעסן שטרעקן אויס זייערע שמאָלע שאַרפע שאַטנס און דער שפּיץ ציטערט אין מילדן ווינט. איך עטעם טיף און פיל אַ קילקייט אין אַלע מיינע גלידער, און אַ לויטערקייט שפּרייט זיך אין מיר. מיין בליק ווערט שאַרף, די ברעמען אָנגעצויגן ווי די בויגנס.

אין איינעם פון די פאַרטאָגן האָב איך אָנגעהאַנגען אַ שלאָס אויף דער טיר און בין אַוועק אין שטאָט אַריין. איך האָב פאַרבייגייענדיק געוואָרפן אַ בליק צום יונגן איילבערט. אָ, ווי שיין ער איז געוואָרן דורך

דער צייט. דאָס טירל האָט זיך אַ וויג־געטאָן. די מירמלזייל שטייט אַלץ. זי ווערט וואָס אַמאָל קלאָרער, בולטער, דורכזעעוודיקער. דער טוי וואַשט זי. ווער ווייס ווי לאַנג זי איז געלעגן אַ פאַרגראָבענע אין מיין הויף? וויפל דורות? איז דען דאָ אַ שלאָס געשטאַנען? ווו איז די צווייטע זייל? אפשר דאַרף מען זי אַ זוך־טאָן אין דער געגנט? און פלוצעם האָב איך זיך דערמאָנט אָן מיין שכנה. פאַרוואָס ווייס איך ניט איר נאָמען? אָט, אַן איינפאַל, ניט צו פרעגן אפילו דעם נאָמען. איך בין אומצופרידן געוואָרן פון זיך. אפשר וואַרטן אויף איר? זי וועט דאָך באַלד פאַרבייגיין!

אין שכנישן הויף האָט זיך צעבילט דער קודלאַטער הונט. ס'ווערט שפעט! איך האָב אַרויפגעוואָרפן אויפן אַקסל מיין רענצל און אַוועק צום הויפטשאָסיי.

עס האָט מיך געצויגן צו מיין קליינעם הויף ביים קעמלוועגל.

די אַרבעט האָט מיך פאַרהאַלטן א גאַנצן טאָג אין שטאָט און דערנאָך דאָס וואַרטן אויפן אויטאָ. איך האָב אָנגעצונדן די נאַפטלאָמפּ און צעעפנט די טונקעלע טיר.

איך האָב ליב צו זיצן אויף דער שוועל אַ באָרוועסער און פילן די נאַכטקילקייט פון דער ערד. זיי פאַלן, די זאַמדלעך, צו און איך שפיר זיי אונטער יעדן שאָר פון מיינע פיס. נאַכטיקע שאָטנסווימלען שוין איבערן פּרדס. די וויקלגראָזן זענען נידעריק געוואָרן, איינגעפאַלן, זיי זעען אויס ווי פיאָלעטע כמאַרעס.

שוין לאַנג ניט געזען די שכנה. גייט זי דען נאָך אַלץ פאַרביי מיין הויף?

איך בין אַרויס אויפן זאַמדוועגל און שטיי דאָ אַליין אין דער קילער אָוונט־טונקלניש. עס ווילט זיך מיר אַ שפּרייז־טאָן לענגאויס דעם זאַמדוועגל, אַהין ביז די פלאַכן פון זאַמד, ווו ס'וווינט מיין שכנה. פאַרוואָס זאָל איך טאַקע ניט אַריינגיין צו מיינע שכנים און זאָגן צו זיי: שלום אייך, איך בין דאָך אייער שכן פון דעם ווייס־געקאַלכטן הייזל... איך ווייס, אַז זיי קומען פון תימן, פון דער שטאָט עדן.

איך בין שוין פאַרביי דעם שיקמה־בוים, אַרויס פון די סאַברע־קוסטעס און דערגאַנגען צו די נידעריקע דערנער. אין דער שכנהס

הייפל איז ליכטיק. איך זע גרויסע שאָטנס אויף די ווענט. מיין שכנה איז אין שטוב. כ'הער איר שטים. אַזוי קענטיק איז זי מיר... און גערעדט האָב איך דאָך מיט איר געציילטע ווערטער!

אַריינגיין? ניין... כ'בין באַרוועס... און וואָס עפּעס קלאַפּן אין פרעמדע טירן ביינאַכט... איך האָב זיך פאַרפּלאָנטערט אינעם טייוולס־האָר און צעשטאָכן די פיס.

אַז די לבנה איז אויפגעקומען בין איך נאָך אַלץ געשטאַנען אויפן וועגל. איך האָב זיך אַראָפּגעבויגן און געזוכט די שפּורן פון דער שכנה. זיי דאַרפן דאָך זיין אין זאַמד, אויב זי איז היינט נאָכמיטאָג פאַרבייגע־גאַנגען? יאָ, כ'האָב דערקענט אירע קליינע טריט. זיי פירן דאָך צו דער מירמלנער זייל און דאָ זענען זיי אָפּגעהאַקט! פאַרוואָס האָב איך דאָס פריִער ניט געזען? זי איז דאָ געווען! זי קומט אַהער יעדעס מאָל ווען זי גייט פאַרביי און איך בין ניט אין דער צייט אין דער היים.

ה

איך האָב זיך געוואָרפן אויפן אייזערנעם בעט און ניט געקענט געפינען דעם באַשייד פאַר דעם פּלאָנטער וואָס איז מיך באַפאַלן. לויטן שכל דאַרף איך אַוועק פון דאַנען. אַריבערפאָרן אין שטאָט. און דאָ האַלט מיך עפּעס. וואָס? כ'קען ניט וויסן, איך פיל אַז כ'האָב אַרויסגעכּישופט פון דער ערד אַן אַלטן סוד. איך האָב באַפרייט אַן אַלטן וואָרצל וואָס האָט געלעבט אין דער ערד, און דערמעגלעכט אַז אַן אַרויסשפּראָץ פון אַן איילבערט זאָל דערוואַכן. אַ בוים איז דורך מיינע הענט אויפגעשטאַנען תּחית המתים!

די האַלבנאַכטיקע מידקייט איז מיך באַפאַלן און האָט גובר געווען. איך בין געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און געחלומט. דאָס איז אייגנטלעך ניט געווען קיין חלום נאָר עפּעס אַ זעונג וואָס איז האַלב חלום, האַלב ווירקלעכקייט. און אין מיט פון דער זעונג — די מירמלזייל. — — — איך האָב זיך געלאָזט איבער גערטנער און פעלדער זוכן די צווייטע זייל פון מירמל. ערגעץ נאָענט איז זי דאָך דאָ!... מיין הייפל האָב איך שוין דורכ־געגראָבן... אפשר געפינט זי זיך אויף די שכנישע פעלדער? אפשר האָבן געפונען די זיילן צוויי שכנים און זיי האָבן זיך מיט זיי צעטיילט? איינער

האָט געגומען איין זייל און דער צווייטער די צווייטע... איך האָב זי לאַנג געזוכט ביז איך האָב זי געפונען אין אַ הויפווינקל פון מיינע שכנים ביי די זאַמד־פלאַכן. גוט וואָס אין הויף איז קיינער נישטאָ... דער קודלאַ־טער הונט האָט געוואַרט אויף מיר... די זייל איז אויבן־אויף... געגוג נאָר אַוועקצונעמען דעם שטויב, ווי ס'אַנטפּלעקט זיך דער ווייסער מירמל, אַ בלאָ־אָדערדיקער, אַזאַ שיינער, אַזש מיין האַנט ציטערט פון תענוג...

איך וויש אַרום דעם אַלטן שטויב, באַהויך אים מיט מיין אָטעם און דערפיל אין אים לעבן... די מירמלזייל האָט זיך אויפגעהויבן... אַראָפּ־געשליידערט פון זיך אַ מירמל־פּאַנצער און עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר מיין שכנה... מיין שכנה פון דער שטאָט עדן...

— עדנה — האָב איך אויסגעשטאַמלט. — עדנה — — — —

זי האָט געלאַכט צו מיר מיט אַ קאַלטן פאַרמירמלטן געלעכטער.

— עדנה — זיי מוחל וואָס איך האָב דיך אויפגעוועקט פון שלאָף... פון אַזאַ לאַנגן שלאָף... רופט מען דיך טאַקע עדנה?... אָדער דאָס איז אויסטראַכטעניש?...

— איך בין ניט אויסטראַכטעניש. איך בין עדנה פון בלוט און פליייש.

איר שמייכל איז מיטאַמאָל געוואָרן וואַרעמער. איך האָב זיך אויפ־געהויבן פון שטויב. זי האָט באַרירט מיין שוואַרצע שטופּרינע און אַרומ־געווישט די אַנגסטן פון מיין פּנים — — —

אַז כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען ליכטיק. איך האָב פאַרשפּעטיקט צו זען דעם פרימאָרגן, ווי די יהודה־בערג זענען נאָענט און פילן ווי דער ים־אָטעם איז פריש, טויאיק. די זון איז שוין הויך. אין געסל איז שטיל. איך האָב אָנגעשפּאַרט מיין הייסן שטערן אויפן קילן אייזן פון די פענצטער־קראַטעס.

כ'הער די שאָרשנדיקע טריט אויפן וועגל. דאָס טרוקנגראָז ביי די וועג־ראַנדן ברעכט זיך. איך דערקען די טריט! דאָס גייט מיין שכנה. פאַר מיין הויף פאַרקלענערט זי די טריט, און רופט צו מיר:

— שלום!

— שלום, עדנה! — רוף איך פּלוצעם אויס, און חידוש זיך, הלמאי איך רוף זי עדנה.

זי איז געבליבן שטיין און קוקט מיך אָן מיט פרעגנדיקע אויגן.

— רופט מען דיך נישט עדנה?

זי האָט זיך פאַרטראַכט. איר אָליוון־פּנים האָט אַ צוק געטאָן און זי האָט געשמייכלט.

— געפעלט דיר דער נאָמען עדנה?

— יאָ, — האָב איך געשטאַמלט און זיך געריבן דעם שטערן פון חידוש, — יאָ, ער געפעלט מיר, דער נאָמען.

— אויב דיר געפעלט דער נאָמען רוף מיך עדנה!

זי האָט אויסגעשטרעקט צו מיר איר קליינע ציטערדיקע מירמל־האַנט.

— עדנה — האָב איך געזאָגט און געשפּירט ווי עס פאַרווישט זיך די לעצטע גרענעץ פון חלום און וואָר.

מיר זענען ביידע געשטאַנען שווייגנדיקע און הינטער אונדזערע רוקנס האָבן מיר געשפּירט די גוטע קילקייט פון מירמלזייל.

# דער ווייסער זעגל

לאַנגע שעהען איז נחום געשטאַנען אַנטקעגן דעם ווייסן, פּירקאַנטיקן לייוונט. די קנייטשן אַרום זיינע אויגן־ווינקלען זענען שאַרף געוואָרן, זיי האָבן געציטערט, און אין דער שטילקייט פון קליינעם צימער האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מען הערט דאָס וויברירן פון סטרונעס, וואָס אָט־אָט וועלן זיי צעריסן ווערן און עס וועט פול ווערן מיט אַ דין־מעטאַלענעם געיאָמער.

דאָס מאָלברעט איז געלעגן אויף אַ קליין הילצערן טישל. דאָס גאַנצע ליכט פון פענצטער איז געפאַלן אויף דעם פאַרבן־געמיש פון דער פּאַליטרע. אַ וווּנדערלעכער צונויפגאָס פון ריין טאָגליכט, וואָס קומט גלייך פון די קלאָרע הימלען, מיט אַ כאַאָטישן געמיש פון אייל־פאַרבן: פלעק לעבן פלעק, גרייטע פאַר דער לייוונט וואָס איז שוין אָנגעצייגן אויף אַ ראָם.

נאָר אַ הייב־טאָן די האַנט און דער פּענדזל וועט אַריבערטראָגן אָט־אָ דעם דאָזיקן פאַרבן־געמיש אויף דער לייוונט.

איז דאָס אַזוי שווער?

קוק זיך איין אין די פאַרבן וואָס ליגן אַזוי אָפן פאַר דיר! קוק זיך גוט איין און דו וועסט דערזען דיין אייגן פּנים!

דו האָסט זיי כאַאָטיש געמישט, צונויפגעפלאָכטן, באַהאָפטן — און זע — וואָס עס איז אַרויסגעקומען!

דיין לעבן שפּרייט זיך פאַר דיר!

נישט נאָר דורך וואָרט, דורך קלאַנג, קומט צו דיר צוריק דיין וועלט — זי קומט אויך דורך פאַרב.

דער פּיאָלעט־זילבערנער נעפּל — דאָס איז דער הימל פון דיין יינגלשאַפט. דאָס מילדע גרין, וואָס האָט זיך ווי נאָר־וואָס אַרויסגעשיילט פון גערל — דאָס איז דער ערשטער קנאָספּן־אָנזאָג פון דיין בליִונג.

געדענקסטו די פּרילינג־לאַנען און די טוי־נעפּלען איבער זיי? דערקענסטו דען נישט אין די אַלע שאַטירונגען פון ווייס־פּיאָלעט־ראָז־זילבערגרוי — די שניי־פעלדער פון דיין קינדהייט? און איבער דעם אַלעם הערשט איצט די אָנפאַרביקע פאַרב פון מידע פעלדער וואָס דאָס נאַקעטע ליכט פון גאָטס הימלען האָט זיי פאַרלאָשן.

די אָנפאַרביקייט, די שאַרלעך־אויסגעלאָשענע, די מאָנאָטאָנע, האָט ווי אַ דיקער שטויב פאַרדעקט דיין פאַליטרע און ווען נאָר דו באַרירסט מיט דיין פּענדזל די פאַרבן, דוכט זיך דיר, אַז ער האָט זיך נאָר אין שטויב געטונקען. און דאָ — אַנטקעגן דיר, שטייט אַזאַ ליכטיק לייוונטענער קוואַדראַט ווי אַ זעגל וואָס דו ווילסט אים נישט פאַרשוועכן.

אַזוי איז געווען נעכטן. די טעג גייען. ער ווייס, אַז אויך היינט וועט ער נישט מאָלן נאָר ער קען נישט אַוועקגיין פון מאָלברעט. ער וואַרט ביז דער אָונט וועט צופאַלן, דעמאָלט וועט ער אַוועקלייגן זיך אויפן בעט און קוקן ווי אַלץ ווערט איינגעהילט אין שאָטנס. ער וועט האָבן אַ פאַרענט־פערונג פאַר זיך אַליין: עס איז שוין טונקל. דאָס ליכט טויג נישט צום מאָלן. דערנאָך וועט זיך פאַמעלעך עפענען די טיר און זיין פרוי וועט אין דעם טירשפּאַלט אַריינשטעלן דעם קאָפּ:

— אָ, נאַכי, דו מאָלסט נישט? דו ביסט מיד... — זי וועט אַ שמייכל־טאָן און ער וועט בשום־אופן נישט קענען וויסן אויב דאָס איז ליבשאַפט, מיטלייד אָדער שפּאָט.

און אַזוי אַן אויסגעלאָשענער וועט ער ליגן אויפן בעט און פאַרוועבט ווערן פון דעם גרויען שפּינגעוועב וואָס ער אַליין וועבט אויס. דערנאָך וועט זיך אָנצינדן דאָס עלעקטרישע ליכט אין זיין צימער, און אַ מידע לאַנגווייליקע שטים וועט אים רופן צום אָונטברויט. ער וועט זיצן אַ שווייגנדיקער. טייל מאָל וועט ער פאַר הײמלעכקייט עפּעס זאָגן. סתם אַזוי אַ וואָרט, וואָס איז צו גאָרנישט געבונדן. און אַז דאָס וואָרט וועט פאַרגיין, וועט קיינער מער נישט געדענקען אַז ער האָט עפּעס געזאָגט. און ער אַליין וועט זיך נישט קאָנען דערמאָנען אויב ער האָט בכלל גערעדט אָדער געשוויגן. ווען ער וועט אָנטרעפן איר בליק וועט אים קלאָר ווערן, אַז זי האָט פריער געקוקט אויף אים מיט שפּאָט און מיטלייד. ער דערקענט נאָך

דעם געמיש אין אירע אויגן. זיי דערמאָנען אין דעם געמיש פון נעפּלען און שפּיזלדיק ליכט וואָס קומט פון גלאָז־שפּליטערס.

ער קען שוין דאָס אַלץ ביז לאַנגוויל.

ער קען דעם אָוונטיקן שפּאַציר וואָס ער וועט מאַכן צוזאַמען מיט זיין פרוי. זיי וועלן פאַרבייגיין די קראָמען פון גרינוואַרג און פיש, דערנאָך וועלן זיי פאַרקערעווען לינקס, צו דער אַלייע. זיי וועלן גיין שווייגנדיקע. זי וועט זאָגן די זעלבע געציילטע רייד און ער וועט זען פאַר זיך די טרויעריקע מאָנענדיקע ווייסקייט פון דעם לייוונט. די דאָזיקע לערקייט איז אַריין אין אים! ער קאָן נישט פאַרבינדן די מחשבות. בלויז די גרויע מאָנאָטאָנע ליידיקייט איז אומענדלעך.

אפשר וועט אים דער אָנקומענדיקער טאָג אויסלייזן?

אַזוי פאַרגייען טעג נאָך טעג.

אויף דעם טעגלעכן אויסהאַלט פאַרדינט ער פון קליינע גראַפּישע אַרבעטן. ער מאַכט זיי גיך און פּינקטלעך. און אַז ער בלייבט שטיין פאַר דעם מאַלברעט ווערט ער אומרויִק, געפאַלן ביי זיך און טרויעריק.

דאָס איז אַן אַנדער וועלט, אַ פרעמדע, נאָך נישט אַנטדעקטע וועלט! ער האָט איר נאָך נישט דערזען! זי איז דאָ און ער האָט נאָך צו איר נישט דערגרייכט! עס איז אָפן פאַר אים דער הימל, די ווייט — אָבער ער האָט פאַר זיי נישט די פאַרב און נישט קיין נאָמען. אַ גרוי־אויסגעלאָשענע לאַנדשאַפט שפּרייט זיך פאַר אים!

ניין! זי איז נישט גרוי, זי איז נישט אויסגעלאָשן. זי איז פאַר אים פאַרבאָרגן!

ער פילט די פאַרבן בעת ער ליגט מיט צוגעשלאָסענע אויגן. מיט די פינגער־שפּיצן שפּירט ער זיי. און אַז ער עפנט די אויגן זעט ער די גרייטע פאַרבן וואָס ער האָט מיט טעג צוריק אויסגעמישט.

ער וועט נאָך עפּעס צוגעבן. נאָך אַ קליינעם טאָן!

זיינע הענט זענען אומרויִק. די פּאַליטרע לעבט־אויף. נאָך אַ רגע און דער פּענדזל וועט זיך באַהעפטן מיט דער געדולדיקער לייוונט.

מיטאַמאָל עפנט זיך די טיר מיט אַ זשאַווער־געסקריפּ און אין דער טיר־שפּאַלט באַווייזט זיך זיין פרויס קאָפּ.

— אָ, נאַכי, דו מאָלסט נישט? דו ביסט מיד — — —

זי האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן נאָר ער האָט איר נישט געלאָזט. ווי ער קען שוין דאָס אַלץ!

נחום האָט אַ וואָרף־געטאָן די פֿאַרבן און איז צו צו דער טיר.

— ווּהין גייסטו, נאַכי? נעם עפּעס אויף זיך... עס איז שוין קיל...

— איך קום באַלד. דאַרף נאָר ערגעץ אויף אַ האַלבער שעה...

ער האָט זיך געטראָגן איבער די גוט־באַקאַנטע געסלעך, געשטעלט גרויסע אייליקע טריט ווי ער וואָלט פֿון עפּעס אַנטלאָפֿן.

איצט ווייסט ער קלאָר, אַז דאָס איז אַן אַנטלויפֿן פֿון לאַנגווייל. וואָס גיכער ער איז געגאַנגען, אַלס העכער האָט געפּויקט דער לאַנגווייל אין אים. עס האָט זיך אים דערמאָנט אַן יענעם איינזאַמען הונט וואָס קינדער האָבן צוגעבונדן אַ פּוסט בלעכן שאַכטל און וואָס שנעלער עס איז געלאָפֿן דער אומגליקלעכער הונט אַלץ הילכיקער האָט געפּויקט דאָס שאַכטל אָן די שטיינער פֿון ברוק.

ער איז דערגאַנגען צום אָפֿענעם ים. עס איז ערב זון־פֿאַרגאַנג. אַ גרויסע זון. זילבער־שטרייפֿן. צעגאָסענער קופּער. אַ ווייסער זעגל וויגט זיך אויפֿן ים־האָריזאָנט. דאָרט לינקס, גאָלדיקט זיך דער האַפֿן פֿון יפֿו מיט די מעטשעטן, מיט די קופּאָלן און טורעמס. יפֿו איז ווי אַן אָרעם אַריינגעשניטן אין די זילבער־שטרייפֿן. נאָך אַ רגע און די זון וועט באַרירן דעם ימס האָריזאָנט. דאָס וועט זיין אַ רגע פֿון גליק. ער פֿילט אויס די פֿרייד פֿון ים. ווי מילד זיי זענען איצט די גרין־מאָכיקע שטיינער פֿון ברעג.

גוט וואָלט געווען ווען ער וואָלט געשווומען אויף יענעם קליינעם ווייסן זעגל־שיפֿל און געטראָגן זיך מיטן פֿאַרנאַכטיקן ווינט ביזן ברעג. אין האַפֿן ליכטיקן ווייסע מאַסטן. דאָרט וויגן זיך די פֿישער־שיפֿלעך. די פּנימער פֿון די פּאָרט־אַרבעטער זענען אַוודאי פֿון רויטן קופּער.

די רגע פֿון גליק איז אים באַפֿאַלן.

דאָס איז געווען אַזאַ פּלוצעמדיקע, אויפֿגעוואַכטע, נישט־געאַנטע פֿרייד.

דער ים־ברעג איז פּוסט. עפּעס טונקלט זיך נישט ווייט פֿון אים. אַזאַ זיידענער שלאַנקער שאָטן וואָס פֿאַלט פֿון אַ באַלויכטענעם מאַסט. דאָס איז אַ יונגע פֿרוי. ער האָט דערזען ווי דער ווינט קעמט אירע שוואַרצע האָר און דאָס פּנים איז געווענדט צום ווייסן זעגל.

אפשר וואַרט זי אויפן זעגל־שיפל?

עס איז דאָ אַזאַ וווּנדערלעכער צוזאַמענהאַנג צווישן איינזאַמען ווייסן זעגל אויפן האָריזאָנט און דער יונגער טונקל־געקליידטער פרוי ביים ים־ברעג, האָט ער געטראַכט.

דער זעגל דערנענטערט זיך. ער איז שוין אין זילבער־שטרייף פון ים.

די פרוי האָט אָפּגעוואָנדן איר פּנים פון ים און קוקט אים אָן בייז און פאַרשעריש:

— אדוני, האָסט צו פאַררייכערן?

ער האָט געזוכט אין די טאַשן, כאָטש עס איז אים פון פריִער־אויס געווען קלאָר, אַז דאָרט געפינען זיך נישט קיין פּאַפּיראָסן.

— הם, האָסט נישט? נו גוט. איך וועל שוין אַליין אַוודאי געפינען אין מיין טאַש.

זי האָט געעפנט אַ גרויסע שוואַרצע לאַקירטע טאַש. דאָס פלעמל וואָס זי האָט אָנגעצונדן איז גלייך פאַרלאָשן געוואָרן פון ווינט.

— פאַרוואָס העלפסטו נישט? ווילסטו אויך פאַררייכערן? קום צו נענטער, פאַרשטעל דעם ווינט! איך וועל דיך נישט איינשלינגען!

זי האָט גערעדט הייזעריק. עס איז אים גוט געווען צו הערן דאָס קול אין די איבעררייסן צווישן דעם גערויש פון די כוואַליעס, וואָס האָבן געשוואָנקען די גרינע ים־שטיינער.

— אויף וועמען וואַרטסטו מיידל?

— אויף דיר וואַרט איך! גלייבסט נישט?... כאַ־כאַ־כאַ...

זי האָט גרויסע שוואַרצע אויגן און אומגעלומפּערט צוגעשניטענע ברעמען. איצט לאַכט זי ווידער צו אים און די צוויי קנייטשן ביי די מויל־ווינקלען פאַרגייען.

— איך וואַרט אויפן זעגל־שיפל. דאָרט איז מיין בחור.

— איז ער אַ פישער?

— פאַר אַזאַ נאַר האַלסטו מיך?... מיין בחור אַ פישער?... כאַ־כאַ־כאַ...

עס איז געוואָרן אויסטערליש שטיל. אין די דאָזיקע רגעס פון איר שווייגן האָט ער נישט געוווּסט וואָס צו טאָן און אַז ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן ים האָט ער געזען ווי דאָס זעגל האָט זיך באַהאַפטן מיט דער וווּנדערלעכער זון און עס איז געוואָרן איינס מיט איר.

זי האָט אים אָנגענומען פאַרן אָרעם.

— קום מיט מיר. ווילסטו נישט, דו שוטה?... כאַ־כאַ־כאַ...

עס איז שוין טונקל. דער זילבער־שטרייף איז פאַרגאַנגען. דאָס זעגל איז שוין אַוודאיביים ברעג.

אין יפוער שענק איז רעשיק.

— צוויי ביר! — רופט נחום — דו, הערסט נישט, צוויי ביר!

בלייכע פרויען לאַכן אים אין פנים אַריין.

— העי, ביר־טרינקער, פון וואַנען האָסטו זיך אַהער פאַרשלעפט?

— דאָס האָט אים סאַלימאַ פון ים אַרויסגעצויגן? זי פישט דאָרט גוט!

זי לאַכט צו אים נאָר אירע אויגן זענען מיד און טרויעריק. ער דערקענט אין יעדער באַוועגונג אירער אומגעדולד.

— איך וויל ווייִן... — האָט אים געזאָגט דאָס שוואַרץ־געקליידטע מיידל.

ביי אַ טישל זיצט איינער מיטן קאָפּ געווענדט צום סופיט. זיינע אויגן זענען פאַרשלאָסן, דאָס מויל האַלב־אָפן. אויף די ליפּן קלעפּט אַן אויסגעלאָ־שענער פּאַפּיראָס. אויף דעם וואַקסענעם פנים פון דרימלענדיקן ווימלען צעריסענע שאָטנס. ביים הויכן בופעט שטייט אַ צעגאָסענער קעלנער מיט אַ פּרצוף וואָס עס איז שווער אונטערצושיידן אויב דאָס איז אַ מאַן אָדער אַ פרוי.

אַ קריפּל, אין אַ שוואַרצן צילינדער קלאַפּט אין מעשענע טאַצן.

די מיידן דרייען זיך אַרום אים פאַרביי און יעדעס מאָל בלייבט אַן אַנדערע קעגן אים שטיין.

דער קריפּל דערגרייכט מיט זיין אומגעלומפּערטן פנים צו זייערע היפּטן. איינע האָט אים אַ שטויס־געטאָן מיט איר גרויסן בוזעם און ער איז געפאַלן מיט די טאַצן און עס האָט זיך צעשאָטן איבער דער גאַנצער שענק אַ פרעך קופּערן געלעכטער.

דעם טאַצן־פּויקערס פנים איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ רויטקייט און פון די פייכטע אָנגעשוואָלענע ליפּן, די צעקרומטע, האָבן זיך געצויגן גאַווער־פעדעם.

— וואָס גלאָצסטו ווי אַ נעבטיק׳נר?

מען האָט נחומען אַ לאָז־געטאָן אַ וואָלקן רויך אין פנים אַריין.

— כאַ־כאַ־כאַ...

דאָס איז זי, די פון ים־בערג, וואָס האָט געוואַרט אויפן ווייסן זעגל. ער האָט איר גלייך דערקענט לויט דעם הייזעריקן געלעכטער.

— מיר דאַרפן צוריקגיין צום ים־בערג. דאָרט וואַרט דאָס שיפל...

זי האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט.

איין פוס האָט זי אַרויסגערוקט פאָרויס און ער האָט דערשפּירט דעם וואַרעמען שטויס פון איר קני.

די טירן האָבן זיך צעפּראַלט. עמעצער האָט איר אַ קלאַפּ־געטאָן איבערן אַקסל.

— סאַלימאַ, ביסט באַשעפּטיקט? פּאַרטיק זיך אָפּ מיטן...

דער פרעמדער האָט נישט פאַרענדיקט. ער האָט נאָר אַ שפּאָטישן קוק געטאָן אויפן מאַלער.

דאָס איז אַ ריזן־יונג מיט אַ צעפּלאַטשיקט פּנים און לאַנגע נאָכהענגענדיקע הענט.

—רופט מען דיך סאַלימאַ? — האָט נחום געפרעגט.

— וואָס איז דיר וויכטיק?

זי האָט צו אים געלאַכט אַרויסרופעריש.

— דער ווייסער זעגל איז שוין אין האַפן. — קום... — האָט ער איר ווידער דערמאָנט אָן זעגל.

— פאַרשטייסטו נישט אַז איך האָב נישט צופיל צייט פאַר דיר?... מיין בחור וואַרט....

— איך האַלט דיך נישט אויף. קענסט גיין!

סאַלימאַס פּנים איז רויט געוואָרן פון כעס. זי האָט הויך גערעדט:

— איך האָב אומזיסט מיט דיר געפּטרט צייט. איצט שפּאָטסטו פון מיר. געפעל איך דיר אפשר נישט? ווילסט אַ שענערע?

סאַלימאַ האָט אים אַריינגעלאָזן דעם רויך פון איר ציגאַר אין פּנים אַריין און מיט אַן אַקסל אַ שטויס־געטאָן נחומען צום בופעט.

— העי, קעלנער, צעיוירענער דו, וויפל צאָל איך פאַרן ביר און ווייַן?

— האָט נחום אויסגערופן מיט אויפרעגונג.

ער האָט געוואָרפן אין דער אויסגעשטרעקטער פליישיקער האַנט פון שענקער פּאַפּיר־געלט.

ביי דער טיר האָט אים אָפּגעשטעלט דער ריז מיטן צעפּלאַטשיקטן פּנים.

— האָסט באַליידיקט מיין בחורה סאַלימאַ, באַצאַל, דו פּחדן איינער!

ער האָט דערפילט אויף זיך אַ שווערע האַנט.

— נעם צו דיין האַנט!

עטלעכע טישלעך האָבן זיך איבערגעקערט און דאָס גלאָזוואַרג איז צעשפּרונגען געוואָרן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע.

אין מיטן פון דער שענק איז געשטאַנען דער קריפּל מיטן שוואַרצן סורטוק און שוואַרצן צילינדער און געקלאַפּט מיט די טאַצן און עפּעס געשריִען — דאָס איז געווען אַ פרייד־אויסגעשריי פון ווילדער הנאה, ליידנשאַפט און להכעיס. און אַז ער איז אויף אַ רגע שטיל געוואָרן האָט זיך לעבן אים אָוועקגעשטעלט אַ מויד און מיט דער ברוסט אַ שטויס־געטאָן זיין צעקרומט אַנגעשוואָלן פּנים. דעמאָלט האָט ער אַ וויש־געטאָן דעם גאַווער מיט די האַנט־פלאַכן און אַ כאַפּ־געטאָןביידע גרויסע טאַצן און געקלאַפּט מיט זיי.

עס איז שפּעט ביינאַכט.

נאַכי גייט איבער די פּוסטע געסלעך. די שלייפן זענען אים אָנגעצונדן. אין האַלדז איז טרוקן. איין אויג איז טיף אַריין אין דער אויגן־אויסהוילעניש אַזש ער זעט נישט דאָס ליכט. דאָס העמד איז אויף אים צעריסן.

ביי אַ ראָג האָט אים אַ שוטר לאַנג נאָכגעקוקט און נישט געקענט באַשליסן אויב ער זאָל פאַרהאַלטן דעם דאָזיקן בר־נש אָדער לאָזן אים אַזוי וואָגלען מיט דעם שיכור־געגנגל איבער דער נאַכטיקער שטאָט.

ער איז בייז געווען אויף זיך, אויף דעם לאַנגווייל וואָס האָט אים פאַרטריבן אַזש צו די דאָזיקע טונקעלע געסלעך מיט די הפקר־יונגען. ער איז פול געווען מיט שנאה צום אייגענעם ווייב, די וואָס וועט מאָרגן ווידער פאַמעלעך, עפענען די טיר.

ער האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט און הויך גערעדט צו זיך אַליין:

„נאַכי, דו מאָלסט נישט? דו ביסט — — — כאַ־כאַ־כאַ...״

ער האָט געלאַכט מיט ביטערניש, מיט גאַל. „כאַ־כאַ־כאַ, מאָלסט נישט?״ וועט זי מיך פרעגן. אָ, דער ווייסער זעגל, ווען ער קומט־צו צום ברעג וואָלט איך אים צעריסן, צעשליסן אויף פּיץ־פּיצלעך! וואָס האָב איך דען

צום זעגל? פאַרוואָס פלאָנטערט זיך מיר אַ זעגל־שיפל? בין איך שיכּור? ניין, נישט שיכּור... נישט שיכּור... דאָרט, אין אַ שטוב וואַרט אויף מיר די ווייסע לייוונט אין דער רעם... אַלץ איז גרייט... דער פאַרבן־געמיש, די פּענדזלען... נאָר איך בין אָנמעכטיק. איך בין אויסגעלאָשן... נישט אויסגעלאָשן... איך בין ווי אַן אונטערגעשניטענער שטאָם וואָס די וואַסערן שליידערן אַרויס פון די ברעגן. ער וועט מער נישט עפענען קיין גרינע קנאָספּן... די וועלן שווימען פאַרביי און דער שטאָם געהערט נישט צו קיינעם — נישט צום אומרויִקן ים און נישט צו דער גוטער ערד... כאַ־כאַ־כאַ... איך בין נישט שיכּור... נישט שיכּור... דאָס לעבן גייט נעבן מיר פאַרביי... עמעצער האָט געמאַכט אַ קליינעם נישטיק־נאַרישן קרייַז און באַפוילן: דו וועסט זיך נאָר אין דעם קרייַז באַוועגן! דאָס זענען דיינע גרענעצן! טאָרסט זיי נישט אַריבערשפּאַנען! דער קרייַז איז גרויס ווי דער גענעץ פון לאַנגוויל. ער פירט פון שטוב צום געסל מיט די צוויי־דריי קרעמלעך, צו דער אַלייע מיט די פאַרשטויבטע פיקוס־ביימער און צוריק. דאָרט וואַרט דאָס ווייב. „נאַכי, מאָלסט נישט?“ כאַ־כאַ־כאַ... היינט האָב איך אויפגעריסן דעם קרייַז וואָס מען האָט געמאַכט אַרום מיין לעבן. אויפגעבראָכן אים, אַז עס זאָלן אַריין די ריינע און די אומרייַנע שטראָמען! זאָל עפּעס געשען! עפּעס מוז געשען! כאַ־כאַ־כאַ...

...קריפּל, וואָס שוויגסטו מיט דיינע מעשענע טאַצן?

זעץ מיט זיי אַז די שטילקייט זאָל צעשפּענט ווערן ווי דער אַלטער בוים פון בייזע דונערן!

באַלד וועל איך צערייסן מיין ווייסן זעגל וואָס איז געבליבן ערגעץ אויף מיין טויטן, אויסגעלאָשענעם פאַרגליווערטן ים... כאַ־כאַ־כאַ...

ער האָט אַ בייזן זעץ געטאָן אין זיין טיר.

— עפן! העי, עפן! וואָס לאָזסטו מיך אַזוי לאַנג וואַרטן?

דאָס דערשראָקענע ווייב איז געשטאַנען אין דער האַלב־געעפנטער טיר. זי האָט פאַרבראָכן די הענט.

— וואָס איז מיט דיר געשען? נאַכי...

ער איז געשטאַנען אין דער טיר אַ וואַקלדיקער און געקוקט אויף איר מיט דעם בליק פון אַ פרעמדן.

— גאָט, ווי דו זעסט אויס! — האָט זי אויסגערופן.

נחום האָט זיך פּלוצעם צעלאַכט מיט אַ פאַרהוילן הייזעריקן געלעכטער. דאָס איז דאָך סאַלימאַס געלעכטער האָט ער געטראַכט און עס איז אים געוואָרן אומהיימלעך.

— איך בין געפאַלן... אַביסל צעקלאַפּט זיך... געפאַלן ביים דורכגיין די גאַס... אַ שטויס פון אַן אויטאָ... אַזאַ ווילד פאָרן... איצט איז מיר גוט... ער, דאָס ווייסע זעגל... עס האָט מיך אַזוי גערופן... געלאָקט...

— איך פאַרשטיי דיך נישט. וואָס רעדסטו? פיבערסטו דען?

און אַז זי צוגעקומען נענטער צו אים, האָט זי דערפילט דעם ריח פון בראָנפן.

עס איז פינצטער געוואָרן. זי זיצט אויפן ראַנד פון בעט און וויינט. פון דער גאַס פאַלט דאָס געלע וויגנדיקע ליכט פון לאַמטערן.

אין דעם אָרעמען לאַמטערן־ליכט האָט ער דערזען די לייוונט. דער הענג־לאָמפּ שאָטנט אויפן לייוונט ווי אַ פעטליע. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גייט אַ באָרוועסער אויף די פינגער־שפּיצן צום מאָלברעט.

אַלע פאַרבן האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין פאַרב.

נחום האָט אויסגעדרייט די רעם מיט דער לייוונטענער ווייסקייט צו דער פינצטערער וואַנט. עס ווילט זיך אים וויינען פון טרויער און אָנמאַכט.

צומאָרגנס.

ער פיבערט. אָט איז דאָס זעגל אַריין אין האַפן... דער קריפּל אין שוואַרצן צילינדער קלאַפּט אין די מעשענע טאַצן... אַ, גאָט דאָס זעענען דאָך צוויי זונען!... די יונגע פרוי אין שוואַרצן ביי די גרין־מאָכיקע ים־שטיינער... דער ריז מיטן פלאַטשיקן פנים... סאַלימאַ, דו פרעכע, דו חוצפהדיקע, דו, וואָס האָסט אויפגעבראָכן דעם נאַרישן קרייז וואָס עמעצער האָט פאַרשלאָסן אַרום מיר! וווּ ביסטו יעצט? קום! וועסט זיך דערקענען אויף מיין לייוונט!...

די טיר עפנט זיך פּאַמעלעך און אין דער האַלב־אָפענער טיר שטייט זיין פרוי:

— נאַכי, דו מאָלסט נישט? ביסט מיד — — —

ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ פיבערדיק־קראַנק געלעכטערל. און אַז די טיר האָט זיך צוגעמאַכט, האָט ער געשעפּטשעט צו זיך אַליין:

— סאַלימאַ, לאָמירביידע וואַרטן אויף דעם ווייסן זעגל וואָס וועט אפשר קיינמאָל נישט דערשווימען צום ברעג...

# די צעבראָכענע קרוג

נישט ווייט פון די הרי־יהודה שטייט מיין הויז. ווען די זון פאַרגייט קומען־צו די שאָטנס פון די יהודה־בערג ביז מיין שוועל. דאָס דויערט נאָר געציילטע רגעס. וואַנדערנדיקע שאָטנס נידערן איבער די טרויעריקע אָוונט־פעלדער. זיי ציִען זיך ביזן אויסגעטריקנטן וואַדי און דאָרט רייסן זיך אָפּ שטיקער שאָטנס און שוועבן אַוועק צום ים.

אין די אָוונט־שעהען האָב איך ליב צו זיצן אין קליינעם הויף מיטן פּנים צום וואַדי. איך זע די שורה ציפּרעסן לעבן דעם ראַנד פון אַן אָפּשטאַרבנדיקן פּרדס. דערנעבן קנוילן זיך די גרין־זילבערנע קוסטעס, געדיכט פאַרפּלאָנטערטע מיט וויקל־ריטלעך, דערנאָך שפּרייטן זיך די נאַקעטע פעלדער פול מיט פאַראַיאָריקע דערנער; אויסגעלאָשענע, צעבראָ־כענע פון די ווינטן, צעטראָטענע פון די האָרדעס שאַקאַלן וואָס לויפן דאָ דורך אין די נעכט. ערגעץ, אין די טויטע דאָרן־שטערן, דאָרט ווו עס איז פאַראַיאָרן געוואַקסן אַ וווּנדערלעך־שיינע דאָרנבלום מיט די פאַרבן פון רעגנבויגן און פון בלומען־בעכער האָט אַרויסגעליכטיקט אַ יונגע זון — אין די דאָרן־שטערן האָבן זיך באַזעצט פּערלמוטערנע שנעקעס. זיי שימערן אין זונפאַרגאַנג ווי די טויטע אויגן־ווייסלען פון שאָף.

עס ווערט טונקל. דער אָוונט הייבט זיך אָן ביים סיקאַמאָר־בוים. אַז איך קוק פון מיין הויף אויף זיינע גרויסע געדיכטע צווייגן, פאַרשטעלן זיי מיר די ווייטע פעלדער, די קליינע ווייסע הייזער מיטן וואַסער־טורעם. אין דער נאַכט ווערט דער סיקאַמאָר נאָך מעכטיקער.

עס איז שוין צייט צו צינדן די לאָמפּ. דער ערשטער שאַקאַל האָט זיך אָפּגערופן. אַזאַ נעבעכדיקער געוויין צו דער בלייכער האַלבער לבנה.

אפשר ווייבט ער וואָס די לבנה קען זיך נישט אַרויספּלאָנטערן פון די סיקאַמאָר־צווייגן?

דאָס זענען מיינע טרויעריקסטע שעהען פון טאָג. איך האָב ליב

אַװעקצוּלײגן זיך אױף דער שטײנערנער פּאָדלאָגע און קוקן צום סופיט. איך ליג אױף דעם טעפּעך װאָס דער אַלטער עזריה האָט מיר געבראַכט. דאָס איז אַ טעפּעך געפלאָכטן פון טרוקענע פּאַלמע־בלעטער. די נאַפט־לאָמפּ מאַכט אַ גרױסן ליכטיקן ראָד אױפן סופיט. איך װאַרט אױף עפּעס. אין דעם באַלױכטענעם ראָד װעט זיך באַװײזן די קלײנע גרױע, באַװעגלעכע שטוב־יאַשטשערקע און לױערן אױף די ליכט־פלאַטערלעך װאָס קומען צום ליכט־ראָד זי װעט זײ פאַנגען און דערנאָך װידער לױערן. די פלאַטערלעך קרײזן אַרום דער פאַרטײעטער שטוב־יאַשטשערקע װי זײ װאָלטן זיך מיט איר געשפּילט, נאָר איך װער אױפגעצאַפּלט פון יעדן שפּרונג אירן. אַזױ גײען די שעהען. איך בין מיד, אײנזאַם און טרױעריק. די מידקײט איז פון דער אַרבעט אין מײן גאָרטן, די אײנזאַמקײט איז דערפאַר װאָס איך האָב איר אַלײן אױף זיך אַרױפגעצװוּנגען. עס איז דאָך גענוג געװען צו מאַכן אײן טריט צו איר, מיט דער ציטערנדיקער האַנט באַרירן איר אָרעם. מיט די אױגן האָב איך געבעטן בײ איר גענאָד און מיטלײד. זי האָט אָבער מײנע אױגן נישט געזען. אַנשטאָט דעם האָב איך זיך האַסטיק אױסגעדרײט מיטן רוקן צו איר, און איך בין אַװעק. אַזױ בין איך דערגאַנגען צום קלײנעם הױז װוּ עס דערגרײכן אין פאַרגאַנג די שאָטנס פון די יהודה־בערג.

פון װאַנען קומט מײן טרױער? אַז איך זע מײן פּנים אין ברונעם־שפּיגל האָב איך מיטלײד מיט זיך. איז דאָס דער טרױער פון די פעלדער, פון די ציפּרעסן, פון די דערנער, פון דעם סיקאָמאָר?

און אפשר איז דאָס בכלל נישט קײן טרױער? איך בין איצט אַלײן. נאָר מיט זיך. איך דאַרף נישט צו קײנעם שמײכלען, איך דאַרף נישט אױפצװינגען אױף זיך העפלעכקײט, איך װער נישט אָנגעשטעקט פון יענעמס פרײד. איך האָב מײן אײגן פּנים, אַזאַ װי עס האָט עס די לאַנדשאַפט אַרום מיר. איך בין אַזױ װי דאָס פעלד, װי דער ציפּרעס, װי דער באַרג־שטײן. און דאָך איז דאָס טרױער, דער אײביקער טרױער פון באַשאַף. איך האָב לאַנג געטראַכט װעגן גורל פון די צעריסענע באַרג־שאָטנס װאָס װעלן דערשװימען צו ים און דאָרט װעלן זײ זיך באַהעפטן מיט שױמיקע װעלן. הײסט דאָס אַז עס איז דאָ אַ פאַרבינדונג צװישן באַרגיקן פעלדז מיט דער ליכטיקער אױפצאַפּלדיקער ים־כװאַליע. אָט־אָ דער אומטיקער שאָטן פאַרבינדט זײ.

די כוואַליעס טראָגן אַוועק די קופּערנע פּרייד פון געשמידטע פעלדזן. און איין כוואַליע גיט איבער דער אַנדערער דעם סוד פון די דרימלענדיקע בערג און אַלע טיילן פון גאָטס באַשאַף ווערן באַהאַפטן מיט זיך.

אָ, גאָט, בין איך דען אַן אויסנאַם אין דיין וועלט? ווער וועט מיין אָפּשאָטן אַוועקטראָגן און אים מיט עפּעס באַהעפטן?

איצט איז מיר גוט. דאָס ליכט־ראָד אויפן סופיט ווערט קלענער און קלענער. די פלאַטערלעך זענען שוין מיד פון דער שפּיל מיטן ליכט און מיט דער קליינער שטיפערישער שטוב־יאַשטשערקע. די לאָמפּ פאַרגייט. אפשר וואַנדערט איצט מיין שאָטן ערגעץ אַרום אויף אַלט־באַקאַנטע וועגן?

איך היל זיך אין פלעד. דער נאַכט־פויגל פאַרוויגט מיך. דינע פעדעם וויקלען זיך, פלעכטן זיך צוזאַמען אין אַ בלאָען געוועב. דאָס געוועב ווערט געדיכטער. די בלאָקייט פאַרוויגט מיך. גוט איז צו וויגן זיך אין אַ חלל. איך בין דאָ און נישטאָ. אַלע ווייטיקן טרעטן אָפּ. איך בין נישט געבונדן צו דער ערד און דאָך פיל איך איר ריח און וואַקס־מיט מיט יעדן פלאַנץ.

פאַרטאָג. דאָס וואַסער פון ברונעם איז קאַלט. איך שוידער. דער דאָזי־קער פאַרטאָגיקער געצאַפּל האָט מיך וואַך געמאַכט. איך פיל די יונגע פאַרטאָגיקע ערד אונטער מיינע פיס. איך האָב ליב דעם פאַרטאָג ווען עס שפּראָצט קוים דאָס ליכט. דאָס איז די שענסטע צייט פון טאָג. טייל מענטשן האָבן ליב דעם פאַרגאַנג, טייל די אָונט־שעהען, טייל דעם מיטנטאָג. איך האָב ליב די טאָג־שפּראָצונג, איידער עס באַווייזט זיך נאָך די זון. דעמאָלט איז דער טאָג אַזוי יונג ווי דער גרין־פאָספאָרדיקער אַרויסשפּראָץ פון אַ קנאָספּ. איך האָב ליב די ערב־באַשאַפונג פון טאָג. די ערשטע ליכט־וויברירונגען אויף די וואָלקן־ראַנדן.

עס ליכטיקט. איך קען שוין אונטערשיידן די פלאַנצן פון ווילדגראָז. דאָס איז די בעסטע צייט צו אַרבעטן אין פעלד. די ערד איז גוט צו מיר אין די פאַרטאָגן. מיין רידל קלינגט־אָפּ אין אַן אונטערערדישן שטיין. איך האָב ליב דעם דאָזיקן שטאָל־געקלאַנג אין די פרימאָרגנס.

אין איינעם אַזאַ פאַרטאָג בין איך געבליבן שטיין אַ פאַרחידושטער. ביי די פלאַנצן, לעבן מיין בייט, האָט זיך דערהויבן אַ פרעמדער קוסט. פאַרוואָס האָב איך אים ביז איצט נישט באַמערקט? פון וואַנען קומט ער אַהער?

איך האָב זיך אַראָפּגעזעצט אויף די קני און באַרירט די בלעטלעך, געקוקט אויף די קליינע ראָזע בלימלעך. עפּעס אַזאַ באַקאַנטער און גלייכצייטיק אומבאַקאַנטער פּלאַנץ. איך האָב פאַרגעזעצט מיין אַרבעט אין קליינעם פּרדס און מער נישט געטראַכט וועגן דער אויסטערלישער פּלאַנץ. זאָל ער וואַקסן! אפשר, אַז די בלימלעך זיינען וועלן זיך עפּענען וועל איך קענען אונטערשיידן צו וועלכן מין ער געהערט.

ביינאַכט, אַז איך בין געלעגן אויף עזריהס פּאַלמע־טעפּעך, איז מיר עפּעס קלאָר געוואָרן: דער דאָזיקער פרעמדער פּלאַנץ געהערט צום זעלבן מין פּלאַנצן פון מיין בייט. דאָס איז דער אור־פּלאַנץ. אַזוי האָט ער אויס־געזען אין זיין ווילדקייט ווען ער איז פריי געוואַקסן אין די פעלדער. עס טרעפט, אַז נאָך די הונדערטער פּלאַנצן־דורות קולטיווירטע זריעה־קערנער, אַנטפּלעקט זיך אין איין קערנדל צוריק דאָס אור־פּנים. און אַז איך האָב זיך גוט צוגעקוקט צו די געשניצטע בלעטלעך, צו די דאָרנדיקע צווייגלעך — האָב איך לייכט דערקענט, אַז דאָס איז דער זעלבער מין וואָס די קולטיווירטע פּלאַנצן. איין אונטערשיד איז נאָר געווען — די ווילדע אור־בלימלעך האָבן אַרויסגעגעבן אין די פאַרטאָגנס און פאַרנאַכטן אַ וווּנדערלעכן ריח, אַזאַ רויען שאַרף־פאַרוויגנדיקן דופט וואָס האָט וואַך־געמאַכט מיינע שלייפן. און אַז איך האָב זיך געהילט אין מיין פּלעד האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז דער קליינער צימער איז פול מיט דעם אומבאַקאַנטן געוויקסן־ריח.

די דאָזיקע קליינע אַנטדעקונג איז פאַר מיר געווען ווי אַ געוואָרפענע בריק צווישן ווילדע פּליינען און דעם גאָרטן מיינעם. ווען איך האָב געקוקט אויף די גרויסע שיינע גאָרטן־פּלאַנצן האָט זיך מיר געדוכט, אַז זיי זענען פול מיט בענקשאַפט צו יענער אורצייט זייערער, ווען זיי זענען פאַרווילדעטע פריי געוואַקסן אין סטעפּ. דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער ווילדפּלאַנץ איז מיר נאָענט און אייגן געוואָרן און מיט ליבשאַפט האָב איך באַרירט די קליינע, אָרעמע בלעטלעך זיינע.

איך האָב שוין לאַנג נישט געזען דעם אַלטן עזריה. ער וועט אַוודאי קומען ווען עס וועלן צייטיק ווערן די סיקאַמאָר־פּירות.

עטלעכע מאָל אין יאָר טרייסלט פון זיך דער סיקאַמאָר זיין פּרוכט. זיי זענען ענדלעך צו די פייגן: אָנגעגאָסענע פּירות מיט אַ זיסן האָניק, נאָר

פיל קלענער. זיי האָבן אַ דורכזיכטיק בורשטינענע הויט. שטענדיק ווען איך באַריר אַזאַ פּרי ווילט זיך מיר איינבייסן איר מיט די ציין און איידער איך באַריר איר, פיל איך שוין דעם האָניק־זאַפט. ווען איך דערנענטער זיך צום בוים ווער איך תמיד געזעטיקט פון דעם פאַרוויגנדיקן קילן גערויש פון זיינע שווערע פאַרשאָטנטע צווייגן, פון דעם האָניק מיט וועלכן עס איז פול דאָ די לופט און מיין דורשט ווערט געשטילט פון די פליסיקע ברוינלעכע שאָטנס. דעמאָלט הייב איך אויף מיין מידן קאָפּ צו די צווייגן פון סיקאַמאָר — אַזעלכע מאָכיקע שטאַמען פון אוראַלטן זילבער וואָס די צייט האָט זיי פאַרדעקט מיט מאָך און שוואָמען, מיט געוויקסן־שטויב. זיין קרוין איז מעכטיק. נישט דער שאַרפער באַרג־ווינט וועט אים צעוויגן, נישט דער ווינטער געפייף פון ים־שטורעם מיט זיין זאַלץ־טעם וועט דעם סיקאַמאָר צעשויבערן, אַפילו די בלינדע גרין־בלאָלעכע נעפּלען וועלן נישט אין די פאַרטאָגן אָפּמעקן דעם סיקאַמאָרס קרוין — פון די נעפּלען טונקלט אַרויס, אויף מיילן ווייט, דער אַלטער סיקאַמאָר.

די האַמסין־זון קען נאָר באַרירן די קרוין־ראַנדן מיט זיין פייער. די שאָטנס וואָס וויקלען זיך אַרויס פון דעם סיקאַמאָר־שטאַם, אָט אָ די קילע געזעטיקטע האָניק־שאָטנס געבן אַוועק אין די האַמסינען די גאַנצע קילקייט זייערע צו די טרויעריקע קרוין־ראַנדן פון בוים.

איך האָב ליב צו שטיין אין שאָטן פון סיקאַמאָר, איידער עס ווערן רייף זיינע פּירות. דעמאָלט איז אַפילו די לופט דאָ פול מיט דערוואַרטונג — די דערוואַרטונג נאָך האָניק וואָס וועט טריפן פון די פרוכט. די פייגל קומען אין יענע טעג זעלטן צום בוים, און אויב עס באַווייזט זיך אַ פויגל היפּט ער פון צווייג אויף צווייג און עס שיט זיך דער זילבערנער שטויב פון די מאָכיקע שטאַמען.

תמיד ווען איך שטיי אין סיקאַרמאָרס שאָטן בין איך פול מיט אַזאַ פאַרוויגנדיקער דערוואַרטונג.

טיילמאָל מיין איך, אַז עס וועלן דאָ פאַרבייגיין די קעמל־ קאַראַוואַנען און מיינע אויערן באַנעמען שוין דעם זילבערנעם גלעקל־געקלאַנג. אָפּטמאָל הער איך די טריט פון אַ הירשין, און עס דאַכט זיך מיר, אַז פון די קוסטעס אַרויס האָבן זיך באַוויזן די ליכטנדיקע הירשן־הערנער. איך האַלט איין דעם אָטעם און קוק אַ פאַרגאַפטער: עס גייט מיר אַנטקעגן די ווונדערלעכע

טאָכטער פון דעם שייך וואָס וווינט אויף יענער זייט פון די יהודה־בערג. זי איז געהילט אין זייד. איין אַקסל אירער איז אָפּגעדעקט. איך זע איר לאַנגן אָרעם. זי טראָגט אַ קרוג. איך שפּיר די קילקייט פון פאַרבאָרגענע קוואַלן. זי גייט און גייט, כאָטש דער וועג צווישן מיר און איר איז אַזאַ קורצער איז זי נאָך אַלץ נישט דערגאַנגען צו מיר. וויפל צייט דאַרף נעמען דאָס גיין פון די נעפּל־קוסטעס ביזן סיקאַמאָר? פאַר־וואָס דויערט עס אַזוי לאַנג? זאָל איך איר אַנטקעגן גיין?

כ׳האָב אָנגעשפּאַרט מיין הייסן קאָפּ אָן דעם שטאָם פון אַלטן בוים. איך בין איצט פאַרקנופּט מיט די טיפסטע ערדקוואַלן און מיט די הויכע הימלען.

די וואָרצלען און די העכסטע צווייגן גיבן מיר אָפּ זייערע ניגונים. אַלע זייערע זאַפטן רינען איצט דורך מיינע אָדערן.

די פינצטערניש פון דער ערד און דאָס ליכט פון גאָטס וועלט קרייצן זיך אין מיר, מישן זיך אויס מיט מיין בלוט.

מיינע הענט באַרירן דעם שטאָם. איך וויל צובייגן זיך נענטער און נענטער צו דער ערד. אפשר וועל איך דערקענען די שפּורן פון דורות. האָבן דען נישט די אַלערליי וואַנדערער איבערגעלאָזט דאָ זייערע צייכנס? און אַז איך וועל אַוועק וועט דאָך אויך בלייבן נאָך מיר אַ סימן! מען וועט דעם סימן דערקענען אין געוויש פון די בלעטער, אָן די שאָטנס.

אַלט זענען די סיקאַמאָרן. הונדערטער יאָרן שטייען זיי איינזאַמע ביים ראַנד פון די קעמלוועגן, געדולדיקע, שטאָלצע אין דער וויסטעניש פון דעם טרויעריקן פלאַכלאַנד.

אין זייערע וואָרצלען איז פאַרוועבט דער סוד פון דער ערד און אין די צווייגן דער אומעט פון די הימלען.

אַנטפּלעק פאַר מיר, אָ, דו מעכטיקער סיקאַמאָר דעם ניגון וואָס דו האָסט געהערט פון די מידע וואַנדערער!

גיב מיר צוריק דעם אָפּקלאַנג פון יענער אוראַלטער פרייד! ווייז מיר די שפּורן פון דער באָרוועסער וואָס איז דורך דאַנען געגאַנגען מיט איר קרוג צום קוואַל. ווו איז איצט דער קוואַל? ער איז דאָך דאָ! איך הער דאָך אין האַלב־שלאָף זיין געפּליעך. איך פיל דאָך זיין קילקייט! ער איז דאָך דאָ, ערגעץ נישט ווייט פון דאַנען! ער איז פאַרשאָטן געוואָרן פון די

ביזע זאַמד־ווינטן. ווו איז ער? איך וועל אויף די קני פאַלן און מיט מײַנע הענט אַראָפּשלײדערן די שטײנער, דאָס זאַמד.

עס איז גוט צו זיצן אין שאָטן פֿון סיקאַמאָר ערב די צײַטיקונג פֿון זײַנע פּירות.

נאָך אַ וואָך, נאָך צוויי וואָכן און עס וועלן זיך אָנהייבן שיטן די רײַפֿע שיקמה־פֿײַגן. דעמאָלט וועלן אַ גאַנצן טאָג דאָ זשומען בינען און קופּערנע פֿליגן. דעמאָלט וועלן קומען די טשאַטעס גרויע פֿייגל און אויפֿרײַסן די אײדעלע בורשטין־הויט פֿון די פּירות. אַ שטויב פֿון די זילבער־צווײַגן וועט זיך שיטן אין בלאָלעך־שאָטנדיקן ליכט און אַלץ אַרום בוים וועט פֿאַרוויגט ווערן פֿון אַ זיסלעכן ווײַן־שטאָד.

אין די דאָזיקע טעג וועט זיך באַווײַזן מײַן פֿרײַנד עזריה. אין אַ פֿאַרטאָג וועט ער אַ קלאַפּ־טאָן מיט זײַן שטעקן אין שטײנערנעם פּלויט.

— שלום... האַ־האַ... שלום!

איך וועל אַרויסלויפֿן פֿון שטוב אַ צעכראַסטעטער, אַ פֿאַרשלאָפֿענער און שמייכלען צום זקן.

— שלום, עזריה... איך האָב דיך שוין לאַנג נישט געזען. זעט אויס אַז די פּרוכט צײַטיקט שוין.

— שוין דער צווייטער אָפּשיט ביים סיקאַמאָר דעם זומער... גאָטס זינד צו לאָזן די פּירות אויפֿן רויב פֿון די פֿײגל און בינען. זיי זענען שוין איבערגעזעטיקט געוואָרן, די פֿײגל...

ער האָט צוגעשלאָסן די קלײנע אויגן. דאָס גאַנצע פּנים זײַנס איז איצט פֿאַרלאָפֿן געוואָרן מיט קנײטשן. אַז איך האָב זיך גוט אײַנגעקוקט אין זײַנע אויגן־אויסהוילעכישן האָב איך דאָרט געזען צוויי בלאָע שטריכן. ער האָט געלאַכט צו מיר מיט אַלע קנײטשן פֿון זײַן פּנים.

— זיי פּיקן אויף די שענסטע פּירות, נעמען דעם האָניק און שפּרינגען צו אַן אַנדערן צווײַג... טייל מאָל איז גענוג פֿאַר די פֿײגל בלויז דאָס אויפֿרײַסן די אײדעלע הויט... דאָס טוען זיי מיט פֿייגלשער עקשנות, פֿון זאַט־קייט און לאַנגווײַל... זיי שאַרפֿן די שנאָבלען... האַ־האַ, אַזוי איז אויך מיט מענטשן... זיי האָבן פֿרייד פֿון צעשטערונג... אַלץ וואָס מיר האָבן ליב צעשטערן מיר...

— ביסט דאָרשטיק, עזריה?

ער האָט אָנגעוויזן מיט זיין שטעקן אויפן סיקאַמאָר.

— די פּירות שטילן מיין דאָרשט, זיי לייטערן דאָס בלוט און די מיד־קייט טרעט אָפּ...

איך האָב אים לאַנג נאָכגעקוקט. די קליידער זיינע זענען געניית פון גרויען לייוונט. דער שטעקן זעט אויס ווי פון העלפאַנט־ביין, אַזאַ אויסגע־קרומטער שטעקן פון אַ פּאַלמע־צווייג. איך ווייס אַז ער קומט פון קליינעם הויז נישט ווייט פון דאַנען. ער וועט אָנקלויבן אַ טאָרבע סיקאַמאָר־פייגן, אָפּרוען זיך ביים שטאַם און דערנאָך וועט ער צוריקגיין אַהיים. דאָס וועט זיין אַרום מיטאָג־צייט. זיינע קינדער האָבן ליב דעם קילן געטראַנק וואָס ער מאַכט פון די פּירות...

איין מאָל האָט ער מיר געבראַכט אין אַ קרוג סיקאַמאָר־ווײַן.

— טרינק, וועסט געלייטערט ווערן. דיין שלאָף וועט זיין אַ שטאַרקער און אַז וועסט חלומען וועלן דאָס זיין חלומות פון בת־מלכהס וואָס גייען אויף מירמלנע טרעפּ. דיינע אויגן וועלן ליכטיק ווערן ווי די הימלען. טרינק דעם שיקמה־ווײַן, טרינק, דו גוטער יונגער מענטש...

אין אַ פּאַרטאָג בין איך אַראָפּגעשפּרונגען פון מיין געלעגער און אַרויס אין הויף. די נאַכט איז געווען אַ חאַמסיניקע, דער פּאַרטאָג אַ קילער. אַז כ׳האָב אויפגעהויבן די אויגן צו די יהודה־בערג זענען זיי געווען אַזוי נאָענט, ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. עס איז גראָד געווען די שעה ווען די טויבעפּלען טיילן זיך אָפּ פון די בערג. אַזאַ געזעטיקטע קילע באַרג־ווייט. איך זע די קלענסטע באַרג־פּאַלדן. איך זע די שטעגלעך, איך זע די שאָטנס פון די פעלדזן. ווי קיל איז איצט אַרום מיינע אויגן. איך האָב אָנגעהויבן צו גיין אַנטקעגן די בערג. זיי האָבן זיך דערנענטערט צו מיר מיט יעדן טריט וואָס איך האָב געמאַכט.

עס איז גוט צו גיין אין די קילע פּאַרטאָגן דורך די פעלדער, דורך די זאַמד־אָנשיטן, גיין מיט די אַלטע וועגן, אויסמיידן די דערנער, באַגע־גענען די פּרימאָרגן־פייגל וואָס טרינקען דעם נאַכט־טוי פון די האַלב־פאַרוויקלטע בלעטער.

ווען איך בין דערגאַנגען צו די הרי־יהודה איז די זון שוין געשטאַנען הויך אין הימל.

לאַנגע שעהען האָב איך אַרומגעוואַנדערט צווישן די בערג־שטיינער, געשלענגלט זיך מיט די אַלערליי וואַדי־אָדערן, געזוכט די אוראַלטע שטעגלעך און געוואָלט וויסן וווהין זיי וועלן מיך דערפירן.

טייל מאָל בין איך געבליבן שטיין אַנטקעגן גרויסע שטיינער באַצויגענע מיט אַן אויסגעטריקנטן שטיין־שימל און געזוכט אַ ריץ, אַ שפּאַלט וואָס זאָל מיר דערציילן וועגן דער באַרוועסער יונגער פרוי וואָס איז געגאַנגען דורך דאַנען צום קוואַל. אפשר ליגן דאָ די שערבלעך פון איר ליימענער קרוג?

איך האָב געזוכט צווישן די שטיין־שפּליטערס, געקליבן די שאַרפע שטיינדלעך, גענישטערט אין דעם געוויקסן־אָנהויף און נאָר אַנטדעקט מיינע אייגענע טריט.

צוריקוועגס האָב איך זיך דערמאָנט אָן דער אויסטערלישער פלאַנץ וואָס וואַקסט אין מיין הויף, די פלאַנץ וואָס האָט צוריק באַקומען איר אייגן פנים.

פאַרוואָס האָב איך נישט דערציילט עזריהן וועגן דעם? אויף דעם וועג אַהיים וועל איך אַריינגיין אין עזריהס הויז. איך וועל שטילן דעם דורשט מיטן שיקמה־געטראַנק.

שטענדיק, אַז איך ווער מיד, באַפאַלן מיך אַלערליי מחשבות: טרויעריקע און אומהיימלעכע, פון וועלכע איך וויל אַנטלויפן און קאָן נישט.

עס וועט קומען אַ טאָג און זי וועט זיך באַווייזן! זי מוז צוריקקומען!

וואָס טוט זי איצט אין דער שטאָט? איך האָב מורא אָנצורופן איר נאָמען. עס איז מיר בעסער, אַז איך רוף נישט אָן איר נאָמען אַפילו ווען איך טראַכט וועגן איר. זי באַפאַלט מיך שטענדיק ווען איך בין מיד, ווען עס איז מיר טרויעריק און איך פיל אָפּ די איינזאַמקייט. דעמאָלט דערזע איך אירע גרויסע אומרויִקע און אומבאַקאַנטע אויגן. כאָטש זי האָט שטענדיק געקוקט אויף מיר מיט אַן אָפן פנים איז זי געבליבן פאַר מיר פרעמד און פאַרהוילן. זי איז געווען פאַר מיר דער נאָענטסטער מענטש וואָס איז מיר געבליבן און אין דער נאָענטקייט — אַזוי פרעמד. איצט ברענט מיך די פרעמדקייט אירע. פאַרוואָס האָט זי מיך געלאָזט אַליין? דו גייסט אויף אַן אַנטדעקטן וועג צווישן צוויי פעלדזן, דו זעסט שפּורן פון טריט, דו ביסט

זיכער, אַז דו וועסט ערגעץ אָנקומען, דאָרט וועט זיין וווּנדערלעך שיין — און פּלוצעם דערזעסטו אַ טונקעלע שטיינוואַנט מיט קריצן און שפּאַלטן. עמעצער האָט דיך פּאַרפירט! אַזאַ געפיל האָב איך געהאַט ווען איך בין דערגאַנגען צו דעם וואַדי. איך האָב געזען די רעדער־אָפּדרוקן פון די פייערוועגענער וואָס זענען דורך דאָרטן געלאָפן. איך בין דאָך אין זייערע שפּורן געגאַנגען! וווּהין האָבן זיי זיך אַהינגעטאָן?

איך זיץ ביי עזריהן אין שטוב. זיין גוט ווייב דערלאַנגט מיר די קרוג מיטן קילן געטראַנק. מיר זיצן אויפן פּאַלמע־טעפּעך און ריידן. דאָס זענען אָפּגעריסענע רייד וועגן אויסגעטריקנטן וואַדי וואָס וועט זיך אָנפילן ערשט נאָך די גרויסע רעגנס, וועגן די שטעגלעך אין די בערג. איך דערצייל אים וועגן די פייערוועגענער וואָס זענען דורך זיי געלאָפן ביז דער שטיינערנער וואַנט. ער לאַכט מיט דעם שטערן, מיט די פּאַרמעט־קנייטשן און ווייזט מיר געלע ציין.

— דאָס זענען די פּאַרפירערישע וועגן וואָס דער באַרג־שד האָט זיי אין פעלדזן אויסגעהאַקט, און דו האָסט געמיינט, אַז דאָס זענען דובערן פון די הימלען... זיי זענען צו פּאַרנאַרן דעם זינדיקן. נישט נאָר אין די בערג זענען דאָ אַזעלכע וועגן, זיי זענען אויך דאָ אין לעבן... ביסטו קיינמאָל אויף אַזעלכע פאַלש־וועגן נישט געגאַנגען?... גיב אַ טראַכט, גוטער מענטש, שטייסטו איצט נישט לעבן אַ שטיין־וואַנט?...

עזריה לאַכט צו מיר מיט אַ פּאַטערלעכן שפּאַט־געלעכטערל.

עס איז מיר גוט צו זיצן מיטן אַלטן סיקאַמאָר־קלייבער און פילן אין די הענט די קילקייט פון דער ליימענער קרוג.

איך האָב געשטילט דעם הונגער מיט אַ קאָרענער פּיתּה און פון ביס צו ביס האָב איך גערעדט וועגן פלאַנץ און וועגן דעם ווי אַזוי איך האָב געזוכט צווישן די שטיין־שפּליטערס און גאָרנישט געפונען.

— אַלץ איז דאָך אַזוי אויבן־אויף... אָט האָט פּאַטימאַ אַ קרוג געבראַכט פון די בערג־היילן. איך האָב אויך נישט איינמאָל געזען אַלטע שטיינטעפּ...

— פּאַטימאַ? — האָב איך איבערגעפרעגט.

אפשר איז דאָס די באָרוועסע גייערין וואָס איך האָב געזען אין מיין מידן דרימל, צווישן חלום און וואַכיקייט?

אויב פלאַנצן קענען ווידער אָנבעמען דעם אוראַלטן אויסזען ווען זייערע

וואָרצלען האָבן נאָך געצויגן די זאַפטן פון די אומבאַקאַנטע פעלדער קען דאָך פאַטימאַ זיין אָט יענע ווונדערלעכע מיידל וואָס האט אַנטפּלעקט פאַר מיר איר נאַקעטן אַקסל?

— פאַטימאַ, רופט מען איר? פאַטימאַ?...

איך וואָלט געשוואָרן, אַז יענע, וואָס האָט געשעפּט פון קוואַל וואַסער, האָט אויך געהייסן פאַטימאַ. און אפשר קאָן מיך די פאַטימאַ דערפירן צום פאַרשאָטענעם קוואַל אונטער די סטעפּ־זאַמדן? יאָ, זי קען דעם וועג! איך בין אין דעם זיכער. עס ווייס דאָך דעם סוד פון בלייען דער ווידער־געבוירענער קוסט. איך פיל דאָס אין דעם פאַרכישופטן רויען ריח זיינעם וואָס גיט מיר נישט קיין רו.

— פאַטימאַ רופט מען איר?

דער אַלטער שמייכלט צו מיר. דאָס איז שוין נישט דער שמייכל פון אַ פרעמדן זקן. דאָס איז דער שמייכל פון אַ מענטש וואָס האָט אַנטפּלעקט אַלע דיינע סודות און דורך דער אַנטפּלעקונג ווערט ער דיר פּלוצעם נאָענט און אייגן.

— זי וווינט נישט ווייט פון דאַנען...

— אַזוי גאָר? נישט ווייט פון דאַנען? — חזר איך איבער מיט חידוש זיינע ווערטער. — פאַרוואָס האָב איך איר ביז איצט נישט געזען אויף מיין זאַמד־וועגל?

ער האָט דערקענט אין מיינע אויגן דאָס שטומע געבעט. דאָס וואָס עס האָבן נישט געזאָגט מיינע לעפּצן האָבן געמאָנט מיינע אויגן. זענען דאָס פייערלעך פון שיקמה־ווין אָדער פון דעם נאַקעטן אַקסל פון דעם מיידל מיט דער קרוג? ווען האָב איך געזען דאָס דאָזיקע באַרג־מיידל?

איך קען שוין נישט אָפּטיילן דעם חלום פון וואָר. אויף דעם ראַנד פון חלום און דרימלדיקער מידקייט מיינער זע איך לויפן אַ הירשין און מיט די קופּער־הערנער אירע ברעכט זי די צווייגן... — פאַטימאַ... — שעפּטשע איך — פאַטימאַ...

עס איז שוין נאַכט.

דאָס קילע ים־ווינטל מאַכט מיך וואַך. איך שטיי ביים קליינעם פאַרקראַטעוועטן פענצטערל מיט פאַרביילטע פויסטן.

זי וועט קומען אין אַ נאָכמיטאָג געקליידט אין טונקעלן. איך וועל אַ רגע איר אַנקוקן מיט שטאָלץ, דערנאָך מיט כעס און פאַרדראָס. דיינע אויגן זענען גרויס און גרין. דאָס איז די גרינקייט פון פאַרפראָרענע זומפּן. אַ געמיש פון אייז און זומפּ־שליים. אַז איך וועל דורכברעכן דעם אייזפּאַנצער וועל איך פאַרזונקען אין אַ תהום. — לאָז מיך אַליין — וועל איך אויסשרייען און אויסדרייען זיך צו איר מיטן רוקן. ערשט ווען זי וועט אַוועק וועל איך דערפילן דעם ריח פון אירע פערפומען, דעמאָלט וועל איך פאַר רציחה אויפרייסן די פענצטער, די טיר און לויפן ביזן סיקאַמאָר.

די אור־פלאַנץ איז וואַך. אין דער פינצטערניש דערנענטער איך זיך צו איר און ריר אָן די צווייגלעך, די בלעטער און טעם דעם רויען פעלד־ריח. עס מאַכט מיר גוט דאָס גיין אין די נאַכט־שעהען איבער די וועגן. מיך שרעקן נישט די שאָטנס. איך בין אַליין אַ שאָטן צווישן שאָטנס. דאָס איז שוין עזריהס הויז. איך שטיי ביים קליינעם, נידעריקן פענצטערל און קוק אַריין. אויפן טיש צאַנקט אַ נאַפּט־לעמפּל. אַלע שלאָפן שוין. איך גיי אַ באַרוועסער איבערן קילן זאַמד צו די שכנותדיקע הייזער. די שאָטנס אַנטלויפן אויף צוריק נאָר מיין שאָטן גייט פאַר מיר פאָרויס. ווו איז פאַטימאַס שטוב? איך קוק אויף די קליינע שטיבער און לויט די וואָלקנס איבער זיי, פיל איך ווו עס וווינט פאַטימאַ. דאָרט ווו עס האָט זיך פאַרהאַלטן דאָס ליכטיק־זילבערן וואָלקנדל, דאָס פוכיק־העלע — דאָרט, אין דעם הויז, רוט איצט מיין באַרג־מיידל וואָס איך קען איר אַפילו נישט — — —

איך בין געשלאָפן ביז אין האַלבן טאָג אַריין.

אָ, גאָט, וואָס איז מיט מיר? איז דאָס אַלץ אַ חלום? בין איך נעכטן אין דער נאַכט געשטאַנען ביי פרעמדע פענצטער און שווען, אָדער, איך בין געלעגן אין מיין בעט אַ פאַרוועבטער אין מיראַזשן?

דאָס קאַלטע וואַסער וואָס איך שעפּ אַרויס פון ברונעם מאַכט מיך וואַך.

מיין הויף איז פאַרוואָרלאָזט געוואָרן. די פלאַנצן טריקענען. טייל זענען שוין איבערגעוואַקסן און מען דאַרף זיי איבערזעצן אין אַנדערע כלים. איך מוז צושטעלן די יונגע מאַראַנצן־ביימלעך, וואָס איך האָב זיי אַליין געקרייצט, פאַר דעם פרדס וואָס מען פלאַנצט נישט ווייט פון מיין זאַמד־

וועג. דעמאָלט וועל איך באַקומען מיין לוין און קענען פאָרן אין שטאָט אַריין. איך וועל זיך מוזן נעמען צו דער אַרבעט. די בייטן זענען באַדעקט מיט אַ האַרטן ערד־פאַנצער. איך וועל אים אויפברעכן מיטן רידל. איצט דאָס באַוואַסערן וואָס פאַרנעמט אַזויפיל צייט.

פאַרוואָס פלאָנטער איך זיך אַרום אין די טעג אַזאַ פאַרלאָשענער און טרויעריקער ?

איך האָב גובר געווען מיין מידקייט. די קליינע, ציטערנדיקע פלאַנצן, וואָס איך האָב זיי מיט מיינע הענט דערוועקט צום לעבן און געציילט אויף זיי יעדעס אַרויסגעשפּראָצטע בלעטל, די דאָזיקע ביימלעך האָבן מיר צוריקגעגעבן דאָס וואָס איך האָב זיי געגעבן — די עקשנות צו קלאַמערן זיך אָן לעבן !

עס זענען פאַרגאַנגען טעג.

די גרינקייט פון מיין פלאַנצן־גאָרטן איז באַנייט געוואָרן און עס איז געווען אַ נחת פאַרן אויג. מען איז געקומען צו מיר קויפן יונגע פרוכט־ביימער. איך האָב זיך אַ טרויעריקער געשיידט מיט יעדן ביימל.

איין מאָל האָב איך געפרעגט עזריהן :

— וואָס טוט פאַטימאַ ?

ווידער האָב איך דערזען דעם אַלט־באַקאַנטן סודותדיקן שמייכל זיינעם.

— פאַטימאַ ? כ'האָב געוווּסט, אַז דו וועסט זיך אין איינע פון די טעג פרעגן אויף איר. גוט וואָס דו פרעגסט זיך... זי אַרבעט אין שטאָט... די לעצטע טעג זע איך איר אין דער היים...

— אין דער היים ? — האָב איך שטיל געפרעגט. — אין דער היים ? — און מיר איז נישט קלאָר געווען פאַרוואָס פרייט מיך וואָס פאַטימאַ איז איצט אין דער היים.

— איך האָב פאַר איר אַרבעט, ביי מיינע פלאַנצן־ביימלעך...

כ'האָב אָוועקגעבויגן דעם קאָפּ און געפילט אַז אַ וואַרעמער ווינט גלעט מיינע שלייפן.

צומאָרגנס איז געשטאַנען פון יענער זייט פלויט אַ קליין שלאַנק מיידל מיט שוואַרץ־צעווינטיקטע האָר. אַז איך האָב אַ קוק־געטאָן אויף איר האָב איך דערזען אירע בלענדיקע אויגן־ווייסלען.

— איך בין פאַטימאַ! — האָט זי גערופן אויף אַ דין קולכל — פאַטימאַ בין איך! דער זקן עזריה האָט מיך געשיקט!

אַז זי איז צוגעקומען נאָענט צו דער שוועל האָב איך דערפילט די מיידלשע קילקייט וואָס האָט זיך געטראָגן פון אירע טונקעלע הענט.

מיר האָבן געזעסן פרישטיק אונטערן וויינשטאָק, ביי דער שוועל. זי איז געזעסן אויפן ראַנד פון בענקל און קוים באַרירט די שטיקלעך ברויט מיט אירע לאַנגע פינגער. איך האָב געזען ווי עס בלייכן זיך שיינע פינגער־קנעכלעך. זי האָט זיי אָבער גלייך פאַרדעקט מיטן קאָפּטיכל.

— רוק זיך צו נענטער צום טיש, פאַטימאַ.

זי האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און עפּעס געזאָגט. וויפל איך האָב נישט געפּרוווט אַריינקוקן אין איר פּנים האָב איך דאָס נישט געקענט טאָן.

אַ גאַנצן טאָג, בעת דער אַרבעט, האָט זי פאַרגראָבן איר קאָפּ אין די צווייגן און געלויערט אויף מיין יעדן קער. נאָך דעם זון־פאַרגאַנג האָט זי זיך געגרייט אַהיים צו גיין. איך האָב געזען ווי זי באַנעצט די האָר און קעמט זיי מיט אַלע פינגער פון די הענט. דערנאָך האָט פאַטימאַ צעוויקלט אַ טיכל און אַרויסגענומען אַ קרוג.

— אדוני, ווילסטו דאָס? עזריה האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט איין מאָל אַוועק זוכן אַזאַ קרוג. ווילסטו איר?

איך האָב גענומען די קרוג פון אירע הענט און נישט ווילנדיק האָבן מיינע פינגער באַרירט אירע פינגער. איך האָב געלאָזט רוען מיין האַנט אויף אירער. איצט האָב איך געקענט קוקן אויף איר פּנים. יאָ, זי איז שיין, פאַטימאַ. אַ שטילע פאַרבאָרגענע שיינקייט וואָס נישט יעדן איינעם איז איר באַשערט צו דערזען. ערשט דעמאָלט, ווען די דאָזיקע שיינקייט וועט שוין אַנטפּלעקט ווערן וועלן מענטשן זיך חידושן: איז דאָס מעגלעך געוווען אַז מיר האָבן פאַטימאַן נישט באַמערקט?

זי האָט שווער געאָטעמט, גלייך אין מיין פּנים אַריין און איך האָב דערפילט אין איר אָטעם דעם זעלבן ריח פון דער אור־פלאַנץ.

— ווי שיין עס איז די קרוג! ווי שיין! זע דעם אויסבויג ביים האַלדז! ווי איידל עס זענען געוווען די הענט פון טעפּער וואָס האָט די קרוג געקלעפּט!

איך האָב געפירט מיט דער האַנט איבער דער רונדיקייט פון דער קרוג און געדאַכט האָט זיך מיר אַז אַ שיכּרות פון אַלטע ווײַנען פאַרוויגט מיך. די וואַרעמקייט פון פאַטימאַס פינגער האָט זיך איבערגעגעבן דעם אַלטן שטיין פון דער קרוג. דאָס האָט געדויערט געציילטע רגעס.

ווען איך בין צו צום פענצטערל האָב איך שוין געזען פאַטימאַן לויפן איבערן שמאָלן שטעגל. זי האָט געפּאַכעט צו מיר מיטן ווײַסן טיכל און גערופן:

— אדוני, מאָרגן קום איך מיטן זון־אויפגאַנג!

דאָס לבנה־ניכט באַלײַכט מײַן חדר.

די אַלטע שטיינערנע קרוג שטייט אויף מײַן טיש. איך ליג אויף דעם פּאַלמע־טעפּעך און הער זיך אײַן אין נאַכטיקן ווינט צווישן די פלעכט־גראָזן. אַז איך גיי צום פענצטערל זע איך ווי עס שויבערן זיך די דינע צווייגלעך און אויפן רײַנעם זאַמד ווימלט אַזאַ דורכזיכטיקער לאַנגער שאָטן ווי נעצן פון פישער אויף אַן אַזיערע־שפּיגל.

מײַן אויג ציט זיך צו דער קרוג.

אָהאָ, ווי איך האָב זיך דאָס פאַרקניפּט מיט דער דאָזיקער אַלטער וועלט! דער קעמל־וועג, דער סיקאָמאָר־בוים וואָס איז שוין אַלט הונדערטער יאָרן, דער שיקמה־קלויבער עזריה, דער פּאַלמע־טעפּעך, דער ווידער־אויפקום פון דער פלאַנץ מיט איר פעלד־ריח, די וואַדיס און די שטעגן פאַרלאָרענע אין די הרי־יהודה, פאַטימאַ מיט לאַנגע טונקעלע פינגער און שיינע קנעכל־רינגלעך אויף זיי, דאָס רופן פון שאַקאַלן, די קרוג אויף מײַן טיש אין לבנה־ליכט. און איך אַליין — וואָס די דאָזיקע ערד איז מיר אַזוי נאָענט געוואָרן — פיל זיך ווי אַ טייל פון איר און מיר דוכט זיך, אַז איך קען איר פון מײַנע פריסטע קינדער־יאָרן.

אין דער איינזאַמקייט מײַנער שעפּטשע איך צו זיך אַליין מעשׂהלעך וועגן קעמל־רײַטער, וועגן אָרעמע וואַנדערער, וועגן די שיינע טעכטער און די פּאַסטעכער וואָס פיטערן אין די נידערונגען. עס איז מיר גוט צו לעבן אין דער דאָזיקער אויסגעטראַכטער וועלט. ניין, זי איז נישט אויסגעטראַכט, זי איז דאָ! הער זיך אײַן אין ווינט צווישן די דערנער! הער דעם געשעפּטש פון די ציפּרעסן! הער דעם ניגון פון סיקאָמאָרס העכסטע שפּיצן! שליס צו

די אויגן און הער! ווערסטו זען דורך די פאַרמאַכטע אויגן, ווי עס ציִען פאַרביי קעמל־קאַראַוואַנען, ווערסט הערן אַלטע תּפילות.

האָסטו געזען אין די נעכט ווי עס לאָזט זיך אַראָפּ אַ גרין־זילבערנער נעפּל אויף גאָטס ערד? צוערשט ווערט שאָטנדיק, טונקל, די לבֿנה פאַרגייט, און פון די הרי־יהודה רייסן זיך אָפּ די העכסטע בערג. זיי ווערן צעשמאָלצן אין אַ וואָלקן. דער וואָלקן לייכט ווי פאָספאָר. און מיטאַמאָל ווערט דאָס נאַכטיקע פּנים פון דער ערד פאַרפלייצט פון פאָספאָר־נעפּל. אַזוי בין איך אויסגעפּולט געוואָרן מיט דער טרויעריקער לאַנדשאַפט נישט נאָר זייט מיין קומען אַהער, נאָר אויך מיין קינדהייט האָט באַקומען צוריק דאָס וואָס עס האָט נישט געהאַט. איך לאָז איר, מיין יינגלשאַפט, אַרומלויפן אַ באָרוועסע, אַ פאַרחלומטע, אַ נייגעריקע אויף די אַלע שטעגן און פאַרשפּיל איר מיט די שענסטע מעשהלעך וואָס עס שעפּטשען צו מיר די דאָרשטיקע בלעטער.

בלויז איין פאָדעם, אַ גרויער, בינדט מיך מיט אַ ווייטער וועלט. איך בין פאַרוויקלט אין פאָדעם און האָב נישט די כּוחות אָפּצורייסן זיך פון אים.

וויל איך דעם ריס? וויל איך דען דעם ריס מיט איר?

איך האָב ביז איצט נישט אָנגערופן איר נאָמען: פעליציאַ רופט מען איר. איצט קען איך שוין דאָס טאָן. ביז היינט, האָט זי אין מיינע טראַכטע־נישן נישט געהאַט קיין נאָמען. מענטשן וואָס זענען ווי איינגעוואַקסן אין דיין פלייש האָבן נישט קיין נאָמען. ערשט די דערווייטערונג האָט איר צוריקגעגעבן דעם נאָמען. ווען זי איז אַוועק פון מיר האָב איך דערפילט אַ דערלייכטערונג. דערנאָך האָט מיך די דערלייכטערונג געשראָקן. איך האָב איר פיינט געקראָגן. אין די שלאָפלאָזע נעכט האָב איך צונויפגעקליבן טויזנטער טענות, פאַרדאַכטן, באַשולדיקונגען און צונויפגעשטעלט פון זיי אַן אומהיימלעכע שוואַרצע מאָזאַיִק פון שינאה און האַס. דערנאָך האָב איך דערפילט אַז אונטער דעם אייזפאַנצער פון האַס צאַפּלט איך זיך מיט מיין ליבשאַפט צו איר. די שינאה איז אָבער געבליבן און זי האָט זיך ווי אַ לאַווע צעגאָסן און איז געוואָרן אַ טייל פון מיר. זי איז אַרויס פון די גרענעצן וואָס איך האָב פאַר איר געמאַכט און מיינע פריינד האָבן זיך דערווייטערט פון מיר. זיי האָבן געטייטלט אויף מיר און געזאָגט: ער איז פול מיט האַס און פאַרדאַכט. איך ווייס אַז אויך פעליציאַ האָט מיך פיינט, און דאָך, אין

דער דאָזיקער קעגנזייטיקער פּיינטשאַפט, דערוויטערטע שוין, קענען מיר זיך נישט דערווייטערן. אָטאָ דער האָס צו זיך, צו די יאָרן פון פּיין, צו דו דערנידערונגען דאָרט, האָב איך אַריבערגעטראָגן אויף איר. זי האָט מיך געזען אין מיין געפאַלנקייט, אַ ציטערנדיקן פאַרן נאַקעטן לעבן, געבויגן פון הונגער, שרעק, קעלט. זי האָט געוויינט אין די נעכט איבער מיין איינגעשרומפּענעם לייב וואָס איז אַנמעכטיק געלעגן אויף דעם שטרוי־געלעגער. זי האָט געזען ווי מיינע פינגער האָבן קראַמפּהאַפט געקלאַמערט דאָס הונגער־ברויט. זי האָט געהערט דעם חניפה־געשעפטש מיינעם צו די באַשטיוולטע גראָבע פאַרשוינען. שוין דעמאָלט האָב איך איר פיינט געהאַט פאַרוואָס זי זעט דאָס, נאָר איך האָב נישט געהאַט קיין כוח פיינט צו האָבן. יאָ, מען מוז זיין שטאַרק כדי צו קענען פיינט האָבן! מען מוז זיין פריי! איצט בין איך דאָס! איצט פאַרשטיי איך אַלץ; ווו האָסטו באַקומען דאָס ווייסע ברויט וואָס האָסט אין יענעם שניישטורעם אַוועקגעלייגט אויפן ראַנד פון מיין בעט? עס וואַרגט מיך נאָך יענער ביסן! דו ווייסט אַלץ. איך האָב קיינמאָל מיט דיר וועגן דעם נישט גערעדט. דו ביסט אַוועק פון מיר, ווייט אַוועק. דו וועסט צוריקקומען. איך גלויב אין דעם. וועסט קומען צו מיר. איך וויל דאָס נישט און דאָך קוקן זיך אויס מיינע אויגן אויף דיר. און אַז עס גייען דורך טעג און כ׳זע דיך נישט — צעשמעטער איך מיט שווערע פויסטן־קלעפּ דעם נאַרישן שוואַרצן מאָזאַיק פון פאַרדאַכטן און צעברעקל דעם טונקלען אייזפאַנצער וואָס טיילט אונדז אָפּ. דאָס איז דאָך אַלץ איינרעדעניש! דאָס איז דאָך מיין ווילסטע אויסטראַכטעניש! דו גוטע, ליבע פעליציאַ.

מיינע פלאַנצן זענען באַדעקט מיט געזונטע, אָפענע, גרינע בלעטער.

פאַטימאַ העלפט מיר. יעדן טאָג קומט זי אין מיין גאָרטן. איך האָב באַקומען אַ שם פון אַ גוטן גערטנער. מען דאַרף אַ סך ביימער פאַר די נייע ווירטשאַפטן. איך האָב אַלערליי פלאַנצן פון סוב־טראָפּישע ביימער. די נייע תושבים ווילן אָבער גדר־קוסטעס. זיי ווילן זיך אַרומצוימען מיט אַ לעבעדיקער צוים. אָהאָ, די אַלטע גאַרונג נאָך אייגנטום. מען וויל וויסן די גרענעץ, אַ קלאָרע גרענעץ, אַן אָפּגעצוימטע מיט געדיכטע שטעכיקע קוסטעס.

די לעצטע טעג איז פאַטימאַ שווייגנדיק און פאַרשלאָסן.

איך האָב ליב די שטילקייט אירע. די אויגנווייסלען שרעקן מיך. דאָס איז אַזאַ לאָקנדיקע שרעקעוודיקייט.

וואָס מערער עס האָבן אויפגעלעבט די פלאַנצן, וואָס גרעסער עס זענען זיך צעוואַקסן די ביישטאַם־צווייגלעך, אַלץ קלאָרער און שענער איז געוואָרן פאַטימאַ.

איין מאָל איז זי געבליבן שטיין פאַר דעם ווילדן קוסט און מיך שטום אָנגעקוקט.

— דאָס איז אַ זעלטענער קוסט. זעסט די געשניטענע שמאָלע בלעטער? בייג זיך איין, פאַטימאַ, פילסטו נישט דעם רויען ריח, דעם שאַרפן, פון די קליינע בלימלעך?

זי האָט זיך איבערגעבויגן איבערן קוסט. איך האָב געזען איר לאַנגן האַלדז און דעם זילבער־פוך פון אירע טונקעלע אָפּגעברענטע אָרעמס.

אין דער שאַטנדיקער גרינקייט האָב איך דערפילט די ווייך־קילקייט וואָס טראָגט זיך פון איר.

— אדוני — האָט זי געזאָגט. אַזוי שטיל האָב איך פאַטימאַן קיינמאָל נישט געהערט רעדן — אדוני, דו האָסט ליב דעם פלאַנץ וואָס איז נישט מער ווי אַ ווילדער דאָרן. יעדער אייגער וואָלט אים שוין לאַנג אָרויסגעריסן און אַוועקגעשליידערט אויף דער אַנדערער זייט פון פלויט. ער איז דאָך איבעריק אין דיין גאָרטן. ער פאַרנעמט נאָר אָרט. פילסטו נישט דעם ביטערן ריח וואָס טראָגט זיך פון אים?

זי לאַכט. איך דערקען איר געלעכטער לויט די אַקסל. עס איז מיר גוט געוועזן צו זען פאַטימאַן אַ קנײַענדיקע לעבן דעם צעוואַקסענעם ווילד־קוסט. אויך איך האָב זיך אָראָפּגעזעצט.

— זאָל איך דאָס אַרויסרייסן? — האָט זי מיך פלוצעם געפרעגט און אירע הענט האָבן אָנגעכאַפּט דעם קוסט.

איך האָב דערפילט אַז זי איז אין כעס. איז דאָס צוליב דעם וואָס איך זיץ אַזוי נאָענט פון איר און האַלט איר אָרעם, אָדער דערפאַר, וואָס איך שענק אַוועק אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט אַזאַ נישטיקן פלאַנץ?

— דו האָסט ליב דיין גאָרטן, אָבער מערער פון אַלעם האָסטו ליב דעם ווילד־פלאַנץ, דעם אומנוציקן.

זי איז אַוועק צו מיין חדר און געבליבן שטיין לעבן דעם שפּליטער פון שפּיגל וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. ווי נאָר איך האָב אַ קוק־געטאָן פאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי לאַנג דאָרט פאַרהאַלטן, איז זי אַ פאַרשעמטע אַנטלאָפן צום וואַסער־קראַן.

דעם טאָג האָב איך איר דאָס ערשטע מאָל געהערט זינגען. דאָס איז געווען אַזאַ אויסגעטריקנטער האַלדז־ניגון וואָס טיילמאָל איז ער געפלאָסן שיין און מיטאַמאָל איז ער איבערגעגאַנגען אין אַ פאַרדעמפּט שורשעריי.

אין די אָוונטן בין איך געזעסן אויף דער שוועל און געקוקט צו די הרי־יהודה. מיינע אויגן זענען געלייטערט געוואָרן. איך זע אַזאַ וווּנדערלעכע וועלט, אַן אָוונטיק־בלאָע. איך בין דורך דער דאָזיקער אָוונט־מילדקייט מילד געוואָרן.

— פאַטימאַ... — שעפּטשע איך. ווער איז זי? פאַרוואָס רופט מען איר אויף אַזאַ פרעמדן נאָמען?

באַלד וועט קומען די קליינע קופּערנע שטוב־יאַשטשערקע און לויערן אין ליכט־ראָד פון דער לאָמפּ אויף די זילבער־פלאַטערלעך און איך וועל ליגן מיט אָפענע אויגן אויפן פּאַלמע־טעפּעך.

היינט האָב איך אַנטדעקט אויף דעם ווילדן פלאַנץ רייפע זרע־בעכערלעך. איך האָב זיך איבערגעבויגן איבערן קוסט און אים לאַנג באַטראַכט. — פאַטימאַ... פאַטימאַ... — האָב איך גערעדט צום פלאַנץ — פאַטימאַ וועל איך דיך רופן ווייל איך האָב דיך אויף מיין פּיצל ערד אַנטדעקט... פאַטימאַ וועט זיין דיין פלאַנצן־נאָמען...

אַז איך האָב אויפגעהויבן מיין פּנים האָב איך געזען לעבן מיר דאָס פאַרחידושטע מיידל.

— אדוני, רופסט מיך? פאַרוואָס רעדסטו צו ווילדגראָז?

איך פיל אַז עפּעס וועט געשען. עס וועט אויסברעכן ווי דער שטורעם. איך האָב מורא פאַרן געוויטער. אַז איך זע דעם פליסיקן זילבער אויף אירע טונקעלע אָרעמס דוכט זיך מיר, אַז דער גאָרטן האָט זיך צעוויגט און איך וויג זיך מיט ווי אין שיכּרות. איך האַלט די זרע־בעכערלעך פון ווילדפלאַנץ. איך וועל זיי קרייצן מיט אַן אַנדער געוויקס און עס וועט אַ נייער מין אַרויסקומען. און אפשר זאָל איך די זרעה צעשיטן אין ווינט.

ניין, איך וועל דאָס נישט טאָן. פֿאַטימאַ איז מיר נאָענט געוואָרן. זי איז אַ טייל פֿון מײַן קלײנער וועלט.

פֿאַטימאַ, די טונקלהאָריקע, די שאַרפֿאויגיקע, די אומבאַקאַנטע! אַז איך דערנענטער זיך צו דיר פֿלאַקערן דײַנע אויגן־ווײַסלען אַמאָל מיט פֿראָסט און אַמאָל מיט ווײַסן פֿײַער. טײלמאָל זענען דײַנע הענט מילד, נאָכגעביק ווי די דאָרשטיקע בלעטער און טײלמאָל האַרט ווי דערנער...

און עס איז געשען דאָס אויף וואָס איך האָב געוואַרט.

זי איז געקומען! פֿעליציאַ איז געקומען! מיר זענען געזעסן אײנער אַנטקעגן אַנדערן בײַם קלײנעם טיש. די פֿרעמדקייט וואָס זי האָט אַרויפֿגענומען דורך דער צײַט פֿון אונדזער נישט זען זיך האָט מיך נענטער געמאַכט צו איר. וואָס מאַכסטו? ווי אַזוי לעבסטו? ביסט צופֿרידן, פֿעליציאַ?

די פֿראַגן ליגן מיר אויבנאָן. איך האָב זיי מורא פֿרעגן. איך שרעק זיך פֿאַר אירע ענטפֿערס. דווקא דאָס אומבאַקאַנטע בינדט אונדז. זאָל אַלץ אַנטפּלעקט ווערן, קענען מיר זיך פֿאַנאַנדערגיין אויף אַ לאַנגער צײַט, דערנאָך וועט אונדז דער קעגנזײַטיקער נײַגער צונויפֿפֿירן.

זי האָט געשוויגן און איך בין איר דאַנקבאַר געווען פֿאַרן שווײַגן. אַ שטילקייט וואָס איז פֿול מיט טויזנטער צעבראָקלטע מחשבות. די שטילקייט אין טיף־מענטשלעך און רירנדיק. זי מאַכט פֿײַכט מײַנע אויגן און אין האַלדז שטיקן טרערן. וואָלט דאָס שווײַגן אָנגעהאַלטן נאָך אַ פּאָר מינוט וואָלט איך צוגעפֿאַלן צו אירע הענט מיט מײַנע ליפּן. פֿעליציאַ האָט זיך אָבער אויפֿגעשטעלט און הויך געפֿרעגט:

— ווער איז זי, די, וואָס האָט מיך אַזוי פֿאַרשעריש באַטראַכט בײַ דײַן שוועל? אָטאָ דער טונקעלער שד איז דײַן געליבטע? כאַ־כאַ־כאַ...

פֿעליציאַ האָט געלאַכט מיט איר קאַלט געלעכטער וואָס איז מיר אַזוי טרויעריק באַקאַנט און אין דעם דאָזיקן געלעכטער האָט זי זיך מיר ווידער אַנטפּלעקט. איך האָב איר דערקענט! ווי עס שפּילט זיך דער גיפֿטיקער שפּאָט אויף אירע ליפּן!

דאָס ביסעלע פֿרעמדקייט, דאָס וואָס האָט מיך אַזוי צוגעצויגן צו איר איז פֿאַרשוווּנדן, עס איז צערונען געוואָרן. איך האָב דערזען פֿאַר זיך מײַן נעכטן.

איך האָב אויף דער פראַגע איר גאָרנישט געענטפערט. איר געלעכטער איז פאַרגליווערט געוואָרן. מיין קאָפּ שווערט אַראָפּ. איך האָב אים אַריינגענומען אין די הענט און קוק שטאַר אויף אַ שפּאַלט אין דער וואַנט, אויף דער אַלטער ליימענער קרוג וואָס שטייט אויפן טישל.

פעליציאַ האָט אַ סך גערעדט. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז זי אַרבעט און וווינט אין אַ קליינעם צימער אין צענטער פון דער שטאָט. — וואָרף דאָס אַלץ אַוועק, ווער אַן אַנדערער, פאַרטרייב די שוואַרצהאָריקע פון דאַנען. עס איז דאָך פאַר מיר אַ חרפה. דו ביסט קראַנק. איך דערקען דאָס אין דיינע אויגן. דו ווערסט דאָך אין דער ווילדעניש פאַרווילדעוועט!

פעליציאַ האָט געווישט די אויגן מיט אַ ראָז טיכעלע און דערנאָך אָנגענומען מיינע הענט. — זע וואָס פון דיר איז געוואָרן. קוק זיך אָן ווי דו זעסט אויס; פאַרוואַקסן, צעריסן. זעסטו נישט דיין אָפּגעלאָזנקייט?...

איך דערקען, אַז מיין אָרעמקייט, מיין טרויעריקער אויסזען פאַרשאַפן איר פאַרגעניגן. אַזאַ להכעיסדיקע צופרידנקייט פינקלט פון איר פנים. „זעסטו וואָס עס איז געוואָרן פון דיר אָן מיין אויפזיכט. דו וואָלסט אויך דאָרט אומגעקומען". די נישט־געזאָגטע רייד אירע האָב איך אַרויסגעפילט פון יעדן קער אירן.

איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ נאָך נידעריקער און צוגעשלאָסן די אויגן.

זי איז אַרומגעגאַנגען אַהין און צוריק און גערעדט ווי צו זיך אַליין. דאָס איז געווען אַ מאָנאָטאָנער געשעפּטש וואָס האָט מיך מיד געמאַכט. אַז איך האָב זיך אויפגעשטעלט איז זי געווען ביים פענצטער און געקוקט צו די אויסגעלאָשענע פעלדער.

— איך וועל ווידער קומען צו דיר, ווען ווייס איך נישט. איך בין פאַרנומען.

די ווערטער האָט זי געזאָגט שוין אויף דער שוועל און מיט די פינגער האָט זי באַרירט מיינע שאַרפע קינבאַקן.

אין הויף איז געשטאַנען פאַטימאַ ווי אַ לויערנדיקע הירשין און געקוקט אויף אונדז.

איך האָב באַגלייט פעליציאַן ביזן הויפּט־וועג. מיר זענען געגאַנגען דורך דעם קעמל־וועגל, פאַרביי דעם סיקאָמאָר. כ'האָב זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן

און אויפגעקליבן עטלעכע שיקמה־פּירות. איך האָב גראָד געוווּמען די פאַרוועלקטע און ווערעמדיקע.

וואָס זאָל איך איר זאָגן? בעסער שווייגן. און אפשר וואָלט איך געדאַרפט רעדן, שרייען. איז דען נישט מיין מידקייט, דאָס זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און דאָס שווייגן און אָפּהענטיקייט פּחדנות? דו ווערסט זיך אַזוי אַ לעבן־לאַנג פלאָנטערן צווישן די קליינע יונגע ביימלעך וואָס דו האָדעוועסט און די דערנער! מען דאַרף קענען נישט נאָר אָפּהיטן פלאַנצן, נאָר אויך באַזייטיקן דעם ווילדוווּקס, און דו ווילסט אַלץ אויסמישן, פאַרקניפּן, ווילסט באַשאַפן אַ נייעם מין, אַן אויסמישעניש וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דיין אָנמאַכט און פּחדנות.

צוריקוועגס האָב איך געטראָפן עזריהן. מיר האָבן גערעדט וועגן דער טריקעניש. וועגן דער חמימה. די שיקמה־פייגן וואָס פאַלן איצט זענען פאַרוועלקט און ווערעמדיק. קופּערנע פליגן ראַיען אַרום דעם בוים מיט אַן אומהיימלעכן געזשום. גאָט גיט די ווילדבינען האָניק־פּירות און זיי פאַרוואַנדלען דאָס אין גיפט.

— די ווערעמדיקע פּירות זענען אַן אָנזאָג אויף אַ זומער פול מיט חאַמסינען. דו דאַרפסט היטן דיינע פלאַנצן. כ׳וועל פלעכטן פון פאַלמע־בלעטער אַ שאָטן־צוים, וועסט איר אויפהענגען איבער די בייטן.

עזריה רעדט מיט די לאַנגע טרוקענע פינגער. ער האַלט זיי תמיד ביי זיין האַרץ. זיין פּנים, דאָס שאַרף־געקנייטשטע, זעט אויס ווי די זון וואָלט זיך פון אים קיינמאָל נישט אָפּגעקערט, אַפילו ווען ער געפינט זיך אין קילן שאָטן. דאָס איז אַ טרויעריק פּנים — אַ טרויער נישט צוליב ליידן און פּיין — עזריהס טרויער איז אַ טייל פון דעם טרויער פון די פעלדער די לעכצנדיקע און פון די ווייטן די אָפענע, דאָס איז דער טרויער פון גאָטס באַשאַף.

אין מיין הויף איז שטיל. איך הער נישט פּאַטימאַס אָפּגעהאַקט זינגען, נישט דעם געשראַך פון אירע טריט.

— פּאַ־טי־מאַ! — רוף איך. — פּאַ־טי־מאַ!

איך האָב ליב דעם פרעמדקן קלאַנגפולן נאָמען. איך הער זיך איין אין מיין אייגענעם עכאָ און לויט דעם ווידערקלאַנג וואָס קומט צו מיר דערקען איך אַז אויך די פעלדער, די ביימער און די הימלען האָבן ליב דעם דאָזיקן

מיידלשן נאָמען.

— וווּ איז פּאַטימאַ?

די טיר איז אָפן. איך ווייס, אַז זי גייט קיינמאָל נישט אַריבער מיין שוועל ווען איך בין נישט אין הויף.

אַז איך בין אַריין אין מיין צימער האָב איך דערזען אויף דעם שטיי־נערנעם דיל צעבראָכענע שערבלעך פון דער וווּנדערלעכער אַלטער קרוג. איך האָב זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע און געקליבן די ליים־שפּליטערס. דאָס זענען געווען קליינע שערבלעך ווי צעשאָטענע שטיינדלעך פון אַן אויסגעלאָשענער אָנפּאַרביקער מאָזאַיק.

— פּאַ־טי־מאַ! — ־וף איך.

קיינער ענטפערט מיר נישט. ווער האָט צעבראָכן און צעטראָטן די וווּנדער־קרוג? ווער האָט עס מיט ווילדער רוגזה צעשטערט אָט אָ די איידעלע קרוג?

און אַז איך בין אַ דערצאָרנטער געלאָפן צווישן די ביימלעך האָב איך דערזען מיין ווילד־כּלאַנץ אַן אַרויסגעריסענעם מיט די וואָרצלען. איך האָב אים אויפגעהויבן ... דער בייט. פון די באַקעטע וואָרצלען האָט זיך געשאָטן ערד. די שמאָלע בלעטלעך האָבן נאָך געלעבט. איך האָב געפילט, אַז מיט געציילטע מינוטן צוריק האָט מען די פלאַנץ אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען.

דאָס האָט פּאַטימאַ געטאָן! פּאַטימאַ!

איך בין געלאָפן צו דער שטיינערנער צוים און געזוכט אין די ווייטן. איך האָב נאָר געזען אין זאַמד די פוס־טריט פון פּעליציאַן און פון דער צווייטער זייט וועג האָב איך דערקענט פּאַטימאַס קליינע באָרוועסע פיס־אָפּדרוקן. זיי האָבן געפירט צו די פאַרווילדעוועטע פעלדער.

אין איינע פון די נעכט וועט קומען דער ווינט פון די בערג און אָפּווישן אַלע שפורן פון מיין זאַמד־וועגל. נאָר מיינע טריט וועלן דאָ שטענדיק באַנייט ווערן.

אפשר וועט ווידעראַמאָל קומען פּאַטימאַ? ווער קען וויסן?

איך ווייס, אַז כ׳וועל שוין מער קיינמאָל נישט קענען פירן מיינע אומרויִקע פינגער איבער דער איידעלער וווּנדערשיינער קרוג.

## ביים כנרת

איך בין פֿאַרבייגעגאַנגען דעם הר תבור און געלאָזט זיך מיט אַ שמאָלן שאָסיי־וועג. דער נאַקעטער באַרג מיט די שטיינערנע בעקנס, מיט די ליימיקע אָדערן ווו עס זענען אין די רעגנס געפֿלאָסן וואַסער־שטראָמען, מיט די נידעריקע דאָרנביימער, דאָס אַלץ איז מיר ווי נאָכגעגאַנגען. איך האָב זיך געוויקלט אַרום זיין צופֿוסן איבער אַ שעה צייט אַ מידער און טרויעריקער.

די גרויקייט פֿון תבור, די שווערע, טונקעלע שטיינפֿעלדזן, דער נאַקעטער קופּל־באַרג ווי דאָס אַלץ וואָלט געווען אַן אויסמיש פֿון אַלטן קופּער, פֿון זשאַווער־אייזנס, פֿון אויסגעלאָשענעם זילבער, פֿון ליימערד און שוואַרצן מעטעאָר־שטיין. אַ האַנט האָט דאָס אוודאי אויסגעמישט, צעקנאָטן, צעגאָסן אין זיבן פֿייערן און אויסגעפֿורעמט אַ באַרג און זיין צופֿוסן פֿאַרזיגלט מיט שטיינער.

האָט מיך דער באַרג אַזוי טרויעריק געמאַכט, אָטאָ דער איינזאַמער באַרג אין מיטן פֿון דעם מילדן פֿלאַכלאַנד? און אפֿשר בין איך אַהערגעקומען מיט מיין אומרו צו די דאָזיקע רויקע וועגן וואָס אַלע פֿירן זיי צו די גרויזילבערדיקע נעפּל־נידערונגען פֿון כנרת?

מיין טראָט איז געוואָרן אייליקער. איך האָב חשק אויסצוטאָן די שיך און אַ באָרוועסער לויפֿן פֿאָרויס. עס איז מיר אַ שאָד אָפּצושטעלן זיך אויף אַ רגע. איך גיי ווי עמעצער וואָלט מיך גערופֿן. איצט האָב איך די שאָטנס אונטער מיין רוקן.

איך זע ווייט ווייט פֿאַר זיך די נעפּלען, זילבערדיקע נעפּלען: דאָס איז אַ לאַנגער נעפּל־שטרייף, וואָס הענגט צווישן הימל און ערד. און מיטאַמאָל בין איך געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער. אין דער נידער, איינגעפּאַסט צווישן מילדע בערג שפּרייט זיך דער בלוי־נעפּלדיקער כנרת. איצט הענגט דער לאַנגער נעפּל־שטרייף צווישן הימל און כנרת. מיינע אויגן שוועבן אין

די ווייטקייטן, אַזאַ זוניק־זילבערנע, אַזאַ ליכטיק־דורכזעעוודיקע, אַזאַ מילד־אָפענע ווייט פאַרוויגט מיך.

אָ, גאָט, ווי אָפן עס איז היינט דיין פּנים! ווי אָפן עס איז דיין וועלט!

אַזאַ ליכט, אַזאַ געבענטשטע קלאָרע רחבות! אויף מיילן ווייט איז נישטאָ קיין שום טונקעלער פלעק. דאָס איינציקע וואָס שאָטנט דאָ איז מיין טרויעריק פּנים. אַ קליינער קנויל פון שאָטנס אין דיין ליכטיקער וועלט. איך האָב פּחד פאַר די שאָטנס. זיי האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין מיר אין די וואָלקנדיקע נעכט. איך האָב זיי ווי די שוואַרצע פּערל אויפגעשנירלט. איצט טונקלען זיי פון מיינע אויגן אַרויס. איך וועל די פּערל־שנור צערייסן און די שוואַרצע קרעלן צעשיטן איבער די ליכטיק־זאַמדיקע וועגן.

עס איז גוט צו גיין באָרוועס איבער דער דאָזיקער ערד. איך בין נענטער צו איר. מיינע אויגן זענען אָנגעשטרענגט. פון יענער זייט כנרת זעט מען דעם מילדן באַרגיקן האָריזאָנט, מיין בליק צערטלט די מילדקייט. איך פיר מיינע אויגן ווי עס פירט אַ יונגער פאַסטעך דאָס ערשטע מאָל שאָף אויף די פעלדער. איך וואַנדער איבער די בערגלדיקע ווייכקייטן, די שטראַלנדיקע און בלייב אַ פאַרגאַפטער ביים שנייִיקן חרמון. ער איז בלויז שניי. אַ שנייבאַרג. זילבער, ריינער, ליכטיקער: דאָס איז נישט די בלענדניש וואָס רייסט זיך צו די הימלען — דאָס איז אַן אינעווייניקסטע ליכטיקייט. עס איז מיר גוט, אַז איך שטרעק אויס מיין האַנט דוכט זיך מיר אַז איך באַריר יענע שניי־ווייסקייט און אַ גוטער שטראָם גיט זיך איבער דורך די פינגער־שפּיצן מיינע אין מיין גאַנצן קערפּער. מיין האַנט צערטלט די קליינע ברוסט־בערגלעך וואָס דערהויבן זיך רעכטס פון חרמון. דאָס איז אַזאַ וווּנדער־לעכע ביגעוודיקייט פון ליניעס אַז דו פילסט אַ תענוג. איך שליס די אויגן. די ליכטיקייט דרינגט אַריין דורך די אויגן־לעדלעך. מיר דוכט זיך, אַז איך בין דורכזעעוודיק געוואָרן. איך בין איצט ווי אַ לייכטער וואָלקן וואָס וואַנדערט צווישן די בערג.

איך לויף באַרג־אַראָפּ. מיך דערוואַרט דער בלאָער שטילער כנרת. איך לויף וואָס אַמאָל האַסטיקער. די שוואַרצע פּערל־שנור איז צעריסן געוואָרן. אַ טשאַטשע קראָען האָבן אויסגעפּיקט די שוואַרצע פּערל און זיי זענען פאַרשוווּנדן.

איך אַנטלויף פון יענע טרויער־נעכט, פון די אַלע לויערונגען וואָס האָבן מיך פאַרוויגט אין פינצטערע געוועבן. איך רייס זיי מיט מיין ברוסט. ווי לייכט עס איז מיר! און וואָס לייכטער עס איז מיר אַלץ דורכזעעוודיקער ווערט דער כנרת.

אָט איז שוין דאָס פישער־געסל פון טבריה.

פאַרוואָס גיי איך אַ באָרוועסער אויף די שטיינער פון ברעג? איך האָב אָנגעהאַנגען די שיך אויף די אַקסל און קוק אויף די פישער־יונגען. איצט פיל איך אַ מידקייט. איך האָב זיך איבערגעבויגן איבערן ברעג און זע מיין פנים אין כנרת. דער וואַסער־שפיגל איז אַזוי דורכזעעוודיק אַזש מען זעט די שטיינדלעך פון באָדן.

בין איך דאָס דער מידער מענטש מיט די גרויע האָר ביי די שלייפן, מיט די שאַרפע קנייטשן ביי די אויגן־ווינקלען?

איך באַריר מיט די פינגער מיין פנים. — דו האָסט צו אָפן געקוקט אויף ליכט, אויף שאַרף זון־ליכט, דערפאַר די אומרו־קנייטשן אַרום די אויגן. — שעפּטשע איך צו זיך אַליין.

די פישער־יונגען קוקן אויף מיר מיט שפּאָט. איינער האָט קליינע שטעכיקע אויגן און זיין שטערן איז צונויפגעצויגן; דער צווייטער, אַ בערדיקער, קוקט אויף מיר מיט באַדויער און מיטלייד.

איך בייג זיך נענטער און נענטער צום וואַסער. איצט פיל איך דעם וואַסער־ריח. דאָס וואַסער איז גוט צו מיר. איך באַריר דעם שפּיגל מיט די האַנט־פלאַכן. ווי גוט און ווייך עס זענען די וואַסערן פון כנרת.

איך בין לאַנג געזעסן אויף אַן אַלט פישער־שיפל און זיך געוויגט. אַז איך האָב צוגעשלאָסן די אויגן האָב איך געזען אַ קליין באָרוועס ייִנגעלע גיין צום טייך. ער גייט כאַפּן פיש מיט זיין ווענדקע. דער טייך איז בלאָ. וואָלקנס שווימען דאָרט אַרום און צווישן די ראַנדן פון די וואָלקנס טונקלען זיך די רוקנס פון פיש. הונדערטער פיש. זיי שווימען אַן טשאַטעסוויז. דער שטיין איז קיל: אַרום גרינען לאָנקעס. אויבן, אויפן הויכן באַרג, איז זיין היים. ווי אַלט איז ער? אַכט יאָר... ניין יאָר... דאָס זאַמד איז הייס, דאָס גראָז איז ווייך... די מוטער נעמט די קליינע פישעלעך ארויס פון קריגל... איינס באַקומט די קאַץ... אמת, מיין קינד, דאָס גרעסטע פישל איז געווען גראָד דאָס וואָס דו האָסט נישט געקענט כאַפּן? — וויפל יאָר איז שוין

פון דעמאָלט אַדורך? האַ־האַ... קוק זיך אָן אין שפּיגל פון כּנרת וועסטו וויסן! קוק אויף די גראָע שלייפן... קוק אויף די מידע אויגן דיינע...

איך פיר מיינע ציטערדיקע פינגער איבערן אייגענעם פּנים.

מיר דוכט זיך, אַז איך בין אַריבערגעשווומען אַ תהום און דער תהום איז פאַרדעקט געוואָרן מיט די לייכטע זילבער־וואָלקנס.

צווישן דעם קליינעם טייך ערגעץ אין מאַזאָוויע פון מיינע יינגל־יאָרן און דעם כּנרת איז נישטאָ קיין שום צייט־אָפּשניט. עס איז דאָך איצט גע־שען! נאָר וואָס בין איך געגאַנגען איבער די זאמדן, איבער די שטיינער, אַ באָרוועסער, איך פיל נאָך יענעם טעם פון וואַסערן, דעם ריח פון פיש און פון פישער־שיפל. אויבן שטייען די קליינע אָרעמע שטיבער. איך בין דאָך פריער פאַרבייגעגאַנגען די געסלעך.

עס איז מיר אַזוי לייכט אויפן האַרצן. אַזאַ זאָרגלאָזיקייט אַ יינגלישע איז מיך באַפאַלן.

איך גיי איבער דעם פישער־געסל און קוק יעדן מענטש אין די אויגן אַריין. איך בלייב שטיין פאַר אָפענע טירן, קוק אַריין אין די קראָמען, אין די ענגע געוועלבער, איך זע דעם אָנהויף פון ירקות, פיש, שרייענדיקע שטאָפן. אָט איז דאָס בילד פון גאָלדשמיד. אַ זקן מיט אַן אויסגעלאָשן פּנים ווי פון אַן אַלטן זילבער־בעכער אויסגעהאַמערט, אָנגעטאָן אין אַ גרויען כאַלאַט מיט שוואַרצע פּאַסן. דערנעבן וואַלגערן זיך שטויסן אַלטע שיך און אַ שוסטער אַרבעט אונטערן פרייען הימל. פישער־ווייבער מיט אויפגעלאָפענע בייכער, מיט קופּערנע פּנימער און קינדער וואָס ווימלען דאָ צווישן ברוכוואַרג פון אַלטע מויערן, צווישן שטיינשפּאַלטן און שפּילעך מיט אויפגעריסענע דנאָען.

די אָרעמקייט פון געסל, אָטאָ די קליינע פאַרטונקלטע שטיבער מיט די נאַקעטע טישן, מיט די רויט־אָפּגעצויגענע בעטן, מיט די פעסער ביי די שוועלן, מיט די קיכטעפּ אויף דער ליימענער פּאָדלאָגע, מיט דעם געטומל און קינדער־געוויין — דאָס אַלץ לאָקט מיך, דאָס רופט מיך.

איך פיל דעם ריח פון וואַסער. גראָד דער וואַסער־ריח האָט מיך צוריקגעפירט צו מיין קינדהייט.

אַז איך שליס די אויגן דוכט זיך מיר אַלץ, אַז איך וויג זיך אויף דעם פישער־שיפל און זע דאָס קליינע יינגעלע גיין צום טייך — — —
— — — ער איז באָרוועס; די פיס אָפּגעברענט, דאָס העמדל אַרויסגע־

לאָזט פון די הייזלעך, אַ קאָפּ שוואַרצע האָר: אַזאַ שוואַרצקייט וואָס ליכ־טיקט. עפּעס טראָגט ער אין דער האַנט. ער גייט צום פישער־מאַרק.

— ייִנגעלע, וווּהין גייסטו?

ער קוקט מיך אָן מיט טיף־ברוינע אויגן און שווייגט.

פאַרשטייט ער נישט מיין לשון?

יאָ, ער פאַרשטייט. איך רעד דאָך אויף זיין שפּראַך. איך דערקען אין די ציטערדיקע ליפּן זיינע אַז ער וויל עפּעס זאָגן. די שוואַרצאַפּלען זיינע זענען גרויס געוואָרן. איך דערקען אין זיי בייגער, שרעק. און אַז ער האָט איינגעצויגן די שמאָלע ייִנגלישע אַקסל און אַ שמייכל־געטאָן צו מיר האָב איך אים גלייך דערקענט:

דאָס בין איך אַליין!

איך בין דאָס. דער זעלבער געפּורעמטער קאָפּ. די זעלביקע געשניצטע ליפּן. דאָס זעלבע ציטערן מיט די אַקסל און דער שימער פון די אויגן.

איך האָב ארויפגעלייגט מיין האַנט אויף דעם קאָפּ זיינעם.

דאָס ייִנגעלע האָט געשטאַמלט:

— איך גיי צום פישער־מאַרק... דאָרט ווינען מיר... דאָס זענען מיינע פיש... איך האָב זיי געפאַנגען...

— וויַיז זיי מיר.

ער האָט צעוויקלט אַ קליין רענצל און פון דאָרט ארויסגענומען אַ ליימען קריגל. עטלעכע קליינע פישלעך מיט זילבערדיקע בייכער זענען דאָרט אַרומגעשוווּמען. — — —

אָ, ווי די צייט איז זיך צונויפגעלאָפן אַזוי ווי עס באַגעגענען זיך צוויי ווייטע און פרעמדע שטערן וואָס אין זייער פאַלן קרייצן זיי זיך מיט די פייערן.

איך און דאָס ייִנגעלע ביים כנרת האָבן צונויפגעשמאָלצן צוויי וועלטן. ניין! נישט צוויי וועלטן — דאָס איז איין וועלט! דאָס איז דיין וועלט! דו גייסט פאָרויס און פאָרויס און דו מיינסט אַז דו גייסט פון עפּעס אַוועק, אוי, דו נאַר איינער, דיין גאַנצער גאַנג איז דאָך דער צוריקגאַנג צו יענעם ערשטן טריט דיינעם פון אַ דריי־יאָריק ייִנגעלע אויף דעם גרינעם פעלד ווען דו ביסט געווען אַזוי נאָענט צו די גראָזן און בלימלעך, צו דעם טייך

און האָסט דערקענט די װעלט לויט די ריחות, לויט דעם טעם פון יעדן פלאַנץ װאָס דײַנע ליפּן האָבן פאַרזוכט.

נישט אַלעמען איז באַשערט צו דערגײן צו דער קדמון־צײַט פון אײגע־נעם לעבן. איך בין דערגאַנגען. דאָ, בײַם כנרת, דורך דעם דאָזיקן קלײנעם ייִנגלע. איך קען איצט דערפאַר קוקן אויף דעם שנײליכט פון חרמון, אויף דער גרין־זילבערנער װײַט פון די בערג, אויף דעם בלאַלעכן שפּיגל־פלאַך און מיטװיגן זיך מיט דעם שטומען ניגון פון די כװאַליעס.

— — — דאָס ייִנגעלע גײט באַרג־אַרויף. איך שטעל מײַנע טריט אין זײַנע פוס־שפּורן. איך װעל אים נאָכגײן װײַל עס איז מיר גוט צו קוקן אויף זיך אַלײן. דו גײסט — און דײַן אײגענע יונגקײט, װאָס דו האָסט איר װידער באַשאַפן, װאָס דו האָסט איר אויפגעזוכט, פירט דיך!

דאָס ייִנגעלע קוקט זיך יעדע רגע אַרום און זײַנע קינדערישע אויגן װערן גרעסער.

— אדון! פאַרװאָס גײסטו מיר נאָך?...

— עס איז מיר גוט דיר נאָכצוגײן, װײַל איך גײ זיך אַלײן נאָך... דאָס זענען מײַנע אײגענע פוסטריט װאָס דו שטעלסט...

ער האָט געלאַכט און זײַן געלעכטער האָט אָפּגעקלונגען אין מיר אַזוי אײגן.

פון דעם פישער־מאַרק פירן עטלעכע קלײנע געסלעך. בײַ אײן געסל טונקלט זיך אַן אַלטע מויער געבויט פון שװאַרצן שטײן. אַ בײַכיקע װאַנט מיט שמאָלע פענצטערע לעבער. זעט אויס, אַז דאָ איז געװען אײנע פון די צענדליקער טױערן װאָס האָבן געפירט צו דער ארומגערינגלטער און באַ־פעסטיקטער שטאָט.

דאָס ייִנגעלע איז געבליבן שטײן פאַר אַ שטײנערן הויז און גע־רופן צו די טרעפּ. ערגעץ, אין אַ קלײן פענצטערל האָט זיך אַ װיג־געטאָן אַ װײַסער פאָרהאַנג און אַ פרויען־קאָפּ איז געבליבן אַ װײַלע אין פענצטערל. פון צופיל זון האָב איך נישט געקענט געגנוי זען איר פּנים.

איך זיץ אין שאָטן פון די אַלטע טבריה־מויערן, דאָרט װוּ עס איז אַמאָל געװען דער טויער. איך זע װי דאָס ייִנגעלע לויפט איבער די שטײ־נערנע טרעפּ. דאָס פענצטערל האָט זיך פאַרמאַכט. דאָס װײַסע פאָרהאַנגל

וויגט זיך.ווילדגראָז וויקלט זיך אויף חורבות. איך זע דעם גאָלדשמיד, דעם שוסטער, די פישער־ווייבער און איבער דעם אַלעם — ליכטיקע הימלען.

איך בין לאַנג געזעסן אין דעם קילן שאָטן פון די טונקעלע שטיינער. א זקן איז פאַרבייגעגאַנגען און מיך אָנגעקוקט.

— וואָס זיצסטו, אדוני, ביי די ווענט? זיי קרישלען זיך... פון צייט צו צייט פאַלן דאָ שטיינער... עס איז אַ געפאַר... זעסטו נישט די שפּאַלטן אין די אַלטע ווענט?

איך לאַך צו אים מיט אַ שטום געלעכטער.

— ביסטו פון דער פרעמד? — פרעגט מיך דער זקן.

ער האָט אַ וווּנדערשיינע שוואַרצע באָרד און אַ ליכטיקן שטערן ווי ער וואָלט אים געוואַשן מיט שניי פון חרמון.

— נישט פון דער פרעמד, בין איך, זקן, אַ היגער בין איך. פון דאַנען...

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט פרעגנדיקע אויגן און געשמייכלט.

איך האָב אָנגעוויזן אויף דעם איינזאַמען הויז צווישן די חורבות און געטייטלט צום קליינעם פענצטערל מיטן ווייסן פאַרהאַנג.

דער אַלטער האָט אויפגעהערט צו שמייכלען און איז אַוועק.

נאָך מיטאָג האָבן זיך אַרום מיר פאַרזאַמלט קינדער פון פישער־געסל. זיי זענען געשטאַנען אין האַלב־קרייז און געשוויגן. איך האָב געזוכט צווישן זיי דאָס קליינע יינגעלע. — — —

די זון פאַרגייט.

די בלאָקייט ווערט טיפער. איצט איז דער כנרת גרין־זילבערדיק. די בערג זענען לייכטער געוואָרן. נאָך אַ ווילע און זיי וועלן אַוועקשווימען. איך ווייס נישט וואָס עס בינדט זיי מיט דער ערד. איך האָב מורא, אַז כ׳וועל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נעפּל און בלייבן הענגען איבער די נידערונגען צווישן יענע ווייטע צווויי בערג.

איך האַלט זיך אָן אָן דעם שטיין פון דער קרישלענדיקער פעסטונג־וואַנט.

— זעסטו נישט די שפּאַלטן אין די ווענט? — שעפּטשע איך צו זיך אַליין דעם זקנס רייד.

עס איז שוין נאַכט.

איך גיי איבער די געסלעך, אין שענק איז טומלדיק. די פישער־יונגען

זענען איבערגעבויגן איבער די קליינע טישלעך און וואַרפןביינדלעך. איינער, מיט די שפּיציקע אייגעלעך, האָט מיך דערקענט. פאַרבייגייענדיק האָט ער מיך אַ שטויס־געטאָן מיטן אַקסל.

— חביבי, יאַ, חביבי! — האָט ער הייזעריק אויסגערופן און פאַר־קוועטשט ביידע אויגן.

— גיס אָן אַ גלאָז! — האָב איך גערופן צו דער מויד מיט די אָנגע־שוואָלענע רויטע באַקן ביים בופעט.

— אַליין זויפסטו?

אָ, דאָס איז דאָך דער פישער. מיר האָבן צוזאַמען געטרונקען. די מויד האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף מיין אַקסל.

עס איז קיל. איך גיי איינער אַליין איבער די נאַקעטע געסלעך. עס איז מיר גוט . איך זינג און עס הערן מיך די שטערן.

איך בין ווידער ביי דער אַלטער וואַנט, דאָרט וווּ עס איז געווען דער טויער צו דער שטאָט. דאָ האָבן געפּאַנצערטע רייטער געוואַכט. די צייט האָט באַפוילן: צעפּראַלט די טויערן פאַר דעם טרויעריקן גייער! און איך גיי איצט אַריין אין דער שטאָט ווי אַ זיגער. מיין ווייס פערד איז דער נעפּל. אַז איך וועל אַ פייף טאָן וועט דאָס פערד קומען צו לויפן מיט די זילבערנע שטערן־שפּאָרן און איך וועל זיך אויפזעצן אויף אים און אַוועק־רייטן...

איך קען זיך אַלץ נישט אָפּרייסן פון דעם אָרעמען ליכט וואָס פאַלט פון פענצטערל. דאָרט רוט דאָס קליינע יינגעלע... דאָס רו איך דאָרט... איך... איך...

איך גיי באַרג־אַרויף. עס באַגלייט מיך דער זקן מיט דער וווּנדער־לעכער באָרד.

— פאַרוואָס בלאָנקעסטו אַרום, פרעמדער מענטש, און געפינסט נישט קיין רו?

דאָס זענען גוטע פאָטערלעכע רייד.

מיר גייען שווייגנדיקע. נידעריק זילבערט זיך דער כנרת. דער ים ליגט ביי אונדזערע פיס.

— דו ביסט מיד, איך דערקען דאָס אין דיין שווערן אָטעמען. רו זיך אָפּ אַ רגע. ביים כנרת קען מען נאָר רוען ווען דאָס פּנים איז געווענדט

צום חרמון... זע, ווי קלאָר ער איז איצט! ווייסטו פאַרוואָס מען רופט דעם ים כנרת? דאָס איז פון וואָרט כנור — אַ פידל. דער כנרת זעט אויס ווי אַ פידל. דער ירדן וואָס שווימט צום ים־המלח איז דער פידל־האַלדז. דאָס איז גאָטס־פידל... הערסטו זיין פידל־געזאַנג? — — —

איך בין אוועקגעפאַלן אַ מידער אין קליינעם האָטל־צימערל און גלייך איינגעשלאָפן מיט אַ שלאָף פון אַ מידן און טרויעריקן וואַנדערער.

אין האַלבנאַכט בין איך צו צום פענצטער און לאַנג געשטאַנען אַ פאַרהילטער אין פינצטערניש.

די מידקייט האט מיך גובר געווען. איצט ליג איך און חלום: איך זע אַ גרויסן ליכטיקן פידל צווישן גרינלעכע נעפלען... דאָרט ווו עס איז דער חרמון — ליכטיקט אַ שטראַלנדיקע ווייסקייט ווי אַ קעניגלעכער זיידן־געצעלט... רעכטס פון געצעלט רוט די ווונדערשיינע געצעלט־איינוווי־נערין... איך זע אירע ציטערנדיקע פיס און דערקען ווי אירע קליינע בריסטן אָטעמען און אין מילדן ווינט באַוועגן זיך אירע האַלב־צעפלאָכטענע צעפּ... זי האָט אַנטפּלעקט איר נאַקעטקייט פאַר די גוטע נאַכטיקע הימלען. פון אויבן לאָזט זיך אַראָפּ אַ רעגנבויגן און באַרירט דעם זילבער־פידל... אַ קליין באָרוועס ייִנגעלע גייט פון טייך און הערט זיך איין אין פידל־געזאַנג... די רויט־פּנימדיקע מויד פון דער פישער־שענק עטעמט אזוי הייס... די שיכורע פישער האָבן צוגעשלאָסן די אויגן און שווייגן — — —

פאַרטאָג.

איך קיל מיין הייסן קאָפּ אין כנרת. מיינע שיך האָב איך פאַרוואָרפן אויפן אַקסל און וואַנדער איבער דער דאָזיקער ערד.

ווען איך בין דערגאַנגען צום הר תבור איז שוין די זון געשטאַנען הויך. דאָס גיין איבער די באַרג־וועגן האָט מיך אָפּגעפרישט. און אז איך האָב אויף אַ ווילע צוגעשלאָסן די אויגן צוליב אַן אומגעאַנטע פרייד וואָס האָט מיך אַרומגענומען, האָב איך געזען אַז עס פירט מיך אַ קליין שוואַרצהאָריק ליכטיק־אויגיק באָרוועס ייִנגעלע.

# אויף נאַכטיקע פעלדער

אַ שיף איז אריין אין האַפן.

אויפן רוקן פון כרמל רוען נאָך די וואָלקנס. די ווייסע הייזער וויקלען זיך אַרויס פון די זילבער־נעפּלען. עמעצער פּאַרוואַרפט שווערע שטריק און רופט צום באָרט פון דער שיף.

דער רוף הילכט אָפּ אין דעם פרימאָרגן, גליטשט זיך איבערן ים־פלאַך און קומט דערנאָך צוריק מיט די כוואַליעס וואָס פּאַטשן אין שטיין פון ברעג.

די באַהעפטונג פון דער שיף מיטן שטיינערנעם ברעג איז אַזאַ שטילע אַזש דו בלייבסט פאַרחידושט: ווען איז דאָס געשען? איז דאָס מעגלעך, אַז אָט אָ די צעוויגטע שיף, וואָס האָט געשניטן די ים־מרחקים, איז אַזוי רויק פאַרקניפּט געוואָרן מיט די שטאָל־רינגען פון האַפן?

דאָס איז אוודאי געשען נאָך דעם ווי דער רוף אין פרימאָרגן איז צוריקגעקומען צעברעקלט פון די ווייטן און אויסגעגאַנגען אין טונקעלן שאָטן פון די מעכטיקע שוואַרצע שיף־ווענט. דעמאָלט איז שטיל געוואָרן דעם ים. די מענטשן האָבן איינגעהאַלטן די אָטעמס און די שטאָלענע שטריק האָט ווי אַ נאָפּל־שנור פאַרקניפּט די שיף מיט דער ערד.

די שטילקייט איז אָבער גלייך אויפגעבראָכן געוואָרן. צווערשט האָבן די ים־כוואַליעס אויפגעהויבן שוימיקע קעפּ און עס האָט זיך געדאַכט אַז עמעצער האָט אויפגעפּראַלט זילבערנע טויערן צו אַן אומבאַקאַנטער ווייט.

ווען מיכאַל איז אַראָפּגעגאַנגען פון דער שיף זענען די וואָלקנס פון כרמל געווען דורכזיכטיק. דער ים איז אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אומגעקוקט. עס איז אים אויסגעקומען, אַז די לייכטע וואָלקנס אויפן באַרג־רוקן און די שוימיקע זילבער־קעפּ פון די כוואַליעס וואַרטן אויף זיך. ערגעץ־ווו און ערגעץ־ווען וועלן זיי זיך באַגעגענען און ער וועט דאָרט זיין.

ער האָט אויסגעמיטן די מענטשן וואָס האָבן געשריען, געפירט קליינע

מאָטאָר־וואָגנס מיט געפּעק. קיינער וואַרט נישט אויף אים, קיינער וועט אים נישט באַגעגענען. ער האָט געוויזן זיינע פּאַפּירלעך ביים טויער פון האַפן און דערנאָך געזוכט עפּעס אין די טאַשן. מיכאל האָט דאָרט געפונען ניקל־געלט פון פאַרשידענע לענדער, אַ צעקנייטשטן בריוו.

עס איז זוניק, ליכטיק. ער זעט זיין אייגענעם שאָטן. אַזאַ שאַרפן שאָטן האָט ער פון זיך קיינמאָל נישט געזען. אַזוי ווי פון טונקעלן מירמל איז זיין שאָטן. ווי אַזוי קען אַזאַ היימלאָזער מענטש ווי ער, וואָס זיין גאַנץ פאַרמעגן איז דאָס רענצל אויפן רוקן, און דער גאַנג איבער דער דאָזיקער פרעמדער שטאָט איז אַזאַ ציטערנדיקער, וואַרפן אַ שאָטן?

דער אויטאָ לויפט איבער אַ נאַקעטן שאָסיי. רעכטס איז דער ים, לינקס — אַ באַרג־קייט מיט נעפּלדיקע לייכטע וואָלקנדלעך, מיט שטיינערנע אָפּריסן, מיט צווערג־קוסטעס. אַן איילבערט־וועלדל. אַ שטיינהאַקעריי פאַרהילט אין געלן שטיינשטויב. טרוקענע פעלדער. אַן אַראַבער אויף אַן אייזל. לאַסט־אויטאָס. טעלעפאָן־סלופּעס. וועג־צייכנס.

מיכאל קוקט און עס מישט זיך אויס נייגער מיט מידקייט, לאַנגווייל און אַ לאָקנדיקע דערוואַרטונג אויף עפּעס וואָס איז אומבאַקאַנט און וואָס וועט קומען. ער וועט שטיין ביי קרייצונגען פון גאַסן און אין דער האַנט וועט ער האַלטן אַן אַלטן בריוו, לייענען פאַר פרעמדע מענטשן דעם צוריק־אַדרעס פון בריוו. ער וועט גיין איבער געסלעך, עפענען טירן. מען וועט רעדן צו אים אויף אַ פרעמדער שפּראַך און ער וועט יאָ פאַרשטיין און נישט פאַרשטיין: ער וועט יעדן איינעם דאַנקען פאַר די אומפאַרשטענדלעכע ווערטער וואָס מען רעדט אַרויס צו אים, דערנאָך וועט ער ווי אַ שול־ייִנגל לייענען אות נאָך אות די שילדן איבער די קראָמען און נעמען וועלן זיך צונויפגיסן, צונויפפלעכטן. אַז עמעצער וועט אים נאָכקוקן וועט זיין האַרץ האַסטיקער קלאַפּן.

מיכאל איז געשטאַנען ביי אַ טיר און לייכט אָנגעקלאַפּט. עס האָט אים באַנג געטאָן וואָס ער איז שוין דערגאַנגען צו דער דאָזיקער שוועל. ער וועט צוריקגיין צו די ליכטיקע גאַסן און ווידער זיך פרעגן. גיין פון גאַס צו גאַס לויט די אָנווייזונגען פון די פאַרבייגייער, דעמאָלט האָט ער אַ ווערט אין זייערע אויגן. זיי מיינען אַז דער מידער מענטש גייט צו נאָענטע, אַז מען וואַרט אויף אים און מיט די פּרייַנטלעכע אָנווייזונגען דערנענטערן זיי די

צייט ווען היימישע הענט וועלן דעם פרעמדן אַרומנעמען. ער דערקענט איז די אויגן פון די מענטשן דאָס פּייערל פון פרייד און פון קנאה. ווי אויס־טערליש עס זאָל נישט זיין, דאַכט זיך מיכאַלן, אַז די דאָזיקע פאַרבייגייער זענען אים מקנא. זיי וואָלטן אודאי געוואָלט באַפרייען זיך פון לאַנגווייל און איבערלעבן די פרייד פון אַ באַגעגעניש נאָך אַ לאַנגער אָפּוועזנקייט.

טייל האָבן מיכאַלן אָנגענומען פאַר אַן אויסגעדינטן זעלנער, וואָס איז צוריקגעקומען פון די מלחמה־פעלדער, טייל פאַר אַ וואַנדערער וואָס איז געקומען צו די נאָענטסטע זיינע. דאָרט, אין גאַס, האָט ער געהאַט אַ ווערט אין די אויגן פון די מענטשן. דאָ, ביי דער שוועל פון דעם ווייט־באַקאַנטן לאַנדסמאַן איז ער געווען איינזאַם און טרויעריק.

עס האָבן אים באַגעגנט צוויי אַלטע לייט.

ער איז געזעסן ביי אַ גרויסן טיש און געטרונקען טיי. דער גרויער מאַן האָט געווישט די ברילן און אים לאַנג באַטראַכט.

— יאָ, איצט דערקען איך... דו ביסט געראָטן אין טאַטן... די אויגן... דער שטערן...

דערנאָך איז געוואָרן שטיל. זי האָט לאַנג אָנגעהאַלטן די שטילקייט. מיכאַל האָט געקוקט אויף די זילבערנע בעכער וואָס זענען געשטאַנען אין אַ גלעזערנער שאַפע. גקוקט אויף די טונקלע רוקנס פון ביכער.

— דאָס איז אַ בילד פון דער היים... פאָטאָגראַפירט צום אָפּפאָר מיי־נעם... שוין פערציק יאָר...

מיכאַל האָט געזען דריי שורות יונגע מענטשן און נישט געקענט אונ־טערשיידן די פנימער. אַלע זענען געקליידט אין די זעלבע שטייפע קליידער און זענען ענלעך צו זיך.

אפשר האָט עס די עלטער פון פערציק יאָר זיי צונויפגעגאָסן אין איין פנים, אָטאָ די געלקייט וואָס האָט ווי אַ דינער וואַקס־שיכט פאַרצויגן דאָס בילד?

— דעם מענטש דערקענסטו? — האָט געפרעגט דער אַלטער און גע־פירט מיט אַ פינגער איבער דער פאָטאָגראַפיע.

— עפּעס יאָ און עפּעס נישט...

מיכאַל האָט זיך דערפילט שולדיק און אומבאַהאָלפן.

— דאָס איז דאָך דיין פאָטער!

— אַזוי, מיין פאָטער, מיין אייגענער פאָטער. — האָט ער נאָכגערעדט דעם אַלטנס רייד נאָר מיט טרויער און חידוש.

עס איז אים גוט געווען וואָס אין דער דאָזיקער פרעמדער שטאָט געפינט זיך שוין פערציק יאָר דאָס בילד פון זיין פאָטער.

— עס איז גאָרנישט געבליבן... אַפילו קיין בילד נישט... איך בין דאָך עלטער ווי מיין טאַטע... דער ווייסער קראַגן, דער האַלדז־שלייף... די קינ־באַקן...

דער לאַנדסמאַן האָט געשאַרט מיט די שטעקשיך איבער די שטיי־נערנע פּאַלאַטן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן נאָך אַנשטאָט רייד איז אַרויסגעקומען אַ ניגון ווי דאָס זשומעריי פון שויבן ווען עס פאָרט פאַרביי עפּעס אַ שווערער וואָגן.

— שוין פערציק יאָר. — האָט געזאָגט מיכאַל.

פאַרוואָס שווייגט אַזוי דער אַלטער? ערשט איצט האָט ער זיך גע־כאַפּט, אַז דער לאַנדסמאַן וועגט זיינע רייד. מיכאַל האָט אים געוואָלט זאָגן: איך ווייס אַז דו מיידסט אויס מיר צו דערציילן וועגן דעם ווי אַזוי מיין פאָטער איז צוריקגעפאָרן פון דעם לאַנד נאָך דעם ווי ער האָט דאָ געלעבט אַ פּאָר יאָר.

— איז שוין פינף און דרייסיק יאָר ווי מיין פאָטער איז צוריקגעפאָרן פון דעם האַפן דורך וועלכן איך בין אָנגעקומען אין לאַנד אַריין?

— אָ, דו דערמאָנסט דאָס, מיכאַל. איך האָב געמיינט אַז דו ווייסט נישט. צו וואָס דערציילן? עס איז פאַרבונדן מיט אַ מעשה, מיט רחל פון נהלל. עס איז אַ טרויעריקע דערמאָנונג...

זיין פרוי איז געוואָרן אומרויק. זי איז צוגעקומען צום טיש און געזאָגט:

— פאַרוואָס לאָזסטו דעם גאַסט נישט פאַרזוכן דאָס עסן? נאָר די רעדסט. האַ, עס איז אַ הייסער טאָג?... מיר זענען שוין געוווינט... עסט...

— אַ דאַנק אייך, פרוי...

— ווי אַלט ביסטו, מיכאַל?

— ווי אַלט? — האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט. — אַזוי אַלט ווי די געשיכטע מיט רחל. מיט אַ יאָר שפּעטער בין איך געקומען אויף דער וועלט אין מאַזאָוויע. איך ווייס אַלץ. אַלץ וואָס איז געווען אין נהלל. מיין

פּאַטער האָט חתונה געהאַט און מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָב איך געפונען אין אַ פאַרגעסענעם שופלאָד רחלס בילד. דאָרט זענען געלעגן ים־שטיינד־לעך, אַן איילבערט־צווייגל, אַן אַראַביש שווערדל באַזעצט מיט פּערל־מוטער, אַלט־ירושלים אויסגראַווירט אין קופּער...

מיכאַלן איז גוט דאָס צו דערמאָנען: עס איז פאַרבונדן מיט זיין קינדהייט. ער האָט דערפילט היים און זיינע אויגן האָבן באַקומען אַ פייכטן שימער.

אָטאָ דער אַלטער שופלאָד אין דער שווערער קרעדענס וואָס האָט זיך יאָרן־לאַנג נישט געוואָלט אויפרוקן... דער לעצטער שופלאָד רעכטס... ער איז געשטאַנען אויף די קני און געגישטערט אין די אַלערליי בילדלעך, פּאָטאָ־קאַרטלעך, קאָנווערטן מיט מאַרקן און אַלערליי שטעמפּלען, בילדער אויף האַרטן גרויען טאָוול מיט איינגעפּרעסטע קאַליגראַפישע אותיות, קייטעלעך פון זייגערס, נאַקעטע ציפערבלעטער... איז דאָס קליינע בילדל פון דעם יונגן צעשמייכלטן מיידל מיט די לאָקן אריבערגעוואָרפענע אויף דער ברוסט, רחל פון נהלל? אז ער פלעגט פרעגן די מוטער ווער עס איז די „טשאַטשע" אויף דעם בילדל האָט ער דערקענט אַז איר פּנים ווערט טרויעריק.

דער אַלטער האָט געבראַכט אַ הויפן פּאָטאָגראַפיעס און זיי אַ שאָט־געטאָן אויפן טיש און אַז מיכאַל האָט דערזען דאָס זעלבע קליינע בילדל פון יונגן מיידל מיט די גרויסע לאָקן אויך דאָ, האָבן זיינע פינגער געציטערט. אים האָט זיך געדוכט אַז ער האָט ווידער דערזען אַ טייל פון זיין היים.

— ווי אַזוי האָסטו איר דערקענט?

— איך האָב זיך דערמאָנט אַן זעלבן בילדל. ווען איך וואָלט געוועז אויף מיין טאַטנס אָרט וואָלט איך איר...

ער האָט נישט פאַרענדיקט ווייל דאָס אַלטע פּאַרפאָלק האָט זיך צע־לאַכט. אויך מיכאַל האָט געלאַכט זאָרגלאָז. עפּעס איז פאַרקניפּט געוואָרן מיט דער דאָזיקער דערמאָנונג; נהלל, דער האָפן, דעם פּאַטערס יוגנט־פריינד, דאָס שטעטל אין פוילן. איצט האָבן די אַלע שטיינדלעך און מושלען און דער איילבערט־צווייג, די צעשאָטענע פּאָטאָס אויפן טיש, די געדיכט־באַשריבענע בריוו פון יענעם שופלאָד, אַלץ האָט באַקומען אַ זין.

— ווילסט זען רחלען? זי וועט זיין גליקלעך. זי ווייס אַז דו קומסט אין לאַנד אַריין. רחל האָט געבעטן דו זאָלסט איר באַזוכן.

ביינאַכט איז מיכאַל געלעגן אויפן פרעמדן געלעגער און אין שלאָף געזען די היים. ער איז געגאַנגען אויף אַ שטויביקן וועג, די ברונעמער זענען ליידיק, וויסטע זאַגראָדעס, זקנים ביי פאַרמאַכטע כאַטעס. דער טאַטע גייט איבער דער קאַשטאַן־אַלייע, ער איז אַזוי טרויעריק, עס איז פינצטער און מיכאַל זינקט אין זומפּן, וועלדער פאַלן, זיי ווערן פאַרצויגן מיט פייער־פאַרהאַנגען...

אין האַלבער נאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. די שוויס־טראָפּנס אויפן שטערן קילן אים, די דערמאָנונגען שווערן ווי די שטיינער וואָס עמעצער וואַלגערט אויף זיין מידן קערפּער. דער שלאָף האָט אים גובר געווען, זייד־פעדעם ציען זיך, דער נאַכט־ווינט וויגט זיי און אַלץ וויגט זיך מיט. איז דאָס די שיף וואָס טראָגט זיך נאָך איבער דעם פינצטערן ים? דאָס איז אַ חלום: די שטוב, די אַלטע יידישע זילבער־בעכער, די בילדער, דאָס גיין איבער די אומבאַקאַנטע גאַסן, רחל פון נהלל, דאָס בילד פון פאָטער, דאָס איז אַ חלום וואָס האָט נישט קיין אָנהייב און נישט קיין סוף. דאָס איינציקע וואָס איז שאַרף איז דער אייגענער שאָטן. ער אַליין איז אַ געפלעכט פון דורכזיכטיקע ביינער און דאָס באַשטענדיקע איז נאָר זיין שאָטן. די געשיכטע פון זיין פאָטערס ליבע צו רחל פון נהלל איז ווי דער אָפּשאָטן פון עפּעס ווייטס און אומבאַקאַנטס, אויף אונדזער ערד וואַנדערן אַרום שאָטנס פון וועלדער פאַרוויסטע, פון מענטשן פאַרשווונדענע. ערשט איצט, אין דער נאַכט, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אויפן ים האָט ער געזען די שאָטנס. שאָטנס קומען נישט אום, זיי זענען אייביק. נאָך דעם ווי זיי רייסן זיך אָפּ פון די מענטשן, פון דיביימער, וואָגלען זיי אַרום אויף גאַנס וועלט, זיי ווערן איינס מיט די וואָלקנס, מיט די נעפּלען.

ווי רויק עס איז היינט אריינגעשוווּמען די שיף אין האַפן. אַזאַ שיף איז אַמאָל אַזוי רויק אָפּגעשווּמען פון דאַנען מיט זיין פאָטער. אַלץ וויכ־טיקע אין לעבן פון מענטשן קומט פאַר שטיל, איינפאַך. אַמאָל ליגט עס אין אַ פּשוט וואָרט, אַמאָל אין אַ קלאַנג וואָס ציטערט ווי דאָס פאַרגיין פון אַ ווייטן גלאָק, אַמאָל איז עס אַ שווייגן וואָס פאַרמאָגט ליבשאַפט, און שטיל־

קייט מיט שטילקייט פאַרפּלעכטן זיך ווי צוויי זילבער־וואָלקנס וואָס עס פאַרקניפּט זיי דאָס לבנה־ליכט. דעמאָלט דערקענסטו די הימלישע פרייד לויט דעם וואָלקנראַנד וואָס איז פּלוצעם באַלויכטן געוואָרן.

די ווידערבאַגעגעניש זיינע מיט אַ שפּליטער פון זיין היים איז געווען פאַר מיכאַלן אַן אָנהאַלט אין די ערשטע טעג פון זיין קומען אין לאַנד אַריין.

פאַרטאָג איז מיכאַל אוועק. ער איז געגאַנגען איבער אומבאַקאַנטע פרימאָרגן־גאַסן. אַזוי פיל איילנדיקע מענטשן, פולע אויטאָבוסן. נאָר ער איינער דאַרף זיך נישט איילן. פאַרוואָס גייט ער נישט מיטן שטראָם? די מענטשן גייען באַרג־אַרויף מיט דער גאַס און ער נידערט צום ים. דאָ איז פּוסט. עטלעכע איינגעטריקנטע ביימער מיט פאַרקראַמפּטע צווייגן. ווייט־ווייט זעט מען אַ שיף. אַ כוואַליע ראַנגלט זיך מיט אַ שוואַרצן שטאָם ביים ברעג און קאָן אים נישט בייקומען. יעדעס מאָל טויכט אויף דער שוואַרצער שטאָם און פאַרגייט. מיכאַלן איז לאַנגווייליק געוואָרן די שפּיל פון די וועלן מיטן הפקרדיקן בוים. איצט גייט ער צוזאַמען מיט די איילנדיקע מענטשן. אַ יונגער בחור, אפשר פון צוואַנציק יאָר, האָט ביי אים געבעטן פייער צום פאַררייכערן.

— ביסט ערשט נישט לאַנג אין לאַנד?

— נעכטן בין איך געקומען.

— נעכטן? — האָט זיך דער בחור געחידושט.

זיי זענען געגאַנגען אַ שטיק וועג צוזאַמען.

דער בחור האָט יעדעס מאָל צוגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער:

— דאָס איז אַ נייַ הויז; דאָס איז אַ באַנק! און דאָס, רעכטס, איז אַ קינאָ! דו דאַרפסט זען דעם פילם... איך מוז זיך איילן, כ׳וועל באַגעגענען מיין מיידל. זי אַרבעט נישט ווייט פון מיין פאַבריק... יעדן אין דער פרי טרעפן מיר זיך און איך באַגלייט איר צו דער אַרבעט... כאָטש פינף מינוט וועג צוזאַמען... דו ביסט געקומען אַליין אין לאַנד אַריין?...

דער בחור האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער, ער האָט אַ פייף־געטאָן און איבערגעלאָזט מיכאַלן אין מיטן גאַס.

וווהין גיין?

ווען די שיף איז נעכטן אַזוי שטיל צוגעקומען צום האַפן איז אויף

איין רגע די שטילקייט איבערגעבראָכן געוואָרן. דאָס איז געשען נאָך דעם רוף פון אַ האַפּן־אַרבעטער צו די שיפּס־מענטשן. גלייך נאָך דעם האָבן זיך אויפגעהויבן די כוואַליעס ווי זילבער־טויערן.

די פּלוצעמדיקע דערמאָנונג האָט אים געמאַכט טראַכטן. וווהין פירן זיי די זילבער־טויערן?

דער אויטאָבוס לויפט קיין נהלל.

עס איז גוט צו זען די פעלדער, די פּרדסים, די וואַסער־טורעמס. די זון איז שוין הויך. עס מוז זיין מיטאָג־צייט.

מיכאל גייט איבער אַ זאַמד־שטעגל. פעלדער פון קאַווע־קאָליר. איינזאַמע ציפּרעסן. אַ שפּעסן־סטאַדע אויפן רוקן פון אַ באַרג. אַ ברייטע דאָרף־גאַס מיט ציגל־הייזער, מיט צוימען פאַרוואַקסענע פון קלעטער־קוסטעס.

— דאָ איז עס. זעסט דאָס הויז מיט די גרויסע רויטע בעכער־בלומען?

— איך זע...

— דאָ וווינט רחל.

אַ צוים פון היביסקוס־קוסטעס. עס קומט אים אַנטקעגן אַ מענטש מיט אַ פאַרמעט־פּנים. בלויז קנייטשן. אויפן פּנים איז שוין נישטאָ קיין אָרט אויף נייע קנייטשן, האָבן זיי זיך צעשפּרייט אויפן האַלדז, אויף די הענט. גרויסע רויטע בלומען־בעכער מיט שוואַרצע צונגען און גרין־אויסגעלאָשענע בלעטער. קריכפּלאַנצן שטעכיקע. אַ טירל וואָס מען קען עס נישט צומאַכן און נישט ברייטער עפענען. עס איז געבליבן ווייזט אויס אַזוי פון יאָרן האַלב־געעפנט און די קלעטער־פּלאַנצן האָבן עס פאַרפלאָכטן און פאַרקניפּט.

מיכאל האָט זיך דורכגעשטופּט דורכן טיר־שפּאַלט. אויף דער שוועל וואַרעמט זיך אַ גרויסע קאַץ מיט געלע פלעקן אויף דער שוואַרצער פעל. ער ציט די דראָט פון טיר־גלאָק. דער גלאָק איז מיט אַן אַרויסגעריסענער צונג און די דראָט איז זשאַווערדיק. קיינער ענטפערט נישט. אַנשטאָט דעם קלאַנג פון גלאָק דערגייט צו אים דער דראָט־געקלימפּער. אין שכנות־דיקן הויף וויינט אַן אייזל. דאָס ערשטע מאָל הערט מיכאל דעם אייזל־געוויין. אים דאַכט זיך אַז עס סקריפּען אוראַלטע שלעסער און מען ריגלט די טויערן פון פעסטונגען. אין דעם אייזל־געוויין איז דאָ טרויער, טרי־

קעניש און צער פון פאַרברענטע פעלדער. ער וועט איבערוואַרטן דאָס אייזל־געוויין און אַריינגיין אין הויז.

מיכאל האָט אַ שטויס געטאָן די טיר. זי האָט זיך געעפנט מיט אַ געסקריפּ. אַ קילקייט האָט זיך געטראָגן פון טונקעלן קאָרידאָר. עמעצער האָט צעפּראַלט אַ לאָדן און אַ סנאָפּ ליכט איז געבליבן ליגן אויפן טיש, אויף דער פּאָדלאָגע.

קעגנאיבער אים, ביים פענצטער, איז געשטאַנען אַ פרוי אין די פריע זעכציקער.

— איר זענט דאָס רחל?

זי האָט געשוויגן.

יאָ, דאָס איז רחל, האָט ער געטראַכט. עס איז דאָ אַן ענלעכקייט מיט יענעם בילדל.

— זעץ דיך. — האָט זי שטיל געזאָגט.

אַ טרויעריקע פאַרשאָטנטע שטים ווי זי וואָלט געקומען פון ווייטע חדרים.

רחל האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ קיילעכדיק ברויט, אַזאַ ברויט וואָס עס באַקן די דאָרפס־אייַנוווינער און געבראַכט אַ מעסער מיט אַ היל־צערן הענטל. דערנאָך האָט ער זיך געוואַשן די הענט און געווישט זיי לאַנג מיט אַ טונקעלן האַנטוך. אַז ער האָט געשניטן דאָס ברויט האָט זי אים געקוקט אויף די הענט, געקוקט אין די אויגן אַריין און אַ שווייגנדיקע אויסגעדרייט זיך צו דער דאָרפס־גאַס. ווען זי איז צוגעקומען צום טיש האָט מיכאל דערזען אַז זי האָט פייכטע אויגן.

ער האָט געוואַרט, אַז זי זאָל פרעגן, אַז זי זאָל רעדן, נאָר רחל האָט גאָרנישט געפרעגט. בלויז איין מאָל האָט זי געזאָגט:

— ווי ענלעך דו ביסט.

זי האָט נישט געזאָגט צו וועמען ער איז ענלעך, ביידע האָבן אָבער געוווּסט אַז זיי פאַרשטייען דאָס נישט דערזאָגטע. עס איז געווען פאַר אים אַ חידוש וואָס רחל האָט קיין איין מאָל נישט אָנגערופן זיין פאָטערס נאָמען. ביים אויפשטעלן זיך פון טיש האָט זי אים נאָכגעקוקט.

— דו ביסט הויך, ביסט שלאַנק, ביסט שיין, — האָט זי געזאָגט. — האָסט אָבער מידע אויגן. רו זיך אויס. קענסט זיך וואַשן אין באָדצימער.

און זי איז אַוועק.

מיכאל האָט אַראָפּגעוואָרפן די שיך, אַרומגעגאַנגען אַ באָרוועסער איבער די חדרים און געקוקט אויף די ווענט. ער האָט געזוכט אַ סימן וואָס זאָל אים אין עפּעס דערמאָנען און פאַרקניפּן דאָס מיט דער דאָזיקער דאָרפישער שטוב. ער האָט אָבער גאָרנישט געפונען. דערנאָך האָט ער זיך אַוועק־געזעצט אין אַ ליגשטול און געגלעט די פעל פון דער קאַץ.

רחל האָט זיך לאַנג געזוימט. עס איז שוין פאַרנאַכט, עטלעכע קי זענען פאַרבייגעגאַנגען און געלאָזן דעם ריח פון מילך. אַ הון קודאַקעט. אַ קיל ווינטל וויגט די רויטע בעכער און פון די שוואַרצע בלום־ציגלעך שיט זיך שוואַרצער שטויב.

רחל רעדט שטיל.

ער האָט געוווּסט, אַז זי וועט רעדן. אין די מיטאָג־שעהען איז זי געווען צו שווייגנדיק, דאָס איז געווען אַ שווייגן פון אַן איבערגעפּולט האַרץ. דער אָוונט, די לאַנגע שאָטנס פון די ציפּרעסן, מיכאלס מידע אויגן וואָס מאַנען ביי איר — דאָס אַלץ האָט איר אויפגעבונדן און זי האָט גערעדט.

— דיין פאָטער האָט נישט געוווּסט, אַז מען דאַרף ראַנגלען זיך פאַר דעם וואָס מען וויל. ער איז אָפּט געגאַנגען אַליין איבער די באַכטיקע פעלדער פון נהלל אַ פאַרליבטער אין גאָטס באַשאַף, ווי אַ נישט ערדישער. דער אַנדערער האָט געהאַט לאַכנדיקע אויגן. ער איז פול געווען אומעטום. געוואָרן אַן עסקן, אַ רעדנער. נאָך דער אַרבעט אין שטיינהאַקעריי, אויף די שאַסייען איז דיין פאָטער אַוועק צו די פעלדער באַוווּנדערן גאָטס וועלט. ער האָט געמיינט אַז איך וועל אים נאָכגיין. איך האָב געוואָרט אַז מען זאָל מיך ווי די דאָזיקע ערד באַצווינגען. איך האָב אין די אָוונטן געשוויגן מיט אים. נישט קיין אייפערזוכט, נישט קיין כעס. איך האָב אים געוואָלט, נאָר ער האָט געוואָלט אַז איך זאָל אַליין קומען... געקומען איז אָבער אַ צווייטער...

רחל האָט געבלעטערט אַלטע זשורנאַלן.

— לייען דאָס... לייען... וועסט אַלץ וויסן... איך האָב אַמאָל גע־שריבן... מיט עטלעכע יאָר צוריק איז ער געשטאָרבן, מיין מאַן... איך האָב אַ טאָכטער אין דיין עלטער איז איר מאַן געפאַלן אין דער באַפרייונגס־מלחמה... שווערע צייטן האָבן מיר געהאַט...

זי איז שטיל געוואָרן און געקוקט אויף מיכאלן מיט אַזאַ בליק ווי מען

קוקט צו די ווייטקייטן. ער האָט געפילט אַז איר בליק איז אים אַריבער־געשפּרונגען און זי וויל דערזען זיין טאַטן.

דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו דער שאַפע און געבראַכט אַן איינגע־רעמט בילדל אין אַ קליינעם ניקעלנעם רעמל.

— דאָס איז מיין טאַכטער.

רחל האָט אים לאַנג באַטראַכט און אירע אויגן האָבן עפּעס געמאָנט ביי אים. ער איז ווי אַ פּאַרמירמלטער געזעסן מיטן בילד אין דער האַנט און נישט געוווּסט וואָס ער האָט צו זאָגן און וואָס ער זאָל טאָן.

— ביסט ענלעך צו דיין פאָטער.

אין די דאָזיקע רייד האָט ער דערפילט אַ פאַרוווּרף.

— איך געדענק ווי עס וואָלט געוועזן איצט — האָט רחל גערעדט מיט טיפן באַדויער. — איך בין געוועזן אין האָפן ווען דיין טאַטע איז צוריק־געפאָרן. די שיף האָט זיך פּאַמעלעך אָפּגעטיילט פון ברעג. איך האָב אים געזען אויף דער שיף. כ׳האָב געמיינט אַז מאָרגן וועל איך אים ווידער זען. דאָס איז אָבער געווען דער סוף. ווייסטו פאַרוואָס איך האָב מיטאָג־צייט געלאָזן דיך אַליין? איך האָב טעלעגראַפירט צו מיין טאַכטער זי זאָל קומען, אַז מיר האָבן אַ גאַסט. ביסטו צופרידן?

מיכאַל איז אַרויס אויף דער ברייטער דאָרפסגאַס.

עס איז שוין נאַכט. אַרום שפּרייטן זיך פעלדער, נאַקעטע פּאַשע־פעלדער. דאָס בערגל ווו אויף זיין רוקן האָבן זיך בייטאָג געפיטערט שאָף איז איצט באַלויכטן פון מילך־וועג. פון דער אַנדערער זייט דאַרף בלינצלען פייערן פון ישובים. עס איז אַן אויסגעשטערנטע נאַכט.

אַ, ווי גוט עס איז צו גיין איינער אַליין איבער די נאַכטיקע קילע פעלדער.

# די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען

דער אָוונט פאַלט דאָ צו אומגעריכט. דער שאָטן פון פאַרשטויבטן ציפּרעס ווערט מילד, ער פלעכט זיך צונויף מיט די צעריסענע שאָטנס פון אַ האַלב־פאַרטריקנטן מאַראַנצן־בוים, מיט אַ בלינדער וואַנט. אין הויף הענגט נאָך אַ שנור וועש. דאָס ליכט קומט איצט פון דער בלענדיקער וועש־ווייסקייט.

וויקטאָר זיצט אויף דער הויף־טעראַסע און קוקט אויף אַ פאַרקראַמפּטן איילבערט־שטאַם און אַ פעלדזן־שטיין. שוין עטלעכע וואָכן ווי ער האָט פון די יהודה־בערג געבראַכט אויף אַ לאַסטוואָגן דעם דאָזיקן שטיין. ווען ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער באַרגיקער ערד דעם שטיין, האָבן זיך אַנט־פּלעקט נאַקעטע וואָרצלען פון אַן איילבערט, וואָס זיין שטאַם האָט זיך אָנ־געשפּאַרט אָן שטיין. דער אונטערשטער טייל פון בוים איז געווען פאַר־שרפהט און עס האָבן זיך נאָכגעהאַנגען עטלעכע צווייגן. זיי האָבן אויס־געזען ווי נאַקעטע וואָרצלען. זעט אויס, אַז דער זיתים־קרוין איז פאַרברענט געוואָרן פון אַ בליץ אָדער פון אַ פייער וואָס האָט אַוודאי דאָ געבושעוועט אין די חאַמסין־טעג, וואָרעם אין די הרי־יהודה צינדן זיך אָפטמאָל אָן די באַרג־שיפּועס באַזעצטע מיט דערנער. די זון איז אומברחמנותדיק צו יעדן פלאַנץ, בפרט צו די פאַראַיאָריקע דערנער, וואָס די ווינטער־ווינטן האָבן זיי נישט געקענט אַרויסרייסן מיט די טויטע וואָרצלען און זיי אַוועקטראָגן צו די וואַדיס ווו עס האָבן געבושעוועט די רויט־ליימיקע און זילבער־שוואַרצע וואַסער־שטראָמען. וויקטאָר האָט דעמאָלט אַ קוק־געטאָן אויף דעם איילבערט־שטאַם און געשעפּטשעט צו זיך, אַז קיין פרוכט טראָגט ער סיי ווי נישט, און אויב אויף איינע פון די נישט־אָפּגעברענטע צווייגן וועלן זיך באַווייזן עטלעכע איילבערטן, וועט קיינער זיי נישט קומען צונויפ־קלייבן.

ווען דער פעלדזן־שטיין איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער ערד און

די קייטן האָבן אים אַרויפגעשלעפּט אויפן לאַסטוואָגן, איז דער איילבערט געבליבן הענגען אַ נאַקעטער אויף ברוינע וואָרצלען.

דאָס איז געווען מיט עטלעכע וואָכן צוריק. איצט ליגן אין הויף דער שטיין און דער אַרומגעשניטענער איילבערט־שטאָם.

שוין די דריטע וואָך ווי וויקטאָר האָט אויפגעשטעלט דעם פעלדזן־ברוך אין הויף, לעבן זיין טעראַסע, און שטייט שעהען־לאַנג לעבן אים. ער קען נישט אויפהויבן דעם האַמער צו געבן דעם ערשטן קלאַפּ אין שטיין. ער שפּירט דעם שאַרפן געקריץ פון דער דלאָטע; דאָס ציטערט זי אַזוי אין זיין האַנט. ער דאַרף נאָר אויפהייבן דעם האַמער און געבן דעם ערשטן קלאַפּ. זאָל נאָר אָפּשפּרינגען דער ערשטער שפּליטער וואָס וועט אַנטפּלעקן דעם שטיינס האַרץ. ער וועט דערזען דעם געפלעכט פון אַן אויס־געלאָשענער שוועבל־קאָליר־מאַסע מיט דינע, קוים־זעעוודיקע ראָזלעכע אָדערן, ענלעכע צו די אָדערן וואָס באַציען אויגן־ווייסלען. אָ, ווי ער קען שוין דאָס אַלץ! הונדערטער שטיינער האָט ער אויסגעפּרוווט ביז ער האָט זיך פאַרהאַלטן פאַר אָט דעם פעלדז. ער זעט אויס ווי אַ מעטעאָר־שטיין און אַז זיין האַמער־קלאַפּ איז דעמאָלט צוריקגעשפּרונגען, ווי דער שטיין וואָלט דאָס אייזן צוריקגעשטעלט, און אַז ער האָט דערהערט דעם גוט־באַ־קאַנטן קלאַנג — אַ קלאַנג ווי פון אַ קופּער־גלאָק — איז אים קלאָר געוואָרן אַז דאָס איז עס.

די שנור וועש האָט זיך אַ וויג־געטאָן און עס איז דערגאַנגען צו אים דער ריח פון פרישע וועש און פון פרויען־לייב. דאָס איז געווען אַזאַ רויער ריח ווי פון נאַקעטע וואָרצלען, ווי פון גראָזן אין אַ טוי־נאַכט. דאָס איז גאַזעל — דאָס דינסטמיידל פון ערשטן שטאָק. זי האָט קופּערנע האָר, פאַרוויקלטע, פאַרפּלאָנטערטע ווי אַ פלאַם וואָלט זיי פאַרקראַמפּט, אונטער־געצונדן און זיי נישט פאַרברענט. דאָס פּנים אירס איז באַזעצט מיט זומער־שפּרענקעלעך; גרויסע, ברוינע, ראָזע ווי רייפער צוויט פון מאַנדל־ביימער וואָס דער ווינט טראָגט אין די פרילינג־פאַרנאַכטן.

— וואָס האָסטו היינט אויסגעהאַקט אין שטיין?

אויף איין אַקסל ליגט דער שטויס וועש; אַ ליילעך, האַנטעכער און אַ ראָזלעך נאַכטהעמד מיט בלאָע שפּיצן.

זי וויל לאַכן און קען נישט, נאָר אירע אויגן שמייכלען און די פינגער

גלעטן דעם שטיין. זי האָט ברוינע אָרעמס, לאַנגע, מילדע, מיט מוסקול־אויסבויגן וואָס ליכטיקן.

— אַזאַ גרויסער שטיין?...

זי איז פול מיט חידוש. עס וווּנדערט איר דער שווייגנדיקער מענטש וואָס קוקט אַזוי אויף איר. ווען נישט די גוטע אויגן זיינע וואָלט זי זיך נישט אָפּגעשטעלט. אַן אויסטערלישער מענטש איז דאָס. וויפל מאָל זי לויפט נאָר נישט פאַרביי די טרעפּ קוקט זי אויף זיין טיר. זי וואָלט געוואָלט אַריינגיין צו אים און באַטראַכטן פון דער נאָענט די אַלערליי שטיין־פיגורן וואָס דאָס קליינע צימערל איז פול מיט זיי.

טייל מאָל דערגייען צו איר האַמער־קלעפּ און עס ווערט שטיל. דעמאָלט וואַרט זי אויף עפּעס. זי שלייכט זיך אַ באָרוועסע אויף די טרעפּ און די קילקייט פון שטיין איז גוט צו איר. פאַר זיין טיר פאַרהאַלט זי זיך און אָטעמט שווער. וואָס טוט זי אויף די טרעפּ און צינדט נישט אָן דאָס ליכט פון די שטיגן?

וויקטאָר האָט טרויעריקע אויגן. נישט קיין טרויער איז דאָס וואָס בעט גנאָד — דאָס איז דער טרויער פון מידע פעלדער, פון איינזאַמעביימער ביי דער קרייצונג פון וועגן — זיי זענען גרינלעך־מאַט אַזוי ווי די אייל־בערט־פּירות.

פאַרוואָס רעדט נישט דער מענטש צו איר?

גאַזעל האָט אים געפרעגט וועגן שטיין, וועגן איילבערט־שטאַם און וויקטאָר שווייגט. און אַז זי גייט אַוועק פון הויף מיט די וועש, דאַכט זיך איר, אַז זי האָט געהערט זיין קול, אַז ער האָט מיט איר גערעדט און זי ווייס איצט אַלץ וואָס זי האָט נאָר געוואָלט וויסן. יאָ, עס זענען דאָ מענטשן, וואָס כאָטש זיי שווייגן, זענען זייערע אויגן אַזעלכע אָפענע און קלאָרע און דו געדענקסט שפּעטער נישט אויב די מענטשן האָבן געשוויגן. ביסט זיכער, אַז דו האָסט געהערט זייערע רייד, ווייסט אַפילו וואָס זיי האָבן דיר געזאָגט און עס גייט דיר נאָך זייער אויפגעבונדענע שטים.

אפשר דערפאַר איז גוט געווען גאַזעלן צו שטיין לעבן וויקטאָרס טיר?

עס איז שוין נאַכט.

דאָס זייטיקע געסל איז האַלב־ליידיק. אויף די באַלקאָנען איז ליכטיק.

גאַזעל גייט צו דער אויטאָבוסן־סטאַנציע. אויף די לעצטע שטיגן פֿאַרהאַלט זי זיך. וויקטאָר צינדט נישט היינט קיין ליכט. דער אויטאָ גייט באַלד אָפּ, זי פֿאָרט אַהיים, קיין יפו. מאָרגן פֿאַרטאָג וועט זי ווידער קומען. די פֿינצטערניש אין וויקטאָרס צימערל באַרויקט איר. זי האָט ליב אַז עס איז אין די אָוונטן טונקל אין זיין וווינונג. גאַזעל קען אָבער נישט אַוועק פֿון די לעצטע טרעפּ. נאָך מיטאָג האָט זי געהערט עטלעכע שווערע האַמער־קלעפּ. אפשר זענען די קלעפּ געקומען פֿון דער שכנותדיקער גאַס וווּ מען בויט אַ ניי הויז? ניין. דאָס זענען געווען די ערשטע קלעפּ אין שטיין. זי וויל דאָס וויסן, זי מוז דאָס וויסן אויב וויקטאָר האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט מיט דעם שטיין.

גאַזעל גייט אַ באַרוועסע איבערן הויף. אָט איז דער פֿאַרקראַמפּטער איילבערט און זיין אומהיימלעכער שאָטן, און אָט איז דער שטיין. ער זעט אויס אין דער נאַכט ווי אַ מדבר־גייער וואָס האָט זיך פֿאַרהילט אין אַ פֿינצטערן וואָלקן.

גאַזעל קניט פֿאַר דעם שטיין און מיט ביידע הענט נעמט זי אַרום דעם וואַרעמען פֿעלדז. אירע פֿינגער זוכן די סימנים פֿון די שטיין־קלעפּ און זי געפֿינט זיי נישט. אָ, ווי געשליפֿן איז ער! וויפֿל שלאַקסן, וויפֿל שטורעמס האָבן דאָס געשליפֿן דעם ווילדשטיין?

גוט וואָס עס איז פֿינצטער. שלאָפֿט ער שוין?

זי שטייט אויף די פֿינגער־שפּיצן און קוקט צו די פֿאַרלאָשענע שויבן; שאָטנס פֿאַרפֿלאָכטענע, פֿאַרוויקלטע מיט צווייגן און צווישן די שאָטנס אַ פֿייער־פּונק אַ באַוועגלעכער ווי אַ גליענדיק אויג — דאָס איינציקע אויג פֿון די אַלערליי שטיינערנע קעפּ.

ביים אַרויסגאַנג פֿון הויף האָט זיך גאַזעל אָנגעשטויסן אויף דער שכנטע פֿון פּערטן שטאָק, מיט ניפּאַן.

ניפּס פֿאַרפֿומען־ריח האָט גאַזעלן געמאַכט הכנעהדיק.

— לילה טוב, ניפּ.

גאַזעל האָט איר אָנטקעגנגעטראָגן דעם „לילה טוב" און ווי אַ שאָטן געלם געוואָרן. זי האָט נאָך געהערט ניפּס געלעכטער, אַזאַ שפּאָטיש געלעכטער וואָס איז איר נאָכגעלאָפֿן אַזש ביז צום אויטאָ. אהא, די ניפּ, די דאָזיקע פֿריזירערין מיטן ווינגדיקן געגנגל! זי וועט איצט אַוודאי אָנ־

קלאַפּן צו וויקטאָרן און ווייזן אים די ווייסע ציין און דעם אַרויסשטאַרנדיקן בוזעם. זי וועט זאָגן: „גאַזעל שטייט פאַר דיין טיר און דו שלאָפסט"... זיי וועלן לאַכן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין און צו מאָרגנס וועט גאַזעל דערקענען דאָס געלעכטער אין ניפּס קליינע מוטנע אויגן.

זי וויל וויינען. די טרערן זענען שוין אויבן־אויף. דער אויטאָ לויפט איבער די יפוער געסלעך. נאָך אַ ווײַלע און גאַזעל וועט אַראָפּשליידערן פון זיך דעם אומרו, דעם שפּאָט־בליק פון דער קליינער אויסגעפּוצטער ניפּ פון וועלכער עס טראָגט זיך אַזאַ אויפריייסנדיקער פּאַרפומען־ריח.

גאַזעלס היים געפינט זיך אויף דער גרענעץ צווישן יפו און דזשע־בעליאַ, ערגעץ לעבן דער בלינדער שטיין־וואַנט פון אַ קאַטוילישן בית־הקברות. אַז מען גייט לענגאויס די שמאָלע װענט זעט מען אַרויס די שפּיצן פון צלמים, די גיפּסענע קעפּ פון באַקראַנצטע מלאכים מיט צעשפּרייטע פליגל. נישט ווייט פון דער מויער האָט דער איין־אויגיקער סאַלים חאַדאַד די שענק. באַלד נאָך דער שענק הויבט זיך אָן דער אָפענער שטח און עס טראָגט זיך פון דאָרט אַ זאַמד־שטויב. דער ווינט קומט פון ים. ער איז אַזוי נאָענט דעם ים, אַזש מען שפּירט זיין אָטעם.

עס איז איר גוט צו פילן די שאַרפע ים־קילקייט. אַ שוואַרץ־צעוויגטע פלאַך מיט גראַנאַט־זילבערנע שוים־קעפּ וואָס טויכן אויף און פאַרגייען. צווישן די שוים־קעפּ ראַנגלט זיך אַ פאַרלאָשן שיפל.

אין חאַדאַדס שענק ברענט אַ רויט ליכט. דער אָפּשיין פון רויטן ליכט פאַלט אומהיימלעך אויף דעם בית־עולם־געסל. די פליגלען וואָס קוקן אַריין פון יענער זייט מויער זענען רויט.

נאָך עטלעכע טריט און זי וועט באַלד זיין אין שטוב. שפּעט ביינאַכט, אַז זי וועט שטיין מיט איר בחור ביים טירל פון הויז, וועט ער איר זאָגן: — זעסט, גאַזעל, דאָס רויטע ליכט אין חאַדאַדס שענק? און דעם ים, אונטן, זעסטו? און דאָס טונקעלע שיפל מיט די פאַרוויקלטע לייוונטן זעסטו נאָך נישט, ווייל עס איז ווייט. דאָס אַלץ האָט אַ שייכות צו זיך. אַז עס וועט זיך אויסלעשן אין חאַדאַדס שענק דאָס רויטע ליכט וועל איך לויפן באַ־געגענען דאָס שיפל. דערווייל האַלט עס זיך אויף אין נאַכטיקן ים. דעמאָלט וועט מען שוין קענען לויפן צום ברעג.

ער וועט איר אַריינלאַכן אין פּנים אַריין און ווילדוגעריש אונטער־

פייפן דעם ניגון פון אַן אַמעריקאַנער קינאָ־לידל. זי קען שוין דאָס אַלץ ביז יעדן קלענסטן פּרט.

צו מאָרגנס וועט סאַלים חאַדאַד שפּעט עפענען די שענק. זיין ווייב וועט אַרויסקוקן פון פענצטער מיט אַן אָנגעשוואָלן פּנים. אירע באַקן זענען רויט־געפאַרבט און די ברעמען אויסגעראַזירט, אַזוי שמאָל, ווי די אויס־געבויגענע פאַרברענטע נאָדלען.

— היי, גאַזעל, קום אַהער! דו גייסט באַדינען די „שיקינאַזיס״? צו וואָס דאַרפסטו דאָס? דער נאַכטיקער ים קען דיך אויך האָדעווען?...

איצט, אין דער פרי, זענען די פליגלען פון באַקראַנצטע בית־עולם־מלאכים ווייס און מילד ווי פליגל פון טויבן. מירמל־קעפּ האָבן זיך ווי אויסגעבויגן און קוקן צום ווייטן ים. די שטיינערנע מויער האָט שיינע אייזערנע טויערן. אַ שווערער לאַסטוואָגן קלינגט מיט לויזע קייטן און אָט־אָט וועט ער אַרויספאַלן אויף די בייכיקע בית־עולם־ווענט.

ווען גאַזעל איז דאָס ערשטע מאָל געקומען אין דער גאַס, צו דער משפּחה לאַפּעק, האָט זי צוערשט אָנגעקלאַפּט אין דער אונטערשטער טיר פון פּאַרטער. זי האָט געהאַלטן אַ פּאַפּירל און עס געוויזן וויקטאָרן. דאָס איז געווען דער אַדרעס. דורך דער האַלב־געעפנטער טיר האָט זי דאָס ערשטע מאָל דערזען שטיינערנע קעפּ און זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם בית־עולם, אָן די קעפּ פון די מלאכים וואָס זי זעט יעדן טאָג.

גאַזעל האָט נישט פאַרשטאַנען וויקטאָרס רייד. זי האָט נאָר אָפּגעפילט זיין ברוסטיקע שטים און אַ פאַרוויגנדיקן וואַרעמען אָטעם. אַז זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, האָט זי געזען זיין צעכראַסטעטע העמד און אַ האָריקע ברוסט. אירע קני זענען לויז געוואָרן אַזש זי האָט זיך געמוזט אָנהאַלטן אָן דער וואַנט. דערנאָך איז זי תמיד פאַרבייגעלאָפן לעבן זיין טיר, לעבן דער טעראַסע, מיט צוגעשלאָסענע אויגן ווי זי וואָלט זיך נישט געטרויט צו פאַרהאַלטן אויף קיין איין רגע.

די זייטן־גאַס אין צפון־קוואַרטאַל פון דער שטאָט תל־אביב האָט מען גערופן „די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען״. כאָטש לויט דעם שילדל, ביי די ראָגן, האָט זי געטראָגן דעם נאָמען פון אַ שריפטשטעלער. געבליבן איז אָבער דער נאָמען אַזוי ווי מען האָט דאָס אָרט גערופן ווען עס איז

נאָך געווען אַ זאַמד־וועגל און פון ביידע זייטן האָבן געבליט מאַנדל־ביימער.

דאָס האָט געמוזט זיין אַ זעלטן בילד: אַ שטיין־פּלויט, אַ שיקמה־בוים און לאַנגע רייען בליענדיקע מאַנדל־ביימער; ראָזע נעפּלען, זיידענע שלייערן און זון! בלאָע שאָטנס און וואַסער־ריטשקעס וואָס פליסן צווישן די ביימער.

דער דאָזיקער גרויסער מאַנדל־גאָרטן האָט געהערט צו אַ פּתח־תקווהער ייד. אַז ער איז געשטאָרבן האָבן די יורשים פאַרקויפט דעם גאַנצן באָדן מיט אַלע ביימער און דער נייער באַלעבאָס האָט אויסגעהאַקט די מאַנדלען און געפלאַנצט אַ וויינשטאָק. דאָס איז געשען אין די יאָרן ווען עס זענען אויפגעקומען די וויינקעלערן פון באַראָן ראָטשילד און מען האָט געפאָדערט אויפן מאַרק ישראל־וויין. דערווייל האָט זיך די שטאָט אויסגעברייטערט און דער פּריז אויף בוי־פלעצער איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג — האָט מען אויסגעהאַקט דעם וויינשטאָק און פאַרצעלירט דעם שטח צו בויען הייזער.

דער נאָמען איז אָבער געבליבן: די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען.

שוין דאָס צווייטע יאָר ווי וויקטאָר וווינט דאָ. געקומען אין לאַנד אַריין איז ער נאָך דער מלחמה. די פריינד וואָס ער האָט דאָ געטראָפן, ווייטע קרובים פון זיין מוטער, האָבן פאַר אים אויסגעזוכט דאָס צימערל און מיט פּרנסה האָט ער זיך געמוזט ווי עס איז אַליין העלפן.

טייל מאָל האָט ער געאַרבעט ביי הייזער־בוי, טייל מאָל אין אַ צעמענט־פאַבריק. און אַז ער האָט אָנגעזאַמלט אַביסל געלט אויף צו קענען אויסקומען אַ פּאָר וואָכן, איז ער געבליבן אין שטוב און געקנאָטן פון ליים, אָדער געהאַקט מיט דער דלאָטע אין שטיין. אַלץ וואָס ער האָט ביז איצט געמאַכט איז נאָר געווען אַ צוגרייטונג צו דעם וואָס ער דאַרף באַשאַפן.

וויפל מאָל ער איז נאָר נישט געשטאַנען אַנטקעגן דעם שטיין איז אים באַפאַלן אַן אומרו, דער אומרו וואָס פאַרקראַמפּט די אָדערן און פאַרביי די אויגן ציען זיך נעפּל־קאַראַוואַנען און יעדעס מאָל רייסט זיך אויף אַ פּאָר־האַנג און דו דערזעסט אַ נאַקעט פעלד, אַ זאַמד־וועג, אַ פּנים פון אַ בעטלער. טייל מאָל פאַרכאַפּט דיך ווי אַ ווערבל־ווינט אַ זייטיקע פאַסירונג, וואָס האָט אין דיין לעבן נישט געהאַט קיין שום האַפט: אַ גאַס אין קאַרגן ליכט פון אַ לאַמטערן מיט טויזנטער ליכט־פלאַטערס און אַ מיידל מיט אַ פייכט פּנים

פון רעגן און אַ שיכור וואָס האָט זיך גראָד דורכגעשלייכט און געטראַסק פון מוזיק וואָס האט זיך אַרויסגעריסן פון אַן אויפגעעפנטער טיר. דו טרייבסט דאָס אַלץ פון זיך און ווילסט דו זאָלסט עס נישט טרייבן קומען נייע, אויס־טערליש אומגעריכטע זאַכן דיר אַנטקעגן: אַמאָל איז עס אין געשטאַלט פון אַ הונט וואָס איז האַסטיק צו דיר צוגעלאָפן און דו האָסט דערפילט ווי זיין קאַלטע פייכטע שווארצע נאָז באַשמעקט דיך, אַמאָל זעסטו זיך אויף אַ וואָקזאַל, דו באַגלייטסט עמעצן און דו קענסט זיך בשום אופן נישט דער־מאָנען וועמען. אָ, איצט דערקענסטו שוין איר פּנים — דאָס איז דאָך געשען מיט לאַנגע יארן צוריק אויפן וואַרשעווער וואָקזאַל. דער צוג גייט פּאַמעלעך און דו גייסט אים נאָך. זי פאָכעט צו דיר און דו לויפסט נאָך אַלץ נאָך דעם צוג. באַלד וועט ער פאַרשווינדן — און פּלוצים — דו מאַכסט צו די אויגן און פילסט ווי דו פאַלסט אונטער די באַן־רעדער. דו קאַרטשעסט זיך איצט איין פון שוידער און פילסט איצט דעם ווייטיק און די אויסלייזונג. עך, די נעפּל־קאַראַוואַנען! תמיד קומען זיי ווען דיין האַנט וויל געבן דעם ערשטן קלאַפּ אין דעם שטיין און אים אויפוועקן צום לעבן!

עס איז געווען אַז וויקטאָר זאָל זיך אַוועקלייגן אויף דעם בעט און צושליסן די אויגן ווי די נעפּלען פאַרגייען.

די אַרבעט אַלס מויערער האָט אים רויק געמאַכט. ער האָט געוווּסט, אַז יעדער ציגל וואָס ער לייגט איז ווי אַ טייל פון דעם גרויסן וווּנדערלעכן פּיעדעסטאַל אויף וועלכן עס וועט שטיין די פאָלקאָמסטע שאַפונג זיינע.

ער האָט געפילט אַז זיינע הענט כוח און געהאַט גלויבן אַז זיינע פינגער וועלן נאָך עפּעס שאַפן; דאָס איז אָבער געווען אַ בלינדער כוח פון אַ שטראָם וואָס ריזלט אַראָפּ פון פאַרשנייטע בערג. ער רייסט זיך דורך שטיין־צוימען, דורך באַרג־שפּאַלטן, דער צעשוימטער שטראָם־קאָפּ ווערט צעזעצט אַן פעלדזן און דערנאָך זאַמלט ער אויף ס׳ניי זיינע וואַסערן און רייסט אויף מיט דער וואַסער־ברוסט אַ וועג צום פּלאַכלאַנד.

זיין גאַנץ לעבן איז געווען אַ בלינד זוכן אין איינזאַמקייט. צוערשט די יינגלשע האַלץ־שניצערייען, דערנאָך דאָס קנעטן אין ליים גיבורים וואָס רייסן זיך פון קייטן, בעטלער מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ביז עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה און אין זיין רוקזאַק האָבן זיך געפונען עטלעכע

בילדער פון זיינע ליים־פיגורן, אַ העמד, צייטונגס־אויסשניטן ווו מען דערמאָנט זיין נאָמען און ז׳ דלאָטע, וואָס דער מצבה־קריצער פון זיין שטאָט האָט אים געהאַט געשאָנקן — אַ דלאָטע פון האַרטסטן שטאָל. מיט דער דלאָטע האָט ער אויסגעהאַקט, אין איינע פון די גרויסע שטעט ביי דער וואָלגע דעם מאָנומענט פון אַ באַשטיוולטן געץ. ער שטייט נאָך אַוודאי, דער שטיין־געץ, אין מיטן מאַרק. דאָס איז געווען אין דער מלחמה. מען האָט אים דערפאַר געגעבן אַ צווייפּאַכע נאַרמע ברויט. ער האָט אים גע־האַקט פון טונקעלן באַזאַלט־שטיין. אַ ריזן־פיגור אויף אַ גראַניט־פּאָסטר־מענט. פון דעם דאָזיקן געצן־פּנים איז אים גאָרנישט פאַרבליבן; נישט דער לאַנגווייליקער ערנסט פון אונטער די אָנגעשוואָלענע שטיין־אויגן, נישט דער קורצער עקשנותדיקער שטערן, נישט די אויגן־לעכער די אומהיימלעכע, דער לאַנגער שינעל, דער צונויפגעפּרעסטער צו וועלכן עס וואַגט זיך אַפילו נישט דערנענטערן דער ווינט און די שטיין־שטיוול.

נאָך איצט, אין די שלאָפלאָזע נעכט, זעט ער זיך אַ קניענדיקן ביי די טונקעלע שטיוול מיט דער דלאָטע אין דער האַנט. די דלאָטע וואָס האָט אויסגעהאַקט די הייליקע נעמען אויף די יידישע מצבות פון אַ דור וואָס רוט אויף אַ בית־הקברות. ער דערמאָנט זיך ביז ווייטיק יענע דורכגייער וואָס זענען געבליבן אַ ווילע שטיין — אָט־אָ די רוסישע מענטשן, די טרוי־עריקע באַאַמטע, די הונגעריקע פּויערים, די פרויען פאַרהילטע אין ווייסע שאַלן, וואָס האָבן אַרויפגעקוקט צו דער מעכטיקער שטיין־פיגור און ער, וויקטאָר, האָט זיי געזען צווישן די שטיין־שטיוול אַ קניענדיקער פאַרן געץ מיטן האַמער און דלאָטע.

ווען אַ דונער וואָלט אַ שליידער־געטאָן אין געץ און אים אַראָפּגעוואָרפן פון שוואַרצן גראַניט וואָלט אַ פרייד אַלעמען אַרומגענומען.

תמיד ווען וויקטאָר דערמאָנט זיך אָן דעם שטיינערנעם געץ, זעט ער זיך אָן איינגעקנוילטן ביי די שטיוול און דאָס טוט אים וויי. דאָס איז דאָס זעלביקע אייזן וואָס ער פירט מיט זיך דורך אַזויפיל שטעט און לענדער. איצט ליגט עס אַ פאַרשאָטנס אויפן טיש און אין דרויסן, אין הויף, שטייט אַ גרייטער דער שטיין פון די יהודה־בערג.

עס איז שוין ווידער נאַכט.

די טעג קומען און פאַרגייען. ווידער איז אַדורך אַ וואָך און ער האָט גאָרנישט געטאָן. די וואָלקן־קאַראַוואַנען און די אַלע נאַרישע מחשבות באַפאַלן אים און ער קען זיך נישט אַרויספּלאָנטערן פון דעם טונקעלן לאַבירינט, ווען ער קען בלייבן אויג אויף אויג מיט דעם אמתן וויקטאָר וואָלט ער עפּעס גרויס באַשאַפן.

די גאַס פון די בליענדיקע מאַנדלען קען מען דורכגיין אין אַ פערטל שעה. דאָרט ווו עס ענדיקט זיך די אַלייע פון די פאַרשטויבטע פיקוסן, אויף דער רעכטער זייט, געפינט זיך דאָס דאָזיקע קליינע געסל. עס לויפט שיף אַראָפּ. דער אָנהייב פון דער גאַס איז דאָס ווינקל־הויז פון אַ דאָקטער — הויך אַרומגעצוימט מיט אַ לעבעדיקער קוסט־צוים פון פאַרקראַמפּטע טונקל־ברוינע צווייגן מיט געלע בלעטער, האַרטע ווי געשניטענע פון לעדער. דערנעבן דערהייבט זיך די גרויע געביידע, אַ שמאָלע, מיט טונקעלע שויבן, אַ פראָנט־וואַנט וואָס איז באַקלעפּט מיט אַלערליי פּאַפּירן. דאָס איז די שול ווו אויף די אייבערשטע שטאָקן געפינט זיך אַ ישיבה. דערנאָך ציען זיך הייזער מיט באַלקאָנען; שמאָלע, לאַנגע, באַהאָנגענע מיט וועש, מיט קיך־כלים. אַ בוים געפּאַנגען אין קלעם פון אַספאַלט, צווישן רינשטאָק און דער גרויער ציגל־וואַנט, האָט צעשפּרייט מידע צווייגן. נאָך די גרויסע רעגנס שיט דער בוים אַראָפּ די קליינע וויגנדיקע בלעטער און די גאַס ווערט פול פון ברוינעם בלעטער־אָפּפאַל. קעגנאיבער אַריינגערוקט צווישן אַ זאַמד־בערגל און אַלטע פאַרזשאַווערטע אייזנס פעסער און רעדער, שטייט די בעקעריי. דערנאָך די איינשטאָקיקע הייזער און צווישן זיי, אַ גיי פירשטאָקיקע געביידע, וואָס איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אויפגעבויט געוואָרן.

דאָרט, ווו עס געפינט זיך די בעקעריי, אין אַ נעבן־הויז, ברענט דאָס ליכט אַ גאַנצע נאַכט און די בעקער־געזעלן שפּילן דאָ אין די פרייע שעהען אין קאָרטן. אין שכנותדיקן געוועלב רוישן די קראַנען פון דער פישער־קראָם. אַ שפּאַן ווייטער, ביים אַלטן בלעכער, אין זיין נאַקעט רויט־ציגל־דיקער בודע, ליגן בלעכן און פון די שפּיז־קראָמען טראָגט זיך דער ריח פון צימרינג און הערינג.

אין די פרימאָרגן־שעהען גייען עטלעכע יידן דאַווענען צום ראָג, אין דער שול, וואָס עס האָט געלאָזן בירושה פאַרן קהל די מרת צפנת. איר

נאָמען איז אויסגעקריצט מיט גאָלדענע אותיות אין מירמל־טאָוול און אַריינ־געמויערט אויף דער מזרח־וואַנט לעבן ארון־קודש.

דאָס איז אַ שטילע און טרויעריקע גאַס; דער טרויער נעמט זיך אפשר פון די הויכע ציפּרעסן, וואָס בייגן זיך מיט די שאַרפע טונקעלע שפּיצן אין קלענסטן ווינטל. זיי זענען ענלעך צו צוויי פאַרגעסענע, אויסגעלאָ־שענע טרויער־ליכט. עמעצער האָט אויפגעריסן זייער קאָרע און זיי שטייען מיט די אויפגעדעקטע שטאַמען, זיי האָבן אַ געל־ביינערדיקן אויסזען און דערמאָנען אָן די פּיס פון זקנות ווען דער ווינט פאַרכאַפּט זיי ביי קרייצוועגי.

און אפשר איז דאָס דער טרויער וואָס קומט פון די מידע פרויען וואָס שלייכן זיך דאָ דורך אין די פאַרנאַכטן, פאַרהילטע אין טונקעלע שאַלן? דאָס גייען די יידישע פרויען פון קורדן־לאַנד זייער פאַרנאַכטיקן שפּאַציר אין די אַלטע טראַכטן?

וויקטאָר קען שוין דעם גלעקל־געקלאַנג פון נאַפט־פירער, דעם גאַנג פון אייז־פאַרקויפער. ער הערט דעם געקלאַפּ פון פערדס פיס אָן דעם אַספאַלט. אין אַ ראַדיאָ זינגט שוין צום טויזנטסטן מאָל שושנה די תימנערין דאָס גאָרגלדיקע ליד פון מדבריות. שושנהס געזאַנג וויקלט זיך ווי אַ שאַרפער גרייצער אַלץ העכער און העכער, ביז עס דערגייט צו די הימלען. תמיד ווען ער הערט דאָס געזאַנג פון די תימנער: די קליינע, איידעלע, די איינ־געטריקנטע, שפּירט ער אַז דאָס געזאַנג איז שמאָל און פאַרנעמט נישט קיין שטח. עס שניידט זיך ווערטיקאַל צו די הייכן; איז דאָס אפשר דערפאַר וואָס די יידן פון תימן האָבן נישט געהאַט פאַר זיך קיין רחבותן, שטענדיק איינגעפּרעסטע אין די געטאָס פון עדן האָבן זיי געהאַט נאָר אַ פרייען הימל? דערפאַר די פאַרריסענע קעפּ צו גאָט. ער האָט זיי ליב. נישט איין מאָל איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די געסלעך פון תימנער קוואַרטאַל, אויף דער גאַס פון שאַבאַזי האָט ער זיך באַקענט מיט דער פאַרקויפערין פון קאַלטע געטראַנקען — מרגלית רופט מען איר. זי וואַשט תמיד לענגער זיין גלאָז און אַז זי דערלאַנגט אים דעם קאַלטן געטראַנק ציטערן אירע הענט. ווען ער קומט צום קיאָסק חידושט זיך מרגלית: — דער אדון איז שוין אַזוי לאַנג נישט געווען... זי האָט אַן אָליוו־הויט און די שמאָלע הענט זענען ווי אויסגעשניצט פון העלפאַנט־ביין. אַז ער ליגט אויף זיין געלעגער זעט ער

מרגליתס פּנים און אַ האַנט וואַרפט אַראָפּ פון איר די טונקעלע שלייערן און עס וויקלט זיך אויס גאָטס וווּנדער. זי איז שיין. ערשט איצט זעט ער דעם הירשן־האַלדז, די אַקסל און פון די אָרעמס ווערן שמאָלע פלעמלעך וואָס הייבן זיך צו די הייכן. וואָס טוט דאָ ניפ? זי שטייט אויף דער שוועל און האַלט דאָס פּאַפּיראָסל צוגעקלעפּט צו דער אונטערשטער ליפּ. זי איז פול מיט שפּאָט. און מיטאַמאָל דערהערט ער טריט. ניפ שוועבט אין צימערל אין אַ קרייז. ביי יעדן פלאַטער לעשן זיך אַלץ מערער און מערער די אָרעמס פון דער טרויעריקער מרגלית. פּלוצים ברעכט אויס אַ געוויין. גאַזעל רייסט זיך פון אַ שייטער. די פלאַמען גרייכן איר ביז די ברוסטן. ניפ לאַכט. דאָס איז אַ געלעכטער וואָס אין אים איז דאָ אַלץ: אַרויסרוף, הכנעה, הסכמה און אָנזאָג אויף עפּעס וואָס איז אַזוי איינפאַך און קלאָר — —

דאָס זענען נאַכט־האַלוצינאַציעס וואָס קומען תמיד נאָך די הייסע טעג. דאָס נאַכט־ווינטל מאַכט האַסטיקער שלאָגן די אָדערן און אַ קילער אומרו פאַרוויגט די שליפן. אַז ער צעעפנט די טיר זעט ער דעם פאַר־קראַמפּטן אייבלערט און דעם שטיין.

ער וועט שוין קיינמאָל נישט קענען באַשליסן וואָס צו טאָן: זאָל ער אַוועק מיט גאַזעל צו יענעם בית־עולם־געסל צווישן יפו און דזשעבעליאַ און שפּילן אין ביינדלעך אין דער שענק פון סאַלים חאַדאַד? אַרום אים וועט זיך שאַרן מיט אַ צעקרימט פּנים גאַזעלס בחור און זיך שאַרפן די ציין אויף דעם אַשכּנזי וואָס האָט אים צוגענומען זיין מיידל. אָדער, ער זאָל ווויליונגעריש אַ גלי־טאָן מיט אַן אויג צו ניפן און אַן רעדערייען, אַזוי פּלוצעם, אומגעריכט איר איינקלעמען אין די הענט און אַ שליידער־טאָן אויף זיין בעט? אָ, ווי זי וואַרט דערויף. ער ווייסט דאָס. זאָל ער אפשר קניען פאַר דעם שטיין און קילן דעם צעהיצטן שטערן אַן פעלדז?

אַ מידקייט, אַן אויסמיש פון מחשבות, פון בילדער, פון תאווה וואָס האָט נישט קיין גרענעצן, פאַרפלייצט אים און ער טרינקט זיך אין ריינע און אומריינע וואַסערן.

פאַרטאָג.

וויקטאָר גייט איבער די גאַסן. נישט ווייט איז דער ים. ער וועט דאָס־מאָל גיין דורך דעם געסל פון משורר שאַבאַזי. עס געפעלן אים די זייטיקע

וויקל־געסלעך מיט די קרומע שוועלן, מיט די נאַקעטע קינדער. אָט איז מרגליתס סאָדע־וואַסער־ביידל! דאָרט שטייט גאָר אַ זקן. דעם ים איז אומרויִק. פון וואַנען דער אומרו פון ים ווען עס איז אַזוי שטיל ביים ברעג? עמעצער שטייט ביים ברעג. אַן איינציקער מענטש ביים ים. אין טאַש האָט וויקטאָר געציילט פּאַפּירן־געלט. ער וועט ווידער גיין צו בויערײַ. גאַזעל שטויבט איצט דעם טעפּעך אויפן באַלקאָן פון די לאַפּעקס. ניפּ פּאַרקעמט עמעצן אין דער פריזירערײַ און פיילט די נעגל. אַז ער האָט איין מאָל אַרײַנגעקוקט דורך דעם פענצטער, האָט ער איר געזען זיצן אויף אַ נידעריק בענקעל און אַ באַאַרנטער מאַן האָט זיך געלאָזט שלייפן די נעגל. באַלד וועט קומען מרגלית און וואַשן די גלעזער.

גוט איז צו לייגן אין די פרימאָרגנס ציגל אויף די הויכע געשטעלן.

דער ים־ווינט קילט די שלייפן. די אויגן ווערן קלאָר און נעמען אַרײַן די בלאָ־זילבערנע ווייטן, זעסט דעם ים. ער שפּרייט זיך צופוסנס פון דער ווייסער שטאָט.

אַ מילדע מילך־ווייסקייט, אַ באַשפּרענקלטע פון גרינע פלעקן שפּרייט זיך פאַר דיר, און אַז דו גלייכסט־אויס דעם רוקן, זעסטו די זאַמד־שטרייפן וואָס גאָלדיקן זיך ווייט־ווייט, די אַראָפּהאַנגען פון הויכן ים־ברעג צפונדיק פון דער שטאָט. זיי זעען אויס, די זאַמדיקע בערג־אָפּריסן, ווי דער געפּלייץ פון גאָלד און צעגאָסענעם קופּער.

פּאַרטאָג זענען די שאָטנס בלאָ־זילבערדיק און קיל. די ווייסקייט פון די הייזער מאַכט דיך מילד. דו זעסט ווי דער שאָטן פון דער ציגל־וואַנט, וואָס דו מויערסט, וואַקסט. פילסט די שווערקייט פון די ציגל און די הענט דײַנע זענען פלינק. אַז די וואַנט גרייכט דיר ביז דער ברוסט הויבסטו זיך אויף נאָך העכער און דער ים ווערט נידעריקער און די ווייטן נאָך ווייטער. איצט כאַפּט שוין אַרום דײַן בליק די ווייטסטע מרחקים. זעסט גרינע פעלדער, פּרדסים, פּיאָלעטענע האָריזאָנטן מיט קאָנטורן פון וואַסער־טורעמס און לענגאויס דעם אַלעם שפּרייט זיך דער מעכטיקער ים. ווען דו קוקסט צו אים פאַרהאַקט זיך דער אָטעם. האָסט נישט ווו אָנצושפּאַרן דײַן בליק. ים און ים, אַ צעשניטענער פון שטרייפן זילבער, פון שטרייפן תכלת, און דאָרט ווו דער הימל גייט זיך צונויף מיטן ים איז די באַהעפטונג אַזאַ אײַדעלע ווי ס'וואָלטן זיך באַגעגנט גאָטס אָטעם מיט דעם ים־האָריזאָנט.

אין די מיטאָג־שעהען, ווען די זון שטייט הויך איבערן קאָפּ, ווערן די שאָטנס אַזוי קליין, אַז עס דוכט זיך דיר אַז אַלץ איז אָן שאָטנס און דו אַליין האָסט אויך נישט קיין שאָטן.

דער דרום־ווינט איז הייס. דער ריח פון טריקעניש איז אַ שאַרפער און דער שטויב פון ציגל פאַלט אויף די וויעס, אויף די ליפּן און דו שפּירסט ווי דער שווייס וואָס רינט פון דיין שטערן האָט דעם טעם פון הייסן מדבר־זאַמד.

שטענדיק, ווען וויקטאָר קומט פון דער אַרבעט און נעמט אַרויס דעם שליסל כּדי אויפצושליסן די טיר, באַווייזט זיך גאַזעל. אַמאָל איז עס מחמת זי מוז גיין אין שפּייז־געוועלבל, אָן אַנדערש מאָל, אַריינצונעמען די וועש, ווייל באַלד וועט טונקל ווערן. זי לאַכט צו אים אַזוי היימיש, אַזוי אויפגעבונדן. זי האָט אים ליב צו זען אין פאַרשטויבטע אַרבעטס־קליידער, מיט גרויסע שיך פול מיט קאַלך און צעמענט.

— וויק, וויקטאָר — רופט זי אים — קען איך דיר העלפן? האָסטו שוין ברויט?

זי גייט דרייסט אַריין אין צימערל און זוכט אויף דעם קרעדענצל.

— אָ, וויק, עס איז דאָך אַלט־געבאַקן...

איצט איז ער איר נאָענט און אייגן. ער איז ווי איינער פון אַלע מידע מענער וואָס קומען פון דער שווערער אַרבעט און זי ווייס וואָס צו טאָן מיט וויקטאָרן. זי דערפילט זיך ווי איינע וואָס מען דאַרף איר. דאָס איז נישט דער אויסטערלישער אַשכּנזי, וואָס ליגט אויפן געלעגער און קוקט צו די ליימענע קעפּ.

— זעץ דיך, וויק... — זי איז נאָענט צוגעגאַנגען צו אים. דער שטויב פון זיינע וויעס איז געווען פאַר איר ווי דער טוי אויף פּירות. — אָ, ווי דיינע שיך זענען שווער! — גאַזעל האָט זיי אויפגעשנאַרוולט און אַראָפּגעשלעפּט פון די פיס. אירע מויל־ווינקלען זענען אַראָפּגעלאָזן און אין די ווינקלען פון דער איבערשטער ליפּ זעט זיך אָן אַ טונקעלער מעד־פּלעק. זיינע הענט זענען פאַרזונקען געוואָרן אין איר געקרייזלטן קאָפּ. און אַז גאַזעל האָט זיך אויפגעשטעלט איז אויך וויקטאָר אויפגעשפּרונגען. זי איז לייכט געווען אין זיינע הענט, אַזוי לייכט ווי דער פרימאָרגן־ווינט.

דער שטויב פון זיינע קליידער, דער שווייס און דער אָטעם פון די צווי מענטשן האָט זיך צונויפגעפּלאָכטן. זיינע אויגן זענען נאָך געווען אי־בערגעפולט מיט דעם אָפּשיין פון ליכטיקע ים־כוואַליעס, מיט די בורשטינענע ים־ווייטן, מיטן יונגן גרין פון באַוואַסערטע פעלדער. זיין אָטעם האָט געהאַט אין זיך דעם טעם פון פאַרשרפהטע דערנער און דאָס פייער וואָס האָט געשלאָגן פון אים איז געווען אַ פייער וואָס קען דורכברענען דעם האַרטסטן ציגל.

דעם אָוונט זענען ביידע אַוועק קיין יפו. וויקטאָר האָט באַגלייט גאַזעלן ביז איר היים. פאַרן אַוועקגיין פון זיין צימערל האָט ער געקוקט אויפן שטיין און עס איז אים אויסגעקומען, אַז דער פעלדז זעט אויס ווי אַ דרימ־לענדיקער לייב וואָס האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף די פאָדערשטע לאַפּעס. נייך, נישט קיין דרימלענדיקער לייב, נאָר אַ לויערנדיקער! באַלד וועט ער זיך אַ ריס טאָן און מיט געברילערייַ זיך וואַרפן אויפן פאַר־קנוילטן זיתים־שטאַם.

זעט אויס, אַז די שאָטנס פאַלן פון די אויבערשטע שטאָקן. דאָרט ברענען שאַרפע ליכטער און די שאָטנס האָבן דאָס אַזוי פאַרוואַנדלט דעם שטיין אין אַ לייב.

גאַזעל רעדט הויך. איר שטים האָט נישט דעם רייץ פון ניפס קול. ניפ רעדט תמיד ווי זי וואָלט זיך נאָר־וואָס אויפגעכאַפּט פון שלאָף. אַזוי ריידן פרויען ווען זיי טראָגן נאָכטהעמדער. דאָס קול איז נאָך אָנגעגאָסן מיט זיסלעך־מידן לאַנגווייל און אין דעם אָפּגעהאַקטן אָטעמען פילט מען די נישט־געזעטיקטע תאווה.

גאַזעלס קול דערמאָנט אים אין כוואַליעס וואָס שלאָגן זיך אָן אין שטיינערנעם ברעג פון ים.

אין חאַדאַדס שענק איז טונקל און שטיל. טייל מאָל בלייבט עמעצער שטיין אין דער אָפענער טיר און ווערט גלייך נעלם. וויקטאָר זיצט ביי אַ נאַקעט טישל און קוקט אויף דער בלינדער בית־עולם־מויער. הינטער זיין רוקן פאָרעט זיך דער שענק־אייגנטימער צווישן פלעשער. חאַדאַדס פּנים איז ווי פון קופּער — אַלטער געהאַמערטער קופּער. זיין שטערן איז פול מיט קאַרבן און פון האַלב־געעפנטן מויל קוקט אַרויס אַ שורה גאָלדענע

ציין. איין אויגן־ווייסל בלענדט און די קליינע צעמאַרשטשעטע אויערן זעען אויס ווי פאַרטריקנטע פייגן. אַז חאַדאַד איז צוגעקומען צו וויקטאָרן און זיך גוט־ברודעריש צעשמייכלט, האָט ער דערפילט צו אים אַ דאַנקבאַרקייט און ער האָט געגומען זוכן באַווייזן, אַז דער דאָזיקער חאַדאַד איז נאָר אויסערלעך אַזוי אָפּשטויסנדיק, ער איז אַוודאי אַ גוטער מענטש. אויב אַ מענטש, מיט אַזאַ פּרצוף קען לאַכן און זיין מילד, איז דאָס ממש אַ נס.

האַדאַד האָט אים אָן איבעריקע רייד אַריינגעפירט אין די פאַר־וויקלטע געגג פון די יפוער און דזשעבעליער געסל־איינוווינער. ביינאַכט לאָזן זיי זיך אַרויס אויף שיפלעך, די שיפער־יונגען, און פאַרוואַרפן נעצן ביים לבנה־ליכט. אָבער פּרנסה האָט מען פון די שמוגלערס, פון די יונגען וואָס האָבן הינטער די נעצן זעק מיט סחורות. אַמאָל איז דאָס זייד און אַמאָל אָפּיום וואָס ברענגט דיר דעם גן־עדן אויף דער פאַרעיפּושטער וועלט אונדזערער, כאַטש אויף עטלעכע שעהען...

באַלד קומט גאַזעל. זי איז אַוועק איבערטאָן זיך. זי ווינט עטלעכע טריט פון דאַנען. גאַזעל האָט נישט געוואָלט מיטנעמען וויקטאָרן אַהיים. דאָרט וואַלגערט זיך דאָס קליינוואַרג אין הייפל און דער פאָטער זיצט אַוודאי אויפן פוסבענקל און שפילט זיך מיט אַ שנירל געלע קרעלן.

וויקטאָר האָט זיך דערוווּסט פון גאַזעלן, אַז זיין שכן לאַפּעק דרייט זיך אַרום אויף דער תל־אביבער בערזע, ערגעץ אין אַ קאָרידאָר פון אַ באַנק, און גיט געלט אויף פּראָצענט — דאָס איז זיין פּרנסה, און די באַנק איז אַ שטילער שותף צו דעם. איין מאָל איז גאַזעל געגאַנגען רופן דעם אדון לאַפּעק, האָט זי דאָרט געטראָפן הונדערטער מענטשן. שוין בעסער דאָ, אין דער שענק, צווישן די פישער־יונגען, די ים־לייט. די דאָזיקע נאַכט־וואַנדלער זענען נישט ערגער ווי יענע וואָס דרייען זיך אַרום אין די קאָרידאָרן פון דער באַנק...

— פאַרוואָס מיינסטו אַזוי, גאַזעל ? — האָט ער איר דעמאָלט געפרעגט.

— דו האָסט פיינט די אַשכנזים ?

— נישט פיינט... אונדזערע לאָזן זיך אויף מסוכנדיקע נאַכט־וועגן, אויף שיפלעך אין פינצטערע נעכט און שטעלן איין דאָס לעבן. קיינער טראַכט נישט, אַז אין אַזאַ שעה וועט זיך אַרויסגליטשן אַ שיפל פון ברעג — און דאָך זע איך זיי גיין אין אַזעלכע נעכט צום ברעג. איך קוק זיי

נאָך מיט טרערן. אדון לאַפּעק הייבט זיך אויף אַכט אַ זייגער. זוכט עפּעס אין די אַלערליי פּאַפּירלעך, נעמט די טעקע און גייט זיך אַרויס געמיטלעך צו זיין שווינדל. איר זענט קלוג! איר קענט אַזוי אַרומריגלען זיך מיט פּאַפּירלעך און אויף אַלעם האָט איר אַ פּאַפּירל! אָ, ווי איר ווייסט דאָס גוט צו מאַכן! אונדזערע יונגען זענען ווי דער ים — אין זיי איז דאָ גוטסקייט פון די ליכטיקסטע שפּיגל־וואַסערן און דער כעס פון די שוים־כוואַליעס. אייערע, קען מען קיינמאָל נישט וויסן וואָס זיי טראַכטן. נישט קיין בלוט רינט אין אייך נאָר אַ צעשמאָלצענער זילבער. דו אַליין ביסט אַנדערש.

איינמאָל איז זי ביז שפּעט אין דער נאַכט געבליבן אין זיין צימערל. גאַזעל האָט אויסגעפּרעסט זיינע ווייסע העמדער וואָס זי האָט אין דער פרי אויסגעוואַשן און זיי אַוועקגעלייגט לעבן בעט. זי איז געווען ערנסט און פול מיט דערוואַרטונג. אויף די טעראַסעס לעשן זיך די ליכטער, זשאַלוזיען פאַלן אַראָפּ ווי עס וואָלטן זיך צעשאָטן שפּענער.

זייערע באַגעגענישן אין די דאָזיקע שפּעטע שעהען פון דער נאַכט זענען געווען ענלעך צו די באַגעגענישן פון צוויי נאַכט־וואָלקנס. אַ זעלטענע שטילקייט. אָן רייד, אָן די שעפּטשערייען. אַ שטילקייט וואָס איז פּלוצים אַראָפּגעפאַלן ווי א שווערער פאָרהאַנג.

זי האָט תמיד פאַרשלאָסן פאַר אים די ליפּן און אַרויסגעפלאָכטן אירע פינגער פון זיינע פינגער.

גאַזעל איז געווען פאַר וויקטאָרן ווי די שטילע ערד וואָס אַ וואָלקןברוך אַ פרילינגדיקער האָט אויפגעריסן איר שאָלעכץ און די ערד האָט דערוואַכט. דאָס איז געווען אַ דערוואַכונג וואָס האָט געדויערט רגעס און דערנאָך איז געקומען די געגאַרטע רו.

שטענדיק ווען זי איז אַוועק פון אים האָט זי אַרומגענומען זיין האַלדז און לאַנג אַריינגעקוקט אין די אויגן. — לילה טוב, וויק... — דאָס זענען געווען אירע איינציקע רייד אין די אָוונטן. אין זיי איז געלעגן אַלץ: ליבשאַפט, הכנעה, געבעט, אומרו און פאַרדאַכט.

אין דער פרי, אַז זי איז געקומען צו די לאָפּעקס, האָט זי פּאַמעלעך געעפנט די טיר פון וויקטאָרס צימער. ער איז שוין געווען ביי דער אַרבעט. גאַזעל האָט אַ ווײַלע זיך אַרומגעקוקט און אירע נאָזלעכער האָבן טיף אַריינגעאָטעמט די געדיכטע לופט. איז דאָ נישט געווען ניט? שוין אויף די

טרעפּ האָט זי געפילט, אַז גיפּ איז דורכגעגאַנגען מיט אַ פּאָר מינוטן צוריק.

אפשר איז גיפּ אַוועק מיט וויקטאָרן?

אַ גיפּסענער קאָפּ, וואָס איז פּאַרדעקט געווען מיט אַ טוך זעט אויס צו זיין אַ פּרויען־קאָפּ. ער שטייט שוין לאַנג אין דעם צימער. גאַזעל האָט דעם קאָפּ געזען נאָך ווען זי איז דאָס ערשטע מאָל געבליבן שטיין אין וויקטאָרס טיר.

יאָ, דאָס איז גיפּ.

זי האָט לאַנג געקוקט אויף גיפּס קאָפּ און עס האָט איר צונויפגעדריקט ביים האַלדז. גיפּ איז שיין. דאָס איז אַ קאָפּ פון אַ פּרינצעסין און גאַזעל איז מיאוס. אַ געפלעקט פּנים מיט גרויסע געל־ברוינע פלאַטערס פון אַ מאַנדל־בוים אָן אָפּגעבליטן; אַ פּנים וואָס איז באַשפּרענקלט, הענט — גרויסע, געזונטע. גיפּ האָט קליינע הענט און אַז זי גייט, וויגט זי זיך ווי אַרום איר וואָלט מען געשפּילט אויף פידלען...

דעם טאָג איז זי אַ בייזע געלאָפן אויף די שטיגן און אַנטקעגן־גע־רעדט דער גברת לאַפּעק, געערעדט צו איר חוצפהדיק, צעבראָכן צוויי טעלער פון באַזילבערטן סערוויז. און אַז די באַלעבאָסטע האָט זיך צעשריגן איז גאַזעל אויפגעשפּרונגען. זי האָט געפלאַמט פון כעס. עס האָט איר אַרומ־גענומען אַ ווילדע שינאה צום גאַנצן הויז, צום גליטשיקן באַלעבאָס לאַפּעק, צו דער צעווירענער מאַדאַם, צו גיפּ, צו וויקטאָרן, צו דער קרעמערין וואָס האַלט זיך אין איין נאָכפרעגן אויף יעדער קלייניקייט.

זי האָט פיינט באַקומען די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען! די גאַס פון די בעקער־יונגען וואָס פייפן זיך אונטער בעת זי גייט פאַרביי, אַלע באַרע־דעוודיקע ווייבער וואָס רעדן דאָ אויף אַ פּרמד לשון און מען הערט נאָר דעם „וואָס־וואָס״. זי קען נישט פאַרטראָגן די אָפּגעשינדענע ציפּרעסן. אַ סוף זאָל עס נעמען צו דער באַליידיקונג!

גאַזעל האָט געזאָגט: — גברת, גרייט מיר צו דעם שכר פאַר מיין אַר־בעט. איך וועל קומען אין עטלעכע טעג אַרום אָפּנעמען דאָס געלט. זוכט אייך אַן אַנדערע. — זי האָט צוגעקלאַפּט די טיר און פאַמעלעך אַראָפּ פון די טרעפּ. דעם שליסל פון וויקטאָרס טיר האָט זי אַריינגעוואָרפן דורך דער טעראַסע און זי איז אַוועק צום אויטאָבוס.

אין די מיטאָג־שעהען איז אין געסל שטיל. ביים טראָטואַר שטייט אַ לאַסטוואָגן מיט פאַרדעקטע פלאַנדעקעס, אַ דריי־רעדערדיק האַנט־וועגעלע, אַ בלעכערנער קאַסטן אויף רעדער און פון דער זייט איז אָנגעהאַנגען אַ קויש. אַן אייזעלע מיט זעק אויפן רוקן. אַ מידער מענטש שטייט אָנגעשפּאַרט ביי אַ צוים און קוקט צו די אייבערשטע שטאָקן. מיט מינוטן צוריק האָט ער געדופן צו די אָפענע פענצטער: — אַלטע זאַכן... שיך... — דער בלעכער דרימלט ביי דעם זשאַוועד־טיש. ווען ער איז געקומען אין דער גאַס אריין האָבן דאָ געבליט מאַנדל־ביימער. ער געדענקט זיי נאָך. איצט איז עס אַן אַנדער גאַס. דורך דער נאַכט איז דאָס געשען. עס וועלן קומען שווערע טראַקטאָרן מיט גראַב־אייזנס און אַראָפּנעמען די קליינע נידעריקע הייזער און אַרויסרייסן די וואָרצלען פון די לאַנג שוין אויסגעהאַקטע מאַנדלען; עס וועט אויפשטיין אַ ניי הויז פון פיר שטאָק און דאָרט וועלן זיך אַריינ־קלייבן מענטשן געקומענע פון דער גאַנצער וועלט. די בעקער־יונגען שלאָפן אויף אַ באַנק אָנגעשפּאַרטע מיט די רוקנס צו אַ בלאָ־געקאַלכטער וואַנט. מיטאַמאָל צעקלינגט זיך אַ גלאָק; דאָס איז דער נאָפּט־פאַרקויפער מיטן מויל־אייזל איינגעשפּאַנט אין אַ רויטן פאַס. עס איז שוין פיר נאָך מיטאָג. ער האָט זיך היינט פאַרשפּעטיקט: דער נאָפּט־פאַרקויפער אויף אַ האַלבער שעה. דאָס יונגוואַרג פון דער ישיבה, צוועלף־פערצן־יאָריקע תימנער יינגלעך, געקומענע פון די ניי־אַנטשטאַנענע דערפלעך אין די הרי־יהודה, שפּילן זיך אין ראַג פון גאַס. זיי שליידערן מיט די פיס אַ פאַר־וויקלטן קנויל. דער באַנק־אָנגעשטעלטער, פון ערשטן שטאָק, קעגנאיבער דער בעקעריי, גייט שוין פון דער ארבעט. זיין העמד איז געפּרעסט און אין דער האַנט טראָגט ער אַ גרויסע ברוינע טאַש. אין אַ שעה שפּעטער וועט פאַרפאָרן דער שאָפער מיט זיין אויטאָ און ער וועט דורך אַ געדויש פון מאָטאָר אָנזאָגן זיין אנקום דעם ווייב. זי וועט ארויסקוקן אַ צעשוי־בערטע פון אַ פענצטער און דערביי אַ בליק־טאָן צו דער בעקעריי, דאָרט ווו עס שטייט דעם בעקער־יונגס מאָטאָציקל.

צו דער גברת לאָפּעק איז געקומען אַ נייע אויפרוימערין. זי טראָגט אויף ביידע הענט זילבער־רינגען און אַז זי גייט קלינגען זיי ווי דאָס ניקל־געלט. נאָך דער אַרבעט קומט איר אָפּנעמען אַ בחור; דאָס איז אַ חברהמאַן אין שמאָלע שוואַרצע הויזן מיט אַ טונקל העמד, אַ געקעסטלטס. די טשופּ־

רינע איז בליענדיק־שוואַרץ. ער פייפט צו דעם דינסטמיידל און וואַרט ביי די פראַנטיקע שטיגן.

פון דער ברייטער פיקוס־אַלייע דערטראָגט זיך אין די מיטאָג־שעהען דער געראויש פון אויטאָבוסן. דאָרט האַלט די באַוועגונג אָן ביז שפּעט אין דער נאַכט. די גאַס פון די מאַנדלען ליגט ווי אין שאָטן פון דער גרויסער אַלייע. אַז עס באַווייזט זיך דאָ אַ פאַרבייגייער פון די פרעמדע גאַסן, בלייבט ער אַ ווײַלע שטיין לעבן דער שול און קוקט צו דעם ארון־קודש, צו די שטענדערס און ער דערמאָנט זיך אָן ווייטע היימען, אָן אייגענער יונגשאַפט. אַרום אים פלאַנטערן זיך די תימנער ייִנגלעך מיט דעם באַלעם.

אויף אַ באַלקאָן באַווייזט זיך אַ זקן אין אַ ווייס העמד און רופט צו דער גאַס. דאָס איז דער ראש־ישיבה. ווידער ווערט שטיל. אַזאַ זעלטענע שטיל־קייט וואָס באַפאַלט אין די הייסע פאַרנאַכטן דעם שטאָט־טייל, דעמאָלט קען מען הערן ווי עס סקריפּען טירן און אין די ציפּרעס־ביימער רופן זיך איבער די גרויע שטויב־פייגל. עס איז איצט די צייט פאַר די פרויען אריינצוטראָגן די וועש וואָס הענגט אויף די נאַקעטע פלאַכע דעכער, אין די הייף. טייל מאָל בלייבט ווער פון די פרויען אַ פּאָר מינוט שטיין און קוקט צו גאָטס וועלט וואָס איז אַזוי קלאָר און דורכזעעוודיק. דורך דער וועש דערפילט זי דעם ריח פון די הימלען און זי דערזעט די ווייסקייט פון לייכטע זילבער־וואָלקנס, זי דערפילט די פרישקייט פון דעם באַרג־ווינט, די ריינקייט און בליענדיקייט מאַכט איר אָטעם קלאָר און טיף און עס דאַכט זיך איר, אַז דאָס אַלץ טראָגט זי מיט זיך צו דעם שטילן שלאָפ־צימער, צו איר געלעגער.

תמיד ווען וויקטאָר באַגעגנט אַזאַ פרוי אין דעם פאַרנאַכט ווערט ער טרויעריק. ער וואָלט אַוועק צו די זאַמד־פלאַכן, צו די ווייטע האָריזאָנטן, ער וואָלט זיך אַריינגעשליידערט אין דעם צעוויגטן ים.

די איינזאַמקייט זיינע, דער טרויער פון די פאַרגאַנגענע יאָרן, אָט־אָ דער פאַרשלאָסענער שטיין־פעלדז וואָס וויל זיך גישט אָנטפּלעקן פאַר אים, האָט אים געמאַכט געפאַלן, און די דאָזיקע געפאַלנקייט און די בענקשאַפט און דער אומגלויבן האָט אויפגעפראַלט זיין האַרץ פאַר אָט־אָ די גיפס און פאַר גאַזעל און פאַר יעדער איינער וואָס וואָלט נאָר געקומען צו אים אין די נעכט מיט גוטסקייט און טרייסט.

אַ וואָך צייט האָט זיך גאַזעל נישט באַוויזן אין דער גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען.

זי איז געקומען ביינאַכט, אַ שטילע, אַ פאַרטייעטע, אין אַ טונקעלעם קלייד און געקלאַפּט אין וויקטאָרס טיר. קיינער האָט איר נישט געענטפערט.

גאַזעל האָט זיך איינגעהערט אין יעדן שאָרך. אַ שכנותדיק פענצטער איז באַלויכטן מיט אַ ראָז ליכט. פון ערגעץ טראָגט זיך שטילע טאַנץ־מוזיק. ניין, וויקטאָר איז נישט אַוועק אין דער נאַכט. ער איז דאָ, זי פילט דאָס לויט דער געשפּאַנטער שטילקייט, וואָס קומט פון זיין צימערל. אַ פּאָרל איז פאַרבייגעגאַנגען און זייערע טריט מאַכן איר נאָך טרויעריקער. ערגעץ נאָענט הערט מען שוין דאָס קערן די גאַסן.

און מיטאַמל איז גאַזעל אויפגעציטערט געוואָרן. דער שלאָס פון וויקטאָרס טיר האָט אַ סקריפּ־געטאָן און די טיר האָט זיך געעפנט. אַ שאָטן איז געפאַלן ווי אַ פינצטערע זייל. זי האָט זיך איינגעקאָרטשעט, צוגעדריקט צו דער וואַנט און איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

דאָס איז ניפּ. זי האָט איר דערקענט לויטן ריח.

גאַזעלס נאָזלעפלעך האָבן געציטערט און אירע פינגער האָבן געזוכט דעם עלעקטרע־קנאָפּ פון די טרעפּ. די וואַנט איז ווי אייז און די פינגער ברענען. זי איז איין שטיק פייער וואָס וועט העליש אויפפלאַקערן.

און אַז עס איז ליכטיק געוואָרן האָט ניפּ דערזען צוויי אויפגעהויבענע הענט באַלויכטענע פון די טרעפּן־ליכט. אַ הייסער אָטעם ווי דער אָטעם פון אַ בראַנדפייער האָט איר אַרומגעהילט. אַ פלאַם איז אויפגעשפּרונגען ביי ניפּס אויגן און איר פאַרבלענדט. זי האָט גאָרנישט געזען נאָר ווייטיקדיק געשפּירט ווי שאַרפע נעגל רייסן איר פּנים. זי האָט אַ געשריי געטאָן און דאָס געשריי האָט צעשפּאָלטן די שטילקייט פון דער נאַכט אויף שפּליטערס, אַזוי ווי אַ שטיין וואָס פאַלט אין שוואַרצע שויבן אַריין.

דערנאָך איז פינצטער געוואָרן אויף די טרעפּ.

אין גאַס האָט מען געהערט די זשאַלוזי, געעפנט פענצטער און איבער די שטאָקן פון הויז האָט זיך נאָך געוויקלט דאָס רויע נאַכט־געשריי.

וויקטאָר איז געזעסן אויפן בעט און געהאַלטן דעם קאָפּ אין ביידע הענט.

אַז גאַזעל האָט אַנגעצונדן דאָס ליכט האָט זי דערזען זיינע גרויסע געזונטע הענט, די טונקעלע. זי האָט געזען זיין ברוסט וואָס האָט זיך געכוואַליעט צוליבן טיפן אָטעמען.

ביידע האָבן געשוויגן און אין דער שטילקייט האָט מען געהערט ווי אויף די אייבערשטע שטאָקן האָט זיך מיט רוגזה צוגעהאַקט אַ טיר.

גאַזעל האָט אין צימערל קיין אָרט זיך נישט געפונען. זי איז געשטאַנען ווי אויף אַ ברענענדיק פייער. אַלץ האָט דאָ געאָטעמט מיט ניפן; וויקטאָרס הענט, דאָס געלעגער, די גאַנצע לופט! די נאָזלעכער האָבן זיך צעשפרייט און דאָס פנים האָט געפלאַמט. זי מוז עפּעס טאָן! זי וועט שרייען! זי וועט איינקלאַמערן די הענט אין דעם אייגענעם לייב! זי מוז אויפרייסן דעם רינג וואָס נעמט אַלץ ענגער און ענגער אַרום אירע בריסטן.

און זי האָט זיך אַ ריס־געטאָן, גענומען די געפּרעסטע העמדער וואָס זענען נאָך געלעגן אויפן טישל און זיי געריסן, געטראָטן מיט די פיס. דערנאָך האט זי אַ וואָרף־געטאָן דעם גיפּסענעם קאָפּ און ניפּ איז צעשפּרונגען געוואָרן אין הונדערטער שפּליטערס. זי האָט געטראָטן אויף ניפּס נאַקעטן אַקסל, אויף דעם שפּליטער פון האַלדז, אויף אַ טויט אויג.

— זונה, זונה... — האָבן אירע ליפּן געשעפּטשעט.

אין האַלבע נאַכט זענען זיי אַוועק.

וויקטאָר האָט גאַזעלן געפירט אונטערן אָרעם. אַ קליינער קודלאַטער הונט האָט זיי באַגלייט דורך דער גאַנצער גאַס פון די בליענדיקע מאַנדלען ביז צו די אומהיימלעכע צוויי ציפּרעסן, ווייטער האָט זיך דער הונט נישט געטרויט צו גיין.

גאַזעל האָט אַ לעצטן בליק געטאָן צו דער גאַס און אַז זי האָט דערזען די טויטע ציפּרעס־קעפּ האָט זי אַ ציטער־געטאָן.

זיי זענען געגאַנגען דורך דער אַלייע פון די שטויביקע פיקוסן, דערנאָך זענען ביידע אַרויס צו דער גאַס פון די קאַפעען. ביים ים איז ווינטלדיק. נאַכט־יונגען, היימלאָזע הינט, אַ גאַסן־מיידל, געשטעלן ווו מען פאַרקויפט הייסן שאַשליק און פאַלאַפעל. וואָלקנס פאַרוויקלען דאָס אָרעמע לאַמטערן־ליכט. אָט איז יפו.

אין סאַלים חאַדאַדס שענק ברענט דער רויטער לאָמפּ. די בית־הקברות־

וואַנט. פון אַ פּוסטער גאַס דערטראָגט זיך אַ פאַרצווייפלט רופן נאָך הילף. אַ פייפערײי און ווידער ווערט שטיל.

אין מיטן ים וויגן זיך צוויי שוואַרצע שיפלעך ווי דאָס וואָלטן געווען די טויטע אויגן פון נאַכט־האָפן.

דער זאַמד ביים ברעג איז קיל. וויקטאָר לעשט גאַזעלס הייסע הענט. די כוואַליעס קילן איר ברענענדיקן קאָפּ. זיי וואַלגערן זיך אין די זאַמדן ביים נאַכט־ברעג און גאַזעל פילט ווי וויקטאָר רייסט־אויף דעם ענגן גליי־ענדיקן רינג אַרום אירע בריסט. זי איז איצט ווי אַ ים־כוואַליע וואָס האָט זיך ענדלעך אָנגעשלאָגן אָן אַ ברעג, אָן אַ פרעמדן פעלדז און עס איז איר גוט. זי וויל שרייען אַזוי ווי דער נאַכט־פויגל ביים ים. אין דעם געשריי פון דעם ים־פויגל איז דאָ אי להכעיס, אי פרייד און געזעטיקטקייט.

עס איז שוין אַ שפּראָץ אויף טאָג.

וויקטאָר גייט איבער דער טרויעריקער גאַס. ער איז שוין ביי די צוויי ציפּרעסן. אַז ער האָט אויפגעהויבן הויך דעם קאָפּ צו די הימלען, האָט ער געזען, אַז אויף מזרח גייט אויף אַ ליכטיקייט אַ ראָזלעכע ווי ס'וואָלטן אין די הימל־הייכן געבליט וואונדערשיינע מאַנדל־ביימער.

## פייערן פון דאָרף טירה

דאָס איז געווען אין די ערשטע וואָכן פון מוניס קומען אין לאַנד אַריין. ווי נאָר אַן אַדרעס פון אַ לאַנדסמאַן, אָדער פון אַ וויטן פריינד, איז ער דאָרט געגאַנגען אויף באזוך. ער האָט געפילט אַ באַדערפעניש צו וואַנדערן איבער דער אומבאַקאַנטער ערד, צו וואָגלען איבער שאָסייען, גיין אויף פּרדס־שטעגלעך, דורכשניידן דאָרנפעלדער, דורכהאַקן די זאַמד־וויסטעניש און אַריינפאַלן אין אומבאַקאַנטע ישובים. ער איז אָפט שטיין־געבליבן פאַר פרעמדע הייזער, באַטראַכט די גרינע גערטנער, געשמועסט מיט דורכגייער, געזעסן אין שאָטן פון אַלטע סיקאָמאָרן און געוואַרט אויף די פאַסטעך־יונגען וואָס זאָלן אים אַרויספירן צו אַן אָפּענעם שליאַך.

אין אַ חאַמסין־טאָג, ווען אַלע שאָטנס זענען צעפלאַכטן געוואָרן אַזוי ווי עס צעפלעכט זיך אַ טעפּעך און די איינצלנע פעדעם ציטערן אין הייסן מדבר־ווינט, ווערט די זון פליסיק און רינט אין די מענטשישע אָדערן, דעמאָלט זוכן דעם וואַנדערערס אויגן דעם קילן וואַסער־טורעם פון די ווייטע האָריזאָנטן.

די פאַרשלאָסנקייט פון לאַנגע יאָרן אין דער וויסטער היים, אויף יענער זייט ים, איז מיטאַמאָל אויפגעבראָכן געוואָרן: טיפע הימלען, ליכטיקע ווייטן, לאָקנדיקע ישובים, ווייַנגערטנער, פּרדסים.

אַז דו גייסט איבער די וועגן און שטעגן און דיין גומען איז טרוקן און דער זאַמד בריט דיינע באָרוועסע טריט, דוכט זיך דיר, אַז די שאָטנס אַנטרינען פון דיר, זיי זענען אַזוי לייכט ווי פעלד־שפּינוועבס.

די פעלדער ליגן פאַרדעקטע מיט טרוקן־גראָזן, דיינע הענט זענען צע־דיסן פון דערנער און דייַן שוויס פון פּנים איז פול מיטן שטויב פון גע־וויקסן־אָפּפאַל. עס נעמט דיך אַרום יענע גלייכגילטיקע מידקייט פון צוויגן פאַרחלושטע, פון בעלי־חי פאַרקלעמטע, וואָס ליגן מיט אויסגעלאָשענע אויגן און הוילקייט אין די שאַרבנס. אַ קופּערנער געזשום ווי פון גלעקער

ערב־פאַרשטומונג נאָכן מעכטיקן געקלאַנג גיט דיר נישט קיין רו. איצט וועט זיי שוין קיינער נישט צעוויגן. באַלד וועט זיך אָנהייבן די אייביקע שטומקייט.

אַן אויסמישעניש פון אַלערליי מחשבות, וואָס האָבן נישט קיין שום שייכות און פאַרבינדונג. דו שליסט די אויגן און האָלטסט איין דעם אָטעם. עס דוכט זיך דיר, אַז אַרום טראָגט זיך אַ זילבער־וואָלקן פון פּלעווע און דו וועסט שוין קיינמאָל נישט אַרויס פון שטעכיקן פּלעווע־געווירבל.

אין אַזאַ צושטאַנד איז מוני דערגאַנגען צום וואַסער־טורעם פון כּפר העס. ער איז דורכגעגאַנגען אַ פעלד פון דערנער. אויף דער רעכטער זייט פון וועג וואַקסן שיטערע איילבערט־ביימער. פאַרקראַמפּטע, פאַרשרפּהטע, מיט געפלאָכטענע שטאַמען ווי צעטריפטע וואַקס־ליכט, צעקנאָטענע, פאַר־דעקטע מיט גרינלעך־זילבערנע קרוינען. דאָס גרויסע פעלד איז פאַר־וואַקסן מיט לאַנגע סאַברע־קוסטעס. די סאַברע־צוימען האָבן נישט קיין אָנהייב און נישט קיין סוף. דאָס זענען נישט די סאַברע־קוסטעס וואָס מוני האָט זיי שוין געהאַט געזען ביים ראַנד פון פּרדסים. די סאַברעס זענען נידעריקער; קלענערע בלעטער־קעפּ, דערפאַר זענען די שטעכערס גרעסער און געדיכטער באַזעצט אויף די בלאַט־פלאַכן און דער קלענסטער באַריר טוט שרעקלעך וויי. אַ גיפט פליסט אין זיי וואָס צינדט אָן דעם מענטשישן גוף מיט אַ ברענענדיקן ווייטיק.

מוני איז געשטאַנען ביי אַ פאַרלאָזענעם וואַסער־טורעם.

אין דער נידער וויקלען זיך די קלעטער־פלאַנצן מיט בלאָלעכע בעכער־בלומען, די איין־טאָגיקע, וואָס צום זון־אונטערגאַנג פאַרוועלקן זיי. פון די צווייגן טראָגט זיך דער ריח פון טריקעניש. אַ הייסער שטויב האָט זיך דאָרט געשאָטן צוליב די פרייכנדיקע יאַשטשערקעס. זיי האָבן אויסגעשטעלט די שוואַרץ־ברוינע קעפּ צו דער זון און געקלאַמערט זיך מיט די פיס אָן נאַקעטן גרויען בעטאָן.

אַז מען קוקט גלייך, שטייענדיק אויף דעם בערגל ביים וואַסער־טורעם, זעט מען דאָס אַראַבישע דאָרף טירה.

מוני האָט טאַקע דורכגעשניטן נאָר־וואָס דעם הפקר־שטח און גע־

לאָזט אָן אַ זייט דאָס אַראַבישע דאָרף, פאָלגנדיק די אַנווייזונגען פון אַ יידישן פאַסטעך פון תל־מונד.

אין כפר העס דאַרף מוגי זיך באַגעגענען מיט זאבן.

אויף אַ קליין טירל וויגט זיך אַ קינד. דאָס איז אַ מיידעלע פון אַ יאָר דריי.

— ווו וווינט דאָ זאב?

מוגי האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיין קול. אַזאַ טרוקן קול, אַ הייזעריקס ווי דער געסקריפּ פון אַלטע טירן. ער לאַכט מיט מידע אויגן.

דאָס קינד אַנטלויפט פון אים אַ דערשראָקנס ביז צו דער שוועל. אויף דער ערד, ביים טירל, ליגט אַ גרויסע לייוונטענע ליאַלקע.

אָ, ווי גוט עס איז דער קאַלטער טרונק וואָס עס גיט דיר אַזאַ קליין מיידעלע פון כפר העס.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שוועל און געוויגט די ליאַלקע. אין די אויגנווינקלען איז אים פייכט געוואָרן. תמיד קומען אָן טרערן און ער ווייסט נישט פאַרוואָס. גראָד ביי פרעמדע שוועלן, ווען ער זעט קינדער, ווייסע פאָרהאַנגלעך אין די קליינע דאָרפס־פענצטערלעך. דאָס זענען טרערן פון פרייד, פון בענקשאַפט, פון טרויער און פון איינזאַמקייט.

— זיצט נאָך אַ ווײַלע, פרעמדער, רוט אייך אָפּ — זאָגט צו אים אַ פרוי. — איר זענט אַוודאי נישט לאַנג אין לאַנד? אָ, איך דערקען. מיין נחומהלע האָט מיר געזאָגט, אַז אַ מענטש וויל טרינקען.

איר פּנים איז מילד און ליכטיק ווי זי וואָלט געקוקט גלייך אין דער זון אַריין. עס איז אָבער שאָטנדיק אין דעם הויף. אָ, ווי איר פּנים קאָן אַרויסרופן דעם מיראַזש פון זון! קוקנדיק אויף דער פרוי ציטערן אים די אויגן־לעדלעך ווי ער וואָלט פון דער דאָרפס־פרוי איבערגענומען דאָס שאַרפע זונליכט.

— טרינקט... טרינקט... איר זענט געקומען דורכן דאָרנפעלד?...

ער האָט מיטן פּנים אָנגעוויזן אויף די פעלדער און געשאָקלט דעם קאָפּ אויף יאָ.

— מען דאַרף נישט גיין מיט די פעלדער. עס זענען נאָך דאָ מינעס. עס איז אַ טרויעריק פעלד.

זי האָט אויף אַ רגע צוגעשלאָסן די אויגן און אַז זי האָט זיי געעפנט,

זענען עס שוין געווען אַנדערע אויגן; גרויסע, טיפע, טונקעלע, אויגן ווי די איבערגעפולטע בעכער.

— זאב וווינט אין דריטן הויז... ער וועט זיך פרייען... ס׳איז איצט די ערשטע וואָך ווי ער איז זיך צונויפגעגאַנגען מיט חנהן...

— צונויפגעגאַנגען? — האָט זיך מוני געחידושט.

— ביי אונדז זאָגט מען אַזוי... ער האָט חתונה געהאַט... ער קען איר שוין דריי יאָר... דאָרט, אויף די פעלדער די הפקרדיקע, ביי די אַריינגעענג צום אַראַבישן דאָרף טירה האָבן זיי זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט...

זי האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן נאָר דאָס קליינע מיידעלע האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און געפירט צום שכנס הויז.

— דוד זאב... דוד זאב... — האָט זי געשריען.

זיי האָבן זיך האַרציק אַרומגענומען, די צוויי אַלטע פריינד, זאב און מוני.

אין שטוב איז טונקל. די שטאָרן זענען אַראָפּגעלאָזן. אין אַ זייטיק צימערל פאַרעט זיך אַ פרוי. עטלעכע מאָל איז זי געבליבן שטיין אין דער אָפענער טיר און געשמייכלט. מוני האָט דערקענט אין דעם שמייכל אַז די יונגע פרוי איז באַקאַנט מיט אים און ווייסט אַלץ פון זיינע מלחמה־יאָרן. אַפילו דעם שטומען געשפּרעך פאַרשטייט זי. זי ווייס אַז דאָס וואַנדערן איצט ביידע אויף די מלחמה־פעלדער פון רוסלאַנד.

— ווי אַזוי האָסטו געטראָפן צו אונדז? — האָט נאָך אַ לאַנגן שווייגן געפרעגט זאב.

— דיין אַדרעס האָב איך באַקומען. אַ פאַסטעך האָט מיר דורכגעפירט ביזן צאַברע־צוים.

— אַ פאַסטעך? — האָט זאב זיך געחידושט ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויסרופן אין זיין זכרון דעם פאַסטעכס פנים.

— עס איז אַזוי טונקל... עפן אַ פענצטער... איך וויל דיך אָנקוקן... אָ, ווי עס איז הייס... כ׳האָב געבלאָנדזשעט לאַנגע שעהען...

מוני האָט געטרונקען דעם מאַראַנצן־זאַפט און דערנאָך עפּעס געזאָגט. ער האָט געפילט אַז די רייד בינדן זיך נישט. דער טשאַד פון חאַמסין האָט דורכגענומען זיין מאַרך. ער האָט נאָך אַלץ געשפּירט די הוילקייט אין

אונטערשטן טייל פֿון שאַרבן און יעדער קלענסטער שאַרך האָט אים אויפֿ־גערעגט.

אַ שווערער לאַדן האָט זיך געעפֿנט און די שטאַרן האָבן זיך אויפֿ־געהויבן. אַ בלענדיקע ליכטיקייט, וואָס איז תמיד שאַרף ביז ווייטיק נאָך אַ פֿינצטערניש, האָט אים אַ שלאָג־געטאָן אין די אויגן.

אין אָפֿענעם פֿענצטער איז געשטאַנען זאבס פֿרוי. זי האָט זיך אײַ־בערגעבויגן איבערן פֿענצטער־ברעטל און אַרויסגעקוקט ווי זי וואָלט דאָרט עפּעס געזוכט וואָס איז גאָר וויכטיק און וואָס קען נעלם ווערן אויב זי וועט עס איצטער נישט באַטראַכטן. דאָרט איז אָבער גאָרנישט געווען אויסער אַ קאַקטוס־קוסט פֿול מיט שטויב און שטעכערס.

— דו האָסט געבלאָנדזשעט? — האָט זאב ווידער געזאָגט, וועלנדיק איבעררײַסן דאָס פּלוצימדיקע שווייגן. — עס איז דאָך אַזאַ גלייכער וועג פֿון הויפּט־שאָסיי. דורך וואַנען ביסטו געקומען, מוני?

— דורך דעם דאָרנפֿעלד. כ׳האָב אויסגעמיטן דאָס דאָרף טירה און געגאַנגען גלייך אויפֿן וואַסער־טורעם. כ׳האָב אָבער נישט געקענט דורכגיין צוליב די סאַברע־צוימען און דערנער.

די פֿרוי האָט זיך האַסטיק אויסגעבויגן צו מונין און אַרײַנגעקוקט אין זײַנע אויגן.

ער האָט נישט אויסגעהאַלטן איר דורכדרינגענדיקן בליק און אָנגע־הויבן שטאַמלען:

— אַזאַ וויסט פֿעלד... אַזעלכע שטעכיקע דערנער פֿול מיט גיפֿט... ווי זיי האָבן צעריסן מײַנע הענט... פֿון דער ווייטנס דוכט זיך, אַז אַ מילדע בלאָלעך־גרינע, ברוין־זילבערדיקע ווייט שפּרייט זיך פֿאַר דיר און דאָ — אַזאַ וויסטעניש, אַזאַ הפֿקר־פֿעלד...

עס באַטראַכטן אים גרויסע צעשראָקענע אויגן אין וועלכע עס טליען טרויער־פֿייערלעך. איר ברוין לענגלעך פּנים איז פֿאַרוואָלקנט געוואָרן און אַ ווייסטער נעפּל איז אָנגעשווומען.

מוני האָט דערפֿילט אַ שולד כאָטש ער האָט נישט געקענט דערגיין אין וואָס זײַן שולד באַשטייט. ער האָט דערקענט, אַז מיט זײַן קומען, האָט ער אַרויפֿגעצויגן אויף דעם פּנים פֿון דער פֿרוי אַ טרויער. איצט איז שוין אַלץ פֿול מיט טרויער. אַפֿילו דאָס ברויט וואָס ער עסט.

די רייד האָבן זיך מער נישט געבונדן. ער האָט מער נישט געקענט אַריינקוקן אין דער פרויס פּנים, כאָטש ער האָט עס זייער געוואָלט טאָן. זי האָט אים אויסגעמיטן, און אויב זי האָט עפּעס געפרעגט, איז עס געווען פון אַ צווייטן צימער. פאַרטאָג וועט ער אַוועקגיין פון דאַנען ווי נאָר די זון וועט אויפשיינען.

עס איז שפּעט ביינאַכט.

אַ טיפער אויסגעשטערנטער הימל. מוני שטייט ביים אָפענעם פענצ־טער און קוקט אויף גאָטס נאַכטיקע וועלט.

ווי ברייט עס איז דער מילכוועג! מען קען זיך פאַרלירן אין דעם שטערנשטויב פון די הימלען. אַ קיל ווינטל וויגט די פעכער־בלעטער פון אַן איינזאַמער פאַלמע.

מען קען אויסרעכענען וויפל רגעס עס דאַרף דויערן ביז דער ווינ־טלדיקער נאַכט־אָטעם וועט דערגיין צום פאַרלאָשענעם פענצטער. אַזוי חזרט עס זיך איבער, ווי די נאַכט וואָלט געאָטעמט.

פון וואַסער־טורעם טראָגט זיך אַ וויינענדיק קול פון אַ נאַכט־סאָווע. ווי טרויעריק עס איז דאָס הפקר־פעלד אין דער אויסגעשטערנטער נאַכט!

— מוני, שלאָפסט נישט?

דאָס איז זאב: דער גוטער, פּשוטער זאב פון יענע ווייטע וועלטן.

עס איז אַ שטילע נאַכט. אין אַראַבישן דאָרף טירה צאַנקען קליינע פייערלעך. פאַרשאָטנטע שטאַמען פון סיקמאַמאָרן, פון איילבערטן און אַ ברייטער זילבערשטרייף וויגט זיך אויף דער ערד — דאָס איז דער מילכ־וועג וואָס נידערט איצט צו די פעלדער.

— איך וועל נישט קענען איינשלאָפן אין אַזאַ נאַכט — האָט אים מוני געזאָגט.

ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן פענצטער און דערזען אין לבנה־ליכט אַ סאַברע־קוסט, אַ ברייט־צעוואַקסענער קוסט. די שטעכערס זילבערן זיך און פון דער פרוכט טראָגט זיך אַ פאַרוויגנדיקער געשאָרך פון נאַכט־שרצים.

מוני האָט זיך איינגעקוקט אין קוסט און זיין פּנים איז פול געוואָרן

מיט צעריסענע סאַברע־שאָטנס. אַז ס׳איז אָנגעקומען דאָס נאַכט־ווינטל וואָס האָט אויפגעלעבט די נאַכט־געוויקסן, האָט ער דערפילט אויף זיין גומען דעם ביטערן טעם פון ווילדגראָז און אויף די ליפּן האָט ער דערשפּירט דעם שטעכיקן שטויב פון די סאַברע־פּרוכט־הערעלעך וואָס טראָגן זיך אין דער לופט.

— דעם קוסט האָט חנה פאַרפּלאָנטעט. עס איז שוין דריי יאָר.

— אַזאַ שטעכעניש ביים פענצטער?

— וואונדער זיך נישט. עס וועט דיר אַלץ קלאָר ווערן. האָסטו געזען איר טרויעריק פּנים בעת דו האָסט דערציילט פון דאָרנפעלד? האָסטו נישט באַנומען איר שוויגן דעם גאַנצן אָוונט?

זאבס האַנט איז קיל נאָר זיין אָטעם גליט.

— תמיד ווען מען רעדט וועגן הפקר־פעלד, וואָס שפּרייט זיך אַזש ביז טירה, ווערט חנה טרויעריק. עס איז אַ טרויער וואָס קומט פּלוצעם אָן און פאַרגייט אַזוי ווי דער נאַכט־אָטעם. ווען דו וואָלטסט אָנגעקומען מיטן הויפּטוועג, נישט דורך די פאַרווילדעוועטע פעלדער, און נישט געזוויזן דיינע צעשטאָכענע הענט פון די דערנער, וואָלט זי איצט געזעסן מיט אונדז און געמיטלעך גערעדט. יאָ, מוני, דו האָסט געבראַכט דעם ריח פון דערנער און דעם שטויב פון די אייזל־שטעגלעך לעבן דאָרף טירה. דערמיט איז אויפגעשווומען יענער טאָג פון חודש מאַי ערב דער אַנט־שטייונג פון דער מדינה.

— לאָמיר וואַרטן אַ ווײַלע...

ביידע האָבן געוווּסט אַז זיי ווילן איבערוואַרטן נישט נאָר דאָס נאַכטיקע געוויין פון אַ פויגל.

אין אַזעלכע נעכט איז נישט שטיל. עס איז נאָר אַן אויבן־אויפיקע שטילקייט. לייג צו דיין אויער און דו וועסט הערן אַ וואָרקעריי פון טירקל־טויבן, אַ צישעריי פון אַ שלאַנג, אַ ווייט־ווייט שאַקאַלן־געיאָמער און אַ געשאַרכעריי פון טרוקן־גראָזן. עס טרעפט, אַז ס׳קומט פון ערגעץ אָן אַ פאַרבלאָנדזשעטער ווינט און טרייסלט אַ ווילדצווייג. קוקסט דעמאָלט אויף דעם פעלד מיט חידוש: אַלץ רוט, קיין שאָרך, קיין ציטער און דאָ וויגט זיך אַן איינזאַמער דאָרן אין דעם אויסגעלאָשענעם פעלד. אַזוי איז

עס אויך מיט מענטשן. אַ ישוב שלאָפט רויק נאָר אײן מענטש וואַנדלט אַרום ווי אַ ווערבלווינט וואָלט אים געפאַנגען.

ווי ער מיידט עס אויס צו דערציילן פון יענעם מאַי־טאָג — האָט מוני געטראַכט. און וואָס האָט דאָס אַלץ אַ שייכות צו דעם ווילדן סאַברע־קוסט לעבן דעם פענצטער?

— איך דערקען דיין נייגער, מוני...

זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס.

אַ שוואַרץ־געפלעקטער הונט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן איז זיי נאָכ־געגאַנגען.

— זעסטו דעם וואַסער־טורעם? דאָ האָבן מיר זיך געזאַמלט אין יענעם טאָג, דאָס איז געווען דער דריטער טאָג פון מיין קומען אין לאַנד אַריין. מיר זענען געגאַנגען אויף דעם אַראַבישן דאָרף טירה. די אַראַבער האָבן געוואָלט אָפּשניידן חיפה פון תל־אביב. זיי האָבן באַדראָט דעם איינציקן שאָסיי. פון דעם אָבסערוויר־טורעם האָבן מיר גוט געזען זייער דאָרף. עס זענען געווען גרויסע טעג פאַר יידן. מיר זענען געגאַנגען דורך דעם הפקר־פעלד. עמצער האָט געזונגען. אין אייקאַליפּט־וועלדל האָט געשפּילט אַ פּאַטעפאָן. טירה איז האַלב פאַרלאָזן. די אַראַבער זענען אַוועק באַפאַלן כפר־סבא. דאָס פעלד איז מיט דערנער, מיט שטעכצוימען. ווי אַנדערש עס איז דאָ פון דאָרטן. געדענקסטו דעם לעצטן גראַנאַט וואָס איך האָב געשליידערט אויף דעם טאַנק ביים טייך בוג?

זאב ציטערט. מוני פילט דאָס ציטערן אין זיינע פינגער. זיי זענען הייס און פייכט.

— ...צוועלף בייטאָג זענען מיר צוגעקומען צו די סאַברע־צוימען פון טירה. מיר זענען זיי אַריבערגעשפּרונגען. און מיטאַמאָל — אַ ווילד פייער פון רעגולער איראַקיש מיליטער. אַ פייער־גהינום! דאָס איז געווען אַ גוט־געצילט אויטאָמאַטיש שיסעריי. אַ טייל פון אונדז האָט זיך געוואָרפן פאַרויס, אין אַראַבישן דאָרף אַריין. זיי זענען אָבער נישט דערלאָפן. אַ פייער האָט זיי פאַרצוימט דעם וועג. די אַראַבער האָבן געשאָסן פון די הייזער אַרויס, פון הינטער די צוימען, פון די קוסטעס. אָפּטרעטן! — איז גע־קומען אַ באַפעל. מיר זענען שוין אָבער געווען צעשטויבט איבערן פעלד און קיינער האָט מער נישט געהערט קיין באַפעלן. אונדזערע פיינד זענען

געוועזן נישט נאָר די אַראַבער נאָר אויך די דערנער. פון פאָרנט — פייער און פון הונטן — דערנער.ווילדע שטעכיקע סאַברע־צוימען וואָס וויקלען אונדז אַרום ווי די גיפטיקע שלאַנגען. זיי לויפן אונדז נאָך, פאַרפּלאָנטערן אונדז דעם וועג און פאַנגען אונדזערע גופים אין זייערע שטעכיק־פאַר־סמטע אָרעמס אַריין. אַ וויסט געיאָמער אַנטקעגן דעם אומברחמנותדיקן מיטאָג־הימל. איינצלנע שיסערייען. אַן אויסגייענדיקער רוף און ווידער אַ ווילד שיסעריי. איך ליג אַ פאַרבלוטיקטער, אַ פאַרחלושטער צווישן קאַק־טוסן. די נאָדלען האָבן זיך איינגעשטאָכן אין מיין לייב. איך בין לעבעדיק געקרייצט געוואָרן צו דער דאָזיקער ערד אויף וועלכער דו האָסט היינט געטראָטן. איבער מיר הויערן קעפּ פון סאַברעס. טויזנטער נאָדלען; זיל־בערנע, ברוינע, ברושטינענע, פייערדיקע, רויטע פון מיין בלוט נאָגלען מיך צו דער ערד. איך ליג מיט פאַרמאַכטע אויגן. ערגעץ נאָענט הער איך אַ געלויפעריי. אַן אייזל יאָמערט אין טירה. אַ האָן קרייט. דאָס איז פאַר מיר אַ סימן אַז איך לעב נאָך. מיין גומען איז פאַרטריקנט. די ליפּן צעפּלאַצט. דאָס מויל איז פול מיט שטויב, געוויקסן־אָפּפאַל און ערד. איך דריק זיך אַלץ מערער און מערער צו דער ערד ביז כ׳פיל ווי עפּעס וויכס פאַלט אויף מיר אַרויף און הילט מיך איין... דאָס איז אַ וואָלקן... אַ שוואַרצער בראָך־וואָלקן וואָס כ׳געדענק אים נאָך פון מיינע יינגל־יאָרן... באַלד וועט ער אויפגעריסן ווערן און אַ זיגזאַגישער בליץ וועט צעשניידן די הימלען און די ערד. ער וועט אַוועקשווימען און מיך מיטנעמען. איך וועל זען ווי אונטן, אין דער נידער, שווימען ברייטע טייכן און ביי די ברעגן דרימלען קליינע יידישע שטעטלעך מיט טורעמדיקע קלויסטערס, מיט אָרעמע מערק... מיינע שוואַרצאַפּלען ווערן פאַרמירמלט... שוואַרצער מירמל... איך זע שוין גאָרנישט... עס איז מיר אויסטערליש גוט... איך בין אין קעניגרייך פון וואָלקנס, טייכן און שנייען...

ווען זאב האָט אויפגעהערט רעדן איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. אין צימער איז ליכטיק געוואָרן. אין אָפענעם פענצטער האָב איך דערזען חנהס סילועט.

— לאָמיר צוריקגיין, זאב, חנה וואַרט אויף אונדז. איך קאָן מער נישט הערן. אויך דיר פאַרשאַפן דיינע רייד ווייטיק. איך פאַרשטיי אַלץ...

— דו פֿאַרשטייסט אַלץ? ניין, דו קאָנסט נישט אַלץ פֿאַרשטיין! נאָר דער וואָס איז דורךביידע פֿייערן, דאָס פֿייער ד אָ ר ט און דאָס פֿייער דאָ קען פֿאַרשטיין. דו באַנעמסט נאָר אַ טייל פֿון די ליידן. דאָרט האָבן מיר געמיינט אַז דאָס איז דער סוף און נאָך דעם סוף וועט קומען אַ וווּנ־דער־וועלט. יאָ, עס האָט נישט קיין סוף דער וועג צווישן דערנער, צום שיינעם, צום לאַנד פֿון רו. וואָס האָב איך דען געוואָלט ביי דער וועלט פֿאַר די וויסטעניש פֿון אונדזערע היימען פֿאַר די שניי־אָקאָפּעס, פֿאַרן נע־ונד? איך האָב געוואָלט די פֿאַרשאָטנטע שטוב, דעם שטויב־וועג, דעם וואַסער־טורעם, די שטילע חנה.

מיר זענען געגאַנגען איבער דער גאַס פֿון דאָרף. באַלד וועט שוין טאָגן.

— פֿאַרוואָס פֿרעגסטו מיך נישט וועגן חנהן?

— כ׳קאָן נישט.

— דו קאָנסט נישט?

אין זיינע רייד איז געווען בולט דער געמישט פֿון מיטלייד און שפּאָט. פֿאַרבאָרגענער שפּאָט פֿון איינעם וואָס דערזעט דעם פֿריינד דורך־און־דורך.

— דו ביסט פֿול מיט נייגער און דאָך שווייגסטו? כ׳האָב ליב אַז מען רעדט, אַז מען פֿרעגט. ס׳טוט מיר ווי דיין איידלקייט. איידלקייט וואָס איז נישט מער ווי אַ מאַסקירונג פֿון רחמנות. איך דאַרף נישט קיין מיט־לייד. אַלץ רעדט דאָך אין דיר מיט שטומען געבעט: „ווי אַזוי קומסטו צו חנהן, ווו האָסטו איר באַקענט? פֿאַרוואָס זענען אירע אויגן אַזעלכע גרויסע און טרויעריקע? פֿאַרוואָס שווייגט איר ווען איר זעט דאָס דאָרנפֿעלד?״ איך וויל נישט אַז דו זאָלסט אַוועקגיין און זיך, אין האַרצן, לויבן פֿאַר דיין העפֿלעכקייט און דינקייט. לאָמיר זיך אָפּטרייסלען פֿון דעם. מיר זענען דאָך אַלטע שלאַכטמענער...

ער האָט מוניך אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און זיין פּנים איז אויסגעקרומט געוואָרן פֿון אַ ביטער געלעכטערל.

— ביסט נאָך אַלץ דער „אַלטער וואָלף״?

ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

— ...אין יענער נאַכט האָב איך פּלוצעם געעפֿנט די אויגן. עס האָט געזאָלט זיין מיין לעצטער בליק אויף דער דאָזיקער ערד. דער בראָך־

וואָלקן איז צערונען געוואָרן. איך בין אַלץ געבליבן אויף דעם בערגל צווישן די דערנער. אין טירה איז ליכטיק. דאָס אַראַבישע דאָרף איז וואַך. זיי פייערן דעם נצחון איבער די יאַהודים. אויף אַ פּלאַץ ברענען שייטערס. אַ וויסט געוואַי פון צעיושעטע איראַקישע סאָלדאַטן. מען טאַנצט אַרום די פייערן, די פלאַמען פלאַקערן־אויף אַלץ העכער און העכער. כ׳הער דעם געציש פון די פייער־צונגען. און מיטאַמאָל לויפן אָן פערד, און צו די פער־דישע עקן זענען צוגעבונדן מענטשן. דאָס זענען אונדזערע! אונדזערע בחורים! די פערד שפּרינגען אין ווילדן גאַלאָפּ. ווערן געטריבן פון אַ המון. איך אָטעם רויך וואָס דער ווינט דערטראָגט צו מיר. עמיצער גייט. מען העשעט אין די צווייגן אַריין, אין די גראָזן אַריין, אין די שטעכיקע צוימען: אורי... אורי... אוריאלע,, אַ, גאָט, דאָס איז אַ פּרויען־שטים. איך האָב אַ ציטער־געטאָן און מייגע פאַרברענטע ליפּן האָבן עפּעס אויסגעשטאַמלט.

ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט און אַרויפגעלייגט בײדע הענט אויף מוניס אַקסל.

— זי האָט מיך געטראָגן אויף די הענט. כ׳האָב געזען אירע פאַר־בלוטיקטע פינגער, וואָס האָבן איינגעקלאַמערט מײַן צעריסן לייב, און בלוט מיט בלוט האָבן זיך אויסגעמישט. דאָס איז געווען חנה, אַ טאָכטער פון כפר העס. זי האָט זיך דורכגעריסן דורך די פאַרצוימונגען פון די וואַך־פּאָסטנס און געלאָפן איבער דעם הפקר־פעלד זוכן איר אורי און זי האָט מיך געפונען. אורי איז נישט צוריקגעקומען. זיין גוף איז געווען צווישן די גופים פון יענע ווילד־גאַלאָפּירנדיקע פערד אַרום די שייטערס אין אַראַבישן דאָרף טירה. קיינער ווייסט נישט ווו עס איז אַהינגעקומען אוריס קערפּער און די קערפּערס פון זיינע חברים. עס איז שוין דריי יאָר זייט יענער נאַכט. איך בין ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק געקומען אין דעם הויז אַריין. חנה האָט אַלץ געוואַרט. דערווייל איז אויסגעוואַקסן דער ווילדער סאַברע־קוסט ביי איר פענצטער. זי האָט אין די פאַלדן פון איר צעריסן קלייד געפונען אַ יונגן קאַקטוס־בלאַט וואָס האָט זיך פאַרקלאַ־מערט פון יענע קאַקטוס־צוימען ביי די אַריינגאַנג צום דאָרף טירה. דאָס איז אוריס איינציקער אָנדענק, אָט־אָ דער קוסט ביים פענצטער.

פֿאַרטאָג האָבן זיך די פֿריינד געזעגנט.

— קום דאָס אַנדערע מאָל דורכן הויפּט־וועג — האָט חנה געזאָגט.

ער האָט נאָר אַ בליק געטאָן צום וואַסער־טורעם און גלייך אַוועקגעשפּאַנט מיטן וויסטן פֿעלד לענגאויס די טרויעריקע איילבערטן און דערנער.

# די באַלאַדע וועגן פעלדז פּאַטראַ

האָסטו געזען ווי אַזוי עס שטאַרבט אַ בוים? ווי אַזוי עס שטאַרבן פאַרלאָזטע פּרדסים?

יאָ, איך האָב דאָס געזען.

צוערשט האָבן פון די שטאַמען ארויסגעשפּראָצט ווי דורך איין נאַכט, געל־קרענקלעכע צווייגלעך מיט אומגעלומפּערטע גרויסע בלעטער. זיי האָבן אויסגעזויגן די לעצטע זאַפטן פון שטאַם און נישט דערלאָזט אַז די ביימער־שפּיצן זאָלן קענען געדייען. מיט אַ וואָך שפּעטער האָט דער פּרדס אָנגעטאָן אַ דערנער־קרוין; די העכסטע שפּיצן זענען פּלוצעם פאַרדאַרט געוואָרן און פערלמוטערנע שנעקעס האָבן געדיכט באַזעצט די שוואַרצע קרוין־ריטלעך.

האַרט ערב די רעגנס זענען די בלעטער באַפּינטלט געוואָרן מיט זשאַווער־פלעקן און עס האָט זיך אויסגעטיילט אויף זיי אַ קרענקלעכער אָדער.

דאָס קלענסטע ווינטל האָט געטראָגן הויפנס בלעטער: אויסגעטריקנ־טע, פאַרוויקלטע, וואָס האָבן זיך געקייקלט איבער די זאַמד־געסלעך און געבליבן ליגן אין סאַברע־שטויב און ביי די פאַריאַריקע טרוקן־גראָז.

אין אַזעלכע נעכט האָב איך זיך איינגעהערט אין געוויין פון דער סאָווע.

כ׳האָב געוווסט אַז אין איינעם אַ טאָג וועט אַוודאי קומען אַ טראַקטאָר, ארויסרייסן די שטאַרבנדיקע ביימער און אָפּרייניקן דעם שטח.

איך האָב געקוקט אויף די צווייגן פון די ביימער און געזען ווי די דער־נער־קרוין ווערט אַלץ גרעסער, געדיכטער און מעכטיקער. נאָך אַ וואָך, נאָך אַ חודש און די טויטע דערנער־קרוין וועט זיך באַהעפטן מיט דעם אויס־געלאַשענעם באָדן און עס וועט ווערן איינס — אַן אויסמיש פון דערנער,

ערד און געוויקסן־אַפּפאַל, און איבער דעם אַלעם וועט קיניגן דער אַלטער סיקאַמאַר און די טייוול־האָר־קוסטעס.

איך בין אַנמעכטיק אין דער דאָזיקער וועלט פון טריקעניש און טרויער.

אין די נעכט חלום איך פון ברייטע טייכן, פון וואַלקנס אָנגעזאַפּטע מיט רעגן, און פאַרטאָג, אַז כ'שטיי ביים פענצטער, צאַפּל איך אויף פאַר פרייד ווען כ'זע ווי די קליינע שטויב־פייגל טרינקען די טויער פון פאַר־וויקלטע בלעטער דערנאָך גייט אויף די אומברחמנותדיקע זון. באַלד וועט מיך דער אויטאָ טראָגן איבערן שמאָלן שאָסיי אין שטאָט אַריין. דערנאָך וועט אַלץ ווידער זיין ווי נעכטן און פאַר נעכטן.

ביינאַכט וועל איך זיצן ביים נאַפט־לאָמפּ און בלעטערן אַלטע ספרים.

איך האָב גאַרנישט געבראַכט אין דעם לאַנד אַריין. כ'בין געקומען אַהער אַ מידער און טרויעריקער. מיינע שמאָלע אַקסל זענען צונויפ־געצויגן. איך ציטער־אויף ווען עמיצער רופט אויס מיין נאָמען. מיר איז גוט ווען מען רופט מיך נישט, ווען מען דאַרף מיך נישט און מען וואַרט נישט אויף מיר און קיינער קלאַפּט נישט אין מיין טיר.

עס איז גוט צו זיין אַ פאַרגעסענער פון אַלעמען און אַן אַליינגייער איבער די אַלטע קעמלוועגן ווו דער ווינט האָט שוין לאַנג פאַרשאָטן די שפורן פון קעמלען און מענטשן. און דאָך טראָגט מיך מיין אומרו צו מענטשן און אַז איך קום צו זיי, זיץ איך אַ שווייגנדיקער און טראַכט פון אויסגייענדיקן פּרדס.

איך וואַרט אויף דעם טאָג וואָס וועט מיך אַרויספירן פון וויסטן געפּלאָנטער ; פון די אייזלשטעגלעך, פון קעמלוועג, פון דעם טרויעריקן פאַרלאָזטן אַראַבישן דאָרף. ער מוז קומען דער אויסגעבענקטער טאָג. דערווייל גיי איך אויף דעם זעלבן זאַמדוועג און בלייב שטיין פאַר די אָרעמע טירן פון מיינע שכנים און איך רעד מיט זיי וועגן וועטער, וועגן דער טריקעניש.

מיין קול ברעכט זיך און איך בעט מיט אויסגעלאָשענע אויגן הכנעהדיק אַ מילדן שמייכל און וואַרט אויף עפּעס וואָס איך אַליין ווייס נישט אויף וואָס.

אין איינעם פון די דאָזיקע טעג בין איך אַוועק פון שטוב. איך האָב

אַפילו זיך נישט אומגעקוקט אויף צוריק. כ׳האָב געוווסט, אַז די פּאַר־חלושטע פלאַנצן פון קליינעם גערטנדל וועלן מיך צוריקבריענגען צו מיין שוועל. איך האָב נישט געוואָלט הערן דאָס שטילע וואָרקעריי פון די טור־קלטויבן. שעהען לאַנג בין איך געלעגן אין הויף און די צוויי טורקל־טויבן האָבן מיך באַטראַכט. תמיד, ווען איך גיי דורך דעם וועגל, פליען זיי מיר אַנטקעגן און מאַכן אַ קרייז אַרום מיין קאָפּ.

עס איז די מיטאָג־שעה. אין געסל איז שטיל. איך גיי אין זאַמד און לאָז נאָך זיך אַפילו נישט קיין שפּורן.

איך האָב אַרומגעוואָגלט איבער די דרום־וועגן פון לאַנד. מיין פּנים איז פול געוואָרן מיט זונקנייטשן, אַ געזונטע ברוינקייט האָט באַדעקט מיינע הענט. כ׳האָב אויסגעגלייכט דעם רוקן און טיפער געאָטעמט. דער געדיכטער שפּינגעוועב, דער גרוי־זילבערדיקער, איז אויפגעריסן געוואָרן און איך האָב דערזען גאָטס אָפענע וועלט.

כ׳האָב געאַרבעט אויף די שאָסייען פון נגב, כ׳האָב געטריבן שאָף אַנט־קעגן דעם זונאויפגאַנג. איך האָב אויפגעריסן די קופּער־פעלדזן פון תמנע. אין די נעכט בין איך אַרומגעגאַנגען אויף שמירה. אין די פרייע שעהען האָב איך אין די בעדוינער־צעלטן געטרונקען קאַווע אין גאָלד־געליישטע טעצלעך און גערויכערט נאַרגילעס. איך האָב געלעבט אין סדום און גע־אַרבעט ביים פלאַסטערן דעם שאָסיי צווישן מעכטיקע בערג. כ׳האָב זיי אויפגעריסן מיט דינאַמיט. כ׳האָב געהערט די דונערן פון פאַלנדיקע פעלדזן.

מיין ברוסט איז ברייטער געוואָרן. איך האָב געקלעטערט צווישן די אָפּריסן און באַרג־אַראָפּהאַנגען ווי אַ דערוואַכטער הירש.

קיינער האָט מיך נישט דערקענט. אַ קופּער־רויטע באָרד האָט צוגע־געבן מיין פּנים פרעמדס, אַז איך אַליין האָב זיך געחידושט: ווער איז ער, דער דאָזיקער מענטש? איך בין געווען זיכער, אַז אין דעם פאַרלאָזטן דאָרף, ווייט פון יפו, ליג איך איצט אויף דעם אייזערנעם בעט און קוק אויף די טויטעביימער־קרוינען. עס קען זיין, אַז דאָרט רוישן שווערע טראַקטאָרן, וואָס גלייכן אויס די ערד כדי צו שטעלן קליינע הייזער פאַר די ניי־געקומענע אין דעם לאַנד אַריין. אויפן זאַמדוועגל וועל איך באַגע־גענען מיין נעכטיק פּנים און איך וועל ווי אַ פרעמדער, שטילשווייגנדיק פאַרבייגיין...

איין מאָל האָט מיך אַ דזשיפּ אויפגענומען. ס'איז געווען פאַרטאָג. איך בין אַרויס וואַנדערן אין מדבר.

עטלעכע יונגע מענטשן זענען געפאָרן צום דרום פון ים־המלח. זיי האָבן מיך עפּעס געפרעגט און איך האָב גיך געשלאָסן מיט זיי באַקאַנט־שאַפט.

עס איז גוט געווען צו רייסן זיך פון אַ שטויב־וואָלקן, וואָס האָט אונדז נישט געקענט דעריגרייכן. ער איז געבליבן דערשטיקט אונטער אונדזערע רעדער. אַזוי זענען מיר געפאָרן לאַנגע שעהען. מיר איז געווען אַלצאיינס וווהין.

די וועגן זענען מסוכנדיקע. מיר שפּרינגען צווישן פעלדזן, מיר לויפן ביים ראַנד פון תהומען. אָפּטמאָל זוכן מיר מיט שיכורע אויגן, צווישן נאַ־קעטע דערנער און אויסגעלאָשענע שטיינער, די לופע פון אַן אַנגעשטעל־טער ביקס. עמיצער באַרירט זיין טאַש און זוכט דעם רעוואָלווער. אַ לאַ־קענדיק־זיסע שרעק באַגלייט אונדזער לויפעניש סתם אין מדבר אַריין. דאָס באַרויקט מיך גראָד ווייל יענער נאַגנדיקער טרויער, וואָס איז אויס־געמישט מיט מיין בלוט, טרעט אָפּ; די מרה־שחורה, דער גלייכגילט, די הכנעה, די מידקייט, דער וואָלקן פון שפּינוועב וואָס האָט מיך פאַרהילט — דאָס אַלץ וועט שוין אפשר מער נישט צוריקקומען.

איך בין מתפּלל צו דער דאָזיקער זיסער שרעק, צו די לויערונגען, צום געלויף פון דזשיפּ וואָס אַט־אַט וועט ער צעשאָטן ווערן ווי אַ קינדער־וועגעלע צווישן מעכטיקע פעלדזן. איך בין דערלייזט געוואָרן פון יענעם געפּאַנגענעם מענטש צווישן די שאָטנס פון נאַקעטע ווענט. פון דעם הכנעה־דיקן שטאָמלער ביי פרעמדע שוועלן, פון דעם נעבעכדיקן, ציטערנדיקן יונגן מענטש פאַרן גורל פון טורקלטויבן און בלייכע פלאַנצן פון אָרעמען הויף. ער איז מער נישטאָ דער געבראָכענער, דער שטילער און אויסגעלאָשענער! אַן אַנדערער איז אויפגעשטאַנען! מיר איז אויס־געקומען אַז איך האָב דורכגעמאַכט אַ לאַנגע קראַנקהייט און איצט האָב איך ווידער דערפילט לעבן אין זיך.

דער דזשיפּ האָט זיך אָפּגעשטעלט.

מיר האָבן געשטילט דעם דאָרשט און מיט די האַנטפלאַכן געווישט דעם שווייס פון פּנים. דריי זענען מיר געווען. זיי האָבן גענומען די מעסט־

מכשירים און אַראָפּגעגלידערט צו אַ טאָל. דאָס איז געווען אַ זילבער־זאַמדיקער בעקן צווישן צוויי בערג.

— מיר בלייבן דאָ אַ צוויי שעה! — האָט איינער געשריען.

אַז זיי זענען אַוועק האָב איך גערופן צו די בערג מיט אַ מעכטיק קול און דער רוף אין מדבר האָט מיר פאַרשאַפן פרייד. זיבן־פאַכיק האָט זיך געקייקלט מיין רוף ביז עס איז צוריקגעקומען צו מיר אַזוי געלייטערט, אַזוי ריין ווי דאָס צעגאָסענע זונזילבער פון די פעלדז־שפּיצן.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און געקוקט צו די וויטן: זאַמד־אינדזלען צווישן אויסגעברענטן אַש־גרויען שטיין־אָנהויף, נידעריקעביימלעך ווי שוואַרצע פעלדז־אָדערן אין געשפּאָלטענע שטיינערנע ווענט. נאָך דעם פאַרשאָטנטן פעלדז שפּרייט זיך אַ שטאָט, אַ שטאָט אויסגעהאַקט פון וויס־בלאָען מירמל, אַ פאַרגעסענע שטאָט וואָס אַלע וועגן אַהין פירן דורך נידעריקע וואָלקנס.

מיטאַמאָל האָט אויף מזרח עפּעס אויפגעציטערט.

איך בין אויפגעשפּרונגען פון אָרט און דערזען ווי עס טיילט זיך אויס פון הונדערט שלייערן אַ מעכטיקער פעלדז.

פריער האָב איך געמיינט, אַז דאָס רויט־גאָלדענע פאַרגליווערטע וואָלקנדל וועט צערונען ווערן — דאָס איז אָבער געווען דער שפּיץ פון פעלדז. איצט זע איך אים אין זיין גאַנצער פּראַכט.

אָ, דאָס איז ער, דער ווונדערלעכער פעלדזן־באַרג פון לאַנד אדום! איך האָב געהערט וועגן זיין שיינקייט אין די בעדווינער־געצלטן.

ער דערנענטערט זיך צו מיר, ער שווימט צו מיר נענטער און נענטער. איך שטיי אַ געפּלעפטער. אַ געמיש פון אַלערליי גאָלד, פון קופּער, פון מעש און ניקל. זיינע ראַנדן זענען באַזעצט מיט רויטן גראַנאַט־שטיין.

איך שפּיר אַ קילקייט, ווי עס וואָלטן געפּלאָסן ווײַנען, אַלטע וויינען פון קאַלטע קרישטאַל־וואַזעס אין זונליכט, וואַזעס און קרוגן וואָס זענען נאַרוואָס געבראַכט געוואָרן פון טיפע קעלערן.

איך אָטעם מיט אַ רויט־ווייניקער קילקייט און אַ שיכרות באַהערשט מיך. איך גיי אַנטקעגן דעם פעלדז.

מיינע אויגן קענען זיך נישט אָפּרייסן פון רובינען־געבלענד, פון געשימער פון גראַנאַטן־שטיין, פון דעם מירמל און קרישטאַל.

די לופט אַרום פעלדז איז קיל. אַ קילער שטראָם, אַ געזעטיקטער, אַ פאַרוויגנדיקער פירט מיך פאָרויס.

איך זע שוין דעם פעלדז ביי מיין צופוסן — דאָרטן שפּרודלען זיל־בער־קוואַלן און אַרום די קילע וואַסער־שטראָמען שפּרייטן זיך גרינע טעפּיכער פון סעדער און גערטנער, און פון דאָרט שיינט אַרויס די אור־אַלטע פעסטונג. דאָס איז דער פּאַטראַ־שלאָס! די פלאַנצן זענען מיט טוי. אַ בלאַלעכער, דורכזעעוודיקער נעפּל וויגט זיך איבער די געהאַקטע שטעג־לעך וואָס פירן צום פעלדז — דער פעלדז אין לאַנד פון אדום וואָס האָט זיך אַזוי אומגעריכט אַנטפּלעקט פאַר מיר.

זע, די בערג זענען פון הייסן אַש, נאַקעטע וועגן, פאַרשטיינערטע דערפער און שטעט. דאָרט בושעווען אַרום הייסע ווינטן. אַ וויסטעניש, אָן וועגן און אָן שטעגן. נאָר איין־און־איינציקער שאָסיי וויקלט זיך ווי אַ רצועה וועט מיך צוריקפירן צו מיין היים ביים שטאַרבנדיקן פּרדס, צו יענעם פלאַכלאַנד, צו די ליימענע הייזער, וואָס עס האָבן געלאָזן די אַנט־לאָפענע אַראַבער — און דאָ, ליגט פאַר דיר אָפן דער שאָטנדיקער וועג צום פעלדז פּאַטראַ און צום שלאָס!

איך גיי און גיי און די שיכרות פון אַלטן וויין מאַכט לייכט מיינע טריט. איך ווייס, אַז מיינע אויגן זענען אָנגעגאָסן געוואָרן מיט רובינען־ליכט.

— אָהאָ־אָ־א־אאא! — רוף איך אין דער מדבר־וועלט אַריין.

איך הער אַ ווידערקול אָבער איך דערקען עס נישט. עס איז אַ בייז געשריי וואָס קומט פון פעלדזן־בעקן.

עס האָט אַ קלאַפּ־געטאָן און איך האָב דערזען אַ רויך־וואָלקנדל.

כ'האָב זיך אַראָפּגעזעצט אויפן הייסן זאַמד. ערשט איצט האָב איך דערזען אַז איך בין ווייט אַוועק פון הויפּט־וועג און געפין זיך אין מיטן פון אַ שטיין־פעלד. אַ דאָרשט איז מיך באַפאַלן. איך האָב געשפּירט אַז מיינע אויגן ברענען!

ווען מען האָט מיך געטראָגן צום דזשיפּ האָב איך אויסגעקערעוועט מיין פאַרחלושט פּנים און געזען נאָר נעפּלען, פייערדיקע נעפּלען.

איך וועל שוין קיינמאָל נישט אַרויס פון דעם פייער־אָטעם, האָב איך געטראַכט.

דער דזשיפּ איז געשפּרונגען איבער די וועג־שטיינער, איך האָב זיך אָנגעשלאָגן אָן דעם הייסן בלעך, בין געלעגן מיטן פּנים אַרויף און געקוקט מיט די אויגן־ווייסלען. איך האָב שוין מער נישט געהאַט קיין שוואַרצ־אַפּלען. זיי זענען צערונען געוואָרן אין שיין פון אויסטערלישן פעלדז.

— העי, אמנון! — האָט איינער געשריען — ווען דו אַנטדעקסט נישט דעם נע־ונדן גייער צווישן די פעלדזן, וואָלט ער אומגעקומען! ער וואָלט אויסגעאַנגען פון דער חמימה, אָדער, די אַראַבער וואָלטן אים דערשאָסן!

— עס איז אַ זיכערער טויט און דאָך, אויף דעם אָרט טרעפן זיך אַלע אומגליקן.

דער שאָפער האָט זיך צעלאַכט. ער האָט הויך גערעדט און זיין רויטע טשופרינע האָט געפייערט.

— וואָס ציט זיי אַהין? דער פעלדז? דער שלאָס וואָס עקסיסטירט נישט?

— ער איז דאָ, דער שלאָס! כ׳האָב אים געזען! — האָט עמעצער אויסגערופן.

— נאָך אַ קאַנדידאַט אויף זעלבסטמאָרד!

זיי האָבן געלאַכט. דאָס איז געווען אַ הילכיק געלעכטער פון יונגע מענטשן אין אַ גאַלאָפּירנדיקן דזשיפּ ביים ראַנד פון פעלדזן און תהומען אין סאַמע מיטן פון מדבר, דרומדיק פון ים־המלח, אויף דעם אַזוי־גערופענעם „סקאָרפּיאָנען־געשטייג“.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער.

עס איז נאָכן זונפאַרגאַנג. איך זיץ מיט די יונגע פּאַסטעכער פון אַ נייעם ישוב ביי באר־שבע. די שעפּסן שטייען ענג־צונויפגעדריקט אין אַרומגעצוימטן הויף. איך זע די טרוקענע בעז זייערע און די קאָלטנס אין די ברוינלעך־שוואַרצע רוקנס. אַז כ׳קוק צום פּאַשע־פעלד טראַכט איך: וואָס קענען דען זיי נעמען פון דער דאָזיקער וויסטעניש. איך ווייס אַז זיי קלויבן די גראָז־וואָרצלען און די אַרויסשפּראָצן פון אונטער די שטיינער און אַז דאָס שלענגל־גראָז איז נאַרהאַפט.

באַלד וועט צופאַלן די נאַכט.

איך דערמאָן זיך אָן דעם קעמלוועג, אָן דעם זאַמד־שטעגל ביי מיין

קליין אָרעם הייזל. וואָס איז געוואָרן פון די צוויי טורקלטויבן? די שכנים וואַרטן אויף מיר. דער איינפיסיקער שכן מיט דעם קליינעם מיידעלע זיצן איצט אויף דער שטיינערנער שוועל, דאָרט ווו עס איז געווען די שטיין־קאַרעטע פאַר בעלי־חי. דאָרט זיצט דער שכן און וואַרט אויף מיין צוריק־קומען.

אַ פאַסטעך זינגט אויס אַ ליד פון טריקעניש, פון זון און פון בענק־שאַפט צו אַ רויט־האָריקער מויד.

איך האָב געפילט אַז עס נעמט מיך אַרום יענער טרויער פון אָרעמען פאַרלאָזטן דאָרף, אַ טרויער וואָס מאַכט מיך הכנעהדיק און לעשט אויס מיינע אויגן און כ'האָב זיך געוועדט קעגן אים. איך ווייס אַז דאָס איז אַן איבערבלייב פון די איבערלעבונגען אין דער פאַרוויסטער היים. איך מוז זיך באַפרייען פון די קאַלטנס וואָס איך טראָג אין זיך. קאַלטנס פון פרעמדע פעלדער, פאַרווילדעוועטע מלחמה־פעלדער אין אייראָפּע.

און נישט ווייסנדיק ווי אַזוי עס איז געשען, האָב איך אָנגעהויבן צו רעדן. דאָס איז געווען אַן אַנטלויפן פון זיך אַליין, פון דער ענגשאַפט וואָס האָט געדריקט מיין ברוסט, אַן אַרויסרייסן זיך פון געקלעם. עמע־צער פירט מיך פאַר די הענט און איך גיי אַ שטילער, אַ שולדיקער אין יענעמס פוסטריט. אַז איך האָב דערזען די שטילע שאָף אין פאַרצוימטן הויף, האָט מיך אַרומגענומען אַ רחמנות צו זיך אַליין.

איך האָב אָנגעהויבן צו דערציילן פאַר אָט די יינגלעך וועגן מיין נסיעה צו פּאַטראַ. כ'האָב געזען ווי עס צינדן זיך אָן זייערע אויגן און אַ פרייד האָט מיך באַהערשט. די פרייד פון קענען אַרויסרייסן זיך פון אַ פאַרפלאָנ־טערטן געשפּאַן אין וועלכן דאָס נאַרישע לעבן האָט מיך איינגעשפּאַנט, און איך בין אַוועק צום וווּנדערלעכן פעלדז, צו דעם אור־אור־אַלטן אדום־שלאָס. איך האָב צעריסן אַלע צוימען און בין געגאַנגען אויף די וועגן צום כישופדיקן באַרג.

צוערשט האָב איך גערעדט שטיל, דערציילט וועגן פעלדזן־בעקן ווו עס רוען קילע וואַלקנס אין סאַמע מיט פון מדבר, דערלעבן וויקלט זיך דער וועג צום „געשטייג פון סקאָרפּיאָנען" און מיטאַמאָל זעסטו די שטיינערנע שטאָט פון מירמל: ווייסן, בלאָען, ראָזען. די שטאָט איז אַרומגערינגלט

פון אויסגעלאָשענע בערג און פון די מדבריות שווימט אַרויס דער פעלדז פּאַטראַ. די לופט ווערט דורכזעעוודיק. מיט יעדן טריט וואָס דו מאַכסט צום באַרג ווערט ער נענטער מיט אַ מייל. און וואָס נענטער — אַלץ קלאָרער זעסטו דעם פעלדז. איידלשטיינער געשליפענע, זילבער־קרוינען געהאַ־מערטע, רובינען גליענדיקע, גאָלד שימערירנדיקער. און איבער אַלעם — דער רויטער גראַנאַט וואָס מיניעט זיך אין פּאַספּאַר פון פינצטערנישן אַרויס. דער וואַדי מוסאַ האָט זיך אָנגעפילט מיט שפּרודלדיקע שטראָמען! דאָס איז אַן איינמאָליקע זעאונג! דער פעלדזן־שפּיץ רופט דיך, ער לאָקט דיך! אַן אומגעזעענע האַנט שפּרייט פאַר דיר שאָטן־וועגן. גייסט און דיינע פיס שפּירן נישט קיין שטרויכלונגען. דער דאָרשט ווערט געקילט פון וואַ־סער־אַטעם. ער פאַרוויגט דיך און אַז דו שליסט דיינע אויגן שפּירסטו דורך די אויגנדעקלעך דאָס ליכט פון אדומער פעלדז. עס דרינגט דורך דיין געביין און דו גייסט פאַרויס און פאַרויס. עס אַרט דיך נישט וואָס דו האָסט נאָך דעם פעלדז נישט דערגרייכט. ביסט זיכער, אַז נאָך אַ ווײַלע און דיינע מידע פיס, די צעריסענע פון דערנער, וועלן באַלד טרעטן אויף די גוטע גראָז־טעפּעכער און דיינע ליפּן וועלן טרינקען דאָס קוואַל־וואַסער פון וואַדי מוסאַ.

ווען איך בין שטיל געוואָרן האָב איך דערקענט אין די אויגן פון די יונגע פאַסטעכער דעם אָפּשיין פון פעלדז פּאַטראַ.

איך האָב זיך דערשראָקן פאַר דער שיכרות וואָס האָט פון מיר גע־שלאָגן.

ערשט איצט, בעתן שווייגן, האָב איך זיך דערמאָנט ווי אַזוי די דזשיפּ־פאָרער האָבן געלאַכט פון מיר: — דו האָסט דען געזען דעם אדומער פעלדז?... ער איז דאָך צענדליקער מייל פון דאַנען?... זעט אויס אַז די היץ האָט דיר געשלאָגן אין די שלייפן... איך האָב אָנגעהויבן צו ספקן אין דער וואָרהאַפטיקייט פון מיין זעונג. אפשר האָב איך אויסגעחלומט אין מיטן פון מדבר דעם פעלדזיקן גן־עדן?

ניין. איך האָב אים נישט אויסגעחלומט. ער איז דאָ! איך דערקען דאָס איצט אין די אויגן פון די פאַסטעכער. איך זע דאָך דעם גראַניט־שיין אין זייערע אויגן!

פון וואַנען האָבן דען די פאַסטעכער גענומען דאָס וווּנדער־ליכט און די קלאָרקייט פון זייערע פּנימער, אויב נישט פון דעם פעלדז פּאַטראַ?

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך וועל מיט מיין קלענסטן צווייפל צע־שטערן די וווּנדער־זעונג, אַז איך וועל אַוועקנעמען פון אונטער זיי־ערע פיס די גרינע קוואַלן, די געזעטיקטע פעלדער, דעם ליכטיקן שימער פון זייערע בליקן און אָנשטאָט דעם אַלעם וועלן זיי בלייבן אין אַ וועלט פון מדבריות ווו עס בושעווען די זאַמדווינטן, ווו דער דאָרשט־געוויין פון שאָף רייסט אויף דאָס האַרץ און די געל־גרויע שלענגל־גראָזן זענען פאַרדעקט מיט זאַמדן. אַ בערגלדיקע ווייט מיט קניענדיקע קוסטעס און שוואַרץ־אויסגעהוילטע קאַרליק־שטאַמען מיט שפּליטערס פון פעלדזן.

איך בין ווידער אין מיין הויז ביים פאַרלאָזטן אייזלוועג.

די שכנים האָבן זיך מיט מיר דערפרייט. איך האָב אַרויסגעריסן די טרוקן־פלאַנצן פון מיין הויף און אויפגעאַקערט די ערד.

דער שטאַרבנדיקע פּרדס איז שוין נישטאָ. אויף דעם פּוסטן שטח בויט מען קליינע הייזער. נאָר ביי די ראַנדן זענען נאָך געבליבן איינצלנע ביימער. דער סיקאָמאָר, אין זיין איינזאַמקייט, איז נאָך מעכטיקער געוואָרן. אין הויף איז אַלץ ווי געווען. איך הער נישט דאָס שטילע פאַרטאָגיקע וואָרקעריי פון טורקלטויב־פּאָרל. נאָר די נאַכט־סאָווע קומט צום סאָברע־קוסט און דערמאָנט מיך מיט איר געוויין, אַז עס איז שוין האַלבנאַכט. דעמאָלט לעש איך אויס די נאַפט־לאָמפּ און וואַנדער אַוועק צום אדומער שלאָס אויפן פעלדז פּאַטראַ — — —

— — — — אין איינע פון יענע נעכט האָב איך אָנגעשריבן די באַלאַדע וועגן פעלדז פּאַטראַ.

דאָס איז געווען אַ געזאַנג צום מדבר.

ווי די טרויעריקע יריחו־רויזן, די נישטיקע, לעבט אַפּטמאַל־אויף דער אוראַלטער שלאָס אין זיין גאַנצער פּראַכט.

נישט יעדן איינעם איז באַשערט דאָס צו זען. און אויב עמיצער דער־זעט דעם שלאָס פאַרווישן זיך די גרענעצן פון צייט. איך ווייס אַז אין שאָטן פון די זיילן וואַרטן געדולדיק כּהנים און קוקן אויס אויף דיין קומען, דו אָרעמער, טרויעריקער מענטש.

זיי ווילן דיך זאַלבן און אָוועקזעצן אויבן־אָן.

איך האָב דערציילט וועגן פעלדז אַזוי ווי ער האָט זיך מיר אַנטפּלעקט. כ׳האָב באַזונגען דעם שאָטנוועג וואָס עמיצער האָט געשפּרייט פאַר מיר, איך האָב געזונגען אין דער באַלאַדע וועגן שימער פון קילע פליגל איבער מיין צעהיצטן שאַרבן. איך האָב איר אַ סך מאָל געלייענט אין די נעכט, אין די אייגענע פיר ווענט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער בין איך אויפגעציטערט געוואָרן פון אַ צייטונגס־ידיעה: דריי יונגע בחורים זענען געפאַלן אויפן וועג צו פּאַטראַ.

— דו זעסט אויס מיד און קראַנק. — האָט מיר געזאָגט אַ שכן.

איך בין אַוועק אַ שווייגנדיקער. ער האָט מיר נאָכגעקוקט מיט באַדויערן.

ווער זענען די דריי יונגע מענטשן? זענען דאָס נישט די פּאַסטעכער פון ישוב ביי באר־שבע? איך בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. פאַרטאָג בין איך געלאָפן אין שטאָט אַריין. איך האָב געזוכט אין די צייטונגען די נעמען פון די געפאַלענע, געפרעגט ביי פאַרבייגייער.

אין זעלבן טאָג, נאָך מיטאָג, בין איך אַוועק אין קיבוץ ווו עס וווינען די פּאַסטעכער. נאָך אויפן וועג האָב איך זיך דערוווסט, אַז די געפאַלענע זענען גאָר תושבים פון ירושלים. איך האָב זיך אָבער נישט אומגעקערט פון וועג.

די פּאַסטעכער האָבן זיך מיט מיר דערפרייט. איך האָב נישט געוואָלט פרעגן אויב זיי האָבן געהערט וועגן די אומגעקומענע אויפן וועג צו פּאַטראַ און דאָך האָט מיך געפּייניקט אַ געדאַנק: אפשר האָבן זיי דערציילט פאַר באַקאַנטע וועגן דעם וווּנדערלעכן פעלדז אין אדום און די שילדערונג מיינע איז אַזוי אַרום דערגאַנגען צו די ירושלימער בחורים. אויב אַזוי, טראָג איך דאָך אַ שולד פאַר זייער אומקום!

— האָט איר געהערט וואָס עס איז געשען אויפן וועג קיין פּאַטראַ?

זיי האָבן טרויעריק געשאָקלט די קעפּ.

— קענט איר עמיצן פון די דריי בחורים?

— ניין.

איך בין גלייך באַרויקט געוואָרן. ניין, עס איז נישט מיין שולד...

איך האָב גערעדט וועגן די היצן, וועגן די מאָגערע פּאַשע־פעלדער, וועגן די שעפּסן און געטראַכט האָב איך וועגן פעלדז.

— מיר וועלן נאָך פאַר דעם וואָרן חלום וואָס הייסט „פּאַטראַ" אַ סך קרבנות געבן.

איך האָב זיך דערשראָקן פאַר מיינע אייגענע רייד. איך בין זיך אַליין פאַרלאָפן דעם וועג, געוואָלט מיט די ווערטער אָפּשוואַכן מיין שילדערונג פון פּאַטראַ מיט וואָכן צוריק. איך וויל נישט האָבן אויף מיין געוויסן לעבנס פון יונגע מענטשן.

— טאָר מען דען נישט גיין צום פעלדז?

— מען מעג... עס האָט אָבער נישט קיין זין... עס איז מסוכנדיק צו וואָגלען אין אַ וויסטן מדבר... אויף יענער זייט גרענעץ... עס קאָסט לעבנס... ער עקסיסטירט אפשר נישט, דער שלאָס... ס'איז אַ מיראַזש... אפשר נישט מיראַזש?...

— מיראַזש? — האָט זיך אָנגערופן אַ פּאַסטעך. — דאָס שענסטע ווילסטו פון אונדז צונעמען...

— ס'איז אַן אויסטראַכטעניש מיטן פעלדז! — האָב איך געזאָגט מיט כעס און בין אַוועק.

איך האָב צעטראָטן מיט מיינע פיס דאָס וואָס איך האָב אַליין באַשאַפן. איך האָב פּאַרוויסט די גרינע פעלדער און די קוואַלן, כ'האָב מיט האַמער־קלעפּ איינגעשליידערט אוראַלטע זיילן פון ווונדערשלאָס. איך האָב אָנגעמאַכט אַ חורבן אין מיין אייגן האַרץ.

איך בין געבליבן צווישן די דערנער, צווישן אַלערליי קריכפלאַנצן און די אייזלשטעגלעך פון פאַרלאָזטן דאָרף.

ערגעץ צווישן מיינע אַלטע ספרים ליגט די באַלאַדע וועגן פעלדז פּאַטראַ.

איך וועל די באַלאַדע לייענען אין די נעכט נאָר פאַר דער כליפּענדיקער בלינדער סאָווע.

# אינהאלט


דער שיך־פוצער פון המלך דוד ...... 7
אין שאָטן פון ווײַנשטאָק ...... 18
דאָס הויז צווישן דערנער ...... 34
אביגיל ...... 74
אויפן מעטשעט־בערגל ...... 88
אין אַ שטיינהאַקערײַ ...... 110
טאַמאַרע ...... 133
אַ הויז בײַם ים ...... 161
די פרוי פון פראַנץ קאַפקאַ ...... 179
אַ מידבר־רויז ...... 192
די מירמלנע זײַל ...... 206
דער ווײַסער זעגל ...... 218
די צעבראָכענע קרוג ...... 229
בײַם כנרת ...... 252
אויף נאַכטיקע פעלדער ...... 261
די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען ...... 272
פּייערן פון דאָרף טירה ...... 295
די באַלאַדע וועגן פעלדז פּאַטראַ ...... 307

# ביכער פון זעלבן מחבר

1. די שטילקייט מאָנט, לידער, לאָדזש, 1945.
2. ירושה, לידער, רעגענסבורג, 1947.
3. אדם באהל, סיפורים, „עם עובד", תל־אביב, 1952.
4. אויפגעוואַכטע ערד, דערציילונגען, „די גאָלדענע קייט", תל־אביב, 1953.
5. בכפר נטוש, רומן, הוצאת „קיבוץ המאוחד", 1953.
6. בכפר נטוש, רומן, „ספריה לעם", צווייטע אויפלאַגע, 1956.
7. אין אַ פארוואָרלאָזטן דאָרף, „קיום", בוענאָס־אירעס, 1954.
8. בשערי מוסקבה, הוצאת „עיינות", תל־אביב, 1955.
9. En una aldea abandonada (שפּאַניש), ראָמאַן, בוענאָס־איירעס, 195[illegible].
10. ביי די טויערן פון מאָסקווע, פאַרלאַג יידישער קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1956.
11. נאַכט איבער גלושינאָ, י. ל. פרץ־פאַרלאַג, תל־אביב, 1957.
12. ביי דער ווייסל, ראָמאַן, י. ל. פרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב, 1958.
13. Ante las puertas de Moscu (שפּאַניש), בוענאָס־איירעס, 1958.
14. די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען, פאַרלאַג „קיום", בוענאָס־איירעס, 1958.
15. דאָס פאַלן פון בערלין, „ציקאָ־פאַרלאַג", ניו־יאָרק, 1960.